STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05158

DI FRANTSOYZISHE REVOLUTSYON

A. Sosnovski

Permanent preservation of this book was made possible
by Boris & Bea Katz
in memory of
Dr. Norman (Nachman) Drachler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

O.K.

די פראנצויזישע

רעוואלוציאן

א העכסט אינטערעסאנטער
היסטארישער ראמאן.

— פון —

א. טאנענבוים.

היברו פאבלישינג קאמפאני
632־34 בראדוויי, ניו יארק.

HEBREW PUBLISHING COMPANY
632-34 Broadway, New York
1927

דיא פראנצויזישע רעוואלוציאן.

אַ העכסט אינטערעסאנטער היסטאָרישער ראָמאַן

פון

א. סאסנאווסקי.

1טעס קאפיטעל.

דיא צוויי פריינדינען.

מיר זיינען אין מאנאט מאי 1789. דיא גרויסע, רייכע און פרעהליכע וועלט־שטאדט, פאריז, איז היינט אויפגערעגט. אין אלע גאסען שטעהן רעדליך פון מענשען און רעדען, שטרייטען און קריעגען זיך. דיא קאפע־הייזער, ביער־הייזער און רעסטאראנס זיינען פול מיט מענשען. איינינע רעדען צווישען זיך גאנץ שטיל, בעראטהען זיך, דריקען איינער דעם אנדערן דיא הענד, גיבען זיך געהיימע צייכענס און צו געהן זיך. אנדערע רעדען הויך, קריעגען זיך, שטרייטען, בעווייזען עפּעס און בלייבען זיצען. דיא גרויסע, רייכע און גלענצענדע מאגאזינען שטעהן אפען: עס איז היינט קיין זונטאג און קיין פייערטאָג, און דאך קומען זעהר ווענינ מענשען קויפען. דיא קליינע געשעפטען זיינען אין גאנצען געשלאסען. זיי האבען היינט ניט וואָס צו טהאָן.

וואס איז אַזעלכעס געשעהן? פאר וואס איז פאריז אזוי אויפגערעגט? וואס רעדען און טענה'נען דיעזע מענשען? איבער וואס קריעגען זיי זיך? און וואהין לויפען זיי?

עס איז געשעהן דאס גרעסטע וואונדער אין יענער צייט. — דער קעניג האט געשיקט רופען דעפּוטאטען פון'ם פאלק, ער זאל זיך מיט זיי בעראטהען, וויא אזוי צו רעגיערן איבער פראנקרייך. דער שטאָלצער, פראנצויזישער קעניג, צו וועלכען קיין מענש, וועלכער האט ניט געהאט דעם טיטול באראָן, האט צו איהם ניט געקענט צו קומען; דערזעלבער קעניג, וועלכער האט נור געוואוסט צו געבען בעפעהלע, וועלכע מען האט געמוזט אויספאלגען; דערזעלבער קעניג, וועמעס גראָספאָטער האט געזאגט:

— פראנקרייך? ווער איז פראנקרייך? — איך בין פראנקרייך!

דערזעלבע פראנצויזישע קעניג, וועלכער פלעגט אויסטהיילען גראפען און פירסטען דיא עהרע, זיי זאָלען איהם אנטהאָן דיא שיך — דיעזער שטאָלצער קעניג האט זיך ענדליך אראָפּגעלאָזען אזוי ניעדעריג צו זיצען אין איין הויז, אונטער איין דאך מיט איינפאכע בויערן און זיך בעראטהען מיט זיי, וויא אזוי צו רעגיערען פראנקרייך! —

היינט איז דער ערשטער טאג, וואס דיא דעפּוטאטען פון'ם פאלק זיינען זיך צונויפגעקומען אין גרויסען און געררומיגען זאל פון'ם פאלאץ „פאלע ראיאל". דיא גרויסע טהירען שטעהן אפען. יעדער מעג אריינקומען. יעדער מעג אויסהערן, וואס מען רעדט און וואס פאר אַ פאָרשלעגע מען מאכט, וויא אזוי מען זאל ערלייכטערן דיא שווערע שטייערן און טאקסעס (פּאָדאטקעס) וועלבע דאס פאלק פלעגט צאהלען בי־אהער.

דער רייכער און שטאלצער גראף מיראבאָ האט געהאלטען א פייערינע רעדע אין וועלכע ער האט בעוויזען, וויאפיעל אונרעכט או ג'אפיעל פערברעכען דיא פראנצויזישע קעניגע האבען בעגאנגען געגען דאס פאלק. עס איז שוין צייט, אז מען זאל בעהאנדלען דאס פאָלק מענשליכער און בעסערער.

דאס איז דיא אורזאכע, וואָס פאַריז איז היינט אזוי אויפגערעגט, וואס יעדער רעדט און וויל וויזען, וויא אזוי עס וואלט בעסער געווען צו רעגיערען; וואס דער ארבייטער האט אוועקגעלעגט זיינע ווערקצייג, דער בויער האט אניעדערגעלעגט דעם אקער, דער ארימער קרעמער האט פערמאכט זיין קרעמעל — אלע זיינען נייגיעריג צו וויסען, וואס דיא נייע פערזאַמלונג וועט בעשליעסען; וויא אזוי מען וועט ערלייכטערן דעם פאָלק זיינע שטייערן און וויא אזוי דער קעניג וועט זיך עפענטליך בעראטהען מיט בויערן — אלע זיינען פול מיט האפנונג אויף א בעסערע צייט, ווען אלע וועלען זיין פריי, אלע וועלען זיין גלייך און אלע וועלען זיין גליקליך.

אין דער צייט, וואס אלע זיינען געווען אזוי אויפגערעגט און אזוי נייגיעריג, איז א גאנץ יונגער אפיציער זיך געגאנגען גאנץ רוהיג אויף איינעם פון דיא בולוואַרען פון פאַריז. ער האט זיך ניט אומגעקוקט אויף דיא מענשען, וועלכע זיינען ארום איהם געלאפען אזוי בעשעפטיגט און פערסאָפּעט. ער האט זיך ניט צוגעהערט, וואס זיי רעדען און האט זיך ניט צוגעקוקט, וואס זיי טהוען. ער איז געגאנגען האסטיג זיין וועג, ביז ער איז צוגעקומען צו א גרויס הויז מיט א גרויסען גארטען ארום. דער גארטען איז געווען ארומגערינגעלט מיט אזא הויכער מויער, אז עס איז געווען אוג־מעגליך אריינצוקוקען, וואס דאָרט טהוט זיך. דאס איז געווען א פענסיאָן פאר מעדכען. דארט האבען זיך געלערנט און זיינען ערצויגען געוואָרען דיא טעכטער פון דיא גרעסטע אריסטאָקראַטישע פאַמיליען אין פראנקרייך.

דער יונגער אפיציער האט אנגעקלונגען אין דער טהיר. אן עלטערע פרוי האט געעפענט דיא טהיר און געפרעגט, וואס ער דארף.

— דער ליעטענאנט נאפּאָלעאָן באָנאפּארטע וויל זעהן זיין שוועסטער, לואיזא, האט דער יונגער אפיציער געענטפערט.

דיא פרוי איז פערשוואונדען, דיא טהיר האט זיך פערמאכט. דער יונגער אפי־ציער איז געבליעבען שטעהן אין דרויסען. אין דיא פראנצויזישע אריסטאָקראַטישע פענסיאנען פון יענער צייט האט מען ניט אזוי לייכט געקענט אריינקומען. מען האט געמוזט פריהער מעלדען דער פאָרשטעהרין (נאטשאלניצא) ווער עס קומט און בעטען ביי איהר ערלויבניס.

אין איינינע מינוטען ארום האט זיך דיא טהיר וויעדער געעפענט און דיא דיע־נערין האט אריינגעפיהרט דעם יונגען אפיציער אין א גרויסען און העלען זאל. דארט האט אויף איהם געווארט זיין שוועסטער, לואיזא. קוים איז ער אריינגעגאנגען, איז זיא צו איהם צוגעלאפען, איז איהם ארויפגעפאלען אויפ'ן האלז און האט איהם ארומגענומען.

— וואו ביסט דוא געווען אזוי לאנג, ברודער? האט זיא אויסגערופען און טרערין האבען זיך געוויעזען אויף איהרע שעהנע אויגען. — פאר וואָס קומסט דוא אזוי זעל־

מען? — דוא ביסט דאך דער איינציגער פריינד, וועמען איך האב דא אין פאריז.

— שווערע צייטען, שוועסטער, האט דער אפיציער געענטפערט. מיר איבערלעבען יעצט זעהר שווערע צייטען. דוא ביסט פערשפארט אין דיעזע מויערן און ווייסט ניט, וואס עס טהוט זיך אין פאריז. דאס פאלק איז אויפגערעגט, עס פאָדערט פרייהייט. עס בילדען זיך געהיימע געזעלשאפטען, וועלבע אונטערשטיצען דאס פאלק. דער קעניג איז איבערגעשראקען און ווייס ניט וואס צו טהאן. מען געהט ארום זעהר שטרענג מיט דיא סאָלדאטען. עס איז מיר שווער צו ערהאלטען אן ערלויבנים צו קומען צו דיר.

— ברודער האט זיא איהם געבעטען, נעהם מיך ארויס פון דאנען. איך קען דא לענגער ניט בלייבען. דיא שטאלצע אריסטאקראטישע מעדכען פון דיעזען פענסיאָן לאכען פון מיר, ווייל מיר שטאמען פון קארסיקא, (אן אינזעל לעבען איטאליען), און מיר זיינען קיינע אריסטאקראטען, קיינע גראפען, קיינע באראנע. זיי רייצען זיך מיט מיר. שפאטען, וואס איך בין ארים, וואס איך טראג שטענדיג איינפאכע שווארצע קליידער. — אך, ברודער! איך קען שוין ניט אויסהאלטען דיעזען שפאט, דיעזען שטאלץ און דיעזע פעראכטונג, מיט וועלבע זיי בעהאנדלען מיך.

— מיינסט דוא, אז מיר געהט עס בעסער אין דער ארמעע? האט דער אפיציער געענטפערט. איך געפין מיך אויך צווישען רייכע און שטאלצע אפיציערען, וועלבע האבען הויכע טיטולען און טאשען פול מיט געלד. זיי קוקען אויף מיר, וויא אויף אן ארימען, פרעמדען, וועלכער האט זיך אריינגעגנב'עט צו זיי און וועלבען מען קען צו יעדע מינוט ארויסווארפען.

אבערווארט, שוועסטער. טראג איבער אלעס מיט געדולד. עס קומען אנדערע צייטען, בעסערע צייטען. דיא שטאלצע אריסטאקראטען וועלען איינבייגען זייערע קעפ. דיא אלטע פאלאצען וועלען ציטערן. דער עדעלער גראף וועט צופריעדען זיין, ווען ער וועט גלייך זיין מיט'ן בויער.

— פון וואנען ווייסט דוא דאס אלעס, ברודער? האט דאס יונגע מעדכען געפרעגט.

— איך געהער צו א געהיימער געזעלשאפט — „סינסינאטוס" — דער בעריהמטער גראף מיראבאָ געהערט אויך צו דיעזער געזעלשאפט. מיר פערזאמלען זיך זעהר אפט און בעראטהען זיך, וויא אזוי צו בעפרייען דאס פאלק און צו ערניעדריגען דיעזע שטאלצע מענשען, וועלבע מיינען, אז זיי זיינען גרעסער און בעסער פון אלעמען נור דערפאר, וואס זיי זיינען געבארען געווארען מיט א טיטול גראף אָדער באראָן.

לואיזא האט אויסגעהערט איהר ברודער מיט בעוואונדערונג. ער האט נאך קיין מאל צו איהר ניט גערעדט אזוי פריי און אזוי אפענהערציג פון אזעלבע זאכען.

— אך, ברודער! האט זיא געבעטען, דערצעהל עס מיין פריינדין אדעלע דעור־ריע. דוא וועסט זיא גליקליך מאכען. דוא ווייסט דאך איהר טרויעריגע געשיכטע. איהר גראספאטער איז וויבאנגען אין דער באסטיל'ע שוין זייט צוואנציג יאהר. מען ווייס זאגאר ניט, אויב ער לעבט נאך, אדער ער איז שוין געשטארבען. — מיין אנדע־

רע פריינדין, ביאנקא, וועט אויך זעהר צופריעדען זיין, ווען זיא וועט העה, וואס עס קומט יעצט פאר.

— וואו זיינען דיינע פריינדינען? האט דער יונגער אפיציער געפרעגט האסטיג און אויף זיין געזיכט האט זיך געצייגט א בעזאנדערע רויטקייט.

— זיי זיינען אין גארטען. איך וועל זיי גלייך רופען.

זיא איז ארויסגעגאנגען. נאפאלעאן איז געבליעבען אין זאל אליין און האט זיך פערטראכט.

מיר מוזען בעקאנט מאכען אונזערע לעזער מיט דיעזע צוויי מעדכען. אדעלע דעווריע איז געוועזען דיא טאכטער פון א פאמיליע, וועלכע איז אמאל געוועזען גאנץ רייך און זעהר אנגעזעהן. איהר גראספאטער האט אבער געהאט דאס אונגליק אמאל צו לאכען פון מאדאם דע פאמפאדור, דיא געליעבטע פון'ם קעניג לודוויג דער פופצעהנ־טער, דער פאטער פון'ם איצטיגען קעניג, לודוויג דער זעכצעהנטער. דיעזע מאדאם דע פאמפאדור האט געהעררשט אין פראנקרייך טיראניש און דעספאטיש, זיא האט געטהאן, וואס זיא האט געוואלט. זיא האט גע'הייסען דעם קעניג אונטערשרייבען פיעלע האפטבעפעהלע אהן א נאמען און קוים איז איהר איינער ניט געפעלען, האט זיא אנגעשריעבען זיין נאמען אין האפטבעפעהל און האט איהם געהייסען ארעסטירען און אריינוואַרפען אין דער באסטיליע אויף אייביג.

אדעלע'ס גראספאטער האט זיך א מאל אויסגעדריקט, אז אויף'ן פראנצויזישען טראָהן זיצט א פערוואָרפענע פרוי און פרעסט און דריקט דאס פאלק. זיינע א א פריינד, א באראָן דע קאשאן האט עס געהערט און האט עס אפגעטראגען דער מאדאם דע פאמפאדור. דעם אנדערן טאג האט מען איהם ארעסטירט און פערשפארט אין דער באסטיליע. פון יענער צייט אן האט מען פון איהם ניט געהערט. מען האט צו איהם קיינעם ניט צו געלאָזען און מען האט פון איהם ניט געוואלט רעדען. דיא פאמיליע האט אויסגעבראכט איהר גאנצעס פערמעגען, זיא זאל איהם בעפרייען, אדער זיא זאל וועניגסטענס וויסען, וואס ער מאכט, עס האט אבער קיין זאך ניט געהאלפען. ער איז, וויא אין וואסער אריין.

דאס איז אין קורצע ווערטער אדעלעס געשיכטע. ביאנקא פאאָלי, דיא צווייטע פריינדין לואיזא'ס, איז געוועזען פון קארסיקא. זיא איז געוועזען בעקאנט מיט נאפאלעאן פון קינדערייס אן. זיי האבען זיך געשפיעלט אלס קינדער צוזאמען, זייער ערומגעלאָפען אין דיא בערג פון קארסיקא צוזאמען, זיינען צוזאמען געקומען קיין פאריז. נאפאלעאן איז אריינגע־טרעטען אין א מיליטער שולע, שטודירען אויף אפיציער און ביאנקא איז אריינגעטרע־טען אין פענסיאן, זיך לערנען, וואס מען האט דאמאלס געלערנט אין פראנצויזישע פענסיאנען.

זייט לואיזא האט זיך בעקענט מיט אדעלע, איז זיא געוואָרען איהר בעסטע פריינדין.ביידע זיינען געוועזען ארים, ביידע זיינען ניט געוועזען קיין אריסטאקראטען, פון ביידען פלעגט מען לאכען; ביידען פלעגען דיא רייכע אריסטאקראטישע קינדער פער־שפאָטען און דיא פאָרשטעהרין פלעגט זיי ביידע בעהאנדלען זעהר שלעכט. דער יונגער אפיציער פלעגט קומען זעהר אפט בעזובען זיין שוועסטער און האט זיך בעקאנט

מיטביידע מעדכען. ער האט זיך באלד פערליעבט אין דער שעהנער און טרויעריגער אדעלע. זיא האט איהם אויך געליעבט, זיא האט אבער ניט בעמערקט, אז ביאנקא איז אויך פערליעבט אין איהם. זיא זאט עס ניט געקענט בעמערקען, ווייל זיא האט געוואוסט, אז זיי קענען זיך פון קינדוויים אן. עס איז איהר דאהער קיין וואונדער ניט געוועזן, וואס ביאנקא פלעגט מיט איהם ריידען אזוי היימיש, אזוי צוטרויליך. זיא פלעגט זיין גליקליך, ווען נאפאלעאן פלעגט איהר א מאל א דריק טהאן דיא האנד, אדער נעהמען ביי איהר א בלום. ביידע האבען פערשטאנען, אז זייערע יונגע הערצער זיינען בעלייכטעט פון א ווארעמען שטראהל פון דער ערשטער ליעבע. זיי האבען עס אבער נאך ניט ארויסגעזאגט.

זיסע, גאלדענע, העלע ערשטע ליעבע! דוא דארפסט ניט קיין ווערטער. פאר דיר איז גענוג א ווינק, א בליק, א צייכען. ערשט שפעטער, ווען מיר ווערן עלטער, ווען אונזערע הערצער ווערן פערשטיינערט, ווען מיר ווערן געוואינט צו פאלשקייט און בעטרוג אין דער וועלט, מוז זיך דיא ליעבע אויסדריקען דורך ווערטער, דורך בריעף, דורך פרעזענטען און זעהר אפט — דורך געלד.

לואיזא איז באלד צוריקגעקומען מיט ביידע מעדכען. ביאנקא איז צוגעלאפען צום יונגען אפיציער, האט איהם געגעבען דיא האנד און האט איהם געשטעלט הונדערטער פראגען. אדעלע איז צוגעגאנגען לאנגזאם, האט זיך צו איהם צוגעקוקט, גלייך וויא זיא האט זיך פריהער געוואלט איבערצייגען, אויב עס פעהלט איהם עפעס ניט, אויב ער איז עפעס ניט טרויעריג, דאן האט זיא איהם געגעבען דיא האנד און האט איהם געזאגט רוהיג און געלאסען:

— אייער שוועסטער האט מיר דערצעהלט, אז איהר האט מיר געבראכט טרייסט און האפנונג, אז מיין גראספאטער זאל בעפרייט ווערן פון זיין שווערע געפענגנים. וויא שוואך דיעזע האפנונג איז, דאנק איך אייך פאר אייער גוטער אבזיכט.

— ניין, אדעלע, האט נאפאלעאן געענטפערט. דיעזעס מאל ברענג איך אייך קיינע שוואכע האפנונג. אין א קורצע צייט וועט אין פראנקרייך פארקומען זאכען, וועלכע וועלען דיא גאנצע וועלט פערזעצען אין שטוינען.

— וועלען טויטע אויך לעבעדיג ווערן? האט ביאנקא געפרעגט.

זיא האט דערמיט געוואלט זאגען, אז אדעלעס האפנונג צו בעפרייען איהר גראספאטער, קען ניט אויסגעפיהרט ווערן, ווייל ער איז שוין געוויס טויט.

— ווער קען עס וויסען, ביאנקא? האט נאפאלעאן געענטפערט. א מאל פלעגען געשעהן וואונדער, פאר וואס זאל אין אונזערע צייטען קיין וואונדער ניט געשעהן? זייט זיכער, אדעלע, ווען דיא שטונדע דער בעפרייאונג וועט קומען, וועט מיינע ערשטע פפליכט זיין צו זוכען אייער גראספאטער!

א לאנגער, טיעפער בליק פול ליעבע און דאנקבארקייט האט איהם בעלוינט פאר זיין פערשפרעכען. ביאנקא האט עס בעמערקט און עס האט זיא פערדראסען. זיא האט ערשט יעצט איינגעזעהן, אז נאפאלעאן רעדט מיט איהר פריינדין ווארעמער און העריצליכער, וויא מיט איהר.

— ווען עס וועט קומען דער טאג פון דער בעפרייאונג, וועסט דוא האבען

עמוואס אנדערש צו טהאן, אלס צו זוכען טויטע אין דער באסטיליע, האט ביאנקא געזאגט גיפטיג.

— מיין ערשטע פפליכט וועט זיין צו בעפרייען אז אונגליקליכען, וועלכען מען האט אונשולדיג פעראורטהיילט צו אזא שווערע שטראפע, האט נאפאלעאן געזאגט שמאלץ.

— קום אוועק, לואיזא, האט ביאנקא געזאגט. איך זעה, אז דיין ברודער וויל עפעס רעדען מיט אדעלע, לאמיר זיי ניט שטערן.

זיא האט אוועק עשלעפט דאס יונגע מעדכען אין גארטען. זיא האט דערמיט געוואלט וויזען דעם יונגען אפיציער, אז זיא איז בייז אויף איהם. נאפאלעאן האט זיי ניט צוריקגעהאלטען. ער האט זיי נאכגעקוקט ביז זיי זיינען פערשוואונדען. דאן האט ער זיך געווענדעט צו איהר:

— אדעלע, עס שטעהן אונז פאר שווערע צייטען. איך וועל מוזען געהן אין בלוטיגען קריעג און וואלט געווען גליקליך צו וויסען, אז ערגעץ וויית ציטערט א הערץ פאר מיר, בעט פאר מיר און דענקט אן מיר.

דאס יונגע מעדכען איז רויט געווארען און האט אראפגעלאזען דיא אויגען.

— דוא שווייגסט, אדעלע? דוא ענטפערסט מיר ניט? האט ער געפרעגט. דאן מוז איך רעדען. איך ליעב דיך אדעלע. ווילסט דוא זיין מיינע?

אדעלע האט איהם געגעבען דיא האנד. ער האט זיא צוגעצויגען צו זיך און א לאנגער, הייסער קוש האט געברענט אויף איהרע ליפען.

— דיינע אויף אייביג! האבען איהרע ליפען געמורמעלט.

זיי זיינען געשטאנען איינער לעבען אנדערן. אדעלע האט אנגעשפארט איהר שעהנעם קאפ אויף זיינע שולטערן און פולע גלענצענדע טרערין פון ליעבע און גליק האבען געגלאנצט אויף איהרע ברעמען. זיי האבען ניט בעמערקט אין זייער ליעבעס גליק, אז צוויי פייעריגע אויגען קוקען אויף זיי. זיי האבען ניט געזעהן, אז ביאנקא איז צוריקגעקומען און בעטראכט זיי מיט דיא אויגען פון א טיגער. באלד איז לואיזא אויך אריינגעקומען און איז צוגעגאנגען צו דיא צוויי ליעבענדע. זיא האט שוין לאנג בעמערקט, אז איהר ברודער און אדעלע זיינען ניט גלייכגילטיג איינער צום אנדערן און זיא איז געווען העכסט גליקליך, וואס זיי האבען ענדליך זייער ליעבע ערקלערט.

אין דיעזע מינוט האט מען געהערט קלינגען א גלאק. מען האט צונויפגערופען דיא מעדכען צום מיטאג. נאפאלעאן האט געמוזט אוועקגעהן. ער האט געגעבען אדעלע'ן דיא האנד און האט איהר געזאגט:

— אויף וויעדערזעהן, געליעבטע! אין איינינע טעג ארום וועל איך צוריק קומען און וועל דיר געוויס ברענגען גוטע נאכריכטען.

— אויף באלדיגעס וויעדערזעהן, געליעבטער! האט דאס מעדכען געענטפערט.

ביאנקא איז אוועק-געגאנגען בייז און האט זיך מיטן יונגען אפיציער ניט געוואלט געזעגענען. זיא איז אבער ניט געגאנגען צום מיטאג. זיא האט געזאגט א דינערין, אז זיא איז קראנק און איז אוועקגעגאנגען אין איהר צימער און האט פערשלאסען דיא

טחיר. וויא א וואהנזיניגע האט זיא זיך געוואָרפען אויף איהר געלעגער און האט אנ־נעהויבען צו רייסען פון זיך דיא האָר.

— אזוי, נאפּאָלעאָן! האט זיא אויסגערופען. דוא האסט מיך אפּגענארט! דוא ליעבסט גאָר אדעלע'ן! — וואַרט! דוא האסט נאָך מיך ניט געפרעגט. — ניין, פריינד! איך ליעב דיך פון קינדווייס אָן און דוא מוזט זיין מיינער! פרעה דיך ניט, אדעלע! דוא האסט נאך ניט געזיעגט! — איך וועל דיר ווייזען, וואס אן איטאליע־נערין קען!

זיא האט זיך געווארפען אויף איהר געלעגער, וויא א וואהנזיניגע און האט גע־זוכט א מיטעל, וויא אזוי צו מאכען א שיידונג צווישען נאפּאלעאן און אדעלע. פּלוצ־לונג איז זיא אויפגעשפרונגען. איהרע אויגען האבען געלייכטעט. אויף איהר געזיכט האט זיך געוויעזען א צופריעדענער שמייכעל.

— איך האב עס! האט זיא אויסגערופען פריידיג. — ער מוז אוועק פון פּאריז. ער טאר דא ניט זיין. ער טאר זיא מעהר ניט זעהן!

זיא האט זיך אפּגעוואַשען, צורעכט געמאכט דיא האָר און איז געגאנגען אין עס צימער.

2טעס קאפּיטעל.

ווייט פון פּאריז.

א רוסישער שפּריכוואָרט זאָגט: „שילא אואוו מעשקע ניע אוטאיש, דעוואושקי פּאָד זאמקאָם ניע אודערזשיש“. אזוי וויא מען קען ניט בעהאלטען א נאדעל אין א זאַק, אזוי קען מען ניט איינהאלטען א מעדכען אונטער א שלאָס. אין פּענסיאָן איז געוועזן איינגעפיהרט, אז אלע בריעף, וועלכע דיא מעדכען פלעגען שרייבען, פלעגען זיי מוזען זיי ווייזען דער פארשטעהרין. דיעזע רעגעל האט מען זעהר שטרענג אפּגעהיט און דענאך פלעגען אלע מעדכען שרייבען בריעף, וועלכע דיא פארשטעהרין האט ניט געזעהן און פלעגען ערהאלטען בריעף, פון וועלכע זיא האט ניט געוואוסט. עס האבען זיך שוין געפונען גוטע מענשען, וועלכע פלעגען דיעזע בריעף בעזארגען, זעלבסטפער־שטענדליך ניט אומזיסט.

דעם אנדערן טאָג איז א יונגער מאן געקומען אין פּ סיאָן און האט געבעטען, ער וויל זעהן זיין קוזינע, ביאַנקא פּאָלי. מען האט איהם אריינגעפיהרט אין זאל, וואו מיר זיינען געסטערן געוועזן.

— דוא האסט מיך געשיקט רופען, ביאַנקא, האט דער יונגער מאן געזאגט.

— יאָ, דאקאָסטא, איך האב דיך געשיקט רופען. איך דארף דיך יעצט האבען. דוא קענסט מיר ערצייגען א גרויסע געפעליגקייט.

— ווען דוא דארפסט מיך, שיקסט דוא מיך רופען, האט געזאגט דאקאָסטאָ מיט א פארוואורף און ווען דוא דארפסט מיך ניט, ענטפערסט דוא זאגאר ניט אויף מיינע בריעף.

— דוא ביסט אומגערעכט, דאקאָסטא, האט דאס מעדכען געענטפערט. דוא האסט מיר ערקלערט, אז דוא ליעבסט מיך, איך האב דיר ניט געענטפערט. וואס קען איך דיר ענטפערן, זא לאנג איך בין דא פערשפּארט אין דיעזע מויערן? יעצט

אבער האב איך געהערט, אז פאריז איז אונרוהיג, מען קען ניט וויסען, וואס עס וועט פארקומען. א מעדכען מוז האבען א בעשיצער אין אזעלכע צייטען. דארום האב איך דיך געשיקט רופען.

— אלזא, ליעבסט דוא מיך, ביאנקא? האט דאקאָסטא אויסגערופען.

— איך בין דיינע אויף אייביג! האט זיא איהם געענטפערט.

ער האט זיא צוגעצויגען צו זיין ברוסט און האט איהר א קוש געטהאן אין שטערן.

— יעצט זאג מיר, וואס דוא פערלאנגסט, ביאנקא, האט ער געזאָגט, איך בין בערייט צו געהן פאר דיר אין פייער און אין וואסער.

— מיין געליעבטער וועל איך ניט שיקען ניט אין פייער, ניט אין וואסער, האט ביאנקא געלאכט. איך וויל פון דיר א גאנץ אנדערע זאך. איך וויל, אז אונזער בעקאנטער לאנדסמאן, דער אפיציער נאפאָלעאָן באנאפארטע זאל ניט זיין אין פאריז.

דאקאָסטא האט זיא אנגעקוקט פערוואונדערט.

— וויא אזוי קען איך עס מאכען, אז ער זאָל זיך ניט געפינען אין פאריז? איך בין דאך ניט קיין קעניג און זאגאר ניט קיין מיניסטער.

— אך, איהר מענער! איהר מיינט, אז איהר זייט קלוג און ווען עס קומט צו עפּעס וויכטיגעס, קען איין פרוי פערנארען צעהן מענער אין זאק, האט ביאנקא געלאכט. אין אזעלכע אונרוהיגע צייטען איז זעהר לייכט צו מאכען, אז מען זאָל פערשיקען אן אפיציער ערגעץ וויים אין א פעסטונג. מען שרייבט אָן א קליין בריוועלע צום קריעגס מיניסטער, אז ער געהערט צו א געהיימע, רעוואָלוציאָנערע געזעלשאפט, אז ער איז בעקאנט מיט'ן בעריהמטען מיראבאָ. דער מיניסטער וועט מורא האבען איהם צו לאזען אין פאריז און וועט איהם ערגעץ אוועקשיקען אין א פעסטונג.

דאקאָסטא האט זיא ארומגענומען און נאך א מאל א קוש געטהאָן.

— דוא האסט רעכט, געליעבטע! דוא ביסט יעצט ביי מיר דאפעל טהייער, דוא ביסט אזוי קלוג, וויא דוא ביסט שעהן. איך וועל טהאָן, וואס דו הייסט מיר. איך מוז דיך אבער עפּעס פרעגען. וואס האסט דוא צו נאפאָלעאָן באנאפארט? פאר וואס ווילסט דוא, אז ער זאָל ניט זיין אין פאריז?

— ער איז א פעררעטהער. ער האט פארגעסען, אז מיר דארפען דענקען אן אונזער פאטערלאנד, אן קארסיקא, ער דענקט נור פון פראנקרייך. דא האט ער געהיימע געזעלשאפטען, וועלכע פארפיהרען איהם; ווען ער וועט זיין וויים פון פאריז, וועט ער פערגעסען אן זיינע נאררישע אידעען און וועט דענקען אן קארסיקא. דוא ווייסט דאך, אז מיר האבען אנדערע פלענער און אנדערע אויסזיכטען. לאזען זיך דיא פראנצויזען רייסען ביי דיא קעפּ. מיר מוזען האבען אונזער אייגענעם קעניג. — דוא ווייסט דאך, ווער דער קעניג וועט זיין.

זיי האבען נאך גערעדט איינע צייט און זיינען זיך צוגאנגען.

עס זיינען פערגאנגען א פאר טאג. נאפאָלעאָן איז געפאָהרען קיין ווערסאיל — א שטאדט לעבען פאריז, וואו דיא פראנצויזישע קעניגע פלעגען וואינען — ער האט געוואָלט זעהן גראף מיראבאָ און איהם בעטען, ער זאָל רעדען מיט'ן קעניג וועגען דעם אלטען דעוריע, וועלכער שמאכטעט אין דער באָסטיליע.

גראף מיראבאָ איז געווען דאמאלס זעהר בעריהמט. דער קעניג פלעגט ניט טהאן דיא קלענסטע זאך אהנע איהם צו פרעגען. דערפאר איז עס געווען זעהר שווער צו איהם צו צו קומען. ער איז געווען שטארק בעשעפטיגט.

ווען נאפאָלעאָן איז צוגעקומען צום הויז, וואו מיראבאָ האט געהאט קווארטיר, האט איהם איינער אנגענומען ביי דער האנד. ער האט זיך אומגעקוקט און דערזעהן זיין לאנדסמאן דאקאָסטא.

— וואס טהוסט דוא דאָ? האט ער איהם געפרעגט.

— אין אזעלכע שווערע צייטען מוז מען זיין שטענדיג אויפ'ן פלאץ, האט דאָקאָסטא געענטפערט קאלט. דוא ווייסט דאך, אז מיר האבען אונזערע פלענער און אונזערע אויסזיכטען. האסט דו זיי פערגעסען?

— אה, ניין, איך געדענק זיי זעהר גוט. איך מיין אבער, אז ניט יעצט איז דיא צייט דערצו. עס —

אין דיעזע מינוט איז צו איהם צוגעקומען אן אפיציער.

— ליעטענאנט באנאפארטע, איך האב א בריעף צו אייך.

— צו מיר! האט געפרעגט נאפאלעאָן ערשטוינט.

— צו אייך, א בעפעהל פון'ם קריעגס מיניסטער. איהר מוזט איהם באלד אויספאָלגען.

מיט דיעזע ווערטער האט ער איהם דערלאנגט א בריעף מיטין זיגעל פון'ם קריעגס מיניסטער. נאפאלעאן האט אויפגעריסען דעם קאָנווערט, האט דורכגעלעזען דעם בריעף מיט דיא אויגען און איז געוואָרען בלייך, וויא קאלך. — אין בריעף איז געשטאנען, אז ער זאָל אוועקפאהרען קיין בעזיער, א פעסטונג, וועלכע איז עטליבע און פערציג מייל וויים פון פאריז.

— איך בעגלייט אייך, האט דער אָפיציער געזאָגט. מיר וועלען נעהמען פאָסט פערד און וועלען באלד פאָהרען.

— איז מיר ניט ערלויבט צו זעהן מיינע פריינד, מיין שוועסטער? האט נאפאָלעאָן געפרעגט.

— מיר מוזען באלד פאָהרען, האט דער אפיציער געענטפערט. דיא פערד שטעהן פערטיג.

אין א האלבע שטונדע ארום איז ער אוועקגעפאָהרען קיין בעזיער.

3טעס קאפיטעל.

פאַלשע בריעף.

קיינער קען ניט לעבען רוהיג, ווען דיא שלעכטע מענשען ווילען עס ניט, האט געזאגט א גרויסער פהילאָזאָף. וויא רוהיג, וויא גליקליך, וויא האפנונגס פאל וואָלט יעצט אדעלע געקענט לעבען? — וואס דיא געלערנטע זאלען ניט זאגען; וואס דיא אלטע פערשטיינערטע און פערביינערטע פהילאָזאָפען זאלען ניט ערקלערן וועגען דער ליעבע— זיי מוזען דאָך צוגעבען, אז דיא ליעבע איז אן ערהאבענעס, עדעלעס געפיהל, וועלכעס מאכט דעם מענישען וייכער, פיינער, עדעלער און ערהאבענער.

אדעלע איז געווען גליקליך אין איהר ליעבע, וויא א מעדכען פון אכצעהן יאהר קען נור גליקליך זיין, ווען זיא ווערט צום ערשטען מאל בעלייכטעט פון דיא העלע שטראהלען פון דער וואהרער רייגער ליעבע. מיט אונגעדולד האט זיא יעדען טאג ערווארטעט איהר געליעבטען. — ער איז אבער ניט געקומען. זיא האט ערווארטעט א בריעף פון איהם. עס זיינען פערגאנגען אכט, צעהן, צוועלף טאג — קיין בריעף, קיינע נאכריכט. ענדליך האט איהר ביאנקא געבראכט א קליין צעטעלע, אז נאפאלעאן איז יעצט אין בעזיער. מעהר איז אין דעם צעטעלע ניט געשטאנען. זיא האט עס יעוויעזען איהר פריינדין, לואיזא.ביידע מעדכען קלערן, טראכטען, ברעכען זיך דעם קאפ און ווילען דערראטהען, וויא ער קומט קיין בעזיער, אבער אומזיסט. דאס פאפיער איז שטום. עס זאגט, אבער עס דערצעהלט ניט; עס רעדט, אבער עס ערקלערט ניט.

ביידע מעדכען האבען געשריעבען לאנגע בריעף צו נאפאלעאן און האבען זיי איבערגעגעבען דער קלוגער ביאנקא, זיא זאל זיי פערזארגען. ביאנקא איז געווען קלינגער פון זיי און דיא הויפט־זאכע — רייכער פון זיי. זיא האט גוט געלעבט מיט דיא קאמער־מעדכען און דיענסט־פרויען פון'ם פענסיאן. זיא פלעגט דאהער פערזארגען דיא געהיימע פאסט. דערפאר פלעגען ביידע מעדכען איבערגעבען זייערע בריעף ביאנקא, זיא זאל זיי פערזארגען. — זיי האבען אבער קיינע אנטווארט ניט ערהאלטען און זיינען געווען זעהר טרויעריג.

ניט בעסער איז עס נעגאנגען דעם יונגען אפיציער אין זיין נייעם לאגער. מען האט איהם צוואר אויפגענומען, וויא מען דארף אויפנעהמען א נייעם אפיציער; זיינע קאמעראדען האבען איהם אבער דייטליך נעגעבען צו פערשטהען, אז זיי האלטען איהם פאר א רעוואלוציאנער און האבען צו איהם וועניג צוטרויען. מען האט זיך פון איהם דערווייטערט און ער האט זיך פון אלעמען דערווייטערט. ער פלעגט ארומשפאציערען אליין, פערטראכט און טרויעריג אין דער געגענד ארום, פלעגט רעדען מיט דיא בויערן, זיי איבערפרעגען, וויא אזוי זיי לעבען, וויא עס געהט זיי און אויב זיי זיינען צופריעדען מיט דער רעגיערונג. אלע זיינען געווען אונצופריעדען, אלע האבען זיך בעקלאגט. אלע האבען געהאפט אויף א בעסערע צייט.

אפט האט ער געטראפען צווישען דיא רייכערע און קליגערע בויערן מיטגליעדער פון דעם געהיימען ארדען „סינסינאטוס". מיט זיי האט ער געקענט שוין פרייער רעדען און זיי ארויסגעבען זיינע געדאנקען און זיינע געפיהלע. ער וואלט שוין גאר צופריעדען געווען מיט זיין נייע לאגע, ווען ער זאל נור געווען האבען בריעף פון אדע־ע. ליידער, האט ער אויף אלע זיינע בריעף קיין אנטווארט ניט ערהאלטען. ע־ איז געווען פער־צווייפעלט. ער האט געוואלט אנטלויפען פון בעזיער, קומען ק־ן פאריז און געוואהר ווערן, וואס אדעלע טהוט. דאס איז אבער ניט אזוי לייכט. ווען מען חאפט איהם הייסט ער א דעזירטער און איהם קומט דערפאר דער טויט אויפ'ן עשאפאט.

ענדליך דעם 10טען יוני ערהאלט ער א בריעף. דיא אדרעסע איז געווען גע־שריעבען פון א פרויען האנד.

— דאס איז געוויס פון איהר! רופט ער אויס. דיעזען בריעף האט געשריעבען מיין אדעלע!

ווי‌א גרוים איז דאהער געווען זיין ערשטוינען, ווען ער האט אויפגעריסען דעם קאָנווערט און האט געפונען א בריעף אדרעסירט צו

„מיין הייסגעליעבטען אלבערט!"

דער בריעף איז געווען געשריעבען אין הייסע, פייערינע אויסדריקע און אייביגער ליעבע און טרייע צו דעם אונבעקאנטען אלבערט. פון איהם, פון נאפּאָלעאָן, איז געשטאנען, אז מען נארט איהם אָפּ אום ער זאל עפּעס טהאן צו בעפרייען איהם גראָספּאטער. ליעבען אבער ליעבט זיא נור איהר אלבערט.

ווי‌א א דאָנערשלאג פון א גאנץ ריינעם הימעל, האט איהם געטראָפען, ווען ער האט דורכגעלעזען דיעזען ערשטען בריעף פון זיין געליעבטער.

— אלזא, איז עס געווען פאלש? האט ער אויסגערופען אין זיין פערצווייפלונג. דיעזע שעהנע ליפּען האבען געזאגט א ליגען? דיעזע אויגען, וועלכע האבען געקוקט אויף מיר מיט אזוי פיעל ליעבע, האבען מיך בעטראגען? — פאלשקייט און ליגען איז געווען אלעס!

ער איז האסטיג צוגעלאָפען צו זיין שרייב־טיש און האט אנגעשריעבען א קורץ בריוועלע.

„דער ליעטענאנט נאפּאָלעאָן באנאפּארטא בעט אדעלע דעווריע, אז זיא זאל איהם צוריק שיקען אלע בריעף, וועלכע ער האט איהר געשיקט".

דיעזען בריעף האט ער באלד אוועקגעשיקט. עס זיינען פערגאנגען אייניגע וואָכען, ביז ער האט ערהאלטען פון דער פּאָסט א פּעקעל, אין וועלכע עס זיינען געלעגען אלע זיינע בריעף, זאגאר דער לעצטער.

נאפּאָלעאָן איז געווען אויסער זיך. ער איז ארומגעגאנגען אייניגע טעג, ווי‌א א וואהנזיניגער איבער בערג און טאהלען אין דער געגענד ארום. זיינע קאמעראדען האבען עס בעמערקט און האבען זיך נאך מעהר דערווייטערט פון איהם, האבען איהם נאך מעהר געלאָזען אליין. ענדליך, האט ער זיך אביסעל בערוהיגט. אנדערע געדאנקען זיינען איהם געקומען אין קאָפּ.

— עפּעס איינער שפּיעלט מיט מיר א שלעכטעס, אבשייליכעס שפּיעל, האט ער געזאגט צו זיך אליין. עפּעס איינער האט מיך פערקלאגט פארן קריעגס־מיניסטער און מען האט מיך ארויסגעשיקט פון פּאריז. ער וויל אלזא פון מיר לויז ווערן. איז דען ניט מעגליך, אז דערזעלבער אונבעקאנטער פיינד שפּיעלט מיט מיין ליעבע? — עס קען ניט זיין! איך קען עס ניט גלויבען, אז אדעלע איז אזוי פאלש. — וואו איז מיין שוועסטער? פאר וואס שווייגט זיא? פאר וואס שרייבט זיא מיר גאר ניט? —

4טעם קאפּיטעל.

צו דער באסטיללע!

אין דער צייט, ווען נאפּאָלעאָן איז געווען אזוי טרויעריג און אזוי ניעדערגעשלא־גען און בעזיער, זיינען אין פּאריז פאָרגעקומען זאכען, וועלכע האבען געמאכט שטוינען די‌א גאנצע וועלט. גאנץ אייראָפּא האט געציטערט. קעניגע און פירסטען האבען געפּרעגט מיט בלייכע געזיכטער און מיט ציטערענדע שטימען: וואס הערט זיך אין

פאריז? וואס קומט ?ארט פאר? אין דיא מאנאטע יוני און יולי 1789 האט זיך ניט נור פראנקרייך פערענדערט, זאנדערן גאנץ אייראפא, דיא גאנצע וועלט איז אנדערש געוואָרען. א רוהיגעס, שטילעס פאלק האט זיך פלוצלונג אויפגעהויבען געגען זיין הערר־שער, געגען זיין אונטערדריקער, האט צוריסען זיינע קייטען און האט צו־וואָרפען דיא צובראָכענע שטיקלעך איבער ד'ער גאנצער וועלט, אז עס האט געקראכט און געקנאקט אין אלע ווינקעלעך.

קעניג, לודוויג דער זעכצעהנטער, איז געווען א גוטער מענש, ער האט געוואלט עפּעס טהאן פאר זיין פאלק. ער האט בערופען דעפּוטאטען פון אלע קלאסען, זאגאר פון דיא בויערן, ער זאל זיך מיט זיי בעראטהען, וויא אזוי צו פערבעסערן דיא לאגע פון דיא ארימע קלאסען. וויא גוט ער איז אבער געווען, איז ער דאך געווען א קעניג און האט געהאלטען זעהר פיעל פון זיך. דאס פאלק האט געפאָדערט, אז מען זאל אפשאפען דיא שווערע שטייערן און מען זאל קאָנטראָלירען דיא איינקינפטע פון'ם לאנד. דער קעניג האט עס ניט געקענט נאכגעבען. ער האט געדארפט געלד און האט גענומען פון דיא איינקינפטע. פון'ם לאנד, וויא פיעל ער האט געוואלט. ווען מען האט איהם פארגעשלאגען, אז ער זאל נעהמען פאר זיין הויף א געוויסע סומע געלד א יאָהר און ניט, וויאפיעל ער וויל, איז ער ברוינז געווארען און איז ארויסגעגאנגען פון פער־זאמלונגס זאל. נאך איהם זיינען ארויס דיא גייסטליכע און דיא אריסטאָקראטען. דיא בויערן און דיא ארבייטער זיינען געבליעבען אליין. זיי האבען זיך ניט איבערגעשראָקען, וואס דער קעניג איז אוועקגעגאנגען בייז פון'ם זאל.

זיי האבען זיך ווייטער בעראטהען און האבען אויסגעארבייט געוויסע פונקטען, וועלכע זיי האבען געוואלט דערלאנגען דעם קעניג, ער זאל זיי אונטערשרייבען. דער קעניג האט זיי געהייסען צוטרייבען מיט סאלדאטען. זיי האבען איהם געבעטען, ער זאל ארויסשיקען דאס מיליטער פון פאריז, ער האט געענטפערט, אז ער וועט הייסען קומען נאך מעהר מיליטער.

ארום קעניגליכען פאלאץ האט זיך פערזאמעלט א גרויסע מענגע פאלק. יעדער איז געווען נייגיעריג צו וויסען, וואס דער קעניג וועט עפּעס טהאן פארן פאלק. אלע זיינען געוואָרען שרעקליך אויפגערעגט, ווען מען האט דערזעהן, וויא דיא דעפּוטאטען פון דיא בויערן און ארבייטער זיינען ארויס פון'ם פאלאץ בלייך און דערשראָקען. מען האט זיי ארויסגעטריעבען. א יונגער אדוואָקאט, קאמיל דע מולען, איז ארויפגעשפרונ־גען אויף א טיש פון א פרוכטהענדלער אין גארטען פארן קעניגליכען פאלאץ און האט אויסגערופען מיט א פייעריגער שטימע:

— בירגער פון פאריז! פון'ם קעניג האט איהר גאר ניט צו ערווארטען. ווען איהר פערלאנגט עפּעס, פערשאפט עס זיך אליין. וואס איהר וועט זיך ניט נעהמען מיט געוואלד, וועט איהר ניט האבען. — בירגער! לאמיר זיך נעהמען צו דיא וואפען!

— צו דיא וואפען! צו דיא וואפען! האבען געשריען צעהן טויזענדע שטימען.

— מיר מוזען האבען עפּעס א צייכען, מיר זאלען וויסען, ווער עס איז פארן פאלק און ווער עס איז געגען דעם פאלק, האט דער יונגער אדוואקאט ווייטער געזאגט. מיר מוזען האבען א פארב. גרין איז דיא פארב פון האפנונג, רויט איז דיא פארב פון

רער געזעלשאפט „סינסינאטוס״. — וואס פאר א פארב ווילט איהר?

אלע האבען געשוויעגען. זיי האבען ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן איהם. ווען ער האט געזעהן, אז אלע שווייגען, האט ער אפגעריעסען א בלעטעל פון׳ם בוים, אונ־טער וועלכען ער איז געשטאנען, און האט אויסגערופען מיט א הויכע שטימע:

— גרין איז דיא פארב פון האפנונג, אז באלד וועלען קומען בעסערע צייטען, גליקליכערע צייטען. לאז זיין גרין אונזער פארב!

מיט דיעזע ווערטער האט ער אריינגעשטעקט דעם גרינעם בלאט אין זיין הוט. טויזענדער הענד האבען זיך אויסגעשטרעקט, האבען אפגעריסען בלעטער פון דיא ביימער און האבען זיך אנגעשטעקט אויף זייערע היטע. ווען אלע בלעטער פון דיא אונטערסטע צווייגען פון דיא ביימער זיינען געווען אפגעריעסען און מען האט נעדארפט נאך בלעטער, זיינען יונגע קינדער ארויפגעקלעטערט אויף דיא ביימער, האבען אפגע־ריעסען דיא בלעטער פון דיא העכערע צווייגען און האבען זיי אראפגעווארפען צום פאלק. אין א פערטעל שטונדע זיינען דיא ביימער פון׳ם קליינעם גארטען געבליעבען שטעהן נאקעט, גליך וויא היישרעקען וואלטען אויף זיי בעפאלען. איין ארמעע פון צעהנער טויזענדער מענשען מיט גרינע בלעטער אויף זייערע היטע האט זיך יעצט נעקייקעלט, וויא א שרעקליכער שטראם, אין דיא גאסען פון פאריז, ביז זיי זיינען צו נעקומען צום פלאץ ווענדאם. דארט זיינען זיי אנגעפאלען אויף א מאגאזין פון א בילדהויער — וועלכער האקט אויס געשטאלטען פון מענשען אויס שטיין — און האבען גענומען דיא ביסטע — א שטיינערנעס בילד — פון׳ם מיניסטער נעקער, וועלכען דער קעניג האט ארויסגעטריעבען פון פראנקרייך דערפאר, וואס ער האט געהאלטען מיט׳ן פאלק, און האבען איהם בעקרענצט מיט בלומען.

— עס זאל לעבען נעקער, דער פריינד פון׳ם פאלק! האבען געשריען הונדערט טויזענד גארגלען.

עס זיינען אנגעקומען צוויי ראטעס סאלדאטען און האבען געוואלט צו טרייבען דאס פאלק. מען האט פערווארפען דיא סאלדאטען מיט שטיינער און זיי האבען גע־מוזט אנטלויפען. דאס פאלק האט געשריען, געלאכט און פערשפאטעט דיא סאלדאטען.

באלד איז אנגעקומען א רעגימענט דראגאנער. זיי האבען געשאסען אויפ׳ן פאלק. איינינע זיינען געפאלען טוידט, פיעלע זיינען געווען פערוואונדעט. דיא מעננע איז זיך צולאפען מיט א געשריי און זיעדלערייען. דיא דראגאנער האבען זיך צוהיצט און האבען געטוידטעט יעדען, וועלכען זיי האבען בעגעגענט.

אין איין בולוואר איז געזעסען אויף א באנק אן אלטער, שוואכער מאן. ער האט ניט טהיילגענומען אין דיא געשרייען און אויפרעגונג פון פאלק. ער איז געווען צו שוואך דערצו. ער איז זיך געזעסען רוהיג אויף זיין באנק, וויל ער האט ניט געקענט אנטלוי־פען. צוויי ווילדע, צוהיצטע דראגונער זיינען צו איהם צוגעלאפען, האבען איהם ניט געפרעגט, ווער ער איז, האבען מיט איהם ניט גערעדט — און האבען איהם צוהאקט מיט זייערע שווערדען.

וויא א בליץ האט זיך דיא נאכריכט פון דיעזען שרעקליכען, ווילדען, אונמענש־ליכען מארד פערברייטערט איבער גאנץ פאריז. א געשריי פון ראכע האט זיך ארויס־

עריעסען פון יעדער ברוסט. פון איין עק פאריז ביז צום אנדערן האט מען נור גערעדט פון דיעזען שרעקליכען מארד. אלע זיינען געוועזן אויפגערעגט, אלע זיינען געוועזן עמפערט. אלע זיינען געוועזן ערביטערט. א גאנצער רעגימענט פון דער פאלקס־גווארדיע איז איבערגעגאנגען צום פאלק, האט געשאסען אויף דיא דראגונער, וואו זיי האבען זיי געטראפען, האבען פעריאגט דעם קעניגס סאלדאטען און האבען זיך אויפגעשטעלט אויף אלע סקווערס (גרויסע פלעצער אין שטאדט).

מען ווייס ניט פון וואנען, מען ווייס ניט, ווער עס האט עס געהייסען; מען ווייס ניט, ווער עס האט עס געטהאן. גאנץ פלוצלונג האבען דיא גלאקען פון אלע קירכען אנגעהויבען צו קלינגען א ליארם (טרעוואגא). מען איז ארויסגעגאנגען פון דיא הייזער, מען האט אויסגעריסען דיא שטיינער פון'ם פלאסטער און מען האט זיך מיט זי פערשטעלט — מען האט געמאכט באריקאדען. אבער קיינער פון'ם פאלק האט ניט געהאט קיין וואפען: קיין שווערד, קיין ביקס, קיין פיסטאלעט. דאס איז געוועזן ביז אהער פערבאטען. נור דער קעניג מעג האבען וואפען, דאס פאלק אבער טאר ניט.

א דעפוטאציאן פון'ם פאלק איז געגאנגען צום בירגערמייסטער (סיטי מאיאר) פלעסעל, און האט איהם געבעטען, ער זאל זיי געבען וואפען זיך צו פערטהיידיגען. פלעסעל ווייס ניט וואס צו ענטפערן. ער האט אבער מורא פארן פאלק.

— מארגען דארף אנקומען פון דער פאבריק אכציג טויזענד ביקסען, וועל איך זיי אייך געבען, האט ער ענדליך געענטפערט.

דאס פאלק צוגעהט זיך. דאס איז געוועזן דעם 12טען יולי. דיא נאכט פערגעהט רוהיג. קעניג לודוויג דער זעכצעהנטער זיצט אין זיין פאלאץ און בעראהט זיך מיט זיינע גענעראלען, וואס מען זאל טהאן.

— מען מוז נאכגעבען דעם פאלק, ראטה גראף מיראבא.

— נאכגעבען דעם פאלק? נאכגעבען דיא בויערן, דיא ארבייטער? נאכגעבען דעם נידעריגען פאלק? שרייט דער פרינץ דאנגולעם. — אויף קיין פאל ניט! — שיעסען אויף זיי! פעריאגען זיי, וויא דיא הינט! טרעטען זיי מיט דיא פיס! — זיי וואגען עס צו שטעלען זיך געגען דאס מיליטער פון'ם קעניג! זיי ערלויבען זיך ניט צו פאלגען דיא בעפעהלע פון'ם קעניג! — מען מוז צונויפרופען דיא גאנצע ארמעע און שיעסען אויף יעדען, אויפ'ן שולדיגען, וויא אויפ'ן אונשולדיגען!

דיא מיינונגען זיינען געוועזן פערשיעדען. אייניגע האבען געראטהען, אז מען זאל ארומגעהן מיט'ן פאלק מיט גוטען; אנדערע האבען געפונען, אז נור מיט בייזען קען מען צווינגען דאס פאלק, ער זאל זיך אונטערגעבען. קעניג לודוויג האט ניט געוואוסט, וואס צו טהאן און האט גאר ניט בעשלאסען.

גאנץ פריה דעם 13טען יולי איז שוין גאנץ פאריז געוועזן וואך. גרויסע מאסען מענשען האבען זיך פערזאמעלט פאר'ן האטעל דע וויל (סיטי האל) און האבען געווארט אויף דיא ביקסען, וועלכע דארפען אנקומען, אזוי וויא דער בירגער מייסטער האט זיי געסטערן פערשפראכען. אזוי וויא עס איז נאך געוועזן גאנץ פריה און דיא ביקסען האט מען ערשט ערווארטעט אום צוועלף אוהר, האט מען דערווייל ניט געהאט וואס צו טהאן און מען האט געקלערט, וואס פאר א צייכען דיא פריינדע פון'ם

פאָלק זאָלען טראגען. דיא גרינע בלעטער פון געסטערן זיינען שוין פערוועלקט געוואָרען אדער מען האט זיי פערלאָרען. מען מוז האבען אזא צייכען, אז מען זאל איהם קענען שטענדיג טראָגען. עס איז געבליעבען, אז מען זאל מאכען בלעכענע קאָקארדעס מיט דיא פארבען פון דער שטאָדט פאריז — בלוי און רויט.

נערעדט, געטהאן. מען איז באלד אנגעפאלען אויף א בלעך פאבריק און מען האט געהייסען מאכען הונדערט טויזענד אזעלכע קאָקארדעס. ווער עס האט געקענט ארבייטען, דער האט זיך געשטעלט ארבייטען. אין א פאר שטונדען זיינען געווען פערטיג עטליכע טויזענד קאקארדעס. ווער עס האט נור געקענט קריעגען איינע, דער האט זיא צוגעשפּיעלעט צו זיין הוט. — פלוצלונג האט מען געהערט א געשריי:

— דיא ביקסען זיינען אנגעקומען!

דיא גאנצע מאסע האט זיך געוואָרפען צום האטעל דע וויל (סיטי האָלל). עס זיינען ווירקליך אנגעקומען וועגען מיט קאסטענס. וויא היישרעקען, איז מען בעפאלען דיא וועגען מיט דיא קאסטענס. אין א סעקונדע האט מען זיי אויפגעבראכען און מען האט געפונען אין זיי — קלעצער און שמאטעס.

— מען האט אונז אפּגענארט! מען האט אונז בעטראגען! — פלעסעל איז א פעררעטהער! האט געשריען דיא מענגע.

הונדערטער מענשען זיינען געלאפען אין זיין וואינונג, האבען אויסגעבראכען דיא טהירען און האבען איהם געזוכט, זיי וואָלטען איהם צוריסען אויף שטיקער. ער איז אבער אין דער היים ניט געווען. ער איז געווען ביים קעניג און האט זיך מיט איהם בעראטהען וואס ער זאל טהאן.

פלוצלונג האט איינער פון'ם פאָלק א געשריי געטהאן, אז אין קעלער פון אינוואלידען הויז געפינען זיך ביקסען און שווערדען. — דאס אינוואלידען הויז אין פאריז איז א גרויסע געביידע פאר אלטע און קראנקע סאלדאטען, וועלכע קענען ניט ארבייטען. —

מען איז געלאפען צום אינוואלידען הויז. הונדערטע, טויזענדע שטארקע הענד האבען אויסגעבראָכען דיא שווערע אייזערנע טהירען פון'ם קעלער פון אינוואלידען הויז און האבען דארט ווירקליך געפונען 28 טויזענד ביקסען, שווערדען און פינף אלטע קאנאנען.

יעצט איז געוואָרען א געהאפּעריי. ווער עס האט נור געקענט, האט געהאפּט וואס ער האט נור געקענט: א ביקס, א שווערד, א שפּיעז — וואס עס איז איהם אריינגעפאלען אין האנד. מען האט ארויסגעשלעפּט דיא פינף אלטע קאנאָנען און מען האט זיי אויפגעשטעלט פאר דיא פאָרשטעדט, אויף דיא הויפּט־גאסען, פון וואַנען דעם קעניגס סאלדאטען האבען געדארפט אנקומען.

עס איז געוואָרען נאכט, אין דיא גאסען פון פאריז האט מען צולענט גרויסע פייערן און מענער, פרויען און קינדער זיינען געשטאנען ארום דיא פייערן, האבען גערעדט, געלאכט און זיך בעראטהען, וויא אזוי צו צווינגען דעם קעניג, ער זאל נאכגעבען דיא פונקטען, וועלכע דאס פאָלק פאָדערט פון איהם. דער הויפּט־פונקט — ער זאל ארויסשיקען פון פאריז דאס מיליטער. אזוי איז פערגאנגען דיא נאכט. דאס פאלק איז געווען בעוואפנעט, האט זיך אבער פערהאלטען רוהיג. דער קעניג איז געווען

פעסט ענטשלאסען, ער זאל ניט נאכגעבען דעם פאלק. ער האט אבער ניט געשיקט זיינע סאלדאטען, זיי זאלען צוטרייבען דאס פאלק. ער האט גערעכענט, אז זיי וועלען מיעד ווערן און וועלען זיך אליין צוגעהן. גאנץ ליידיג איז ער אויך ניט געזעסען. ער האט ארויסגעגעבען א געהיימען בעפעהל, אז דיא גאנצע פראנצייזישע ארמעע זאל זיך פערזאמלען ניט אין פאריז, זאנדערן ארום פאריז. זיי זאלען זיין בערייט צו יעדער צייט אריינצוקומען אין פאריז.

דיא נאכט איז פאריבער. עס איז געווארען טאג, דער בעריהמט.ר טאג פון'ם 14טען יולי 1789. דער טאג, אין וועלכען עס האט זיך אנגעהויבען דיא בעריהמטע פראנצייזישע רעוואלוציאן, וועלכע האט געמאכט אן איבערקעהרעניש אין דער גאנצער וועלט.

וויא אזוי דאס פאלק איז געוואהר־געווארען, אז דער קעניג האט ארויסגעגעבען א געהיימען בעפעהל צונויפצורופען דיא גאנצע ארמעע? — פון וואנען איז עס דאס פאלק געוואהר־געווארען? ווער האט עס זיי געזאגט? — אויף דיעזע פראגען קען ביז אין היינטיגען טאג קיינער ניט אנטווארטען. — מען איז געוואהר־געווארען און דאס פאלק איז געווארען נאך מעהר אויפגערעגט, נאך מעהר אויפגערייצט. מען האט בעשלאסען, מען זאל נאך א מאל שיקען א דעפוטאציאן (א קאמיטע) צום קעניג און איהם בעטען, ער זאל הייסען זיינע סאלדאטען ארויסגעהן פון פאריז. דער קעניג האט דיא דעפוטאציאן פון'ם פאלק ניט געוואלט אויפנעהמען. ער איז געווען פעסט איבערצייגט, אז נור זיין ארמעע קען איהם העלפען.

ווען דיא דעפוטאציאן איז ארויסגעגאנגען פון קעניגליכען פאלאץ און האט געמעלדעט, אז מען וויל זיי ניט צולאזען צום קעניג, האט דיא גאנצע מאסע מענשען א ציטער געטהאן. אייניגע מינוטען זיינען זיי געבליעבען שטעהן אונענטשלאסען. זיי האבען ניט געוואוסט וואס צו טהאן.

— צו דער באסטיליע! פערניכטען דיא באסטיליע! האט פון ערגעץ אויסגערופען א שטימע.

— צו דער באסטיליע! ניעדער מיט דער באסטיליע! האט זיך געהערט א געשריי פון איין עק פאריז ביז אין אנדערן.

וואס איז אזעלכעס געווען דיא באסטיליע? וועט מיך פרעגען מיין גוטער און קלוגער לעזער. איידער איך וועל איהם ענטפערן אויף זיין פראגע, וועל איך איהם שטעלען אנדערע פראגען: וואס איז אזעלכעס דער פעטראפאוולאווסקי קרעפאסט אין פעטערבורג, דער טאוער אין לאנדאן און דער שפיעלבערג אין עסטערריך? וואס זיינען געווען דיא בלייענע קאמערן אין ווענעדיג, דיא פינסטערע קעלערן אין מאדריד און דאס שווארצע לאך אין אינדיען?

זיי זיינען צייכענס פון טיראניי און דעספאטיזמוס, שטיינערנע מאנומענטען פון אונטערדריקונג און פערפאלגונג, שילדער (סיינס, וויועסקעס) פון גרויזאמקייט און אונמענשליכקייט. מצבות אויף דיא קברים פון טרויעריגע, בלוטיגע צייטען, ווען מענשען האבען געקלערט און זיך געבראכען דעם קאפ אויסצוגעפינען מיטעל, וויא אזוי צו קוועלען, וויא אזוי צו פלאגען אנדערע מענשען.

דיא באסטיליע איז געווען א געפענגניס, אן אסטראג, וויא אלע אנדערע. דער אונטערשיעד איז נור געווען אין דעם, אז אין אלע אנדערע געפענגניסע האט מען פערשפארט מענשען, וועלכע א געריכט מיט צייגען מיט א פראקוראר, מיט אן אד־וואקאט האט פעראורטהיילט און אין דער באסטיליע האט מען פערשפארט מענשען, וועלכע קיינער האט ניט פעראורטהיילט, זאנדערן דער קעניג האט אזוי געוואלט. אין אנדערע געפענגניסע איז דער מענש געווען פערשפארט אויף א געוויסע צייט: אויף א יאהר, אויף צוויי — אויף צעהן, אבער אויף א צייט. אין דער באסטיליע איז דער מענש געווען פערשפארט, ביז ער איז געשטארבען. אין אנדערע געפענגניסע זיינען געווען בעשטימטע טעג, ווען פריינד און בעקאנטע מעגען בעזוכען דעם ארעסטאנט און רעדען מיט איהם. אין דער באסטיליע האט מען קיינעם ניט צוגעלאזען. ווער עס איז געזעסען אין דער באסטיליע, דעם האט מען בעטראכט אלס טוידט. דאס זעלבע איז דער פעטראפאוולאווסקי קרעפאסט אין פעטערבורג, דאס זעלבע איז א מאל גע־ווען דער טאוער אין לאנדאן און דיא בלייערנע קאמערן אין ווענעדיג.

יעצט וועלען מיינע לעזער פערשטעהן, פארוואס, ווען דאס פראנצייזישע פאלק איז געקומען צום פערשטאנד און ער האט אנגעהויבען צו רייסען דיא קייטען פון טי־ראניי, וועלכע ער האט געטראגען זייט טויזענדער יאהרען, איז זיין ערשטער געדאנק געווען — צו פערניכטען דיא באסטיליע. דאס פאלק האט געקוקט אויף דער באסטיליע וויא אויף א פערשטיינערטע טיראניי. — דיא גאנצע מאכט פון קעניג, האט ער געמיינט, ליעגט נור אין דער באסטיליע. קוים איז דיא באסטיליע פערניכטעט, איז פערניכטעט דיא טיראניי און דער דעספאטיזמוס.

— צו דער באסטיללע! צו דער באסטיללע! ניעדער מיט דער באסטיללע! האט מען געשריען אין אלע גאסען, אין אלע געסלעך און אין אלע סקווערס פון פאריז.

ווער עס איז געשטאנען אויף א הויך ארט, דער האט געזעהן א גאנצעס מעער פון מענשענקעפ שוימען, רוישען און זיך בעוועגען צום פלאץ, וואו דיא באסטיללע איז געשטאנען.

5טעס קאפיטעל.

דער שטורם אויף דער באסטיללע.

דיא בעגעבענהייטען, וועלכע איך האב דערצעהלט אין פאריגען קאפיטעל האבען אויפגעוועקט גאנץ פאריז. עס איז ניט געווען איין הויז וואו מען זאל ניט רעדען פון דיא אונרוהען אין דיא גאסען פון פאריז, זאגאר אין מעדכען־פענסיאן פון מאדאם דע באטאן, וואו אונזערע בעקאנטע מעדכען, לואיזא, ביאנקא און אדעלע, האבען גע־וואינט, האט מען גערעדט פון דיעזע אונרוהען.

מאדאם דע באטאן, איין אלטע אריסטאקראטין, וועלכע האט געגלויבט אין איהר קעניג, וויא אין א גאט, האט געלאכט פון דיעזע אונרוהען און האט דערקלערט איהרע שילערינען:

— דער קעניג וועט צוטרעטען מיט דיא פיס דיעזעס ניעדעריגע פאלק, וועלכעס איז ניט ווערטה דעם שטויב פון זיינע פיס. דיא קעניגליכע סאלדאטען וועלען צוטריי־בען דיעזע רויבער, דיעזען פעבעל, וויא דיא הינט.

פון דעסטוועגען האט זיא מורא געהאט זיך צו ווייזען אויף דער גאס און פלעגט זיצען פערשפארט אין איהר שלאף־צימער. יעדעס מאל, ווען מען האט געהערט א רעש אויף דער גאס, פלעגט מאדאם דע באטאן זוכען אן ארט, וואו זיך צו בעהאל־טען. דיא שטאלצע, אנגעבלאזענע אריסטאקראטין האט זיך ניט געשעהמט זיך צו בעהאלטען אין קעלער, אויפ'ן בוידים, אין שפייזקאמער, אין האלץ־קאמער און אין נאך אזעלכע ערטער.

מען קען זיך לייכט פארשטעלען, אז דיא ארדנונג און דיא דיסציפלין און פענ־סיאן זיינען אין אזא צייט געווען זעהר שוואך. קיינער האט זיך ניט אומגעקוקט אויף דיא יינגע מעדכען, קיינער האט אויף זיי ניט אכטונג געגעבען, קיינער האט זיי ניט געוועהרט צו טהאן, וואס זיי האבען געוואלט.

דיא מעדכען פלעגען עפענען דיא פענסטער, ווען זיי האבען דערהערט עפעס א ליארם אויף דער גאס. איינינע פלעגען זאגאר וואגען ארויסצולויפען אויף דער גאס, זעהן, וואס דארט טהוט זיך. אנדערע פלעגען זיך שטעלען רעדען מיט מענשען פון דער גאס און פרעגען: וואס טהוט דאס פאלק? וואס זאגט דער קעניג?

דעם 13 יולי איז דאקאסטא געקומען אין פענסיאן און האט געבעטען, מען זאל איהם שיקען ביאנקא פאאל. ער דארף מיט איהר רעדען. מען האט זיא איהם געשיקט אין דעם אונז שוין בעקאנטען זאל.

— ביאנקא, האט דאקאסטא געזאגט, ווען ער האט זיא דערזעהן. יעצט איז געקומען דיא צייט, ווען א יונגעס מעדכען מוז האבען א בעשיצער. דיא רעוואלוציאן האט שוין אויסגעבראכען אדער וועט באלד אויסברעכען. דוא ביסט דא ניט זיכער. דוא מוזט אוועק פון דאנען. יעצט איז געקומען דיא צייט, אז מיר זאלען זיך פעראיי־ניגען אויף אייביג און דוא זאלסט וואינען מיט מיר אויף מיין קווארטיר.

ביאנקא האט ניט אזוי גיך געענטפערט. זיא איז געווען זעהר נייגיעריג צו זעהן, וואס עס טהוט זיך אין דיא גאסען פון פאריז. זיא האט זעהר ניט געוואלט בלייבען פערשפארט אין פענסיאן, ווען פאריז קאכט און זידעט, וויא א קעסעל. זיא האט זעהר געוואלט ארומשפאצירען מיט'ן שמארקען און קלוגען דאקאסטא. הייראטהען אבער האט זיא איהם ניט געוואלט. זיא האט דאך געליעבט נאפאלעאן באנאפארט. זיא האט דאך נור וועגען איהר ליעבע אנגערעדט דאקאסטא'ן, ער זאל שרייבען דעם קריעגס־מיניסטער, אז נאפאלעאן בעזוכט דיא געהיימע געזעלשאפטען. נור איהר ליעבע צו נאפאלעאן האט זיא געטריעבען, זיא זאל אונטערשלאגען אדעלע'ס בריעף צו נא־פאלעאן און נאפאלעאנ'ס בריעף צו איהר. דיא ליעבע צו נאפאלעאן האט זיא גע־טריעבען, זיא זאל אנשרייבען צו נאפאלעאן דעם בריעף, וועלכען מיר קענען, וואו עס איז געווען אנגעשריעבען: „מיין געליעבטער אלבערט". יעצט, ווען דיא רעוואלוציאן הייבט זיך אן, וועט נאפאלעאן געוויס קומען קיין פאריז און זיא וועט זיך קענען מיט איהם פעראייניגען.

— דוא האסט רעכט, מיין געליעבטער, האט זיא איהם ענדליך געזאגט. איך מוז אוועק פון דאנען. אבער הייראטהען יעצט, אין אזא אונרוהיגע צייט, טויג ניט. איך קען דאך ניט הייראטהען אזוי שטילערהייט. וואס וועט זאגען מיין פאמיליע? —

ניין, איך וועל געהן צו דיר, אבער ניט אליין, זאנדערן מיט מיינע בעסטע פריינדין אדעלע, האסט דוא א בעזונדער צימער פון אונזערט וועגען ?

— א בעזאנדער צימער האב איך שוין, אבער....

— וואס אבער? זאג ארויס, וואס דוא ווילסט.

— וואס וועט מען זאגען, ווען מען וועט זעהן, אז צוויי מעדכען האלטען קוואר־טיר ביי א יונגען מאן?

— דוא האסט פאלקאמען רעכט! דאס פאסט ניט! מען מוז זוכען א מיטעל, אז מען זאל ניט האבען, וואס צו זאגען.

זיא האט געטראכט איינינע מינוט.

— איך האב געפונען דאס מיטעל: האט זיא פלוצלונג אויסגערופען פרעהליך. מיר וועלען זיך אנטהאן מענער קליידער. געה, דאקאסטא, קויף פון אונזערט וועגען מענער קליידער. דיא גאנצע צייט, וואס דיא אונגרוהען וועלען דויערן, וועלען מיר טראָ־גען מענער־קליידער. דערנאך וועלען מיר זעהן וואס צו טהאן. איך מיין, איך זאָל דערווייל שרייבען א היים, מען זאל מיר שיקען געלד, איך וויל א היים פאהרען. מיר וועלען ביידע פאהרען א היים און דארט וועלען מיר אונז אויף אייביג פעראייניגען.

— ווען זאל איך דיר ברענגען דיא מענער קליידער?

— היינט פאר נאכט, איידער מען פערמאכט דיא טהירען פון פענסיאָן. דוא וועסט קומען, וועסט זאגען, אז דוא האסט מיר צו זאגען א זעהר וויכטיגע זאך פון דער היים. וועסט נאך אנדערצעהלען שרעקליכע זאכען, וואס דוא האסט געזעהן אין דיא גאסען פון פאריז. מאדאם דע באטאָן וועט זיך איבערשרעקען, דערווייל וועל איך מיט מיין פריינדין. אדעלע, ארויסגעהן פון פענסיאָן.

זיי האבען נאך גערעדט איינינע מינוט און דאקאסטא איז אוועקגעגאנ־גען פערשאפען מענער קליידער. קוים איז ער ארויסגעגאנגען, האט זיא זיך געווענדעט צו דער טהיר, פון וואנען ער איז ארויסגעגאנגען און האט געזאגט צו זיך אליין:

— ווארט נור אביסעל, מיין גוטער דאקאסטא. ביז צום הייראטהען איז נאך ווייט. איך האב נאך אן ארבייט צו טהאן. נאפאלעאָן וועט געוויס קומען קיין פאריז. דער קעניג וועט צונויפרופען זיין ארמעע געגען דאס פאלק. נאפאלעאָן איז א גוטער אפיציער. ער וועט געוויס אויך קומען. ער קען זיך בעגעגענען מיט אדעלע און זאל פון איהר געוואהר ווערן, אז זיא האט פון איהם ניט איין איינציגען בריעף ניט ערהאלטען. ער קען געוואהר ווערן, וואס איך האב דא אפגעטהאן מיט זיינע בריעף דאס טויג ניט. אדעלע מוז פערשוואונדען ווערן. איך מוז זעהן, אז זיא זאל פערשווינדען.

— זיא איז ארויסגעגאנגען אין גארטען אויפזוכען איהר טרויעריגע פריינדין. זיא האט זיא באלד געפונען, זיצען אונטער א בוים טרויעריג און פערטראכט.

— טהייערע פריינדין, האט זיא איהר געזאגט, איך האב פאר דיר גוטע נאכ־ריכטען. דאס פאלק איז אויפגעשטאנען געגען זיין קעניג. פאריז קאכט. מען וועט געוויס בעפרייען אלע געפאנגענע פון דער באסטיללע און דוא וועסט האבען דיא בעסטע געלעגענהייט צו בעפרייען דיין גראספאטער.

— פון וואנען ווייסט דוא דאס אלעס? האט אדעלע געפרעגט.

— מיין קוזין, דאקאָסטאַ איז דא ערשט געוועז און האט מיר אלעס דערצעהלט.

— וויא קענען מיר אבער ארויסגעהן פון פענסיאָן? האט אדעלע ווייטער גע־פרעגט. וויא קענען מיר, צוויי מעדכען, געהן אליין אין דיא גאסען פון פאריז?

— זעהסט דוא, טהייערע פריינדין, איך האב שוין פאר אלעס געזארגט. מיין קוזין וועט אונז ברענגען מענער קליידער. מיר וועלען זיך אנטהאן אלס יונגע לייט און ער וועט אונז אויספיהרען אין אלע גאסען. נאך היינט פאר נאכט וועט ער אונז ברענגען דיא קליידער און מיר וועלען מיט איהם אוועקגעהן.

— וואו וועלען מיר אבער נעכטיגען?

— ביי איהם, ביי דאקאָסטאַ, ער האט א בעזונדער צימער פון אונזערט וויגען. מיר וועלען ארומשפאציערן אין אלע גאסען, מיר וועלען זעהן אלעס, וואס עס קומט פאר אין פאריז און ווען מיר וועלען מיעד ווערן, וועלען מיר צוריקגעהן צו איהם א היים.

— איך דאנק דיר, ליעבע פריינדין, וואס דוא האסט אלעס אזוי גוט איינגע־ריכטעט, האט אדעלע געזאגט. איך געה מיט דיר. — אך! וויא דאנקבאר וואלט איך דיר געוועזן, ווען עס זאל מיר געלינגען צו בעפרייען מיין גראספאטער! — וועלען מיר לואיזאן אויך מיטנעהמען?

— ניין! וואס טויג זיא אונז? זיא האט מורא פאר א קאץ און וועט אונז נאך שטערן. — ניין! זיא דארף גאר ניט וויסען, אז מיר געהן אוועק פון פענסיאָן. אין פאל, אז מיר וועלען צוריק קומען אין פענסיאָן, וועלען מיר אויסקלערן עפּעס א ליעגען, וואו מיר זיינען געוועזן.

אדעלע האט זעהר ניט געוואלט זיך שיידען פון איהר פריינדין לואיזא. זיא האט אבער גאר ניט געקענט העלפען. ביאנקא האט אויף קיין פאל ניט געוואלט מיטנעה־מען לואיזאן. אדעלע האט געמוזט נאכגעבען.

פארנאכט איז דאקאסטא געקומען און האט גענומעןביידע מעדכען צו זיך. קיינער האט זיי ניט געשטערט, קיינער האט זיי ניט געוועהרט. מאדאם דע באטאָן איז געלעגען בעהאלטען ערגעץ אויפ'ן בוידים און האט זיך מורא געהאט צו ווייזען, זייט זיא איז געוואהר געווארען, אז דאס פאלק איז אנגעפאלען אויפ'ן אינוואלידען הויז און האבען גענומען פון דארט ביקסען און שווערדען.

ביידע מעדכען זיינען איבערגעשלאפען דיא נאכט גאנץ רוהיג ביי דאקאָסטאַ. גאנץ פריה זיינען זיי אויפגעשטאנען, האבען עפּעס איבערגעביסען, האבען זיך אנגע־טהאן אין מענער־קליידער און זיינען ארויסגעגאנגען אויף דער גאס. זיי האבען געזעהן, וויא מענשען לויפען אלץ אין איין זייט און שרייען מיט איין קול:

— צו דער באסטיליע! ניעדער מיט דער באסטיליע!

אדעלע האט זיך אויפגעכאפט, וויא פון שלאף. זיא האט זיך דערמאנט, וואס איהר פריינדין האט איהר נעכטען געזאגט אז קוים וועט זיך אנהויבען דיא רעוואָלר ציאן וועט דיא ערשטע זאך זיין צו בעפרייען דיא געפאנגענע פון דער באסטיליע.

— צו דער באסטיליע! ניעדער מיט דער באסטיליע! בעפרייט דיא געפאנגענע פון דער באסטיליע! האט זיא געשריען מיט דער גאנצער קראפט פון איהרע יונגע געזונדע לונגען.

זיא האט מיטגעשלעפט איהר פריינדין ביאנקא און זייער בעגלייטער דאקאסטא מיט זיך פון זייער וואוינונג ביז צו דער באסטיליע איז געוועזן זעהר ווייט. זיי האבען געמוזט דורכגעהן זעהר פיעל גאסען און געסליך. וואס נעהנטער זיי זיינען געקומען צו דער באסטיליע, אלץ גרעסער און געדיכטער איז געווארען דיא מענגע. עס רוישט, עס כויזט, עס קאכט, עס זיעדעט. מען שרייט, מען שילט, מען פארדערט, אז מען זאל פענגען דיא טויערן פון דער באסטיליע. אבער קיינער הערט ניט, קיינער ענטפערט ניט. דיא באסטיליע בלייבט פערשלאסען, דיא צוגבריקען אויפגעהויבען.

דיא באסטיליע איז געוועזן א גרויסע שטיינערנע געביידע מיט צעהן הויכע טורעמס אויף איהרע גראבע ווענט. ארום דער באסטיליע איז געוועזן א טיעפער גראבען פול מיט וואסער. איבער דיעזען גראבען איז געלעגען א צוגבריק. אזא בריק, וועלכע מען האט אויפגעצויגען, ווען מען האט געוואלט און קיינער האט ניט געקענט אריבערגעהן דעם גראבען. ווען מען איז אריבערגעגאנגען דיא צוגבריק, איז מען צוגעקומען צו א גרויסען און שווערן אייזערנעם טויער. ווען מען איז דורכגעגאנגען דעם טויער, איז מען געקומען אין א גרויטען הויף. דארט האט געוואוינט דער גובערנאטאר פון דער באסטיליע און עס זיינען געוועזן קאזארמעס פאר דיא סאלדאטען פון דער וואך. דיעזע סאלדאטען פלעגען זיין געוועהנליך שווייצער אדער דייטשען. קיין פראנצייזישע סאלדאטען פלעגט מען ניט האלטען אין דער באסטיליע, מען האט מורא געהאט, אז איין פראנצייז זאל זיך ניט צוזאמענריידען מיט'ן אנדערן פראנצויז — מיט דיא ארעסטאנטען פון דער באסטיליע.

ווען דער גובערנאטאר האט דערהערט, אז דאס פאלק קומט אן און שרייט: ניעדער מיט דער באסטיליע! האט ער געהייסען אויפציהען דיא בריק. דיא מענגע איז געבליעבען שטעהן פארן גראבען מיט וואסער און האט ניט געקענט אריבערגעהן.

— ברענגט דיא קאנאנען! לאמיר שיעסען אויף דיא באסטיליע! האט מען געשריען און געליארמט.

באלד האט מען געבראכט דיא פינף קאנאנען, וועלכע מען האט ארויסגענומען פון אינוואלידען-הויז און מען האט זיי אויסגעשטעלט נעגען דיא באסטיליע. דיא מענגע ווערט אינרוהיג און וויל שיעסען מיט דיא קאנאנען.

— בירגער! האט אויסגערופען איינער פון דער מענגע, — בירגער! וואצו זאלען מיר פערגיעסען בלוט? לאמיר פריהער שיקען א דעפוטאציאן צום גובערנאטאר פון דער באסטיליע און איהם בעטען, ער זאל אונז איבערגעבען דיא באסטיליע מיט גוטען.

— איך וועל געהן צום גובערנאטאר! האט זיך ארויסגעשטעלט א יונגער אדוואקאט, טהוריא. איך וועל איהם געבען צו פערשטעהן, אז ער קען אונז ניט וויעדערשטעהן. ער מוז זיך אונטערגעבען.

מען האט איהם געהייסען געהן. ער איז צוגעקומען צום גראבען און האט אנגעהויבען צו פאכען מיט א ווייסע טאשענטוך, א צייכען, אז ער וויל עפעס ריידען. מעגלין, אז מען וואלט איהם ניט געוועזן אריינגעלאזען, ווען אין דיעזע מינוט זאל ניט געוועזן צוקומען א יונגער מאן מיט א בריעף פון'ם בירגערמייסטער. דער יונגער

אדוואקאט האט ביי איהם צוגענומען דעם בריעף. מען האט אראפּגעלאָזען דיא ב. י״ק און מען האט איהם אריינגעלאָזען. ער איז אריינגעגאַנגען צום גובערנאטאר דעלאָנע אין אָפּיס און האט איהם געזאגט:

— ניט אייך אונטער, דעלאנע. דאס פאלק איז אויפגערעגט, ער וועט אנפאלען אויף דער באסטיליע און וועט זיא פערניכטען. דאמאלס וועט קיינער ניט קענען האפטען פאר אייער לעבען. — זייט בעסער א פריינד פון'ם פאָלק, גיט זיי אוועק דיא באסטיליע, און אייער לעבט וויא דאס לעבען פון דיא סאלדאטען איז זיכער.

דעלאָנע, דער גובערנ.טאר פון דער באסטיליע האט זיך פערטראכט. ער איז פון דער נאטור ניט געווען קיין שלעכטער מענש. ער איז אבער געווען א בעאמטער (טשינאווניק) און האט נאך אלץ געגלויבט, אז דער קעניג וועט געווים צוטרייבען דיא מענגע מיט סאלדאטען. ער האט געוואלט געווינען צייט און האט אנגעהויבען צו לעזען דעם בריעף, וואס מען האט איהם געבראכט. דער בריעף איז געווען צונויפגעלעגט אין צוויען. ווען ער האט איהם צונומען אום צו לעזען דיא אנדערע זייט, איז פון איהם ארויסגעפאלען א קליין צעטעלע. טהוריאָ האט זיך אנגעבויגען איהם אויפהייבען און האט צופעליגער־ווייזע דערזעהן דיא אונטערשריפט. דער צעטעל איז געווען פון'ם בירגערמייסטער. דעלאנע האט ביי איהם צוגענומען דעם צעטעל און האט איבערגע־לעזען פאלגענדעס:

„איך זוך אפּצונארען דאס פאלק און עס איינצוהאלטען ביז פארנאכט. האלט אייך פעסט, פארנאכט קומט אן דיא ארמעע און מיר וועלען זיי שוין וויזען, ווער עס איז עלטער". פלעסעל.

קוים האט ער איבערגעלעזען דיעזען צעטעל, האט ער זיך געווענדעט שטאָלץ צום יונגען אדוואקאט:

— געהט אייך באלד ארויס פון דאַנען!

— מיך האט געשיקט דאס פאָלק! האט טהוריאָ געענטפערט שטאָלץ. וואס ענטפערט איהר דעם פאלק, וועלכעס האט מיך געשיקט?

— ווען איהר געהט ניט ארויס אין דער מינוט, הייס איך אייך ארעטירען, האט דעלאנע געענטפערט.

טהוריאָ האט געמוזט אוועקגעהן. קוים איז ער ארויסגעגאנגען, האט דעלאָנע געהייסען זיינע סאלדאטען ארויפגעהן אויף א טהורם פון דער באסטיליע, אויפשטעלען דיא קאנאָנען און שיעסען אויף'ן פאָלק. זיין בעפעהל האט מען באלד אייסגע פיהרט.

טהוריא איז ארויסגעגאנגען פון דער באסטיליע און האט געמעלדעט, אז דעלאָנע וויל ניט זיא איבערגעבען. דאס פאלק איז געווארען אונרוהיג. מען האט אנגעהויבע צו שרייען, צו ליארמען. ווער עס האט געהאט א ביקס, דער האט זיא אויסגעשטעלט נעגען דיא באסטיליע. מען האט צורעכט געמאכט דיא קאנאנען און מען האט זיך פארבערייטעט צום שיעסען. אין דיעזע מינוט האט זיך געוויעזען פון איינעם פון דיא טורעמס פון דער באסטיליע א ווייסער רויך — א קנאק און עטליכע מענשען פון פאלק זיינען געבליעבען ליעגען טוידט אדער שווער פערוואונדעט.

— ניעדער מיט דער באסטיליע! פערניכטעט דיא באסטיליע! האט דאס פאָלק געשריען פון אלע זייטען.

יעצט האט זיך אנגעהויבען א שרעקליכע שלאכט, א שווידערהאפטעס בלוט פערגיעסען. דאס פאלק האט געשאסען אויף דער באסטיליע, פון דער באסטיליע האט מען געענטפערט מיט קארטעטשען. יעדער שוס האט געטראפען און דאך איז דאס פאלק זיך ניט צולאפען און איז צוגעקומען אלץ נעהנטער און נעהנטער צו דיא מויערן פון דער שרעקליכער באסטיליע. דיא טוידטע און פערוואונדעטע האט מען אוועקגע־טראגען אין דיא נאהענטע הייזער. עס האבען זיך געפונען פרויען און מעדכען, וועלכע זיינען ארומגעגאנגען ארום דיא פערוואונדעטע, האבען פערבונדען זייערע וואונדען און זיי געגעבען וויין צום שטארקען זיך.

פעסט צונויפגעפרעסט אין דער מענגע זיינען געשטאנען דריי יונגע לייט. צווי זיינען געוועזען בילד שעהן און האבען געהאט פיינע, קלארע ווייסע הענד. דער דריטער איז געווען עלטער פון זיי. איבער זיינע ליפען האט זיך שוין געוויעזען א שנור פון שווארצע האר.

— קום אוועק פון דאנען, אדעלע, האט איין יונגער מאן געזאגט צום אנדערן גאנץ שטיל, אז קיינער זאל ניט הערן.

— ניין, ביאנקא! וויא לאנג האב איך געווארט אויף אזא טאג. איך געה ניט אוועק. איך וועל אויסהאלטען ביז צום לעצט.

זיא איז געווען שטארק אויפגערעגט. איהרע אויגען האבען געפונקעלט. איהרע קליינע הענד האבען זיך צונויפגעלעגט אין פויסטען.

— גיט מיר א ביקס, האט זיא זיך געווענדעט צו א יונגען מאן אין אן ארבייי־טער העמדעל, וועלכער איז געשטאנען. — גיט מיר א ביקס! — ניעדער מיט דער טיראניי! ניעדער מיט דער באסטיליע!

דער יונגער ארבייטער האט זיא אנגעקוקט פערוואונדערט.

— קום, אלבערט, האט ביאנקא געזאגט צו אדעלע אין דער הויך. קום! מיר קענען דא ניט בלייבען. זיי שיסען זעהר שטארק פון טורעם.

אזוי וויאביידע מעדכען האבען געטראגען מענער קליידער, האבען זיי אפגע־רעדט צווישען זיך, אז אדעלע זאל הייסען אלבערט און ביאנקא זאל הייסען זשאק.

— געה דיר דוא, ווען דוא ווילסט, איך בלייב דא, האט אדעלע געענטפערט.— גיט מיר א ביקס!

אזוי וויא דער יונגער ארבייטער, וועלכער איז געשטאנען לעבען איהר, האט אליין קיין ביקס ניט געהאט, האט זיא זיך געווענדעט צו דאקאסטא, וועלכער האט געהאלטען ביאנקא אונטערן ארים און האט ביי איהם ארויסגעריסען זיין ביקס און האט געציעלט אויף דער באסטיליע.

— ווען אזעלכע יונגע קינדער קעמפפען פיר דיא פרייהייט, דארפען מיר, מענער, געוויס ניט שטעהן פון דער ווייטען, האט געזאגט דער יונגער ארבייטער, וועלכער איז געשטאנען לעבען איהר. — שיעסט, העררר אלבערט! איך וועל אייך אנלאדען דיא ביקס. ער איז געשטאנען לעבען איהר און האט איהר געהאלפען און האט זיא געשיצט,

וויא וויט ער האט געקענט. עס האט איהם אינטערעסירט, וואס אזא יונגעס קינד, וויא אדעלע האט אויסגעוויעזען אין מענער קליידער, זאל זיך אזוי אויפאָפּפערן פאר דיא פרייהייט.

עס איז געוועזען אום איינס אוהר נאך מיטאג. דיא היץ איז געוועזען שרעקליך. אדעלע איז מיעד געווארען און איז שיער ניט אומגעפאלען.

— וואסער! האט זיא געבעטען מיט א שווערער שטימע. — איך פאל אניעדער. איך קען עס ניט אויסהאלטען!

דער יונגער ארבייטער, וועלכער איז לעבען איהר געשטאנען און וועלכער האט געהייסען דזשאַן, האט זיך דורכגעשלאָגען דורך דיא מענגע, איז צוגעקומען ערגעץ אין א ווירטהסהויז און האט געקויפט א פלאש ווין. ער איז באלד צוריקגעקומען און האט עס דערלאנגט זיין נייען פריינד, אלבערט.

— טרינק, פריינד, אלבערט, האט ער זיא געבעטען און האט ניט אָפּגעלאָזען, ביז זיא האט אויסגעטרונקען א האלבע פלאש.

פון דיעזע מינוט איז דזשאַן פון איהר ניט אָפּגעטרעטען. דאס שיעסען האט אביסעל אויפגעהערט. אדעלע האט זיך אומגעקוקט. — וואו איז ביאנקא מיט איהר קוזין, דאקאסטא? — זיי זיינען פערשוואונדען געוואָרען און האבען זיי געלאָזען אליין.

— וואו איז מיין פריינד? האט זיא געפרעגט. וואו זיינען דיא צוויי יונגע לייט, וועלכע זיינען דא געשטאנען ערשט ניט לאנג?

קיינער האט איהר ניט געענטפערט. קיינער האט זיך ניט געקענט אומקוקען אין אזא צייט. וואו א מענש איז אהינגעקומען. אלעמען האט בעשעפטיגט נור איין געדאנק: איין צונעהמען דיא באסטיליע.

— שטורמט אויף דיא באסטיליע! קריעכט אריבער דעם גראבען! האט מען געשריען.

עס האבען זיך געפונען מוטהיגע מענשען, וועלכע זיינען אריינגעשפּרונגען אין וואסער און זיינען ארויסגעקראָכען פון דער אנדערער זייט אונטער דיא מויערן פון דער באסטיליע. דא זיינען זיי געוועזען זיכער. דיא קוגעלן פון דיא קאנאנען האבען זיי אזוי נאָהענט ניט געקענט טרעפען, זיי האבען אבער דא גאר ניט געקענט טהאן. ארופקלעטערן אויף דיא גלייכע מויערן פון דער באסטיליע איז געוועזען אונמעגליך. איינער איז געפאלען אויפ'ן שכל, זיי זאָלען צוהאקען דיא קייטען, אויף וועלכע דיא צונעבריק איז געהאנגען. דיא צוגבריק וועט אראָפּפאלען און דיא גאנצע מענגע וועט קענען צוקומען צו דיא אייזערנע טויערן.

— העק און ברעכאייזענס! האבען זיי געשריען.

מען האט געבראכט העק און ברעכאייזענס. הונדערטער הענד האבען זיך גענומען פלייסיג ברעכען און האקען דיא קייטען, אויף וועלכע דיא צוגבריק איז געהאנגען. אדעלע האט זיך געריסען צו קומען נעהנטער צו דעם ארט, וואו דיא צוגבריק האט געדארפט אראפּ פאלען. זיא האט געוואלט זיין איינע פון דיא ערשטע, וועלכע וועלען ארויפגעהן אויף דער צוגבריק. דזשאַן איז איהר נאכגעגאנגען טריט ביי טריט.

ווען דער גובערנאטאר פון דער באסטיליע האט דערהערט, אז מען ברעכט דיא

קייטען פון דער צוגבריק, איז ער געווארען אויסער זיך פאר רציחה און האט געהייסען אויסשיעסען פון אלע קאנאנען מיט א מאל. איין קוגעל איז געפאלען ניט ווייט פון אדעלען, האט געטייט צווי מענשען אויפ׳ן ארט און איינער איז געפאלען לעבען אדע־לען שטארק פערוואונדעט. ער האט אנגעהויבען שטארק צו קרעכצען. אדעלען האט נס פארקלעמט ביים הארצען. זיא האט זיך אנגעבויגען צו איהם און האט געוואלט פערבינדען זיינע וואונדען. זשאן האט געזאגט צו איינעגע ארבייטער, זיי זאלען אויפ־הייבען דעם פערוואונדעטען און איהם אוועקטראגען ערגעץ אין א הויז. מען האט אנ גענומען דעם פערוואונדעטען און מען האט איהם געוואלט אוועקטראגען. איינער פון דיא מענער האט א מאך געטהאן מיט דער האנד און האט אראפגעשארט אדעלעס הוט מיט׳ן פעריק. איהרע לאנגע, שעהנע גאלדענע האר האבען זיך ארויסגעוויעזען און אלע האבען דערקענט, אז דאס איז א מערכען.

— א מערכען! האט מען געשריען פון אלע זייטען. — א מערכען אין מענער קליידער!

דיא מענגע איז געווארען בעגייסטערט, וויא דורך א צויבער.

— ווען יונגע מערכען קעמפפען און שטעלען איין זייער לעבען פאר דיא פריי־הייט, וואס דארפען מיר שוין טהאן? — האלט צוזאמען, מענער! נעהמט דיא באס־טיליע מיט שטורם! — ניעדער מיט דער טיראניי!

און דיא מענגע האט זיך א ווארף געטהאן צום טיעפען גראבען. אדעלע איז געבליעבען שטעהן פערשעהמט: מען האט זיא דערקענט. זשאן איז געשטאנען לעבען איהר און האט זיא בעטראכט מיט שטוינען.

— ענטשולדיגט מיר, וואס איך וועל אייך פרעגען, האט ער ענדליך געזאגט. וואס האט אייך בעוואגען, איהר זאלט אנטהאן מענער קליידער? — האט איהר ווע‍מען אין דער באסטיליע?

— מיין גראספאטער איז געפאנגען אין דער באסטיליע שוין זייט צוואנציג יאהר, האט אדעלע געענטפערט. מיר וויסען זאגאר ניט, אויב ער לעבט נאך. איך האב שוין לאנג געווארט אויף אזא טאג, איך זאל קענען קומען אין דער באסטיליע, זוכען מיין גראספאטער.

אדעלעס ווערטער האבען געווירקט אויף דיא מענגע, וויא א צויבער.

— נעהמט איין דיא באסטיליע! בעפרייט דיא געפאנגענע! האט זשאן אויס־גערופען.

— פארווערטס! צום שטורם! בעפרייט דיא געפאנגענע! האט געשריען דיא מענגע.

אימער העכער האבען געקלאפט דיא העק און דיא ברעכאייזענס אן דיא קייטען פון דער צוגבריקע, אפטער און אפטער האבען געשאסען דיא סאלדאטען פון׳ם טורעם פון דער באסטיליע. — פלוצלונג — טראך! — דיא צוגבריק איז אראפגעפאלען. דער וועג צו דער באסטיליע איז פריי.

— הורראה! האט א געשריי

טערט. — הורראה! — ברעננט דיא קאנאנען! מיר וועלען שיעסען אויף דיא אייזערנע טויער! מיר ווילען זיי צוברעכען!

אדעלע און זשאן זיינען געווען דיא ערשטע, וועלכע זיינען ארויף אויף דער בריק. נאך זיי זיינען נאכגעגאנגען טויזענדע, צעהנער טויזענדע מיט הורראה געשרייען. זשאן האט צוגענומען ביי אדעלע איהר ביקס און איז געגאנגען פאראוים.

— בירגער! פריינדע! האט ער געשריען. ראכע פאר דיעזעס עדעלע מעדכען! איהר גראספאטער שמאכטעט שוין זייט צוואנציג יאהר אין דער באסטיליע! — פאר־ווערטס! מיר וועלען זיעגען אדער שטארבען!

אין דיעזע מינוט איז אנגעקומען א נייער הויפען מענשען. אין דער מיט האט איינער געטראגען גאנץ הויך א ווייסע פאהן, א צייכען פון פריעדען. מען האט גע־מאכט פלאץ פאר דער ווייסער פאהן. אלע האבען ארויסגענומען זייערע שנופּפּטיכער און האבען מיט זיי געפאכט אין דער הויך. דאס שיעסען האט אויפגעהערט פון ביידע זייטען. דעלאנע, דער גובערנאטאר פון דער באסטיליע, איז ארויפגעגאנגען אויפ'ן העכסטען טורם און האט געפרעגט:

— וואס בעדייטעט דיעזע ווייסע פאהן?

— דער בירגער מייסטער האט אונז געשיקט מיט א בעפעהל צו אייך.

— ווען האט ער געשיקט?

צוויי מענשען האבען זיך ארויסגעשטעלט. איינער האט געהאלטען אין דיא הענד דיא ווייסע פאהן.

— נור דיא צוויי וועל איך אריינלאזען אין דער באסטיליע, דיא מענגע מוז בלייבען אין דרויסען, האט דעלאנע געזאגט.

דיא צוויי זיינען אריבער איבער דיא צוגבריק און זיינען צוגעקומען צום טויער. מען האט געעפענט א קליין טהירעל און מען האט זיי אריינגעלאזען. דיא מענגע איז זיי נאכגעגאנגען און האט ניט געלאזען פארמאכען דאס טהירעל. דעלאנע האט עס פאראויס געזעהן און האט עס געוואלט בעווארענען. ער האט אויסגעשטעלט צוויי רייהען סאלדאטען פון ביידע זייטען פון'ם טהירעל.

— צוריק! צוריק! האבען געשריען דיא סאלדאטען צו דער מענגע, אדער מיר שיעסען.

צו שפעט! — וויא א וואלקענבראך גיעסט אוים מיט א מאל אלע זיינע וואסערן, אזוי האט זיך דיא מענגע אריינגעלאזען מיט א מאל אין טהירעל פון'ם טויער. אין א פאר מינוט זיינען אין ערשטען הויף שוין געווען מעהר מענשען, וויא סאלדאטען. דעלאנע האט געהייסען דיא סאלדאטען ארויסגעהן און אויפהייבען דיא אנדערע צוג־בריק, וועלכע האט געפיהרט פון ערשטען הויף צום צווייטען. ער האט יעצט איינגע־זעהן, אין וואס פאר א געפאהר ער געפינט זיך. ער מוז זיעגען אדער שטארבען.

— שיעסט! האט ער קאמאנדירט. שיעסט, וואו איהר וועט טרעפען און ווע־מען איהר וועט טרעפען. קיין שוינונג! קיין פארדאן!

יעצט ערשט האט זיך אנגעהויבען א שרעקליכעס שוידערהאפטעס קלוט

פערגיעסען. דיא מעננע האט זיך געדרענגט אין ערשטען הויף פון דער באסטיליע. ווייטער האט זיא אבער ניט געקענט געהן. איבער זייערע קעפּ איז געהאנגען דיא צווייטע צוגבריק. פאר זיי זיינען געווען אייזערנע גראטעס. פון אויבען זיינען געשטא־נען סאלדאטען און האבען געשאסען אויף יעדען, וועלכער איז צוגעקומען צו דיא איי־זערנע גראטעס.

— א וואגען מיט שטרוי! האט זשאן אויסגערופען. ברענגט אהער א וואגען מיט שטרוי!

דיא מעננע האט איהם פערשטאנען, מען האט באלד געבראכט א וואגען מיט שטרוי.

— נאך איינעם! נאך צוויי!

איין וואגען מיט שטרוי נאכ'ן אנדערן האט זיך צוגעקייקעלט צום טהירעל. מען האט אראפּגענומען דאס שטרוי און מען האט עס אנגעווארפען אין הויף. זשאן האט גענומען זיין פייערגעצייג און האט אנגעהויבען אויסצושלאגען פייער. אין א מינוט האט זיך דאס שטרוי אנגעצונדען. דיא פלאמען האבען זיך אויפגעהויבען גאנץ הויך און האבען מיט זייערע רויטע צונגען אנגעהויבען צו לעקען דיא הילצערנע צוגבריק.

— בראווא! בראווא, פלאמען! האט געשריען דיא מעננע. לאזען זיי פער־ברענט ווערן, דיא דיענער דער טיראניי! לאזען זיי פערקוילט ווערן!

עס האט ניט לאנג געדויערט און דיא צווייטע צוגבריק איז געפאלען. דיא דיא סאלדאטען האבען ניט געקענט אויסהאלטען דעם רויך און דאס פייער. דיא אייזערנע גראטעס האט מען באלד צובראכען און א שרעקליכער קנויל פון מענשען האט זיך אריינגעקייקעלט אין צווייטען הויף פון דער באסטיליע. דיא סאלדאטען האבען נאך געשאסען, מענשען זיינען געפאלען, אבער קיינער האט זיך אויף זיי ניט אומגעקוקט. מען איז געלאפען איבער דיא טויטע, איבער דיא פערוואונדעטע. יעדער האט געוואלט זיין דער ערשטער צו עפענען דיא קאזעמעטען און צו בעפרייען דיא געפאנגענע.

באלד האט מען אריינגעבראכט דיא קאנאנען, וועלכע מען האט ארויסגענומען פון אינוואלידען הויז און מען האט אנגעהויבען מיט זיי צו שיעסען אויף דיא מויערן. א זאנדערבארעס בילד האט זיך דאמאלס פארגעשטעלט. אויף דיא מויערן זיינען געשטאנען דעם קעניגס סאלדאטען און האבען געשאסען אויפ'ן פאלק. אונטען איז געשטאנען דאס פאלק און האט געשאסען אויפ'ן קעניגס באסטיליע.

דעלאנע איז געווען פערצווייפעלט, ער האט פערלארען. דאס פאלק האט געזיעגט. מען וועט זיין לעבען ניט שוינען, אזוי וויא ער האט ניט געשוינט דאס לעבען פון אנדערע. ער איז געשטאנען בלייך, ציטערענד און פערצווייפאלט פאר דיא קאנאנען. פלוצלונג האט ער געחאפּט א שטריק מיט פעד, וועלכער איז דארט געלעגען און האט איהם אנגעצונדען. דיא סאלדאטען האבען איהם אנגעקוקט פערוואונדערט. וואס וויל ער טהאן? ער איז געגאנגען מיט'ן ברענענדען שטריק אין דער האנד צו איינער פון דיא קליינע טורעמס.

— דיא פולווער קאמער! האבען אוסגעשריען דיא סאָלדאַטען. ער וויל אונטער צינדען דיא פולווער־קאמער, זיך טייטען און טייטען דאס פאָלק.

צוויי פון זיינע סאָלדאַטען זיינען איהם נאכגעלאפען און האבען איהם אנגע־האפט ביים ראָק. דעלאָנע האט זיך אויסגעריעסען פון זיי.

— מיר זיינען פערלאָרען, האט ער זיי געזאגט. מען וועט אונז ניט שוינען. מען וועט אונז טויטען. לאמיר בעססער שטארבען צוזאמען מיט אונזערע פיינד!

— ניין האבען געשריען דיא סאלדאטען. לאמיר זיך אונטערגעבען. מען וועט אונז שענקען דאס לעבען. ווען מיר וועלען אליין העלפען דעם פאָלק פערניכטען דיא באסטיליע, וועט מען אונז גאר ניט טהאן.

דעלאָנא האט ניט געוואָלט נאכגעבען. ער האט זיך אלץ געריעסען צו דער פולווער קאמער. דארט איז דאמאלס געווען עטליכע טויזענד פונט פולווער. מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען, וויא פיעל מענשען וואלטען אומגעקומען, ווען עס זאל איהם געווען געלינגען אונטערצוצינדען אזא מאססא פולווער. זיינע סאָלדאטען אבער האבען איהם ניט דערלאָזען עס צו טהאן. זיי האבען ביי איהם ארויסגעריעסען דעם ברענענ־דען שטריק פון דיא הענד.

אין דער צייט, וואס דיא סאלדאטען האבען איהם צוריקגעהאלטען ער זאל ניט אונטערצינדען דיא פולווער־קאמער, איז איין אונטער־אָפיציער מיט צוויי סאָלדאטען ארויפגעגאנגען אויף'ן העכסטען טורעם און האבען ארויסגעשטעלט א ווייסע פאהן.

— דיא סאלדאטען פון דער באסטיליע ווילען זיך אונטערגעבען! האט ער אויסגערופען צו דער מענגע, וועלכע איז געשטאנען ארום דער באסטיליע און אין דער באסטיליע.

— טריאומף! זיג! האט מען געשריען פון אלע זייטען.

— פרייהייט! פרייהייט! בעפרייט מיין גראָספאָטער! האט אדעלע געשריען, ווען דאס פאלק איז אביסעל שטיל געבליעבען.

— פרייהייט! פרייהייט! בעפרייט דיא געפאנגענע, וועלכע שמאכטען אין דער באסטיליע! האט גערופען דיא מענגע.

דעלאָנע אבער האט זיך נאך ניט געוואָלט אונטערגעבען אזוי לייכט. ער האט געפאָרדערט, אז מען זאל אויפשרייבען דיא פונקטען, אויף וועלכע ער גיט זיך אונ־טער. — עס איז אבער געווען צו שפעט. דיא מענגע איז געווען, וויא בערוישט. איין הויפען מענשען נאכ'ן אנדערן, איין קנויל נאכ'ן אנדערן האט זיך אריינגעקייקעלט אין דער באסטיליע. מען האט צובראכען, וואס מען האט געקענט. מען האט צוריעסען, וואס מען האט געקענט. מען האט צערשטערט און פערניכטעט, וואס עס איז געקו־מען אין דיא הענד, ווען עס איז שוין גאר ניט געווען, וואס צו צוברעכען און צו צער־שטערן, האט מען אנגעהויבען צו רייסען דיא ווענד פון דער באסטיליע.

6טעס קאפיטעל.

א י ן ב ע ז י ע ר.

רוהיג און שטיל האבען זיך געלעבט דיא סאלדאטען און אפיציערן אין בעזיער. אין יענע צייט זיינען נאך ניט געווען קיין טעלעגראפען און קיין אייזענבאהנען. דיא פּאָסט איז אויך ניט געווען אזוי גוט איינגעאָרדנעט און אזוי זיכער, וויא אין אונזער צייט. צייטונגען זיינען דאמאלס געווען זעהר ווענינ און, ווען מען האט געוואָלט וויסען עפּעס נייעס, האט מען געמוזט פרעגען ביי מענשען, וועלכע זיינען נור וואס געקומען פון דער הויפּטשטאָדט, פון פּאריז.

דיא סאלדאטען און אפיציערען האבען זייער ווענינ געהאט וואס צו טהאן אין דעם קליינעם שטעדטעל בעזיער. אלעס איז געווען שטיל, אלעס איז געווען רוהיג, אלעס איז געשלאָפען אונטער דיא ווארעמע שטראהלען פון דער יולי זון.ביים קאָמאנדיר פון דער פעסטונג זיינען געזעסען עטליכע אפיציערען און האבען געשפּיעלט אין קארטען. דער יונגער נאפּאלעאָן איז געזעסען פון דער וויטענס און האָט זיי בעטראכט. ער האט ניט געשפּיעלט. ער האט געהאט אנדערע בעשעפטיגונגען.— ער האט שטודירט. ער האט געלעזען און האט איינשטודירט אלע מלחמות, וועלכע דיא גרעסטע גענעראלען פון דער וועלט האבען געפיהרט. ער האט געפאָרשט און געזוכט דיא אורזאכען, פארוואס זיי האבען געוואונען דיא שלאכטען, וויא אזוי זיי האבען געזיעגט, וויא אזוי זיי האבען געמאכט זייערע פּלאנען און וויא אזוי זיי האבען בעהאַנדעלט זייערע סאָלדאטען.

ער האט אויסגעזוכט, וואו ער האט נור געקענט קריגען א בוך איבער קריעג און האט עס אויסגעלערנט. ער האט שטודירט, וויא אזוי צו מאכען פעסטונגען, וויא אזוי צו שיעסען אויף פעסטונגען, וויא אזוי איינצונעהמען פעסטונגען און וויא אזוי זיך צו פערטהיידיגען אין פעסטונגען.

דיא אפיציערן האבען געשפּיעלט אין קאָרטען, האבען זיך דערביי געקריעגט און געזידעלט, וויא דער שטייגער איז; האבען געלאכט, געשפּאסט און געזאָגט נאררישע, גראָבע, מיאוסע וויצען, וויא עס קומט פאר אין יעדער קאזארמע. נאפּאָלעאָן איז לאנגווייליג געוואָרען צו זיצען און זיי אויסצוהערן. ער האט זיך אויפגעהויבען און איז אוועקגעגאנגען אין זיין צימער צו זיינע ביכער און לאנדקארטען.

— נאָט זיי דאנק, מיר זיינען פון איהם פּטור געוואָרען! האט אויסגערופען דער קאָמאנדיר פון דער פעסטונג, אבערסט (פּאָלקאָווניק) נאָדען. — צו וואס האט מען אונז געשיקט דיעזען רעוואָלוציאָנער, דיעזען פערשווערער, דיעזען טויגעניכטס?

דיא אפיציערען האבען געלאכט און יעדער האט געזאגט זיין ווייץ. נאפּאלעאָן איז אריינגעקומען אין זיין צימער, האט זיך געזעצט אויפ'ן הארטען הילצערנעם שטוהל און האט זיך פערטראכט.

— עס מוז אויסברעכען א רעוואָלוציאָן! האט ער געזאָגט צו זיך אליין. דיא אפיציערען זיינען פויל, אונוויסענד און פערדאָרבען. דיא סאָלדאטען זיינען אונצופריעדען, ווייל מען צאהלט זיי ניט זייער געהאלט, און זיינען ניט פעהיג צו קיין קריעג.

דיא בירגער, דיא בויערן, דיא ארבייטער זיינען שוין ניט אים שטאנד איבערצוטראָגען די שווערע שטייערן. מען רייסט פון אלע זייטען. מען שינדעט זיי אונבארמהערציג. — נו, וויא זאל ניט אויסברעכען א רעוואָלוציאָן? —

אין דיזע מינוט האט ער דערהערט דיא איילינגע און שווערע טריט פון א פערד. ער האט זיך אומגעקוקט און דערזעהן, וויא אין הויף פון דער פעסטונג איז אריינגעלאפען א רייטער. דאס פערד אין געווען בעדעקט מיט ווייסען שוים, דער רייטער איז געווען פערברענט פון דער היץ און בעדעקט מיט שטויב, אז עס איז געווען אונמעגליך צו דערקענען, צו וואס פאר א רעגימענט ער געהערט. נור דער לעדערנער בייטעל אין דער זייט האט געוויזען, אז ער איז א קוריער. נאפּאָלעאָן האט א ציטער געטהאָן

— דא איז עפּעס נייעס, האט ער געזאגט, מען מוז הערן, וואס פאר א נייעס ער האט געבראכט.

אין הויף זיינען געשטאנען סאָלדאטען און האבען עפּעס גערעדט צווישען זיך איינער האט געהאלטען דעם קוריער׳ס פערד, פון וועלכען דער שוים איז אראפּגעפּאלען אין גרויסע פלאכע שטיקער אויף דער ערד. ער איז געגאנגען גלייך אין זאל פון׳ם קאמענדאנטען פון דער פעסטונג. דארט זיינען אלע אפיציערען פון דער פעסטונג געווען פערזאמעלט ארום דעם קאמענדאנט, וועלכער האט געלעזען א בריעף און איז געווען זעהר אויפגערעגט.

— שרעקליך! אונערהערט! האט ער אויסגערופען יעדעס מאָל. — רעדען האלטען אויף דער גאס! — שיעסען אויפ׳ן קעניג׳ס סאלדאטען! — שרייען, ליארמען! — ניט פאָלגען דעם קעניג! — געוואלד! — דאס איז דאך א רעוואָלוציאָן!

נאפּאָלעאָן האט א ציטער געטהאָן פאר פרייד.

— אלזא, איז אין פּאריז אויסגעבראָכען א רעוואָלוציאָן, הערר קאמענדאנט? האט ער א פרעג געטהאָן.

— עס זיינען דא אזעלכע בריות, וועלכע ווילען מאכען א רעוואָלוציאָן, האט דער קאמענדאנט געענטפערט און האט געקוקט דעם יונגען אפיציער גלייך אין דיא אויגען. — מיר קענען זיי גאנץ גוט. מיר קענען דעם גראף מיראבאָ און דיא יונגע אפיציערען, וועלכע האלטען מיט איהם. מיר וועלען עס אבער ניט דערלאזען. מיר וועלען נאך פערשפּארען דעם מוטהיגען גראף מיראבאָ אין דער באסטיליע און אלע וואס האלטען מיט איהם, וועלען אויך געפינען א אומזיסטע קווארטיר ביי אונזער גנעדיגען קעניג.

— מיר וועלען זיי שוין ווייזען, וויא צו זיין רעוואָלוציאנערן! האבען דיא אפיציערען מיטגעשטימט מיט זייער קאמענדאנט. לאזען זיי נור קומען אהער!

דער קאמענדאנט האט געענדיגט לעזען דעם בריעף און האט זיך געווענדעט צו אלע אפיציערען.

— מיינע הערר׳ען! מען שרייבט מיר, אז פּאריז איז זעהר אונרוהיג. מיר מוזען זיין שטענדיג בערייט צו מארשירען קיין פּאריז. דערווייל אבער הייסט מען אונז ברענגען דיא פעסטונג אין ארדנונג, בעוואכען דיא געגענד ארום, זעהן, אז אומעדום זאל זיין שטיל און רוהיג. — איך האף, אז איהר מיינע הערר׳ען, וועט מיך אונטערשטיצען.

דיא ערשטע זאך, וואס דער קאמענדאנט האט געפונען פאר נייטיג צו טהאָן, איז געווען צונויפצורופען דאס גאנצע רעגימענט און עס צו מוסטערן. ער האט אויסגעטהיילט זיינע בעפעהלע. דיא פויקען האבען אנגעהויבען צו שלאָגען אלאָרם (טרעהאָגא), דיא טרומפייטען האבען געשאַלט איבער דעם קליינעם שטעדטעל. דיא פערשלאפענע סאלדאטען האבען זיך לאנגזאם צונויפגעשלעפט אויפ'ן פּלאץ פון דער פעסטונג. לאנגזאם, מיעד און שלעפעריג האט זיך אויסגעשטעלט דאס רעגימענט. דער קאמענדאנט האט אנגעהויבען עס צו לערנען. מען האט געהערט זיין הייזעריגע שטימע זאמאנדירען:

— רעכטס! — לינקס! הוידהאלטען! — אראפּלאזען!

ווען דאס מושטירען האט זיך געענדיגט, האט ער איינגעטהיילט דיא וואך צווישען דיא אפיציערען.

— ליעטענאנט באנאפּארטע! האט ער קאמאנדירט. איהר נעהמט אייער ראטע און פאהרט מיט איהר ארום שטעדטעל. קוים וועט איהר ערגעץ דערזעהן פערשווערער, רעוואלוציאנערע, זאלט איהר זיי באַלד ברענגען אהער.

נאפּאלעאן האט זיך פארנייגט און האט קאמאנדירט זיין ראטע, זיא זאל ארויספאהרען. ער אליין האט זיך געזעצט אויף זיין פערד און איז ארויסגעפאהרען אן דער שפּיצע.

זיי זיינען דורכגעפאהרען דאס שטעדטעל. אלעס איז געווען רוהיג. זיי זיינען ארויסגעפאהרען אין וואלד הינטער דעם שטעדטעל. דארט האָבען דיא אלטע ביימער גערוישט און עפּעס גערעדט איינער צום אנדערן. זיי האבען זיך געוויס דערצעהלט געשיכטען פון אלטע צייטען, טרויעריגע, הערצרייסענדע געשיכטען פון דורות פון מענשענקינדער, וועלכע האבען אמאל געלעבט און געליטען. קיינער האט זיי אבער ניט פערשטאנען. זיי האבען גערעדט אזוי שטיל און אזוי געהיימניספאל, אז נור דאס מענשליכע הערץ האט געקענט פיהלען, וואס זיי רעדען, דער אויער אבער האט זיי ניט געקענט הערן.

נאפּאלעאן האט זיך פערטראכט. האט ער געפיהלט, וואס דיא ביימער רעדען? אדער האט ער געטראכט פון עפּעס אנדערש? — ווער קען עס וויסען. ער איז אריינגעפאָהרען צווישען געדיכטע ביימער און האט אפּגעלאזען דיא ציגעל. דיא זון איז אונטערגעגאנגען. עס איז געווארען אלס פינסטערער. דער יונגער אפיציער האָט עס אליין ניט בעמערקט. זיין פערד איז געגאנגען אלץ ווייטער און טיעפער אין וואַלד. פּלוצלונג האט ער דערהערט א שטימע הינטער זיך:

— פרייהייט און מענשענרעכט!

נאפּאלעאן האט א ציטער געטאהן. עס איז איהם פארגעקומען, וויא א גייסטער שטימע פון אנאנדער וועלט. ער האט אבער דאָך געמוזט ענטפערן, ווייל דאס איז געווען דאס פּאסיר ווארט פון דער געהיימע געזעלשאפט „סינסינאַטוס“. אויף דיעזעס פאסיר ווארט יעדער מיטגליעד האט געמוזט ענטפערן.

— סינסינאַטוס! האט ער געענטפערט. ווער ביסט דוא?

— איך בין דער ווירטה פון א גאסט־הויז אין בעזיער. איהר קענט מיך, ליעטעאַנט. איך הייס סענטערר

ערשט יעצט האט זיך נאפּאָלעאָן אויפגעחאפּט... נע טריימע און האט זיך אומגעקוקט. — ער איז געווען אליין. זיין ראָטע איז ערגעץ פערשוואונדען געווארען. — וואו איז זיא אהינגעקומען? וואו איז זיין קארפּאראל? זיינע אונטער־אָפיציערן? — קיינער איז ניטאָ!

— וויא קומסט דוא אהער, סענטערר? האט ער געפרעגט דעם ווירטה. — קענסט דוא מיר ניט זאגע, וואו איז אהינגעקומען מיין ראָטע?

— אייער קאפּאראל האט אייך בעטראגען. ער האט אייך אומיסטען געלאזען פאהרען פאראויס און האט געהייסען דיא ראָטע בלייבען פון הינטען, ביז איהר זייט פערפאהרען אין וואלד. דאן האט ער זיך אומגעקעהרט מיט דער ראָטע אין פעסטונג. ער וועט מעלדען דעם קאמענדאנט, אז איהר זייט אנטלאָפען.

— פון וואנען ווייסט דוא דאס אלעס?

— איך און פיליפּ דאָרא, אויך א מיטגליעד פון דער געזעלשאפט „סינסינאַטוס" האבען דא אין וואלד זיך בעראטהען, וואס מיר זאלען טהאן יעצט, ווען אין פּאריז איז אויסגעבראכען דיא רעוואלוציאָן. מיר האבען אלעס געזעהן און אלעס געהערט.

— אלזא, האט איהר נאכריכטען פון פּאריז? וואס איז דארט געשעהן?

— פּאריז איז אויפגערעגט. דאס פאלק איז אנגעפאלען אויף דער באסטיליע און האבען זיא צערשטערט. יעדער וועד עס קען נור טראגען א געוועהר אין דיא הענד, איז בעוואפענט. פרייהייט און גלייכהייט! שרייט מען אין אלע גאסען.

— אזוי? האט געזאגט נאפּאָלעאָן. אזוי ווייט איז עס שוין געקומען און מיר ווייסען נאך דא פון גאר נישט? אונז דערצעהלט מען, אז עס איז געווען א גרויס געשלעגע אין דיא גאסען און מען האט דאס פאלק צוטריעבען. אונז זאגט מען גאר ניט אונז הייסט מען נור פארזיכטיג זיין. — אך! פאר וואס בין איך יעצט ניט אין פּאריז?

— פאהרט צוריק אין דער פעסטונג, וויא צום גיכסטען, האט איהם סענטערר געראטהען. איהר וועט דא אויך האבען גענוג ארבייט.

נאפּאָלעאָן האט זיך פערטראכט. ער האט זיך ניט געקענט ענטשליעסען וואס צו טהאן. זאל ער פאהרען קיין פּאריז, טהיילנעהמען אין דער רעוואלוציאָן און פיעללייכט וועט ער בעגעגנען אדעלען? אדער זאל ער בלייבען דא און ווארטען, ביז דיא רעוואַלוציאָן וועט זיך אויסברייטען איבער גאנץ פראנקרייך. זיין הערץ האט איהם געצויגען קיין פּאריז. סענטערר אבער האט איהם אויפגעפאדערט, ער זאל פאהרען צוריק אין דער פעסטונג און זאל פערקלאגען זיין קארפּאראל און זיינע אונטער־אָפיציערן, וואס זיי האבען איהם געלאזען אליין און זיינען אנטלאָפען געווארען. — ער האט זיך ענטשלאסען צו פאהרען צוריק אין דער פעסטונג.

שנעל האט ער זיין ענטשלוס אויסגעפיהרט. ער איז געקומען פּונקט אין דער צייט — אייניגע מינוטען איידער זיין ראָטע איז אנגעקומען. ער האט אנגעהויבען צו פרעגען זיין קאָרפּאראל און זיינע אונטער־אָפיציערן, פארוואס זיי האבען איהם געלאַזען אליין? זיי האבען איהם געענטפערט, אז אזוי וויא ער האט זיי קיין בעפעהל ניט געגעבען, וויא ווייט זיי זאלען געהן און ער איז ארויסגעפאהרען פאראויס, האבען זיי ניט געוואוסט וואס צו טהאן און האבען זיך אומגעקעהרט.

ווען ער איז ארייגעפאהרען אין דער פעסטונג און דער קאמענדאנט האט איהם דערזעהן אן דער שפּיצע פון זיין ראָטע, איז דער קאמענדאנט בלייך געווארען. — זיין פּלאַן איז ניט געראטהען. ער האט געוואלט לויז ווערן פון א רעוואלוציאָנער, מאכען איהם פאר א דעזערטיר און איהם ארעסטירען. צום סוף קומט ער גאר פאר זיין ראָטע און בעקלאגט זיך גאר אויף זיינע אונטער־אָפיציערען.

דער קאמענדאנט האט אבער געמוזט שווייגען, ווייל אונטערדעסען זיינען אנגע־קומען נייע קוריערן און האבען געבראכט זעהר טרויעריגע נאכריכטען: דיא באסטיליע איז פערניכטעט. דאס פאלק שטעהט בעוואפענט. דער קעניג איז פערצווייפעלט. יעצט האט ער מורא געהאט פארן יונגען אפיציער. ער האט אויך געוואוסט, אז מען זאגט זיי נאך ניט אויס דיא גאנצע וואהרהייט אז אין פּאריז געהט פאר עטוואס שרעקליכעס. ווער וויס, וואס דערפון קען ארויסקומען?

ער האט פעררזיכערט דעם יונגען אפיציער, אז ער וועט טהאן אלעס אום צו בעשמראפען דיא שולדיגע אונטעראפיציערען.

זיין רעגימענט האט ער געגעבען א שטרענגען בעפעהל זיי זאלען שלאפען אנגע־טהאן און זאלען זיין בערייט צו יעדע מינוט צום קריעג.

דיא נאכט איז פערגאנגען רוהיג. דאס שטילע שטעדטעל בעזוער איז געשלאפען רוהיג וויא ביז א הער. קיינער האט ניט געדעט פון פרייהייט, קיינער האט ניט גע־פּאָרו ערט קיין גלייכהייט. דיא בירגער זיינען געווען שטיל און ערגעבען.

אין דער פריה האבען זיך דיא אפיציערען פערזאמעלט אין זאל ביים קאָמענ־דאנט צום פריהשטיק. מען האט געגעסען, געטרונקען, גערעדט און געלאכט.

— ווען איך זאָל געווען זיין דער גובערנאטאר פון דער באסטיליע, האט געזאגט דער קאמענדאנט נאָדען, וואלט איך מיך אויף קיין פאַל ניט געווען אונטערגעגעבען.— וויא קען עס אן אפיציער זיך אונטערגעבען צום פעבעל, צום ניעדעריגען פאָלק, צו בויערן און ארביימער?—

אין דיעזע מינוט האט מען געהערט קלינגען אלע גלאקען פון׳ם שטעדטעל און ארום שטעדטעל און מען האט געהערט דאס רוישען און ליארמען פון א גרויסע מענגע מענשען, דיא אפיציערען זיינען אויפגעשפרונגען פון זייערע פלעצער. דער קאמענדאַנט, וועלכער האט זיך נור וואס בעריהמט, אז ער וואָלט זיך ניט אונטערגעגעבען, איז גע־וואָרען בלייך, וויא קאלך, ווען ער האט דערהערט דייטליך דיא שטימע פון דער מענגע:

— פרייהייט און גלייכהייט! אלע מענשען זיינען גלייך געבארען און דארפען גלייך זיין!

אלע זיינען ארויסגעלאפען אין דרויסען. א זאנדערבארעס בילד האט זיך זיי פּאָרגעשטעלט. פאר דיא טויערן פון דער פעסטונג זיינען געשטאנען א גרויסע מענגע מענשען: מענער, פרויען און קינדער. צווישען זיי זיינען געווען פיעלע סאלדאטען פון זיין רעגימענט. אייניגע האבען געטראגען רויטע צייכענס אויף זייערע היטע — דיא פארב פון דער געזעלשאפט „ס׳נסינאטוס" אנדערע האבען געטראגען גרינע בלעטער

גרינע צווייגען אויף זייערע היטע. אלע זיינען געווען אנגעטהאן אין זייערע יום־טוב־דיגע קליידער, האבען גערעדט, געטאנצט, זיך געפרייט און געשריען:

— עס לעבע דיא פרייהייט! האָך דיא פרייהייט! דיא באסטיליע איז צער־שטערט! דיא פעסטע מויערן פון דער טיראניי און דעספאטיזמוס זיינען פערניכטעט און מיט דער ערד געגליכען. מיר זיינען שוין ניט קיין שקלאפען, מיר זיינען מענשען! מיר זיינען בירגער! מיר זיינען א פאָלק פון ברידער!

נאפּאָלעאָן האט בעטראכט מיט פערגניגען דיעזע פרעהליכע, בעגייסטערטע מענגע. דער קאמענדאנט דאגעגען האט געציטערט און האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן. פלוצלונג איז צו איהם צוגעגאנגען א הויכער, שטארקער בויער מיט א גרויסען, גראבען שטעקען אין דער האנד און מיט א האק אין גארטעל און האט איהם אנגע־נומען ביי דער האנד.

— זאג נור, קאמענדאנט, פאר וואס שרייעסט דוא ניט: עס לעבע דיא פרייהייט?

נאָדען האט איהם געוואלט אוועקשטויסען פון זיך. ער האט געחאפּט זיין שווערד. אין דיעזע מינוט האט דיא מענגע אנגעהויבען צו שרייען:

— דער קאמענדאנט וויל ענדיגען זיין לעבען, וויא דער גוּבערנאטאר פון דער באסטיליע! — הענגט איהם!

הונדערטע הענד האבען זיך אויסגעשטרעקט געגען איהם. דער ארימער נאָדען האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען, ער האט געזוכט הילף, אבער קיינער איז ניט געקומען איהם צו הילף. זיינע אפיציערען האבען זיך בעהאלטען. זיינע סאלדאטען האבען געשריען:

— דיא בירגער זיינען אונזערע ברידער. — עס לעבע דיא פרייהייט!

— עס לעבע דיא פרייהייט! האט ארויסגערעדט שטילערהייט נאָדען.

— זאג אין דער הויך! שריי: עס לעבע דיא פרייהייט! האט קאמאנדירט דער בויער מיט'ן גראבען שטעקען.

— עס לעבע דיא פרייהייט! האט געמוזט נעביך שרייען אין דער הויך דער קאמענדאנט פון בעזיער.

— בראוואָ! בראוואָ! האט גערוישט און געליארמט דיא מענגע. — נאך א מאל! לאז ער שרייען נאך א מאל!

אין דיעזע מינוט איז ארויסגעטרעטען נאפּאָלעאָן באנאפּארטע. ער האט גע־האלטען א פּיסטאלעט אין דער האנד און האט זיך געשטעלט צווישען דער מענגע און דעם קאמענדאנט.

— צוריק! האט ער קאמאנדירט. צוריק פון'ם קאמענדאנט! צוריק, בירגער! וויא קענט איהר צווינגען אן אפיציער, ער זאָל שרייען: עס לעבע דיא פרייהייט?

דיא מענגע האט אנגעהויבען צו מורמען. אייניגע האבען זיך ארומגעשטעלט ארום דעם יונגען אפיציער. דער הויכער בויער מיט'ן גראבען שטעקען האט אפּגע־לאזען דעם קאמענדאנט און האט געוואלט אנגעהמען דעם אפיציער מיט זיין אייזער־נער האנד. אייניגע האבען זאגאר אנגעהויבען צו שרייען:

— ער איז א פיינד פון'ם פאָלק! הענגט איהם!

נאפאלעאן האט זיך פאר דער מענגע ניט דערשראָקען. ער איז געשטאנען פעסט און שטאָלץ, וויא אן אייזערנע סטאַטוע.

— בירגער! מענער! האט ער אויסגערופען מיט זיין דאנערנדער שטימע. וויא קען מען צווינגען א מענשען צור פרייהייט? דארט וואו פרייהייט הערשט, קען ניט זיין קיין צווינגען. וויא קענט איהר צווינגען א מענשען ער זאל שרייען: עס לעבע דיא פרייהייט, ווען ער וויל עס ניט? — פרייוויליג מוז יעדער מענש אנערקענען דאס הייליגסטע, דאס בעסטע פאר איהם — דיא פרייהייט.

ער איז צוגעגאנגען צום ערשטען פון דער מענגע, האט ביי איהם אראָפּגענומען פון'ם הוט זיין רויטען צייכען און האט איהם אנגעשטעקט צו זיך אויפ'ן קאָפּ.

— פרייוויליג מוז יעדער שרייען: עס לעבע דיא פרייהייט! אזוי וויא איך טוה עס. איך בין א פריינד פון'ם פאָלק, איך ליעב דיא פרייהייט. איך רוף פרייוויליג: עס לעבע דיא פרייהייט!

— בראַווא! בראַווא! האט געשריען דיא מענגע. — עס לעבע נאפאָלעאָן באנאפארטע, דער פריינד פון'ם פאָלק, דער קעמפּפער פאר דיא פרייהייט!

דיא מענגע איז געווען אזוי בעגייסטערט און אזוי ענטציקט פון'ם יונגען אפיציער, אז עס האט געוואָלט איהם נעהמען אויף דיא הענד און איהם ארומטראגען אין גאנצער שטאדט מיט פריידענגעשרייען. נאפאָלעאן אבער איז ניט געווען איבערראשט און האט געוואוסט, וויא אזוי ארומצוגעהן מיט'ן פאָלק.

— ברידער! האט ער זיך ווידער געווענדעט צו זיי, היינט איז א גרויסער טאג, א הייליגער טאָג. נאך טויזענדער יאהרען פון קנעכטשאפט און ערנידערונג, האט ענדליך דיא וועלט אנערקענט, אז דער בויער, דער ארבייטער און דער ארימסטער מענש איז אויך א מענש און האט אויך מענשענרעכטע. לאמיר דיעזען טאָג פייערן מיט געזאנג און טאנץ. ער איז א טאג פון פריידע און גליק. איך וועל הייסען דיא מוזיק פון אונזער רעגימענט, זיא זאל היינט א גאנצען טאג שפּיעלען פרעהליכע ליעדער.

דיא פרייד און דאס ענטציקען פון דער מענגע איז אומעגליך צו בעשרייבען. מען האט געשריען, געליאַרמט, געווינשען גליק דעם יונגען אפיציער, דעם פרייהייטס קעמפּפער און דעם פריינד פון'ם פאָלק. ער האט זיך אין דיעזע מינוט געווענדעט צום קאמענדאנט און האט איהם געזאגט:

— געהט אין אייער צימער. דערווייל איז דיא מענגע בערוהיגט. מען קען אבער ניט וויסען, וואס שפּעטער וועט זיין. עס איז גלייכער פאר אייך, מען זאל אייך היינט ניט זעהן אויף דער גאס.

דער קאמענדאנט האט זיך געבויגען דיא ליפּען. ער האט אבער געמוזט פאלגען דעם יונגען אפיציער. ער האט איינגעזעהן, אז ער איז דאך דער איינציגער, וועלכער קען רעדען מיט'ן פאָלק, קען ארומגעהן מיט'ן פאָלק און קען בערוהיגען דאס פאָלק. ער האט איהם געמוזט פאָלגען און איז אוועקגעגאנגען אין זיין וואָינונג. דיא מענגע האָט פון איהם געלאכט, האט איהם פערשפּאָטעט, אייניגע האבען זאגאר אויפגעהויבען

שטיינער און האבען געוואָלט איהם נאכווארפען, נאפּאָלעאָן אבער האט עס ניט דער־לאָזען.

דער קאמענדאנט איז האסטיג ארייגעלאָפען אין זיין וואָינונג און האט פער־שלאָסען דיא טהירען הינטער זיך.

7טעם קאפּיטעל.

ב ע פ ר י י ט !

מיר זיינען אויף א קורצע צייט ארויסגעפאָהרען קיין בעזיער אום צו וויזען אונזער לעזער, וואס עס האט זיך געטהאָן אין דיא קליינע שטעדטלעך אין דער צייט׳ וואס אין פּאריז זיינען פארגעקומען אזעלכע וויכטיגע בעגעבענהייטען. יעצט קעהרען מיר זיך אום קיין פּאריז. מיר ווילען בעשרייבען דאס ענדע פון׳ם שטורם פון דער באַסטיליע.

קוים איז מען געוואָהר געוואָרען אין דיא גאַסען פון פּאַריז, אז דיא באַסטיליע איז ענדליך געפאַלען, אז דיא סאָלדאַטען האבען זיך אונטערגעגעבען און יעדער מעג אריין אין יענע שרעקליכע, דונקעלע געביידע, פאר וועלכע מען האָט ביז אהער געצי־טערט, איז געוואָרען א פרייד און א שמחה אין אלע גאַסען. מענשען האָבען געשריעען, געליארמט, געטאנצט זיך ארומגענומען און געקושט איינער דעם אנדערן. מענשען, וועלכע האבען קיין מאל איינער מיט׳ן אנדערן קיין וואָרט ניט גערעדט, וועלכע האָבען זיך קיין מאל ניט געזעהן, האבען זיך ארומגענומען, האבען געוויינט און געטאַנצט פאר פרייד. אלע זיינען געווען, וויא בעטרונקען, וויא בערוישט פאר פרייד, וואָס דיעזע שרעקליכע מויערן זיינען ענדליך געפאַלען.

אלע הויפען פון דער באַסטיליע, אלע טורעמס, אלע ווענד, אלע קאמערן זיינען פול געוואָרען מיט מענשען. דיא סאָלדאַטען, דיא אפיציערען און דער גובערנאַטאָר זיינען באלד געווען ארומגערינגעלט פון א גרויסען הויפען מענשען, וויא מיט אן אייזער־נעם רייף. דער גובערנאטאר, דעלאָנע האט נאך געוואָלט עפּעס רעדען, האט געוואָלט שטעלען אייניגע בעדינגונגען, האט געוואָלט בעטען, אז מען זאל איהם מיט זיינע מענשען לאזען אוועקגעהן, וואוהין זיי ווילען. עס איז אבער געווען אונמעגליך צו קומען צום וואָרט. עס איז געווען אונמעגליך צו רעדען עפּעס אדער צו בעטען עפּעס. דאס פאלק איז געווען, וויא וואהנזיניג.

געפעהרליך איז א לייב צו וועקען,
פערדערבליך איז דעם טיגערס צאהן;
דאך דאס שרעקליכסטע דער שרעקען
איז דער מענש אין זיין וו א ה ן.

זינגט דער בעריהמטער דייטשער דיכטער, פריעדריך שיללער. שרעקליכער פון׳ם לייב׳ געפעהרליכער פון׳ם טיגער איז דער מענש, ווען ער איז בערוישט און וואהנזיניג פון פרייד, לייד אדער ראַכע. דאמאָלס איז דער מענש דער שרעקליכסטער און געפעהר־ליכסטער פון אלע ווילדע חיות.

דער אדוואָקאַט טהוריאָ און אנדערע האבען געוואָלט אוועקפיהרען דעלאנע און זיין ערשטען אפיציער דע ליאָם אין האָטעל דע וויללע (סיטי האָלל) דארט וואָלט ער זיכער געווען פאר דער ווילדער מענגע. זיי האבען באלד אויסגעזוכט עטליכע קרעפ־

טיגע מענשען, וועלכע האבען זיך אונטערגענומען אוועקצופיהרען דיא געפאנגענע. איינער האט געטראגען פאראויס דיא פאהן פון דער באסטיליע מיט דיא שליעסעל. נאך איהם זיינען געגאנגען צעהן מענשען פון דער פאלקס גווארדיע. דאן זיינען געקומען דיא צוויי געפאנגענע. הינטער זיי זיינען געגאנגען צוואנציג פון דער פאלקס גווארדיע. אזוי האט מען געמיינט, וועלען זיי זיכער אנקומען אין האטעל דע וילל. קוים אבער זיינען זיי ארויס פון דיא טויערן פון דער באסטיליע, האבען זיי דערזעהן איינינע מענשען פון׳ם פאלק, דיא פריינד אדער בעקאנטע פון וועלכע זיינען ערשט פריהער געפאלען טויט אדער פערוואונדעט, ווען מען האט געשאסען פון׳ם טורעם פון דער באסטיליע.

— קיינע שוינונג! קיין פארדאן! קיינע שוינונג פאר מענשען, וועלכע האבען געהייסען שיעסען אויפ׳ן פאלק! האבען זיי געשריען מיט א פירבטערליכע שטימע.

— טייטעט דעם טויגעניכטס, וועלכער האט געהייסען שיעסען אויפ׳ן פאלק! האט מען געשריען פון אלע זייטען.

א גרויסער קנויל מענשען האט ארומגערינגעלט דיא געפאנגענע און האבען אנגעהויבען צו פערדרענגען זייערע בעשיצער. דעלאנע האט געזעהן, אז ער איז פארלארען. ער האט ארויסגעחאפט א מעסער און האט זיך געוואלט שטעכען. דאס האט נאך מעהר אויפגערייצט דאס פאלק.

— ער וויל אונז נאך שטעכען! האט מען געשריען פון אלע זייטען.

יעצט איז שוין געווען אונמעגליך איינצוהאלטען דאס פאלק. אין א סעקונדע איז דער אונגליקליכער דעלאנע געלעגען אויף דער ערד, דורכשטאכען פון צעהן שווערדען. באלד האט מען איהם אפגעשניטען דעם קאפ און איהם אויפגעשטעקט אויף א שפיעז. דאס זעלבע שיקזאל האט געטראפען זיין ערשטען אפיציער, דעם גוטען, שטילען און מענשענפריינדליכען דע ליאם. צוויי בלוטיגע קעפ האבען געשטעקט אויף שפיעזען אין דער הויך.

איינינע האבען אנגעהויבען צו זוכען אין דעלאנע׳ס קליידער, מען האט געפונען זיין פארטפעל מיט בריעף.

— מען זאל פארלעזען דיא בריעף אין דער הויך! האט געשריען דיא מענגע.

מען האט אנגעהויבען צו לעזען דיא פאפיערען. איינינע זיינען געווען ניט וויכטיג און ניט אינטערעסאנט. ווען מען איז אבער געקומען צום צעטעל פון׳ם סיט מאיאר, פלעסעל, וועלכען ער האט היינט אין דערפריה צוגעשיקט צו דעלאנע, און מען האט געהערט פארלעזען:

„איך נארר אפ דאס פאלק און זאג זיי צו וואפען. האלט אייך פעסט ביז אבענד, איהר וועט בעקומען הילף. פלעסעל.“

איז דיא מענגע געווארען אויסער זיך פאר רציחה. וויא גערייצטע טיגער האט זיך דיא מענגע א ווארף געטהאן צום האטעל דע ווילל, וואו דער סיטי מאיאר האט געוואינט. מען האט צובראכען דיא טהירען און דיא פענסטער פון זיין וואינונג און מען האט איהם ארויסגעשלעפט אויף דער גאס פונקט אין דער מינוט, ווען אנאנדערע מענגע איז אנגעקומען מיט׳ן בלוטיגען קאפ דעלאנע׳ס אויפגעשטעקט אויף א שפיעז.

— פעררעטהער! האט אויף איהם געשריען דיא מעננע. — ריכטעט איהם! ער האט אונז אפגענארט!

עס האט געקנאקט א שאס. פלעסעל איז געפאלען טויט צו דער ערד. אין איינינע מינוט ארום האבען דריי בלוטיגע קעפ געשטעקט אויף שטאנגען אין דער הויף לעבען האטעל דע־וויל.

אין דער צייט, ווען אויף דיא גאסען פון פאריז און פארן האטעל דע־וויל האבען זיך אפגעשפיעלט דיעזע טרויעריגע סצענען, האבען זיך אין דער באסטיליע אפגע־שפיעלט אנדערע שרעקליכע, שוידערהאפטע סצענען. אלע צימער פון דער באסטיליע, אלע זאלען, אלע הויפען און אלע פלעצער זיינען געווען פול מיט מענשען. איינינע האבען געריסען דיא ווענד, אנדערע האבען געבראכען, וואס עס איז זיי געקומען אין אין דיא הענד: טהירען, טויערן, פענסטער, שלעסער, גראטעס; ווידער אנדערע האבען געזוכט דיא פאפירען און דאקומענטען פון דער באסטיליע. יעדער ארעסטאנט מוז דאך פערשריעבען ווערען אין א בוך. עס מוזען זיך דאך געפינען בעפעהלע, מען זאל איהם ארעטירען און וויא אזוי מען זאל איהם האלטען.

— דיא געפאנגענע! דיא ארעסטאנטען! וואו זיינען דיא געפאנגענע? האבען געשריען ווידער אנדערע.

צווישען דיעזע לעצטע האבען בעזאנדערס געשריען אדעלע און איהר נייער פריינד, דער ארבייטער זשאן,

— מאדעמאזעלס גראספאטער איז געפאנגען אין דער באסטיליע, האט גע־שריען זשאן מיט דער גאנצער קראפט פון זיינע לונגען. — בירגער! ברידער! בע־פרייעט דיא געפאנגענע!

דיא לעצטע ווערטער האבען געהאט א ווירקונג. דיא מעננע האט זיך צוטהיילט און האט געמאכט פלאץ פאר אדעלע מיט איהר בעגלייטער.

יעצט איז אבער ענטשטאנדען דיא פראגע: וואו געפינט זיך דער אלטער? אין וועלכען טהורם, אדער אין וועלכען קעללער ליגט ער פערשפארט? — וועמען פרעגט מען? צו וועמען רעדט מען?

זיי זיינען צוגעקומען צום ערשטען טהורם. א גרויסער הויפען מענשען איז זיי ענטגעגען געקומען. יעדער האט געטראגען אין זיינע הענד א בינטעל פאפירען — אקטען און דאקומענטען פון דער באסטיליע. אדעלע האט זיך דערפרייט. זיא האט געמיינט, אז פון דיא אקטען וועט זיא קענען וויסען, וואו איהר גראספאטער געפינט זיך. איידער זיא האט אבער צייט געהאט ארויסצורעדען א ווארט, האט שוין געברענט א גרויס פייער, וועלכעס האט מיט זיינע פלאמען צונגען פערשלינגען דיא פאפירען. מענער און פרויען האבען באלד געבילדעט א ראד און האבען געטאנצט ארום פייער מיט פריידען געזאנגען:

— פרייהייט! פרייהייט! מיר בעגריסען דעם ערשטען טאג דער פרייהייט!

איין פאק דאקומענטען נאכ'ן אנדערן, איין הויפען פאפירען נאכ'ן אנדערן זיינען אריינגעווארפען געווארען אין פייער. וואס שטארקער דאס פייער האט געברענט, וואס העכער עס האט זיך אויפגעהויבען צום קלארען בלויען הימעל, אלץ וואהנזיני

לוסטיגער איז געוואָרען דאס פאָלק. אדעלע און זשאן האָבען געמוזט בלייבען שטעהן און ווארטען. עס איז געווען אונמעגליך דורכצוברעכען דעם גרויסען ראָד פון מענער און פרויען, וועלכע האבען געטאנצט און געשפרונגען פאר פרייד ארום דעם גרויסען פייער.

וויפיעל טרויעריגע זאכען וואָלטען דערצעהלט דיעזע דאקומענטען? וויפיעל ליידענסגעשיכטען זיינען געווען אנגעשריעבען אין דיעזע פאפיערען? וויא ניצליך וואָלט עס געווען פאר דער וועלט איבערצולעזען דיעזע דאָקומענטען? — דאס פאָלק אבער האט פון קיין זאך ניט געוואָלט וויסען. דיא באסטיליע איז געווען אזוי פערהאסט, אז עס האט מיט בעזאָנדערער פרייד פערניכטעט יעדער זאך, וואס איז געקומען פון דער באסטיליע.

ענדליך, ווען דאס פייער איז אביסעל רוהיגער געוואָרען, האט זיך זשאן געווענדעט צו דער מענגע.

— בירגער! לאָזט דיא פאפיערען. בעפרייעט בעסער דיא געפאנגענע!

— ער האט רעכט! האבען געשריען אייניגע שטימען. לאָמיר בעפרייען דיא ארעסטאנטען! לאָמיר בעפרייען דיא אונגליקליכע, וועלכע שמאכטען אין דיא קעלערן פון דער באסטיליע!

יעצט ערשט האט מען אנגעהויבען צו זוכען דיא געפאנגענע. דיא באסטיליע איז אבער געווען זעהר גרויס. עס האבען זיך געפונען אין איהר הונדערטער קארידארען און געהיימע גענג, מען האט געמוזט זיין גוט בעקאנט מיט דער באסטיליע אום אין איהר ניט פערבלאָנזעט צו ווערן.

— דיא אויפזעהר! דיא וועכטער! וואו זיינען דיא אויפזעהר און דיא וועכטער? האט מען געשריען פון אלע זייטען.

מיט שווערער מיה איז עס געלונגען אויסצוגעפינען אייניגע פון דיא אויפזעהר. זיי האבען מורא געהאט פארן פאָלק און האָבען זיך בעהאלטען אין דיא קעלערס און אויף דיא בוידים׳ס. זיי וואָלטען געוויס אנטלאפען. זיי האבען אבער ניט געקענט. מען וואָלט זיי באלד דערקענט אין זייערע בלויע מונדירען. — אלע דיענער און בעאמטע פון דער באסטיליע האבען געטראגען בלויע מונדירען. —

מען האט זיי אויסגעזוכט און מען האט זיי געבראכט פארן פאָלק. זיי זיינען געווען בלייך און האבען געציטערט. זיי האבען שוין געוואוסט פון דעלאָנעס שרעק-ליכען טויט.

— עפענט אלע טהירען און פיהרט ארויס אלע געפאנגענע.

— מיר קענען ניט! עס איז אונמעגליך, האבען געענטפערט דיא אויפזעהר מיט א ציטערנדער שטימע. מיר האבען ניט דיא שליסעל פון דיא קעמערליך פון דיא ארעסטאנטען.

— וואו זיינען דיא שליעסעל? האט געברומט דיא מענגע. — עפענט אדער מיר טייטען אייך!

— דיא שליעסעל זיינען ביים גובערנאטאר, דעלאָנע, האבען דיא אונגליקליכע בעאמטע געענטפערט.

ערשט יעצט האבען זיך פיעלע דערמאנט, אז דעלאָנע האט ווירקליך געהאט א בונד מיט שליעסעל. מען האט זיי ביי איהם צוגענומען, ווען מען האט איהם גע־טויטעט, און מען האט זיי ארומגעטראגען אין שטאדט אלס צייכען פון זיעג. — וואו זיינען זיי יעצט? — ווער קען עס וויסען.

— אך! בעפרייעט מיין גראַספאטער, האט אדעלע געבעטען איינינע מענער, וועלכע זיינען געשטאנען לעבען איהר.

— העק, ברעכאייזען! האט געשריען דיא מעננע. ווען דיא שליסעל זיינען ניטא, וועלען מיר צוברעכען דיא טהירען פון דיא קעמערליך. — קומט, ווייזט אונז, וואו געפינען זיך דיא ארעסטאנטען?

אין יענער צייט זיינען אין דער באסטיליע געווען נור זעקס ארעסטאנטען. ניט מעהר. קעניג לודוויג דער זעכצעהנטער האט ניט ליעב געהאט דיא באסטיליע. ער האט קיינעם ניט פערשפארט אין דער באסטיליע. ער האט אבער ניט געוואָלט בעפרייען דיא ארעסטאנטען, וועלכע זיין פאטער, קעניג לודוויג דער פופצעהנטער האט איינגעשפארט, ווייל ער האט ניט געקענט וויסען, וואס פאר א פערברעכען זיי האבען בעגאנגען.

דיא אויפזעהר און דיא וועכטער זיינען געגאנגען פאָראויס, דיא מענשען מעננע איז זיי נאכגעגאנגען. ביז זיי זיינען צוגעקומען צום דריטען טהורם.

— דא, האבען זיי געזאגט, ליעגט פערשפארט א גאנץ אלטער מאן. מיר וויסען ניט, וויא ער הייסט. אונז האט מען געזאגט, אז ער איז נומער 36. ביי דיעזען נאמען קענען מיר איהם.

זיי האבען אראפגעפיהרט דיא מעננע אין א טיעפען, פינסטערן קעלער און האבען זיי געוויעזען אויף אן אייזערנע טהיר. שטארקע הענד, בעוואפענט מיט העק און ברעכאייזענס, האבען באלד אנגעהויבען צו ברעכען דיא שווערע אייזערנע טהיר.

אונגעדולדיג, נייגיעריג, טרויעריג איז געשטאנען אדעלע פאר דער אייזערנער טהיר.

— געפינט זיך דא ווירקליך איהר גראַספאָטער? — וויא אזוי וועט זיא איהם דערקענען? פיעללייכט זיינען אלע געפאנגענע אלטע לייט? — זיא האט אמאל געהערט, אז איהר גראַספאטער געפינט זיך אין דריטען טורעם פון דער באסטיליע. איז ער אבער נאך דארט?

עס איז פערגאנגען א געראַומע צייט, ביז עס איז געלונגען דיא מענשען אויפצו־ברעכען דיא טהיר. זיי האבען געמיינט, אז דאס איז שוין דיא טהיר פון'ם קעמעריל פון'ם ארעסטאַנט. וויא גרויס איז דאהער געווען זייער איבערראשונג, ווען זיי האבען דערזעהן, אז דאס איז ערשט דיא טהיר צו א לאנגען שמאלען קארידאר, אין וועלכען עס געפינען זיך ערשטע דיא קעמערליך פון דיא ארעסטאנטען.

— ליכט! פייער! האט געשריען דיא מעננע.

מען האט באלד געבראכט ליכט און דיא אויפזעהר האבען געוויעזען דאס קע־מעריל, וואו דער אלטער זיצט. מען האט אויסגעבראכען דיעזע טהיר אויך. — אין קעמעריל איז געווען פינסטער און מען האט קיינעם ניט געזעהן.

— גראָספּאָטער! דוא ביסט פריי! האט אדעלע געשריען און געוויינט.

אבער נור א שוואכעס קרעכצען איז געווען דיא אנטווארט אויף איהרע געשריען. אייניגע מענער מיט ליכט אין דער האנד זיינען ארייננעקומען אין קעמעריל. זשאן איז געגאנגען פאראויס, אדעלע איז איהם נאכגעגאנגען. ווען זיי זיינען צוגעקומען צום ענדע פון'ם קעמעריל, האט זיך זיי פארגעשטעלט א שרעקליכעס בילד. — אויף א ביסעל פערפוילטעס און שרעקליך שמוציגעס שטרוי איז געלעגען אן אלטער, שוואכער מאן. פאר איהם איז געשטאנען א קרוג פון וואסער. דער קרוג אבער איז געווען לעדיג. מען איז היינט געווען שטארק בעשעפטיגט אין דער באסטיליע און מען האט דיא ארעסטאנטען זאגאר קיין וואסער ניט געגעבען. — פינסטער, שמוציג, טרויעריג, ישוידערהאפט טרויעריג האט עס אויסגעזעהן אין דיעזען קעמעריל. אלע זיינען געווארען בלייך צוזעהענדיג דיעזען שרעקענסארט.

— גראָספּאָטער, ליעבער גראספאטער! האט אדעלע אויסגערופען און האט אנגעהויבען צו ברעכען דיא הענד.

— הערר דעווריע! הערר וויקטאָר דעווריע! האט גערופען זשאן. — אדעלע האט איהם געזאגט, וויא איהר גראָספּאָטער הייסט. —

דער אלטער מאן אבער איז געלעגען אויף איין ארט און האט ניט געענטפערט. זשאן און אדעלע האבען זיך אנגעבויגען און האבען געוואלט אויפהייבען דעם אלטען מאן. דער אלטער האט זיך געוועהרט מיט זיינע שוואכע, אויסגעדארטע הענד.

— איך וויים, איהר פיהרט מיך צום טויודט, האט ער געזאגט מיט אן אונמענשליכער שטימע.

אלע אנוועזענדע זיינען געווען געריהרט פון דיעזער זאנדערבארער שטימע. דאס איז געווען קיין שטימע פון א מענשען, דאס איז געווען א קרעכץ, א זיפץ, א געוויין, א פערצווייפלונגס אויסרוף, א ברומען פון א צום טויודט פערמארטערטעס טהיער.

— מיר קומען דיך בעפרייען, ליעבער גראספאטער, האט אדעלע איהם געזאגט. שטעה אויף! דוא ביסט פריי! —

— הערר וויקטאר דעווריע, האט זשאן געזאגט, איהר זייט פריי. עס איז שוין קיין באסטיליע מעהר ניטא!

— וויקטאָר דעווריע? האט דער אלטער געפרעגט פערוואונדערט, וויא איינער, וואס האפט זיך אויף פון א לאנגען און שווערען שלאף. — וויקטאָר דעווריע? אזוי האט מען מיך אמאל גערופען. — עס איז שוין אבער לאנג — לאנג —

אדעלע און זשאן האבען זיך ניט געקענט איינהאלטען. זיי האבען גענומען דעם אלטען ביי דיא הענד און האבען איהם אויפגעהויבען פון דער ערד. אדעלע האט זיך איהם געווארפען אויפ'ן האלז, האט איהם ארומגענומען, האט געוויינט און גערופען:

— גראָספּאָטער! קום צו זיך! דוא ביסט פריי!

דער אלטער איז געשטאנען, וויא א לעהמענער גולם און האט ניט געוואוסט, וואס מען רעדט צו איהם.

— פרייהייט? האט ער געפרעגט. — איהר ווילט מיך טויודטען, — איהר ווילט מיך בעפרייען פון מיינע ליידען.

— גראַספאַטער! איך בין אדעלע, דיין אייניקעל, פון דיין טאָכטער אַלמאַ. איך בין געקומען דיך בעפרייען. קומט מיט מיר. — עס איז שוין ניטאָ קיין באַסטיליע! — דאס פראַנצויזישע פאָלק איז פריי!

— ניין, ניין! האָט דער אַלטער געזאָגט, לאָזט מיך בעסער דאָ זיין. — צו וואָס זאָלט איהר מיך טוידטען? איך בין שוין אַלט. איך וועל שוין ניט לאַנג לעבען.

אדעלע איז געוועזען פערצווייפעלט. עס איז געוועזען דייטליך, אַז זיין פערשטאַנד איז ניט אין אָרדנונג. דאָס לאַנגע זיצען אין אַ פינסטער קעמעריל אַליין האָט שטאַרק געווירקט אויפ׳ן אַלטען מאַן און האָט פערדונקעלט זיין פערשטאַנד.

— גראַספאַטער, געדענקסט דו ניט, אַז דו האָסט געהאַט אַמאָל אַ טאָכ־טער, מיט׳ן נאָמען אַלמאַ?

— אַלמאַ? האָט דער אַלטער מאַן געפרעגט. — אַלמאַ?

ער האָט זיך, וויא פערטראַכט, גלייך וויא ער וואָלט זיך בעמיהט צו דערמאָנען: וואו און ווען ער האָט ערגעץ געהערט דעם נאָמען אַלמאַ. פּלוצלונג האָט ער אַרויפ־געלעגט זיין האַנד אויף אדעלעס קאָפּ און האָט געזאָגט:

— יאָ, אַלמאַ, דו ביסט עס! איך זעה, אַז דו ביסט עס, אַלמאַ.

— איך בין נור אַלמאַ׳ס טאָכטער, האָט זיא געזאָגט. קום נור אַרויף אין דער ליכטיגקייט, אין דער זון, וועסט דו מיך שוין דערקענען.

זיא האָט געוואָלט איהם אוועקשלעפּען פון דיעזען אָרט. ווען זיא האָט איהם אָנגענומען ביי דער האַנד, איז ער געוואָרען גאַנץ ווילד און האָט אָנגעהויבען צו שרייען:

— טוידטעט מיך! איהר וועט אָבער קיין מאָל ניט געוואָהר ווערן, וואו זיי ליעגען.

זשאַן האָט איהם יעצט אָנגענומען און האָט איהם געבעטען:

— קומט אַרויס, אַלטער מאַן. דאָס פאָלק וואַרט אויף אייך.

— איך קען דאָך אָבער ניט אַרויס פון דאַנען, האָט דער אַלטער ווידער אָנגע־הויבען צו קרעכצען. דער קעניג ערלויבט עס ניט.

— וואָס הערן מיר דעם קעניג? האָט זשאַן געזאָגט. קומט נור, קומט!

— ניין, איהר מוזט פרעגען דעם קעניג, האָט דער אַלטער געזאָגט. ער וועט בייז זיין און וועט הייסען מיך טוידטען.

אין דיעזע מינוט האָט ער דערזעהן דעם בלויען מונדיר פון׳ם אויפזעהר, וועלכער האָט זיי געוויעזען, וואו דער אַלטער געפינט זיך.

— פרעגט נור דיעזען מאַן, האָט דער אַלטער געזאָגט, ער וועט אייך זאָגען, אַז דער קעניג ערלויבט ניט.

— פלעגט דער אַרעסטאַנט זיין אונטער אייער אויפזיכט? האָט זשאַן איהם געפרעגט.

— יאָ, האָט דער אויפזעהר געענטפערט מיט אַ ציטערנדער שטימע. איך האָב געוויס געוואָלט איהם בעסער בעהאַנדלען. מען האָט עס מיר אָבער ניט ערלויבט.

— וויא הייסט איהר? האָט איהם זשאַן געפרעגט.

— טרעקור, האָט דער אויפזעהר געענטפערט.

— יא, טרעקור, האט דער אלטער געזאגט. טרעקור ווייס, אז איך טאר פון דאנען ניט ארויסגעהן.

— ניין, אלטער, איהר מעגט יעצט ארויסגעהן פון דאנען. קיינער וועט אייך ניט וועהרן, האט דער אויפזעהר געענטפערט.

דאס האט אביסעל בערוהיגט דעם אלטען. ער האט זיך געלאזט צו דער טהיר. זשאן האט איהם אנגענומען אונטער דיא הענד און האט איהם ארויפגעפיהרט אויף דיא טרעפ. אדעלע האט איהם געהאלטען ביי דער האנד. ערשט יעצט האט זיא בעמערקט, אז ער האלט דיא האנד פערמאכט, אז ער האלט עפעס אין דער האנד.

— וואס האסט דוא אין דער האנד, גראספאטער? האט זיא איהם געפרעגט.

— דאס דארף איך האבען, האט דער אלטער געענטפערט און האט פערמאכט דיא האנד נאך שטארקער. דאס מוז איך מיטנעהמען. דאס טאר איך קיינעם ניט געבען.

ער האט געזאגט דיזע ווערטער אזוי טרויעריג און מיט אזא ביטענדער שטימע, אז אלע זיינען געווען געריהרט און אויף זייערע אויגען האבען זיך געוויזען טרערין. זשאן האט זיך צוגעקוקט צום אלטען׳ם האנד. צווישען דיא דינע, אויסגעדארטע פינ־גער האט מען געקענט זעהן זעהר דייטליך, אז ער האלט אן אלטען, פערראסטעטען, אויסגעקרימטען נאגעל. ער האט עס געזאגט שטילערהייט אדעלען.

— וואס זאל עס בעדייטען? האט זיא געפרעגט. וואס האלט ער אזוי פעסט דעם נאגעל אין דער האנד?

קיינער האט איהר ניט געקענט ענטפערן. קיינער האט איהר ניט געקענט ער־קלערן, וואס דאס איז. ענדליך, איז מען ארויפגעקומען אין טורעם. זשאן האט געזאגט אדעלען שטילערהייט, אז ער האט מורא ארויפצונעהמען דעם אלטען פלוצלונג אין אזא שטארקע ליכטיגקייט, וויא דיא זון. דאס קען איהם שאדען. ער קען בלינד ווערן.

אין דיזע מינוט האט דיא צורייצטע מעננע בעמערקט דעם בלויען מונדיר פון׳ם אויפזעהר.

— וואס טהוט דער דא? האט מען געשריען פון אלע זייטען. וואס טהוט דא דער ניעדעריגער קנעכט פון דער טיראנייז? — נעהמט איהם אוועק! ארעטירט איהם!

דער אונגליקליכער אויפזעהר האט געזעהן, אז ער איז פערלארען. דיא געררייצטע און אויפגערעגטע מעננע וועט איהם ניט פערשוינען, ער איז געפאלען אויף דיא קניע און האט אנגעהויבען צו וויינען.

— האט מיטלייד מיט מיר! איך בין דאך ניט מעהר, וויא א דיענער. איך האב נור געטהאן, וואס מען האט מיר געהייסען. — ערבארמען! מיטלייד!

דיא מעננע איז אבער געוועזן אזוי אויפגערעגט, דיא באסטיליע מיט איהרע דיענער זיינען געווען ביים פאלק אזוי פערהאסט, אז קיינער האט ניט געפיהלט קיין מיטלייד און קיין ערבארמען מיט א מענשען, וועלכער האט געטראגען דעם פערהאס־טען בלויען מונדיר. מען האט איהם אוועקגעשלעפט מיט געוואלד אין הויף און מען האט איהם פערווארפען מיט שטיינער. — נאך אן אפפער פון דער געררייצטער מעננע.

ווען דער אלטער איז אביסעל געוואָינט געוואָרען צו דער ליכטיגקייט, האט איהם אדעלע געבעטען:

— קום, גראספאטער, דוא האסט ניט וואס מורא צו האבען. קום מיט מיר.

— איך וואָלט געגאנגען מיט דיר, איך בין אבער נאך ניט פערטיג מיט מיין ארבייט. איך האב נאך זעהר פיעל צו טהאן. לאזט מיך ארבייטען.

אדעלע און זשאן האבען איהם אנגעקוקט פערוואונדערט. זיי האבען שוין גע־זעהן, אז זיין פערשטאנד איז ניט קלאר, דאך מוז ער דאָך עפּעס מיינען דערמיט, וואס ער זאגט, אז ער וויל ארבייטען.

— אלזא, ענדיג דיין ארבייט, גראספאטער, און לאמיר געהן.

דער אלטער האט גענומען דעם אויסגעבויגענעם נאגעל און האט אנגעהויבען צו קראַצען דיא וואַנד.

— איך מוז נאך גראבען טיעפער, האט ער געמורמעלט צווישען דיא צייהנער, ביז וואנען איך וועל צוקומען צו דעם אייזען, הינטער וועלכען דיא פאפּיערן ליעגען בעהאלטען.

ער האט גערעדט אזוי שטיל, אז נור אדעלע האט געהערט, וואס ער האט גע־זאגט. זיא איז אויפגעשפרונגען, האט איהם ארומגענומען און האט אויסגערופען:

— גראספאטער! אה, יעצט ווייס איך געוויס אז דוא ביסט מיין גראספאטער, וויקטאָר דעוואָריע!

זשאַן האט זיא אנגעקוקט פערוואונדערט.

— פון וואַנען ווייסט איהר עס יעצט אזוי געוויס, אז דאס איז אייער גראס־פאטער? האט זיא איהם געפרעגט.

— איך קען עס אייך יעצט נאך ניט זאגען, ליעבער פריינד, האט איהם אדעלע געענטפערט. יעצט אבער ווייס איך געוויס, אז ער איז מיין גראספאטער.

— זאלען מיר דיר העלפען גראבען, גראספאטער? האט זיא איהם געפרעגט.

דער אלטער האט איהר ניט געענטפערט. מעגליך, ער האט זיא גאר ניט פער־שטאנען.

— איך מוז גראבען, זעהר טיעף גראבען, האט ער געזאגט צו זיך אליין.

אדעלע'ס מוטער האט איהר דערצעהלט, אז דער אלטער האט אליין געזוכט געוויסע דאקומענטען, וועלבע זיינען געווען זעהר נייטיג פאר דער פאמיליע דעווריע. באראָן־דע־קאַשאַן האט ביי זיי צוגענומען זייער גאנצעס פערמעגען און אלע זייערע גיטער. דער אלטער האט געוואלט בעווייזען, אז דיא גיטער געהערן צו איהם און האט געזוכט דיא דאָקומענטען. פלוצלונג האט מען איהם ארעטירט. זיא האט יעצט פער־שטאנען, וואס דער אלטער זוכט. אבער וויא קומט עס, וואס ער זוכט זיי דא, אין דער באסטיליע? דא קענען דאך דיזע דאָקומענטען געוויס ניט זיין. מעגליך, אז דאס איז זיין וואהנזין, זיין פיקסע אידעע. פלוצלונג איז איהר איינגעפאלען אין קאָפּ א נייער געדאנק. זיא איז צוגעגאנגען צו איהם נעהנטער און האט איהם געזאגט אויפ'ן אויער:

— גראספאער, איך וויס, אז דוא זוכסט אונזערע פאמיליען־דאָקומענטע. דוא ווילסט אפנעהמען אונזערע גיטער פון'ם באראָן־דע־קאָשאָן.

דער אלטער האט א ציטער געטהאן. א טיעפער זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון זיין ברוסט. ער האט צונויפגעלעגט זיינע דאַרע הענד אויף דער איינגעפאלענער ברוסט, האט געקוקט אויף זיין אייניקעל און האט קוים ארויסגערעדט:

— מיינע גיטער, מיינע שלעסער!

יעצט איז ער געווארען ווידער רוהיג. זשאן און אדעלע האבען איהם אנגענומען און האבען איהם ארויסגעפיהרט אין דרויסען, אויף דער פרייער לופט, אין ליכט פון דער שעהנער זון. דער אלטער האט זיך ווילד אומגעקוקט, האט געגעבען א געשריי און איז געפאלען אין אהנמאכט — ער האט ניט געקענט פערטראגען דיא לופט, דאס ליכט.

— זעהט דיא אונגליקליכע אָפּפער דער טיראַניי! האט געשריען דיא מענגע. זעהט, וואס אונמענשליכער דעספּאָטיזמוס האט געמאכט פון מענשען!

הונדערטע מענשען זיינען צוגעלאפען צו איהם, האבען איהם אויפגעהויבען, האבען איהם געגעבען וויין און האבען איהם אויפגעמונטערט. מען האט באלד גע־בראכט א גרויסען הוט און מען האט איהם אנגעטהאן טיעף איבער דיא אויגען, ער זאל ניט ליידען פון דער זון. מען האט איהם געבראכט א נייעם ראָק און מען האט איהם אנגעטהאן. דאן האט מען איהם געפיהרט איבער'ן הויף פון דער באסטיליע, אלס א צייכען פון זיעג, אלס א צייכען, אז דיא טיראַניי איז פערשוואונדען און אלע זיינען פריי.

— פרייהייט! פרייהייט! האט געדאָנערט דאס פאָלק פון אלע זייטען.

לאנגזאם און מיט שווערער מיה האט אדעלע און זשאן דורכגעפיהרט איהר גראספאטער ביז צום טויער פון דער באסטיליע. דאָרט· אויפ'ן גרויסען פלאץ פאר דער באסטיליע האבען זיי געמוזט בלייבען שטעהן. דיא מענגע איז געוועזן אזוי גרויס, אז עס איז געוועזן אונמעגליך דורכצוגעהן. דער אלטער מאן איז נאך דערצו געוועזן אזוי שוואך, אז ער האט זיך ניט געקענט ריהרען. אדעלע איז געוועזן פערצווייפעלט. זיא האט ניט געוואוסט, וויא אזוי דורכצוגעהן.

— דרך־ארץ פאר'ן אונגליק! האט אויסגערופען זשאן מיט זיין שטארקער שטימע. — מאכט א פלאץ פאר אן אָפּפער פון אונמענשליכקייט און טיראַניי! — העלפט בעסער דעם אונגליקליכען!

וויא א צויבער האט געווירקט זשאַן'ס רעדע אויפ'ן פאָלק. אלע האבען זיך גע־וואָרפען צום אלטען מאַן. מען האט געבראכט בענק, שטיהלע און קישענס און מען האט אניעדערגעזעצט דעם אלטען מיט'ן געזיכט צו דער באסטיליע.

דער אלטער האט יעצט געקוקט אויף דיעזע מויערן, אין וועלכע ער האט גע־שמאכטעט צוואנציג לאנגע, שווערע, בלוטיגע יאהר. — האט עס געפיהלט דער אל־טער, קראנקער מאַן? — ליידער, ניין, מוזען מיר זאגען. זיין פערשטאנד איז געוועזן פערדונקעלט. ער האט ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך, נור דיא מענגע האט עס געפיהלט. דאס פאָלק, דיא מאסע פיהלט דאס, וואס יעדער איינציגער פיהלט ניט.

עס טאפט, דאכט זיך, אין דער פינסטער; עס ווייס, דאכט זיך, ניט, וואס עס טהוט — און עס טהוט דאך ריכטיג און פינקטליך, וואס עס דארף טהאן. חאפט ארויס יעדען איינעם פון דער מאסע און פרעגט איהם, וואס ער טהוט, וועט ער ניט וויסען, וואס אייך צו ענטפערן, צוזאמען אבער טהוט דאך דיא מאסע דאס ריכטיגע.

אונטערדעסען האט מען ארויסגעבראכט דיא איבעריגע פינף געפאנגענע פון דער באסטיליע. דאס פאלק האט זיי אויך אויפגענומען מיט פריידען און האט זיי אויך אויסגעזעצט לעבען אלטען דעווריע. צווישען זיי זיינען אבער געווען אינגערע מענשען. דאס פאלק האט געוויזען מעהר סימפאטהיע צום אלטען שוואכען מאן.

8טעס קאפיטעל.

נ ו ט ע מ ע נ ש ע ן.

אזוי איז געפאלען דיא שטאלצע באסטיליע. מיט איהר איז פערשוואונדען גע־ווארען דיא מאכט פון דער טיראניי אין פראנקרייך. דאס פאלק האט ניט גערוהט, ביז מען האט צונומען דיא באסטיליע אויף שטיקער. זעקס מאנאטע נאך אנאנד האבען בויערן און ארבייטער עס געהאלטען פאר זייער פפליכט צו ארבייטען איינגע שטונדען אין טאג ביי דער צערשטערונג פון דער באסטיליע. איין שטיין נאכ'ן אנדערן האט מען צונומען און אריינגעווארפען אין טיעפען גראבען, ביז ער איז פול געווארען. ווען עס איז שוין גאר קיין פלאץ ניט געווען וואו אהין צו טהאן דיא שטיינער פון דער באסטיליע, האט מען זיי אנגעהויבען אוועקצופיהרען הינטער דער שטאדט. גאנצע הייזער אין פאריז, גאנצע גאסען זיינען אויסגעבויט געווארען פון דיא שטיינער פון דער באסטיליע. דאס פאלק האט ניט גערוהט, ביז דער ארט, וואו דיא באסטיליע איז געשטאנען, איז געבליעבען גלאט און ריין, גלייך וויא דארט וואלט קיין מאל קיין געביידע ניט געשטאנען.

אבער לאמיר ניט לויפען פאראויס, לאמיר זיך אומקעהרן צו אדעלע מיט איהר גראספאטער.

אדעלע האט איינגעזעהן, אז געהן צו פוס מיט דעם אלטען, שוואכען מאן איז אונמעגליך. זיא האט דאהער געבעטען איהר נייען פריינד, זשאן, ער זאל ברענגען א דראשקע אדער א קארעטע. זשאן איז אוועקגעגאנגען און האט באלד געבראכט א קארעטע. זיי האבען אריינגעזעצט דעם אלטען אין קארעטע. אדעלע האט זיך געזעצט לעבען איהם. זשאן האט זיך געזעצט זיי ענטגעגען. דיא מענגע האט געמאכט פלאץ און דיא קארעטע איז אוועקגעפאהרען.

וואוהין? — אדעלע האט געהייסען דעם קוטשער פאהרען צו דעם הויז, וואו זיא האט געגעבטיגט דיא פאריגע נאכט — ביי ביאנקא'ס קוזין, דאקאסטא.

קוים איז מען ארויסגעפאהרען פון דער מענגע, איז דיא קארעטע געפאהרען זעהר שנעל און אין א פיערטעל שטונדע ארום איז זיא צוגעקומען צום הויז. זשאן איז אראפגעשפרונגען פון דער קארעטע און האט אנגעקלונגען. מען האט געעפענט און געפרעגט, וואס ער דארף? ער האט געזאגט, אז ער דארף צו איינעם מיט'ן נאמען דאקאסטא. מען האט איהם געגעבען א בריעף, אדרעסירט צו אדעלע דעווריע.

זיא ערשטוינט איז געווען אדעלע, ווען זיא האט געעפענט דעם בריעף און האט איהם איבערגעלעזען. איהרע בעסטע פריינדין, איהר ביאנקא, שרייבט איהר, אז זיא האט פלוצלונג געמוזט אוועקפאהרען פון פאריז. זיא ווינשט איהר גליק און אלעס גוטע. זיא קען אבער פון איהרעט וועגען גאר ניט טהאן, ווייל זיא מוז שנעל אוועק פאהרען.

אדעלע האט אנגעהויבען צו ברעכען דיא הענד, ווען זיא האט איבערגעלעזען דיעזען זאנדערבארען בריעף.—וואס זאל זיא יעצט טהאן? אליין, עלענד, פערלאזען אין דעם גרויסען, רוישענדען און קאכענדען פאריז?—איהראונגליקליכער גראספאטער מוז האבען א בעזונדער צימער. מען מוז ארום איהם ארומגעהן. מען מוז איהם אפ־היטען. מען מוז איהם געבען גוט עסען און טרינקען — און דא איז זיא גאנץ אליין. קיין פריינד, קיין בעקאנטען האט זיא ניט אין פאריז. געלד האט זיא אויך ניט.

אדעלע איז געווען פערצווייפעלט. זיא האט געבראכען דיא הענד און האט געוויינט שטילערהייט. זשאן האט זיא בעטראכט איינינע מינוט. ער האט פערשטא־נען, אז דאס אונגליקליבע מעדכען איז אין א פערצווייפעלטער לאגע. ער האט אבער ניט געוואגט זיא צו פרעגען, וואס עס פעהלט איהר. ענדליך האט ער דאך געפאסט מוטה און האט זיא געפרעגט:

— וואו איז אייער פריינדין? פאר וואס קומט זיא ניט ארויס?

— זיא איז ארויסגעפאהרען פון פאריז, האט אדעלע געענטפערט טרויעריג. איך בין געבליעבען אליין, גאנץ אליין. — איך ווייס ניט, אויב מיין גראספאטער איז זיכער. ער האט פיינדע, מעכטיגע פיינדע, וועלכע פערפאלגען איהם. וואס וועט פון איהם ווערן?

— האט קיין מורא ניט, פריילין, האט זשאן געזאגט שטאלץ. מיר, דאס פאלק, וועלען שיצען אייער גראספאטער. דיא, וועלכע האבען איהם בעפרייט, וועלען וויסען, וויא אזוי איהם צו שיצען. — עס איז יעצט נור דיא פראגע, וואו איהר זאלט דערוויל נעכטיגען. — פיעללייכט וואלט איהר געפאהרען צו מיין מוטער —

ער איז רויט געווארען, ווען ער האט ארויסגעזאגט דיא לעצטע ווערטער.

— אה, געוויס! האט אדעלע געענטפערט, ביי אייער מוטער וואלט איך געוויס גענעכטיגט. איהר זייט געווען אזוי גוט געגען מיר. איהר האט זיך היינט אויפגעפיהרט אזוי עדעל, אזוי פריינדליך....

זשאנס אויגען האבען אנגעהויבען צו לייכטען פאר פרייד און פערגניגען.

— מיר זיינען צוואר ארים, האט ער געזאגט, איהר וועט אבער געפינען וואהרע פריינד, וועלכע וועלען זיך פאר אייך זארגען. עס וועט זיך נאך געפינען א צימעריל פאר אייך און פאר אייער גראספאטער.

— אך, וויא דאנקבאר וועל איך אייך זיין! האט אדעלע אויסגערופען. איהר זייט ווירקליך דער ענגעל פון הימעל, וועלכען גאט האט געשיקט מיך צו רעטען.

— ניט ענגעל קומען רעטען מענשען, האט זשאן געזאגט. **מענשען** דארפען העלפען איינער דעם אנדערן.

ער האט זיך צוריק ארייגגעזעצט אין דער קארעטע און האט געזאגט דעם

קוטשער, וואוהין ער זאל פאהרען. אין דיא גאסען האט עס געראוישט און געקאכט. איבראל זיינען געשטאנען מענשען און האבען גערעדט פון'ם שטורם דער באסטיליע. קיינער אבער פון דיא דריי, וועלכע זיינען געזעסען אין דער קארעטע, האבען זיך ניט אומגעקוקט צום ליארם אין דער גאס. שנעל האט זיך געקייקעלט דיא קארעטע, ביז זיא איז אריינגעפאהרען אין קווארטאל סען אנטואן, דאס איז דער ארבייטער קווארטאל אין פאריז, דארט וואוינען נור ארבייטער און ארימע מענשען. דיא קארעטע איז געבליעבען שטעהן פאר אן איינפאכעס, אבער ריינעס הויז. זשאן איז אראפגעשפרונגען און איז באלד ארויסגעקומען מיט זיין מוטער.

זיא איז צוגעקומען צו דער קארעטע, האט געעפענט דאס טהירעל און האט אנגענומען אדעלע ביי דיא הענד.

— זייט מיר ווילקאמען! האט זיא איהר געזאגט הערצליך. היינט איז א גרויסער טאג, היינט איז א פרעהליכער טאג. — אך! מיין אלטער זאל עס געווען דערלעבען צו זעהן, וויא דיא באסטיליע איז געפאלען און דיא געפאנגענע זיינען בעפרייט!

טרערען האבען געציטערט אויף איהרע ברעמען, ווען זיא האט געזאגט דיא לעצטע ווערטער. באלד אבער האט זיא זיך דערמאנט, אז יעצט איז ניט דיא צייט צו וויינען.

— קומט, פריילין, קומט, האט זיא געזאגט. ביי מיר אין שטוב וועט איהר געפינען שוץ און זיכערהייט.

וויא א מוטער זארגט זיך פאר איהר קינד, אזוי האט זיך דיא אלטע געזארגט פאר אדעלען מיט איהר גראספאטער. זיא האט זיי אריינגעפיהרט צו זיך אין שטוב, האט זיי אניעדערגעזעצט אויפ'ן בעסטען פלאץ, וואס זיא האט נור געקענט געפינען און האט איהר צוגעטראגען דאס בעסטע, וואס מען קען נור געפינען אין א שטוב פון אן ארימען ארבייטער.

דיא שטוב, וואס זשאן מיט זיין מוטער האט געוואוינט, איז געווען ניט גרויס אבער אלעס איז געווען ריין און שעהן. דיא אלטע פרוי, מאריע דעללאן — אזוי האט געהייסען זשאן'ס מוטער — האט באלד געמאכט טהעע פאר'ן אלטען און אדעלע, האט זיי געגעבען צו עסען און צו טרינקען, דאן האט זיא אויסגעבעט א ווייכעס געלעגער פאר'ן אלטען.

אדעלע האט געזעהן מיט א צוריסענעם הארצען, אז דער אלטער איז דיא גאנצע צייט געזעסען, וויא א קלאָץ און האט ניט געוואוסט, וואס מיט איהם טהוט זיך. ער האט גאר ניט געגעסען, האט נור אויסגעטרונקען א גלאז טהעע און איז ווייטער געבליעבען זיצען, וויא פערשטיינערט.

זשאן און זיין מוטער האבען געזעהן, אז אדעלע איז פערצווייפעלט און האבען זיא געטרייסט, וויא וויים זיי האבען געקענט. — ער מוז זיך אויסרוהען, ער מוז זיך געוועהנען אביסעל צו דער וועלט, ביז ער וועט צוריק קומען צו זיך.

מען האט געלעגט דעם אלטען שלאפען. אדעלע האט געוואלט וואכען לעבען איהם. זשאנ'ס מוטער אבער האט עס ניט דערלאזען.

— נאך אזא שווערען טאג פון אויפרעגונג, האט זיא איהר געזאגט, מוזט איהר

זיך לענגען אפרוהען. לענגט אייך צו. איך וועל וואכען לעבען אלטען.

— איך וועל אויך וואכען לעבען איהם, האט זשאן געזאגט.

זיי האבען אזוי לאנג גערעדט, ביז אדעלע האט געמוזט נאכגעבען. זיא האט זיך געלעגט שלאפען און, מיעד וויא זיא איז געוועז, איז זיא אויך באלד אנטשלאפען געווארען.

פלוצלונג האט זיא זשאנס מוטער אויפגעוועקט.

— שרעקט אייך ניט, ליעבעס פריילין, האט זיא איהר געזאגט. — אייער גראָס־פאָטער — קומט מיט מיר, — איהר מוזט איהם בערוהיגען.

אדעלע איז מיט איהר אריינגעגאנגען אין צימעריל, וואו איהר גראָספאטער איז געשלאפען, און האט דערזעהן, וויא דער אלטער שטעהט אין א ווינקעלע און קראצט דיא וואנד מיט דעם אויסגעקרימטען, פערראסטעטען נאגעל, וואס ער האט מיטגעבראכט פון דער באסטיליע.

— ליעבער גראספאטער, וואס זוכסט דוא דען דא, אין א פרעמד הויז?

דער אלטער האט איהר ניט געענטפערט. ער האט ווייטער געקראצט און ווייטער געגראָבען מיט'ן נאגעל. אדעלע האט אנגעהויבען צו וויינען. איהר גראספאָטער האט דורך זיינע לאנגע ליידען אין דער באסטיליע פערלאָרען זיין פערשטאנד.

— שוין זייט א גאנצע שטונדע שטעהט ער אזוי און גראָבט דיא וואנד און קראצט זיא, האט זשאן געזאָגט. איך האב שוין פּראָבירט אלע מעגליכע מיטעל איהם צו בערוהיגען. — עס העלפט ניט! איך האב געוואלט איהם אוועקשלעפּען מיט געוואלד, ער איז געוואָרען בייז און האט מיך אנגעקוקט אזוי ווילד, אז איך האב מיך פאר איהם דערשראקען.

— מיט געוואלד טויג ניט, האט אדעלע געזאָגט. לאמיר בעסער פּרובירען מיט גוטען איהם זאגען, אז זיין ארבייט איז אומזיסט.

זיא איז צוגעגאנגען צו איהם, האט איהם אנגעהויבען צו גלעטען און צו קושען.

— ליעבער גראָספאטער, וואס טהוסט דוא? — איך וויים, אז דוא זוכסט אונזערע פאמיליען דאקומענטען. דוא וועסט זיי אבער דא ניט געפינען. וויא קומען זיי אהער? מיר האבען דאך גאר ניט געוואינט אין פּאריז.

— איך מוז ארבייטען, מיין קינד. איך מוז ארבייטען; ווייל דער אויפזעהר איז ניטאָ, מוז איך זוכען.

דאס ווארט „אויפזעהר", וועלכעס דער אלטער האט אויסגערעדט, האט געגעבען זשאן א נייע אידעע, וויא אזוי צו בערוהיגען דעם אלטען, ער האט עס געזאגט אדעלען שטילערהייט. אדעלע האט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאפּ, אז זיא מיינט אויך, אז דאס וועט העלפען.

— הער נור, ארעסטאַנט! האט ער געזאגט צום אלטען שטרענג. וואס טהוסט דוא דא?

דער אלטער האט א ציטער געטהאן און האט שנעל בעהאלטען דעם נאגעל. ער האט געמיינט, אז דאס איז דער אויפזעהר פון דער באסטיליע. קוים אבער האט

ער דערזעהן, אז דאס איז ניט דער אויפזעהר, האט ער זיך ווייטער גענומען צו זיין ארבייט.

— מיר מוזען מאכען נאך א פראבע, האט ער געזאגט שטילערהייט צו אדעלען.

— הער נור אלטער! דער אויפזעהר טרעקור איז אוועקגעפאהרען, יעצט בין איך אייער וועכטער.

קוים האט דער אלטער דערהערט דעם נאמען טרעקור, איז ערווירקליך רוהיג געווארען.

— טרעקור האט מיך געשיקט, האט ווייטער זשאן געזאגט. ער הייסט אייך געהן שלאפען.

אדעלע האט אנגענומען דעם אלטען און האט איהם צוגעפיהרט צום בעט. ער האט זיך ניט געוועהרט און האט זיך געלאזט אניעדערלעגען. נור דעם נאגעל האט ער בעהאלטען אין ארבעל פון זיין העמד.

— טרעקור הייסט אייך שלאפען, האט ווייטער געזאגט זשאן שטרענג.

דער אלטער האט צוגעמאכט דיא אויגען. עס איז געווען דייטליך, אז ער שלאפט ניט. ער האט זיך אבער מורא געהאט צו ריהרען.

אדעלע, זשאן און זיין מוטער זיינען געשטאנען נאך א ווילע אין קליינעם צימעריל און זיינען ארויסגעגאנגען.

— אך! האט אדעלע געזיפצט. מיר האבען איהם בעפרייט פון דער באסטיליע, וואס האב איך אבער דערפון, אז ער איז אין גאנצען געבראכען אן לייב און זעעלע?

זיא האט יעצט דערצעהלט אלעס, וואס זיא האט געהערט פון איהר מוטער איבער איהר גראספאטער און איבער זייער פאמיליע. זיי זיינען א מאל געווען שטארק רייך, האבען געהאט שלעסער און גיטער אין לאטהערינגען. לעבען זיי האט געוואינט א באראן דע קאשאן. ער האט זיך פערליעבט אין איהר מוטער. איהר גראספאטער האט אבער ניט געוואלט פון איהם הערן. איהר מוטער האט אויך ניט ליעב געהאט דעם באראן דע קאשאן און האט איהם אפגעזאגט. דער באראן האט אנגעהויבען צו פיהרען א פראצעס מיט איהר גראספאטער. ער איז געווען אנגעזעהן ביים קעניג אין הויף. דיא ריכטער האבען פאר איהם מורא געהאט און האבען איהם צו געפסק'עט. באראן דע קאשאן האט צוגענומען אלע זייערע שלעסער און זייערע גיטער. ער האט אבער "געוואוסט, אז איהר גראספאטער האט דאקומענטען, אז דיא גיטער געהערן צו איהם און ער קען צו יעדער צייט צושטעלען דיא דאקומענטען צום געריכט, האט ער געטהאן אלעס מעגליכע צו בעקומען דיזע דאקומענטען. איהר גראספאטער האט זיי אבער ערגעץ בעהאלטען. ווען באראן דע קאשאן האט געזעהן, אז ער קען ניט בעקומען דיא דאקומענטען, האט ער פערמוסרט איהר גראספאטער ביים קעניג און דער קעניג האט איהם געהייסען אריינווארפען אין דער באסטיליע.

— יעצט פערשטעה איך, וואס דער אלטער זוכט און גראבט, האט זשאן געזאגט. ער האט ערגעץ בעהאלטען דיא פאמיליען דאקומענטען. ער ווייס אליין ניט וואו. — איהר דארפט אבער ניט פערצווייפלען, פריילייך, אדעלע. לאמיר האפען, אז ער וועט זיך אויסרוהען, וועט זיין פערשטאנד ווידער קומען צו איהם.

— יא, פריילין, האט זיך יעצט זשאַנס מוטער אריינגעמישט אין זייער געשפרעך. לאָמיר האפען דאס בעסטע. איהר דארפט יעצט ניר זארגען, אז אייער גראָספאטער זאָל האבען רוהע, פרישע לופט און גוטעס עסען. ער וועט געוויס קומען צו זיך און עס וועט נאך אלעס גוט ווערן. — יעצט איז נור דיא פראגע: וואו דענקט איהר צו בלייבען? איהר האט אין פאריז דאך קיינעם ניט. צוריק אין פענסיאָן קענט איהר אויך ניט געהן. אלזא, וואס דענקט איהר צו טהאָן?

— מוטער! האט אויסגערופען זשאַן. וואס פרעגסט דוא אזעלכע זאכען? זא לאנג דאס פריילין וועט נור וועלען, קען זיא בלייבען ביי אונז. — איך וועל שוין זאָרגען, אז אונזערע וואָינונג זאל זיין בעקוועמער און עס זאל דעם אלטען גאר ניט פעהלען.

ער האט זיך יעצט געווענדעט צו אדעלען.

— זייט אונבעזארגט, פריילין! מיר זיינען ניט ארים, איך פערדיען זעהר שעהן. איך האב זאגאר אפגעשפאָרט עפּעס געלד אין דער באנק.

— יא, יא, פריילין, האט יעצט זשאַנס מוטער געזאָגט. מיין זוהן פערדיענט זעהר פיעל געלד. ער איז א שניצער אין עלפען ביין. זיין ארבייט ווערט זעהר געשעצט. ער איז א גרויסער קינסטלער. ער מוז אבער דערוויל נאך ארבייטען ביי יענעם, ביז ער וועט האבען עטליכע טויזענד פראנקס און וועט זיך אליין עפענען אן אטעליע (א פאבריק).

— לאז זיין, מוטער! וואס רעדסט דוא פון מיר. יעצט דארפען מיר זעהן, אז דאס פריילין און איהר גראספאטער זאלען זיך אויסרוהען. דער אלטער זאל קומען צו זיך און זאל ווערן צוריק א מענש. פון מיר וועלען מיר שוין רעדען אנאנדער מאָל.

— אך, פריינד! האט אויסגערופען אדעלע. איך קען עס ניט אננעהמען פון אייך. איך וויל ניט פאלען אייך צו לאסט. איך מוז זעהן ארויסצופאהרען פון פאריז, וויא אם שנעלסטען. איך בין דא ניט זיכער. איך וויים, אז דער באראָן דע קאַשאָן וועט אונז זוכען. ער וועט געוויס וועלען צוריק ארעסטירען מיין גראספאטער.

— וואס רעדט, איהר פריילין? דער באראן וועט שוין גאר ניט קענען טהאָן. דער איצטיגער קעניג איז גאר אנאנדער מענש. ער איז ניט אזוי, וויא זיין פאָטער. ער האט שוין מורא פארן פאָלק. — בלייבט ביי אונז, טהייערעס פריילין, און האט גאר קיין מורא ניט.

— עס איז שוין שפעט, קינדער, האט פלוצלונג זשאַנס מוטער געזאָגט. לאָמיר יעצט געהן שלאפען און מארגען וועלען מיר דערפון רעדען. — „קאמט צייט, קאמט ראטה", זאגט דאס שפּריכוואָרט.

אלע זיינען זיך צוגאנגען אין זייערע צימער, דער אלטער איז געשלאפען רוהיג און דיא נאכט איז פערגאנגען גאנץ שטיל.

דעם אנדערן טאָג אין דער פריה איז זשאַן ארויסגעגאנגען אויף דער גאס הערן, וואס עס טהוט זיך עפּעס אין פאריז. קיין מיליטער איז ניט אנגעקומען.

אבער וואס האט געטהאָן דער קעניג אין דער צייט, וואס דאס פאלק האט איינגענומען דיא באסטיליע? וועט דער לעזער געוויס פרעגען. איז דאס מעגליך, אז אין קעניגליכען פאלאץ האט מען גאנץ רוהיג צוגעזעהן, וויא דאס פאָלק האט איינ־

גענומען דיא באסטיליע און האט געטייטעט דעם גובערנאטאר דעלאנע אוי דעם סיטי מאיאָר, פלעסעל? —

גענוויס ניט! אין קעניגליכען פּאלאַץ זיינען געזעסען דיא מיניסטארען און האבען געקלערט, וויא אזוי מען זאל צווינגען דאס פּאָלק, ער זאל וויעדער איינביינגען דאס קאָפּ פאר'ן קעניג. דע ברעטעיל, דער ערשטער מיניסטער, האט שטאָלץ פערשפּראָכען, אז אין דריי טאג ארום וועט דאס פראנצויזישע פאלק ציטערן פאר זייער קעניג, וויא איז דיא אלטע צייטען. דער פעלד מארשאל, דע בראָליע האט געזאגט, אז אין דריי טאָג געפינט זיך דיא גאנצע פראנצויזישע ארמעע אין פּאריז. לאזען דיא בויערן און דיא ארבייטער דערוויל שרייען און ליאַרמען, וויא פיעל זיי ווילען. מיר וועלען זיי שוין אנלערנען! — מיר מוזען אבער אלעס טהאן, שטילערהייט, אינס געהיים. מיר וועלען אנפּאַלען אויף זיי פּלוצלונג, ווען זיי וועלען זיך ניט ריכטען און ניט היטען. דאן וועלען מיר מיט אמאל צוטרעטען און פערניכטען דיא גאנצע רעוואָלוציאָן.

דאס איז געווען דיא אורזאכע, וואס דעם 15טען יולי אין דער פריה, ווען זשאן איז ארויסגעגאנגען אויף דער גאס הערן, וואס עס טהוט זיך, האט ער געפונען, אז דאס פאלק איז גאנץ פרעהליך און איז פעסט ענטשלאסען ניט נאכצוגעבען דעם קעניג.

— מען האט מורא פאר אונז, האט געזאגט איינער צום אנדערן. דעם קעניגס סאלדאטען וועלען ניט שיעסען אויפ'ן פאלק. זיי זיינען אויך קינדער פונ'ם פאלק און האלטען מיט אונז.

זשאַן איז געקומען א היים און האט געבראכט אדעלען דיא פרעהליכע נאכריכט, אז אלעס איז רוהיג. קיין מיליטער איז ניט אנגעקומען. יעצט וועט שוין קומען אנאנ־דערע צייט, אַ צייט פון פרייהייט און גלייכהייט.

ווען אדעלע איז אריינגעגאנגען אין איהר צימער עפּעס צו נעהמען דארט, האט זיא געפונען דארט א גאַנצען בונד מיט קליידער. דאס זיינען געווען דאמען קליידער. אדעלע האט נאך אלץ געטראגען דיא מענער קליידער, וועלכע זיא האט זיך אנגע־טהאן נעכטען אין דער פריה ביי דאקאָסטא.

— וועמעס קליידער זיינען דאס? האט אדעלע געפרעגט זשאנ'ס מוטער. זיינען עס אייערע קליידער?

— דאס האט מיין זוהן געבראכט פון אייערטוועגען, האט מאריא דעלאן געענט־פערט. איהר קענט דאך ניט ארויסגעהן אויף דער גאס אין מענער קליידער.

אדעלע האט געזוכט זשאנ'ען, זיא זאל איהם פרעגען, וויאפיעל דיא קליידער קאסטען. ער איז אבער ניט געווען אין צימער. ער איז ערגעץ ארויסגעגאנגען.

יעצט ערשט האט זיא אנגעהויבען צו פערשטעהן איהר טרויעריגע לאַגע. זא לאנג זיא איז געווען צוזאמען מיט ביאנקא און דאקאָסטא, האט ביאנקא בעצאהלט פאר אלעס, וואס זיא האט געברויכט. יעצט אבער האט זיא זיך אומגעקוקט און האט אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז אהן געלד קען זיא גאר ניט מאכען, אז געלד איז זעהר א נייטיגע זאך. זיא האט זעהר גוט פערשטאנען, אז דיא קליידער קאסטען געלד. זשאן האט געמוזט נעהמען פון דער באנק פונ'ם געלד, וואס ער האט אפּגעשפּארט

צו עפענען זיך א געשעפט. דאס האט איהר זעהר געקרענקט. זיא האט זיך געווענדעט צו זשאנ׳ס מוטער און האט איהר געזאגט:

— איך קען עס ניט ערלויבען, אז אייער זוהן זאל אויפגעבען אזוי פיעל געלד אויף מיר. איך ווייס ניט, ווען איך וועל זיין אים שטאנד איהם אפצוגעבען.

— זייט אונבעזארגט, פריילין, האט מאריא דעלאן געענטפערט. מיין זוהן האט עטליכע טויזענד פראנק אין דער באנק. ער וועט ארבייטען און וועט ווידער פער־דיענען. ער איז א גרויסער קינסטלער און ווען עס געראָטה איהם עפּעס, בעצאהלט מען איהם זעהר גוט.

זיא האט געוואלט וויזען וואס פאר א קינסטלער איהר זוהן איז און האט געעפענט א קעסטעלע, פון וועלכער זיא האט ארויסגענומען א ראזע, געשניצט פון עלפענביין. אדעלע איז געווען ענטציקט. אזא ארבייט האט זיא נאך אין איהר לעבען ניט געזעהן. דיא ראָזע איז געווען אזוי ריכטיג, אזוי געטריי דער נאַטור נאכגעמאכט, אז, ווען מען האט זיא ניט געהאלטען אין דיא הענד, האט מען געקענט מיינען, אז דאס איז א נאַטירליכע ווייסע ראזע, נור וואס אפגעריסען פון׳ם בוים.

— אבער וואו איז זשאן? האט אדעלע געפרעגט זיא האט איהם געוואלט לֿ בען פאר זיין ארבייט.

— ער איז ווידער געגאנגען אין דיא גאסען זעהן, וואס עס טהוט זיך אין פאריז, האט דיא אלטע געענטפערט.

דאס מאל האט זיך זשאן לאנג געזאמט. ער איז ארומגעגאנגען אין אלע גאסען און אויף אלע פלעצער זעהן און הערן, וואס דאס פאלק טהוט. ער האט אויך געזעהן און געהערט וואונדערבארע דינגע.

אין שטאדט האבען זיך פערברייטערט פערשיעדענע נאכריכטען. מען האט דערצעהלט, אז דער קעניג האט צונויפגערופען דיא אפיציערן פון דיא רעגימענטער, וועלכע זיינען געשטאנען ארום פאריז, בעזאנדערס פון דיא פרעמדע — דייטשע און שווייצערישע רעגימענטער — און האט געמאכט פון זייערט וועגען א באלל אין זיין פאלאץ. דער קעניג, דיא קעניגין, דיא פרינצען, דיא פרינצעסינען, דיא מיניסטארען און דיא האפדאמען האבען געגעסען, געטרונקען און זיך געקושט מיט דיא איינפאכסטע אפיציערן. צום ענדע פון׳ם באלל זיינען דיא אפיציערן געווארען אזוי בעגייסטערט, אז זיי האבען אויפגעהויבען דיא שווערדען און האבען געשווארען צו בלייבען טריי דעם קעניג, ביז אין טוידט.

דיא פערטרעטער פון׳ם פאלק האבען זיך ווידער פערזאמעלט און גראף מיראבאָ האט געהאלטען איינע פון זיינע גלענצענדסטע רעדען, אין וועלכער ער האט אויפגע־פאָרדערט דאס פאלק צו קעמפפען און צו פערטהיידיגען זיינע רעכטע.

ווען מען האט בעשלאסען צו שיקען א דעפּוטאציאָן צום קעניג און מען זאל איהם זאגען, וואס דאס פאלק פערלאנגט, האט זיך גראף מיראבאָ געווענדעט צו דיא דעפּוטאַטען און האט זיי געזאגט מיט זיין שטארקער, העלער שטימע.

— זאגט איהם (דעם קעניג) אז ניט אזוי האט געטהאן זיין בעריהמטער גראָספאָטער, קעניג הענריך דער פערטער. ווען ער האט בעלאגערט פּאריז, וועלכעס

איז געווען געגען איהם, און איז געוואהר געווארען, אז אין פאריז איז ניטא קיין ברויט, דאס פאלק ליידעט הונגער,— האט ער באלד אריינגעשיקט ברויט און פלייש פאר'ן פאָלק. דאס פאָלק איז ביי איהם טהייערער געווען פון זיין קרוין.

זאגט איהם, אז דערזעלבער קעניג העגריך דער פערטער האט געזאגט, אז ער וועט נור דאן גליקליך זיין, ווען ער וועט וויסען, אז יעדער ארבייטער, יעדער בויער האט א הוהן אין טאָפּ אויף מיטאָג.

זאגט איהם, אז ער האט צוגויפגערופען דיא אָפיציערן פון פרעמדע רעגימענטער און האט זיי בעשענקט מיט גאלד און בעווירטהעט מיט וויין, אז זיי זאלען אונטער־דריקען דאס פאָלק.—זאגט עס איהם אלעס. לאז ער וויסען, אז דאס פאלק קען מען ניט אפּנארען.

מען קען זיך לייכט דענקען, וואס פאר אן ענטציקען דיעזע רעדע האט ארויס־גערופען אין פאלק. אין דיעזע מינוטע איז דער קעניג אריינגעקומען אין פערזאמלונגס זאל.

אלע האבען געשוויעגען, ווען ער איז אריינגעקומען. קיינער האט זיך ניט אויפ־געהויבען פון זיין ארט. קיינער האט איהם ניט בעגריסט, אבוואהל ער איז געקומען גאנץ אליין, אהן א וואך און אהן א בעגלייטונג. ער האט גוט פערשטאַנען דיעזען עמפּפאנג און האט אנגעהויבען צו ערקלערן, אז מען אורטהיילט איהם פאַלש. אז ער איז קיין מאל ניט געווען געגען פאלק. ער איז שטענדיג געווען איינס מיט'ן פאָלק און וועט זיך שטענדיג בעמיהען צו טהאן אלעס מעגליכע צום וואהל אין בעסטען פון'ם פאָלק.

— זעהט! האט ער געענדיגט זיין רעדע. — זעהט, איך פערטרוי מיך אויף אייך!

דיעזע ווערטער האבען געווירקט. אלע האבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פלע־צער און האבען איהם בעגריסט. אלע האבען זיך פאר איהם פערנייגט און דיא גאנצע פערזאמלונג האט איהם בעגלייט א היים. אין דיא גאסען, וואו זיי זיינען דורכגעגאנ־גען, האט מען געשריען: „עס לעבע דער קעניג!“ אין דערזעלבער צייט אבער האבען אנדערע געשריען: „עס לעבע דאס פאלק!“

דאס פאלק האט זיך אויפגעהאפט, עס האט אנגעהויבען צו פיהלען זיין מאכט דער לייב האט אנגעהויבען צו ברומען און אלע ווילדע חיות האבען געציטערט.

דאס זיינען געווען דיא נאבריכטען, וועלכע זשאן האט געבראכט אדעלען.

דאס פאלק האט נאך אלץ בעטראכט דעם קעניג אלס זיין הערשער, אלס זיין אנפיהרער. עס האט נור פון איהם געפאָדערט, ער זאל ניט טהאן, וואס ער וויל, זאנדערן, וואס דאס פאלק וויל.

— יעצט, ליעבעס פריילין, האט זשאן געזאגט, האט איהר ניט וואס מורא צו האבען. דער קעניג אליין האט געפונען, אז דאס פאלק האט רעכט געהאט, וואס עס האט צערשטערט דיא באסטיליע.

6טעם קאפיטעל.

ביאַנקאַ און נאַפּאָלעאָן.

מען פערגלייכט א פאלק מיט א מענשען. ווען דער מענש טהוט זיך א זעץ אין פינגער, פיהלט דער גאנצער קערפּער דעם שמערץ. ווען דאס אויג פיהלט א פערגניגען, וואס עס זעהט א שעהנעס בילד; ווען דער אויער פיהלט פערגניגען, ווען ער הערט א גוטע מוזיק; ווען די נאז פיהלט א פערגניגען, ווען זיא שמעקט דעם פערפיום פון א בלום — פיהלט דער גאנצער קערפּער דאס זעלבע פערגניגען.

א פאלק איז אויך דאס זעלבע. געשעהט אן אומגליק אין איין שטאדט, פיהלט עס דאס גאנצע פאָלק. איז געראטהען פרוכטען אדער ברויט אין איין פּראָווינץ, פיהלט עס דאס גאנצע פאָלק. אלעס וואס האט זיך אין די לעצטע טעג איבערגע־טהאן אין פּאַריז, האט מען געוואוסט און געפיהלט אין גאנץ פראנקרייך. עס זיינען דאמאלס נאך ניט געווען קיין טעלעגראפען, קיין אייזענבאהנען. קיין שנעל ציגע און דאך האט מען אין אלע שטעדטלעך און דערפלעך שוין געוואוסט, אז דער קעניג האט געזאגט, אז ער איז איינס מיט'ן פאָלק און וויל טהאן נור, וואס דאס פאָלק פערלאנגט.

אין דעם קליינעם שטעדטעל בעזיער האט געהערשט פרייד, געזאנג און טאנץ. ארבייטער, בויערן, בירגער און סאלדאטען האבען זיך ארומגענומען, האבען זיך גע־פרייט און האבען געטאנצט אין די גאסען.

— פרייהייט און גלייכהייט! די באסטיליע איז געפאלען! מען קען ניט מעהר ארעסטירען א מענשען אהן א בעפעהל פון א ריכטער! האט מען געשריען אין אלע גאסען, אין די ארימסטע שטיבעלעך און אין די שמוציגסטע געסלעך.

עס זיינען פערגאנגען עטליכע טעג אין פרייד, געזאנג און טאנץ, ביז דאס פאָלק איז מיעד געווארען און האט זיך דערמאנט, אז צום געזאנג און טאנץ מוז מען נאך האבען עפּעס צו עסען. יעדער האט זיך ווידער גענומען צו זיין בעשעפטיגונג.

דער קאמענדאנט נאדען איז געווען העכסט צופריעדען, וואס די מענגע איז זיך צוגאנגען. ער האט זיך ערלויבט ארויסצונעהן פריהער אין הויף פון דער פעסטונג, דאן — אויף דער גאס. קיינער האט איהם ניט בעאונרוהיגט, קיינער האט איהם ניט בעליידיגט. דא אבער האט זיך אנגעהויבען א נייע צרה. די סאלדאטען האבען אנגעהויבען צו פאדערן, מען זאל זיי בעצאהלען זייער געהאלט *). אנפאנגס האבען זיי געבעטען גאנץ העפליך. אזוי וויא אבער דער קאמענדאנט האט קיין געלד ניט געהאט און האט זיי אפּגעפיהרט פון איין טאָג אויפ'ן אנדערן, זיינען די סאָלדאטען געווארען אלץ אונגעדולדיגער און האבען אנגעהויבען צו פאדערן זייער געלד אלץ שטרענגער און שטרענגער.

דעם 16טען אויגוסט האט זיך דאס גאנצע מיליטער פערזאמעלט פאר'ן הויז פון'ם קאָמענדאנט און האט אנגעהויבען צו שרייען און צו ליארמען, מען זאל זיי בע־צאהלען. דער קאמענדאנט האט זיך איבערגעשראקען און האט זיך מורא געהאט צו

*) דאס ווארט „סאָלדאַט" שטאַמט פון'ם ווארט סאלד — לוין, בעצאהלונג, ווידשעס. דאמאלס זיינען אלע סאלדאטען געווען געדונגענע. מען האט געצאהלט יעדען סאלדאט א גע־ויסען מאנאטליכען געהאלט.

ווייזען פאר זיי. איהם האט ניט געקענט ארויסגעהן פון קאָפּ דיא געשיכטע פון דער באסטיליע און וויא מען האט געטייטעט דעם גוּבערנאטאר דעלאָנע.

דיא סאָלדאטען האבען ארומגערינגעלט זיין קווארטיר, האבען געשריען, גע־ליארמט און געדראָהט:

— צאהלט אונז אויס אונזער געהאלט, אָדער....

דער קאמענדאנט איז געווען פערצווייפעלט. פלוצלונג איז אנגעקומען נאפּאָ־לעאָן. דיא סאָלדאטען האבען איהם אויך ניט געוואָלט דורכלאזען צום קאָמענדאנט.

— מאכט פּלאץ! האט ער אויף זיי א געשריי געטהאן אין דער הויך. איך געה צום קאָמענדאנט איבעררעדען מיט איהם, וויא אזוי אייך צו בעצאָהלען.

דיא סאלדאטען האבען איהם דורכגעלאזען. ער איז אריינגעקומען צום קאָמענ־דאנט אין הויז און האט קוים אויסגעזוכט דעם קאמענדאנט.

— העלפט מיר, נאפּאלעאָן! האט דער קאמענדאנט געזאגט, ווען ער האט איהם דערזעהן.

— דאס בין איך עבען געקומען צו אייך, האט נאפּאלעאן געענטפערט רוהיג.

— איך דאנק אייך זעהר, האט נאדען געזאגט. וויא אזוי אבער וועט איהר מיר העלפען, אז דיא קאסא איז לעדיג? איך האב ניט, פון וואנען זיי צו בעצאָהלען.

— הערר קאמענדאנט! האט נאפּאלעאן געענטפערט, מען מוז דיא סאָלדאטען בעצאהלען.

— אבער וויא אזוי? מיט וואס?

— וויא אזוי צאהלט איהר אייערע אייגענע שולדען?

— איך לייה מיר ביי איינעם און ביים אנדערן און בעצאהל.

— נו, לייהט און בעצאהלט דיא סאָלדאטען.

— ווער וועט מיר אבער לייהען געלד אין אזא אונרוהיגע צייט?

— ווייל עס איז אן אונרוהיגע צייט, וועט מען אייך געבען געלד. — וויא פיעל געלד דארפט איהר אום דיא סאלדאטען צו בעצאהלען, ביז אין ערשטען אויגוסט?

— הונדערט טויזענד פראנק, האט דער קאמענדאנט געענטפערט.

— גוט! האט געזאגט נאפּאלעאָן און האט זיך געזעצט צום טיש שרייבען.

ער האט אנגעשריעבען א בריעף צו דיא קויפלייטע פון בעזיער און האט זיי געבעטען, אז ביז אין צוויי שטונדען זאלען זיי איהם שאפען הונדערט טויזענד פראנק. ווען זיי וועלען עס ניט טהאן, וועט ער ניט זיין פעראנטוואָרטליך, ווען דיא סאלדא־טען וועלען ווערן אונרוהיג און וועלען זיך ערלויבען צו נעהמען, וואס זיי וועלען געפי־נען אין שטאדט.

ווען ער האט געענדיגט שרייבען האט ער דערלאנגט דעם בריעף דעם קאמענ־דאנטען.

— שרייבט אונטער, הערר קאמענדאנט. דאס איז אייער רעטונג.

— וואס טהוט איהר, ליעטענאנט נאפּאלעאן? האט דער קאמענדאנט אויס־גערופען. אין אזא צייט, ווען דאס פאָלק איז אזוי אויפגערעגט און פרייט זיך מיט זיין פרייהייט, זאל איך זיי דראָהען?

— זיי צווינגען אייך דערצו, האט נאפאלעאן געענטפערט קאלט. — שרייבט אונטער, הערר קאמענדאנט. דאס איז אייער רעטונג.

דער קאמענדאנט האט אונטערגעשריעבען. נאפאלעאן האט ארויסגעטראגען דעם בריעף צו דיא סאלדאטען.

— סאלדאטען! האט ער זיי געזאגט, טראגט אפ דיעזען בריעף צום בירגער־מייסטער. אין צוויי שטונדען ארום בעקומט איהר אייער געלד.

— הורראַ! האבען דיא סאלדאטען געשריעען. הורראַ! עס לעבע אונזער ליע־טענאנט, נאפאלעאן באנאפארטע!

מיט געשריי און געזאנג האבען זיי אוועקגעטראגען דעם בריעף צום בירגער־מייסטער. ער האט באלד צונויפגערופען אלע קויפלייטע פון דער שטאדט. מען האט זיך בעראטהען און מען האט בעשלאסען, אז מען מוז געבען דיא הונדערט טויזענד פראנק דיא סאלדאטען. זיי האבען ליעב דאס פאלק, דערפאר צאהלט זיי דער קעניג ניט זייער געהאלט. דאס פאלק אבער מוז דאנקבאר זיין און מוז זיי בעצאהלען.

אין צוויי שטונדען ארום האבען דיא סאלדאטען בעקומען זייער געהאלט. נא־פאלעאן איז געווארען זייער אבגאט. זיי האבען איהם געליבט און געריהמט אין דיא גאסען.

אויפ'ן דריטען טאג אין דער פריה איז צו איהם געקומען א דיענער פון א האטעל אין שטאדט און האט איהם געזאגט, אז א פרעמדער הערר מיט א יונגע דאמע, וועלכע זיינען ערשט אנגעקומען אין שטאדט, ווילען איהם זעהן.

— אדעלע? האט אויסגערופען נאפאלעאן. דאס איז געוויס אדעלע. זיא איז געקומען צו מיר! זיא ליעבט מיר נאך! זיא האט בעפרייעט איהר גראספאטער און איז מיט איהם געקומען אהער.

ער האט זיך שנעל אנגעטהאן און איז געלאפען אין דעם האטעל, וועלכען דער דיענער האט איהם אנגעוויעזען. וויא גרויס איז געווען זיין ערשטוינונג; ווען ער איז אריינגעקומען אין צימער א ן ביאנקא איז איהם ענטגעגען געלאפען, האט איהם גע־געבען דיא האנד און האט איהם ארומגענומען מיט'ן אויסרוף:

— נאפאלעאן! מיר האבען פרייהייט! מיר האבען דיא רעוואלוציאן! אין אונ־זער פאטערלאנד, אין קארסיקא זיינען אלע אויפגערעגט. מען דארף נור האבען א טיכטיגען אנפיהרער.

— אבער ביאנקא?.... האט זיך אפגערופען פון א ווינקעל דאקאסטא.

נאפאלעאן איז געווען אזוי איבעררראשט, אז ער האט ניט בעמערקט דאקאסטא, וועלכער איז געזעסען אין א ווינקעל.

— אך, דוא ביסט עס, דאקאסטא? האט זיך יעצט אפגערופען נאפאלעאן. פון וואנען קומסט דוא? וואס הערט זיך עפעס נייעס אין פאריז?

— איך קום ניט פון פאריז, האט דאקאסטא געענטפערט. מיר קומען יעצט פון קארסיקא.

— פון קארסיקא? האט נאפאלעאן געפרעגט פערוואונדערט.

— יא, פריינד, פון קארסיקא, האט ביאנקא גענענטפערט. מיר קומען דיך נעהמען א היים. דוא וועסט זיין אונזער אנפיהרער, אונזער בעפרייער.

נאפּאָלעאָנ׳ס אויגען האבען אנגעהויבען צו פונקעלן. זיין טרוים, זיין שטרעבונג, זיין לעבענסוואונש וועט באלד ערפילט ווערן.

קארסיקא איז א גרויס אינזעל לעבען איטאליען. עס פלעגט שטענדיג האבען זיינע אייגענע קעניגע. מיט צוואנציג יאהר צוריק האט עס פראנקרייך אפּגענומען. דיא איינוואינער פון קארסיקא זיינען ניט געוועזן צופריעדען מיט פראנקרייך און האבען שטענדיג געטראכט, וויא אזוי זיך אפּצורייסען פון פראנקרייך. נאפּאָלעאָן איז געבאָרען געוואָרען אין קארסיקא. זיין פאָטער איז געוועזן אן ארימער פארמער. ער האט אבער זיך זעהר שטארק אינטערעסירט אין אלעמען, וואס איז פאָרגעקומען אין קארסיקא.

ביאנקא האט איהם ניט אפּגעלאזען. זיא האט איהם נאך אלץ געהאלטען ביי דער האנד.

— איך וויים, אז מען וועט דיך ניט לאזען פאהרען. דיין קאמענדאנט וועט דיר ניט ערלויבען אוועקצופאהרען אין אזא אונרוהיגע צייט. איך בין דאהער געקומען מיט מיין פריינד דאקאָסטא מיט א פאלשען פּאספּאָרט. מיר ווילען דיר העלפען צו אנט־לויפען פון דאנען.

— אנטלויפען? האט אויסגערופען נאפּאָלעאָן שטאלץ. נאפּאָלעאָן באנאפּארטע אנטלויפט ניט! דער קאָמענדאנט וועט מוזען מיר געבען אן ערלויבניס צו פאהרען א היים!

ביאנקא האט אויף איהם געקוקט מיט שטוינען און מיט ליעבע. דאס איז דער העלד, פון וועלכען זיא האט שטענדיג געטריימט. דאס איז דער מאן, פון וועמעס וועגען זיא האט פעררעטהען איהרע בעסטע פריינדין, אדעלע. זיא האט אונטערגע־שלאגען אדעלעס בריעף צו איהם, זיא האט נאכגעמאכט א פאלשען בריעף פון אדעלע נור אום איהם אפּצורייסען פון אדעלע׳ן. יעצט האט זיא געזאגט; יעצט איז איהר אלעס געלונגען. יעצט וועט נאפּאָלעאָן פאהרען מיט איהר קיין קארסיקא. ער וועט זיך אין איהר פערליעבען און וועט זיא הייראטהען. ווען נאפּאָלעאָן האט איהר געזאגט אז דער קאמענדאנט מוז איהם געבען ערלויבניס צו פאהרען א היים, איז ביאנקא געוואָרען פול מיט פרייד.

— אך, נאפּאָלעאָן! דוא ביסט ווירקליך א העלד! דוא וועסט אונז בעפרייען! געה און נעהם אן ערלויבניס פון דיין קאָמענדאנט. דיא פערד שטעהן אנגעגרייט. אלעס איז פערטיג צו דער רייזע.

נאפּאָלעאָן איז אוועקגעגאנגען צו זיין קאָמענדאנט. קוים איז ער ארויסגעגאנגען, איז דאקאסטא אויפגעשפּרונגען, וויא א געררייצטער טיגער, און איז צוגעלאָפען צו ביאנקא.

— דוא ליעבסט איהם! האט ער אויסגערופען און האט געקריצט מיט דיא צעהנער פאר רציחה. דוא האסט געשוואָרען מיך צו הייראטהען, אבער דוא האסט מיך בעטראגען. דוא ליעבסט איהם. דוא האסט מיך געברויכט נור אלס ווערקצייג. אלס מאשין. —

ביאנקא האט זיך צולאכט מיט איהר יונגען, פרעהליכען געלעכטער.

— וואס רעדסט דוא, דאקאסטא? איך חנפ'ע איהם, ווייל אונזער פאטערלאנד דארף איהם יעצט האבען מיין אנקעל האט מיך געשיקט איהם ברענגען, ווייל מיר דארפען יעצט א גוטען אפיציער. — דוא אליין האסט דאך אויך געזאגט, אז נאפאלעאן באנאפארטע איז יעצט נאטהווענדיג אין קארסיקא. ער וועט קאמאנדירען אונזער ארמעע.

זיא האט איהם געמאכט אזוי פיעל פארווירפע און האט איהם בעוויעזען אזוי פיעל פריינדליכקייט און ליעבע, אז דאקאסטא האט זיך ענדליך בערוהיגט.

וויא נאפאלעאן האט געזאגט, אזוי איז עס געווען. דער קאמענדאנט האט איהם אנפאנגס ניט געוואלט געבען קיין ערלויבניס. ער האט אבער געמוזט ענדליך נאכגעבען. ער האט מורא געהאט פאר נאפאלעאנען.

— איך קען אייך אבער געבען אן ערלויבניס נור אויף זעקס מאנאט, האט ענדליך געזאגט דער קאמענדאנט.

— מעהר דארף איך ניט. אין זעקס מאנאטע קען איך בערוהיגען ניט נור דאס קליינע קארסיקא, זאנדערן דאס גרויסע פראנקרייך.

ביאנקא איז געווען גליקליך, ווען נאפאלעאן איז צוריקגעקומען און האט איהר געזאגט, אז ער האט אן ערלויבניס צו פאהרען א היים.

פאהרען מיט איהם צו זאמען! זיין מיט איהם צו זאמען! דאס איז געווען איהר העכסטענס גליק.

אין א קורצע צייט איז אלעס געווען פערטיג צור אברייזע. נאפאלעאן האט געהאט ווייניג באגאזש. דאס פארבערייטען זיך צו רייזע האט ביי איהם ניט געדויערט. געלד האט ער אויך ניט געהאט, דערפאר אבער האט ער געהאט שטאלצע פלענער און פיעלע האפנונגען.

איהם שטעהט פאר א קרוין! ער וועט זיין קעניג פון קארסיקא! ביאנקא האט א רייכע און אן אנגעזעהנע פאמיליע אין קארסיקא. ווען עס וועט נייטיג זיין, וועט ער זיא הייראטהען אום נור זיינע צוועקע צו ערגרייכען. ער איז נאך געווען יונג, פאר איהם איז נאך געווען דיא קרוין פון א קליין אינזעל, וויא קארסיקא. שפעטער איז איהם ווייניג געווען דיא קייסער קרוין פון פראנקרייך. ער האט געוואלט אפנעהמען דיא גאנצע וועלט, וויא מיר וועלען זעהן אין דיא ווייטערע קאפיטלען.

7טעס קאפיטעל.

באראן דע קאשאן.

עס זיינען פערגאנגען אייניגע טעג, זייט אדעלע מיט איהר גראספאטער האבען געוואוינט ביים ארבייטער זשאן דעלאן. זיא האט שוין עטליכע מאל ערקלערט, אז זיא וויל אוועקפאהרען פון פאריז. זיא האט אן אנקעל אין וויען. ער איז א הויכער בעאמטער אין עסטערייכישען קייזערליכען הויף. זשאן אבער האט זיא אלץ אפגערעדט. ער האט זיא געבעטען, זיא זאל נאך ווארטען. איהר גראספאטער זאל קומען אביסעל צו זיך.

— איך ראטה אייך ניט צו געהן אין דיא גאסען פון פאריז. דער קעניג מיט זיין הויף איז יעצט אין פאריז און מיט איהם איז דא דער באראָן דע קאָשאָן. ער וויים זעהר גוט. אז דאס פאלק האט בעפרייט דעם אלטען דעוורוע פון דער באסטיליע. אפשר וועט ער אבער ניט ארויסטרעטען געגען אייך. ער וועט מורא האבען פארן פאלק. איך האב נור מורא, ער זאל ניט אפטהאן עפעס שטילערהייט. ער זאל ניט זוכען ארויסצוגעבענען דעם אלטען און איהם ערגעץ פערפ־הרען. דארום איז עס גלייבער, אז איהר זאלט זיך ניט ווייזען אויף דער גאס. אין אונזער קווארטאל, אין דיא גאסען, וואו עס וואינען נור ארבייטער, וועט באראָן דע קאָשאָן מורא האבען צו קומען. פאר אונז האבען זיי יעצט מורא.

אדעלע האט עטליכע מאל אנגעהויבען צו רעדען, אז זיא וויים ניט, וויא אזוי זיא זאל איהם בעצאהלען דערפאר וואס זיא מיט איהר גראספאָטער געפינען זיך ביי איהם. זשאן אבער האט דערפון ניט געוואלט וויסען. אדעלע האט מעהר מיט איהם דעריבער ניט גערעדט. ביי זיך אין הארצען אבער איז זיא געווע זעהר טרויעריג. זיא האט עס ניט געקענט איבערטראגען, אז זיא זאל פאלען צו לאסט אויף א פאמיליע פון אן ארימען ארבייטער.

זיא האט זעהר גוט געזעהן, וויא זשאנ׳ס מוטער זיפצט און קרעכצט. דיא צייט איז געווען זעהר שלעכט. זשאן האט ווענינ פערדיענט. אין אזא אונרוהיגע צייט וויל קיינער ניט קויפען קיין לוקסוס ארטיקעל. אלע זאכען זיינען געווען דאמאלס אין פאריז זעהר טהייער. אדעלע האט פערשטאנען, אז זשאנ׳ס פערדיענסט איז יעצט ניט גענוג פאר דער פאמיליע צום לעבען. ער האט געמוזט ציעהען געלד פון דער באנק.

דאס האט זיא זעהר געקרענקט. זיא האט געשריבען א בריעף צו איהר אנקעל קיין וויען און האט איהם בעשריעבען איהר טרויעריגע לאגע. אבער א בריעף פון פאריז קיין וויען האט דאמאלס ניט געקענט אנקומען פריהער פון 15 ביז 20 טאָג. — וואס טהוט מען דערווייל? פיעללייכט וועט דער אנקעל גאר ניט ענטפערן? פיעללייכט איז דער בריעף פערפאלען געווארען? — אין יענע צייטען פלעגט פאָרקומען זעהר אפט, אז בריעף זיינען פערפאלען געווארען. דיא פאָסטען זיינען געווען זעהר שלעכט איינגעריכטעט. אויף פריוואט בריעף האט מען זיך ווענינ אומגעקוקט.—אלזא וואס טהוט מען?

אדעלע איז געוואָרען אלץ טרויעריגער און האט זיך אלץ מעהר פערטראכט. זיא האט שוין עטליכע מאל געוואלט ערגעץ ארויסגעהן, אבער זשאן האט זיא יעדעס מאל צוריקגעהאלטען.

— איך מיין, אז איך מעג יעצט גאנץ רוהיג ארויסגעהן אביסעל אין דיא גאסען, האט איין מאל אדעלע געזאגט.

— ניין, איך ראטה אייך, וויא א פריינד, איהר זאלט עס ניט טהאן, האט זשאן געענטפערט.

— מיינט איהר, אז דיא גאסען פון פאריז זיינען ניט זיכער?

— איך קען אייך ניט זאגען, אויב זיי זיינען זיכער אדער ניט. אבער זייט איינינע טעג האב איך בעמערקט, אז מען היט אפ מיין שטוב. עס געהען ארום מענשען, וועלכע איך האב קיין מאל אין דיעזען קווארטאל ניט געזעהן און זיטען אפ אונזער וואינונג.

זיי קוקען זיך צו צו יעדען, וועלכער געהט אריין און ארויס פון דיעזען הויז.

אדעלע האט געשוויעגען. זיא האט געמיינט, אז זשאן וויל זיא נור אפשרעקען, זיא זאל ניט ארויסגעהן אויף דער גאס. אלס פרוי האט זיא געפיהלט, אז זשאן איז צו איהר ניט גלייכגילטיג. זיא האט געדעכענט, אז ער וויל אומיסטען ניט, זיא זאל ערגעץ געהן און זאל זיך זעהן מיט איהרע אריסטאָקראטישע בעקאנטע.

זיא האט אבער זעהר גוט געוואוסט, אז זיא קען ניט דענקען פון ליעבע צו זשאן. זיא האט איינמאל געשוואָרען ליעבע און טרייע צו נאפאָלעאָן און זיא האט איהם נאך געליעבט מיט דער גאנצער קראפט פון איהר יונגע זעעלע.

דעם אנדערן טאג, ווען זשאן איז אוועקגעגאנגען צו זיין ארבייט, האט זיך אדעלע אנגעטהאן ארויסצוגעהן. זשאנ׳ס מוטער האט זיא געבעטען, זיא זאל בלייבען אין דער היים און זאל ניט געהן אויף דער גאס.

— איך מוז געהן. איך האב זעהר א וויכטיגע זאך צו בעזאָרגען, האט אדעלע געענטפערט. איך וועל באלד צוריקקומען. עס איז קיין געפאהר. פאריז איז רוהיג.

זשאן׳ס מוטער האט זיא נאך א מאל געבעטען. עס האט אבער גאר ניט געהאָלפען. אדעלע האט איהר ניט געהערט און איז אוועקגעגאנגען, זיא האט זיך גוט בעמערקט דעם נאמען פון דער גאס און דיא נומער, וואו זשאן מיט זיין מוטער האט געוואָינט.

זיא איז געגאנגען דורך פילע גאסען, האט זיך אומגעקוקט פון ביידע זייטען גאס, ביז זיא איז ענדליך צוגעקומען צו א גרויס פענסטער, וואו עס זיינען געלעגען אויסגעלעגט גאָלד וואארען און ברילליאנטען.

— דאס זוך איך, האט זיא געזאגט און איז אריינגעגאנגען אין מאגאזין.

זיא האט זיך געווענדעט צום אייגענטהימער פון מאגאזין, אן אלטער מאן מיט א גוטעס, פריינדליכעס אויסזעהן און האט איהם געפרעגט:

— מיין העררע, וועט איהר ביי מיר קויפען א ברילליאנטענעם רינג?

מיט דיעזע ווערטער האט זיא אראָפּגענומען פון פינגער א גאָלדענעם רינג מיט א ברילליאנט. דאס איז געוועזען דיא איינציגע טהייערע זאך, וואס איז איהר געבליעבען פון איהר מוטער. דער רינג איז ביי איהר געוועזען זעהר טהייער און זיא האט זיך מיט איהם אויף קיין פאל ניט געוואָלט שיידען. אבער „נויט ברעכט אייזען". זיא האט עס מעהר ניט געקענט אויסהאלטען, אז זיא מיט איהר גראָספאטער זאלען זיצען און עסען ביי אן ארימען ארבייטער.

דער אלטער מאן האט בעטראכט דעם רינג און האט אנגעקוקט דאס מעדכען עטוואס מיסטרויאיש.

— וואו האט איהר גענומען דיעזען רינג? האט ער געפרעגט. ווייסט איהר, וואס פאר א ווערטה דיעזער רינג האט?

— פאר מיר איז דיעזער רינג גאר ניט אָפּצושעצען, האט אדעלע געענטפערט און טרעהרען האבען זיך איהר געשטעלט אין דיא אויגען. — דאס איז דאס איינציגע אנדענקען, וואס איז מיר געבליעבען פון מיין מוטער.

דער אלטער מאן האט זיך צו איהר צוגעקוקט. איהר עדעלעס געזיכט, דיא

טרעהרין אין איהרע אויגען און איהרע טרויעריגע, ערנסטע ווערטער האבען איהם בערוהיגט. ער איז געווען איבערצייגט, אז דער רינג איז געווען קיין גענגב׳עטער.

— דאס איז א טהייערער רינג, האט ער געזאגט. איך קען אייך געבען פאר איהם טויזענד פראנק. ער איז מעהר ווערטה, ווען מען זאל איהם וועלען קויפען פאר זיך. איך קויף איהם אבער אין מאגאזין אריין און אין היינטיגע שווערע צייטען איז נים אזוי לייכט צו געפינען א קונה אויף אזא רינג.

— פיעללייכט וואלט מעגליך געווען, איהר זאָלט מיר לייהען אכט הונדערט פראַיק אויף דיעזען רינג? האט אדעלע געפרעגט. ער איז ביי מיר זעהר טהייער. איך וואָלט זעהר נים געוואָלט מיך שיידען מיט׳ן לעצטען אנדענקען פון מיין מוטער. אין איינע מאנאטע ארום וועל איך איהם אויסלעזען.

— ניין, פריילין, דאס קען איך נים. איך לייה נים קיין געלד. איך קויף גאָלד זאכען און זוך זיי באלד ווידער צו פערקויפען.

אדעלע האט בעטראכט דעם רינג נאך א מאל און האט אנגעהויבען צו וויינען שטילערהייט. עס איז איהר זעהר שווער געווען זיך צו שיידען פון׳ם רינג. דער אלטער מאן האט מיטלייד געהאט מיט איהר.

— ווען דער רינג איז ביי אייך אזוי טהייער, האט ער געזאגט, קען איך אייך ראטהען, איהר זאלט געהן אין דער גאס סענט האָנאָרע. דאָרט געפינען זיך גרויסע געשעפטען פון גאָלד וואארען. מעגליך, אז איהר וועט דאָרט געפינען איינעם, וועלכער עס וועט אייך לייהען אכט הונדערט פראנק אויפ׳ן רינג. איך ווייס, אז מען מעג לייהען דאס געלד. איך קען עס אבער נים טהאן.

אדעלע האט זיך דערפרייט. זיא האט געדאנקט דעם אלטען פאר זיין גוטען ראַטה און איז נעגאנגען פרעגען, וויא אזוי מען קומט אין דער גאס סענט האָנאָרע. פּאריז איז גרוים. זיא איז ביז אהער אלץ געווען פערשפּארט אין פּענסיאָן און איז וועניג בעקאנט געווען מיט דיא גאסען פון פּאריז.

קוים איז אדעלע ארויסגעגאנגען פון׳ם מאגאזין, זיינען צוויי מענער, וועלכע זיינען ביז אהער געשטאנען ביים פענסטער און האבען געזעהן אלעס, וואס דאָרט איז פּאָרגעקומען, אריינגעגאנגען אין מאגאזין און האבען געפרעגט דעם בעל־הבית:

— האט אייך א מעדכען געבראכט א טהייערן רינג צום פערקויפען?

— נור וואס איז דא געווען א מעדכען מיט א רינג, האט דער מאן געענטפערט.

— קענט איהר אונז נים זאגען, וויא דער רינג האט אויסגעזעהן?

— איך קען אייך זאגען, איך וויל עס אבער נים. וואס פאר א רעכט האט איהר מיך צו פרעגען?

— מיין הערר, מיר זיינען אגענטען פון דער געהיים־פּאָליציי. דאס מעדכען האט דעם רינג געגנב׳עט.

דאס וואָרט „געהיים־פּאָליציי“ האט געווירקט אויפ׳ן אייגענטהימער פון מאגאזין. פאר דער פּאָליציי האט מען שטענדיג מורא געהאט אין פּאריז.

— דאס מעדכען ווייזט נים אויס צו זיין א דיעבין, האט ער געענטפערט. דאך וויל איך אייך זאגען, וויא דער רינג האט אויסגעזעהן. עס איז א שמאָלער רינג. אין

דער מיט איז איינגעפאסט א שעהנער בריליאנט פון'ם ריינסטען וואסער. פוןביידע זייטען פון'ם בריליאנט זיצען צוויי שווארצע פערל, וועלכע זיינען נאך מעהר ווערטה פון'ם בריליאנט.

— דאס איז דער רינג, וועלכען מען האט פאריגע וואך גענגב'עט ביים באראן דע קאשאן, האט איין מאן געזאגט צום אנדערן. קום שנעל! לאמיר זיא ארעטירען. קומט מיט אונז, העררע.

— וואס דארפט איהר מיך? האט דער דיאמאנטען הענדלער געפרעגט ערשטוינט.

— איהר זאלט זיין אן עדות, אז דאס מעדכען איז געוועזען ביי אייך אין מאגאזין און האט אייך געוואלט פערקויפען דעם רינג.

דיא מענער האבען גערעדט אזוי זיכער און מיט אזא שארפען טאן, אז דער דיאמאנטען הענדלער האט זיך פאר זיי ווירקליך דערשראקען און איז געגאנגען מיט זיי.

אדעלע איז נאך ניט ווייט אוועקגעגאנגען. זיא האט ניט געוואוסט דעם וועג צו דער גאס סענט האנארע און האט יעדען געפרעגט, וויא אזוי צו געהן אהין. פלוצלונג האט זיא געפיהלט, וויא א שטארקע האנד האט זיא אנגענומען ביי דער פלייצע.

— איז דאס דיא גנבטע? האט איינער פון דיא מענער געפרעגט דעם דיאמאנטען הענדלער.

— דיעזעס מעדכען איז געוועזען ביי מיר אין מאגאזין און האט מיר געוויעזען א טהייערן רינג. איך ווייס ניט, אויב דער רינג איז א גענגב'עטער, האט ער געענטפערט.

אדעלע האט אנגעקוקט דיא דריי מענער מיט שטוינען.

— וואו? וואס? האט זיא אויסגעשריען אין דער הויך. וואס רעדט איהר? פון וועמען רעדט איהר?

— מיר רעדען פון דער גנב'טע, וועלכע האט גענגב'עט דיעזען רינג, האט איינער פון דיא מענער געענטפערט און האט געוואלט ביי איהר אראפרייסען דעם רינג פון דיא פינגער.

אדעלע האט ארויסגעריסען דיא האנד און האט אויסגערופען שטאלץ:

— וואס רעדט איהר? דאס איז מיין רינג! איך האב איהם א ירושה פון מיין מוטער.

— דאס וועסט דוא ערקלערן אין דער פאליציי, האט דער מאן געזאגט. דער אונטערזוכונגס ריכטער (סלעדאוואטעל) וועט שוין אויסגעפינען, וויא אזוי דער רינג איז געקומען צו דיר.

אין דיעזע מינוט איז אנגעקומען א געדעקטע קארעטע מיט צוויי שטארקע פערד. עס האט זיך אויסגעוויזען, אז דיא קארעטע איז צופעליגער ווייזע צוגעקומען. ווער עס וואלט זיך אבער גוט צוגעקוקט, דער וואלט געזעהן, וויא דיא צוויי אגענטען פון דער געהיים פאליציי האבען געמאכט דעם קוטשער געוויסע צייכענס.

יעצט האבעןביידע מענער אנגענומען אדעלען ביי דיא הענד און האבען זיא געשלעפט צו דער קארעטע.

— קום מיט גוטען, האבען זיי איהר געזאגט, ווען ניט, וועלען מיר דיך נעהמען מיט געוואלד.

— איך געה ניט! האט אדעלע געשריען אין איהר פערצווייפלונג. געוואלד! העלפט! רעטעט מיך!

— איך פארשטעה אויך ניט, וויא אזוי קען מען ארעסטירען אזוי א מענשען אהן יעדען בעווייז, האט געזאגט דער דיאמאנטען הענדלער. דאס מעדכען ווייזט דאך ניט אוים צו זיין א דיעבין.

— האלט דאס מויל! האט אויסגערופען איינער פון דיא געהיימע פאליציסטען, אדער מיר וועלען דיך אויך ארעסטירען.

דער מאן האט זיך דערשראקען און האט געשוויעגען. אדעלע אבער האט ניט אויפגעהערט צו שרייען און צו רייסען זיך פון זייערע הענד. עס זיינען זיך צוואר צונויפגעלאפען מענשען, אלע האבען אויסגעגלאצט די אויגען קיינער אבער האט זיך ניט געוואלט אננעהמען פאר'ן אונגליקליכען מעדכען. ביידע מענער האבען זיא שוין צוגעשלעפט צו דער קארעטע. דער קוטשער האט געעפענט דאס טהירעל און זיי האבען שוין געוואלט זיא אריינווארפען אין קארעטע, ווען א יונגער מאן איז געקומען צולויפען פערסאפעט און האט אנגעהויבען צו שרייען:

— ארבייטער! בירגער! זאלען מיר עס דערלאזען, אז מען זאל אזוי ארעסטירען אן אונשולדיגעם מעדכען! האבען מיר דערפאר פערגאסען אונזער בלוט ביים שטורם אויף דער באסטיליע, אז שווינדלער און רויבער זאלען זיך פארשטעלען פאר געהיים פאליציסטען און זאלען וועלען בערויבען אן אונגליקליכעם מעדכען?

דער יונגער מאן איז געוועזען זשאן דעלאן. ער איז געקומען א היים באלד, וויא אדעלע איז אוועקגעגאנגען און קוים איז ער געוואהר געווארען, אז זיא איז אוועקגענאנגען, איז ער געלאפען זיא זוכען. ער האט קיין ליגען ניט געזאגט, אז זייט אייניגע טעג דרעהען זיך ארום פרעמדע מענשען און קוקען זיך צו צום הויז, וואו ער וואינט.

זשאנ'ס ווערטער האבען געווירקט, וויא א צויבער. פיעלע האבען איהם דערקענט, אז ער האט אזוי מוטהיג געקעמפפט, ווען מען האט איינגענומען דיא באסטיליע. מען האט ארומגערינגעלט דיא קארעטע און הונדערטער הענד האבען זיך אויסגעשטעלט צו בעפרייען אדעלען.

— וואס טהוט איהר מענער? האט אויסגערופען איינער פון דיא געהיים פאליציסטען. דיעזעס מעדכען האט געגנב'עט א טהייערן רינג. מיר מוזען זיא ארעסטירען.

— בירגער! ברידער! האט געשריען זשאן, גלויבט איהם ניט! דיעזעס מעדכען האט בעפרייט איהר אונגליקליכען גראספאטער פון דער באסטיליע. זייט דאמאלס וואינט זיא ביי מיין מוטער. זיא איז א העלדין! זיא איז א פריינד פונ'ם ארימען, אונטערדריקטען פאלק! לאזט זיא ניט פאלען אין דיא הענד פון רויבער א מערדער, וועלכע רופען זיך געהיים פאליציי.

יעצט האט דיא מענגע שוין קיינעם ניט געהערט. מען האט אנגעחאפט

צוויי געהיים פּאָליציסטען ביי דיא הענד און מען וואלט זיי געוויס געווען צוריסען אויף שטיקער. זיי האבען אבער פערשטאנען דיא געפאהר, אין וועלכער זיי געפינען זיך. זיי האבען באלד אפּגעלאָזען אדעלען און זיינען אריינגעשפּרונגען אין דער קארעטע. דער קוטשער האט אנגעהויבען צו שמייסען דיא פערד און דיא קארעטע איז באלד פערשוואונדען געווארען.

אדעלע איז געווען אזוי דערשראָקען, אז זיא איז געפאלען אין אהנמאכט, זשאן האט זיא אריינגעפיהרט אין א שטוב און האט זיא אפּגעמינטערט. ווען זיא האט געעפענט דיא אויגען און איז אביסעל געקומען צו זיך, האט ער געבעטען, מען זאל איהם ברענגען א דראשקע. אדעלע איז געווען צו שוואך אום צו געהן א היים צופוס.

באלד זיינען זיי געווען ווידער אין זשאַנ'ס רוהיגע און ייכערע וואינונג. יעצט איז אדעלע צו איהם צוגעגאנגען, האט איהם געגעבען דיא האנד און האט איהם געזאגט:

— ליעבער פריינד! וויא זאל איך אייך אפּדאנקען דערפאר, וואס איהר האט מיר היינט געראטעוועט פון אזא געפאהר?

— דיא געפאהר איז געווען גרעסער, וויא איהר מיינט, האט זשאן געענטפערט,— מיינט איהר, אז דיזע צוויי מענער זיינען געווען געהיים פּאָליציסטען? — איהר האט א גרויסען טעות. איך האב איינעם פון זיי דערקענט. ער דרעהט זיך ארום דא אין דער גאס שוין זייט עטליכע טעג. זיי זיינען געדונגענע מערדער.

— ווער האט זיי געקענט דינגען?

— דער באראָן דע קאַשאָן.

אדעלע האט א ציטער געטהאָן. זיא האט יעצט ערשט פערשטאנען, אין וואס פאר א געפאהר זיא איז געווען.

— איך האב דאך אייך געבעטען, איהר זאלט אין ערגעץ ניט געהן, האט זשאן ווייטער געזאגט מיט א פארוואורף. וואוהין זייט איהר געגאנגען? וואס האט איהר דען געוואלט טהאָן?

— איך האב געוואלט פערקויפען א רינג, וועלכען איך האב פון מיין מוטער.

— צו וואס האט איהר איהם געוואלט פערקויפען? האט זשאן געפרעגט אונ-צופריעדען. וואס פעהלט אייך דען ביי מיר?

אדעלע איז רויט געווארען און האט זיך פערטראכט.

— ליעבער פריינד, האט זיא פּלוצלונג געזאגט איך וויל זיין אפענהערציג געגען אייך. איהר האט געטהאָן אזוי פיעל פאר מיר, אז איך מוז אייך אלעס זאגען. — מיר פעהלט ביי אייך גאר נשיט, איהר טהוט פאר מיר צו פיעל. איך קען עס ניט צולאזען, אז איך מיט מיין גראָספאטער זאלען בלייבען ביי אייך און פאלען אייך צו לאסט. איך האב געוואלט פערקויפען דיזען רינג, דאס איינציגע אנדענקען פון מיין מוטער, און מיט'ן געלד אוועקפאָהרען פון פּאריז. —

— מיינט איהר, אז איך וועל אייך לאזען, איהר זאלט פערקויפען דאס לעצטע אנדענקען פון אייער מוטער?

— וואס זאל איך אבער טהאן? איך האב ניט קיינעם, צו וועמען זיך צו ווענדען אין דער נויט?

זשאן האט זיך געפיהלט בעליידיגט.

— איהר האט ניט קיינעם, צו וועמען זיך צו ווענדען? האט ער אויסגערופען מיט פערדרוס. נו, און איך וואו בין? — בין איך דען ניט אייער פריינד?

— געוויס, זייט איהר מיין פריינד, מיין בעסטער, מיין עדעלסטער פריינד, האט אדעלע געזאגט, אבער —

— אבער איהר ווילט זיך צו מיר ניט ווענדען. —

— איך קען ניט, ליעבער פרייד, האט אדעלע געזאגט טרויעריג, איך קען עס ניט. איהר האט פון מיינט וועגען אזוי פיעל געטהאן, אז —

— אז איהר מוזט אננעהמען מיין ראטה און מיין הילף, האט זשאן געזאגט שטאלץ. — פריילין אדעלע, איהר האט גערעדט מיט מיר אפאנהערציג. איך וויל אויך זיין אפענהערציג געגען אייך נאכדעם וואס עס איז געשעהן היינט, קענט איהר אין פאריז ניט בלייבען. דער באראן דע קאשאן פערפאלגט אייך. —

אדעלע האט אנגעהויבען צו ברעכען דיא הענד. זיא האט געציטערט, ווען זיא האט זיך דערמאנט אן דער סצענע, וועלכע זיא האט נור וואס איבערגעלעבט.

— וואס זאל איך טהאן, אלזא? וואס זאל איך טהאן? איך האב שטענדיג מורא געהאט פאר איהם. ער איז דער געפעהליכסטער פיינד פון אונזער פאמיליע. ער האט אונז פערניכטעט, ער האט אונז געבראכט צו בעטעל ברויט. — וואס זאל איך טהאן? —

— וויינט ניט, טהייערעס פריילין, האט זשאן געבעטען. — וויינט ניט! איך וועל טהאן פאר אייך און פאר אייער אונגליקליכען גראספאטער אלעס, וואס איך בין נור אים שטאנד צו טהאן. — איהר מוזט אוועקפאהרען פון פאריז, איהר מוזט אוועקפאהרען פון פראנקרייך. מיר מוזען נאך היינט אוועקפאהרען.

— וואס רעדט איהר, פריינד? האט אדעלע אויסגערופען און האט איהם אנ־גענומען ביי דער האנד. נאך היינט? וויא איז דאס מעגליך?

— עס איז זעהר מעגליך. זייט איך האב געזעהן, אז פרעמדע מענשען דרעהן זיך ארום אונזער הויז, האב איך מיך ענטשלאסען אייך צו העלפען ארויסצופאהרען פון פאריז. איך האב גענומען פאספארטען פאר אייך און פאר אייער גראספאטער און הייטע אבענד פאהרען מיר ארויס פון פאריז.

— מיר? האט געפרעגט זשאנ׳ס מוטער, וועלכע האט געהערט דיא לעצטע ווערטער פון איהר זוהן. — מיר? וועלען מיר דען אויך פאהרען?

— יא, מוטער, פריילין אדעלע, איהר גראספאטער, דוא און איך — מיר פאה־רען אלע.

— אבער, מיין זוהן, — האט זשאנ׳ס מוטער געוואלט עפעס זאגען.

— מוטער, מיר מוזען פאהרען. מען רעדט אין דער שטאדט, אז דער קעניג וועט האלטען א שטרענגעס געריכט און וועט בעשטראפען אלעמען, וועלכע האבען טהייל גענומען אין דער צערשטערונג פון דער באסטיליע.

זשאנ׳ס מוטער האט א זיפץ געטהאן. זיא האט געוואוסט, אז איהר זוהן האט זעהר פיעל געטהאן ביי דער צערשטערונג פון דער באסטיליע. — יעצט האט זיא שוין מעהר ניט געפרעגט. יעצט האט זיא אליין שוין איינגעוויליגט, אז זיי זאלען ארויספאהרען, וויא צום גיכסטען.

יעצט האבען זיך אלע גענומען צו דער ארבייט — זיך פערטיג מאכען צו דער רייזע. אדעלע און איהר גראָספּאָטער האבען געהאט ווענינ וואס זיך פארצובערייטען. זשאן אבער און זיין מוטער האבען געהאט גענוג ארבייט. עס איז ניט אזוי לייכט ארויסצופאהרען פון אן ארט, וואו מען איז געבארען געווארען און אויפגעוואקסען. עס איז ניט אזוי לייכט ארויסצופאהרען אין דער וייטער וועלט, מען וויים אליין ניט וואוהין.

עס איז ניט לייכט פארן א יונגען מענשען. עס איז אבער טרויעריג און הערצרייסענד פאר אן עלטערן מענשען, וועלכער האט שוין גענוג איבערגעלעבט און גענוג זיך אנגעארבייט אויף זיין לעבען. אזא מענש וויל זיך שוין אפּרוהען. אזא מענש זעהט, אז דיא קרייזען, אין וועלכע ער האט זיך בעוועגט, ווערן אלע מאל ענגער און ענגער — ער וויל שוין זיך אויסרוהען. ער הייבט שוין אן צו פיהלען, אז דיא אייביגע רוהע איז פאר איהם נייטהיג.

אויך אדעלע איז געווארען אונרוהיג. זיא האט זיך דערמאנט אן איהר ליעבע, אן נאפּאָלעאָן. ביז אהער האט זיא אלץ געהאפט, אז ער וועט קומען קיין פּאריז, זיא וועט איהם זעהן, זיא וועט מיט איהם רעדען. — יעצט אבער —

ווען זיא האט אבער א קוק געטהאן אויף זשאן מיט זיין מוטער און האט געזעהן, וויא דיעזע איינפאכע, ארימע ארבייטער אפּפערן זיך אויף פון איהרעט וועגען, איז איהר אונגערן געקומען דער געדאנק אין קאָפּ: ווער פון ביידען איז בעסער — דער שעהנער, שטאלצער אפיציער, אדער דער עהרליכער, איינפאכער ארבייטער?

געגען אבענד איז אלעס פערטיג געווען צו דער רייזע. קוים איז פינסטער געווארען, איז צוגעפאהרען צו זשאנ׳ס וואינונג א קארעטע מיט צוויי גוטע פערד. זשאן, אדעלע, איהר גראָספּאָטער און זשאנ׳ס מוטער האבען זיך אריינגעזעצט אין דער קארעטע. אין א שטונדע ארום איז פּאריז געווען הינטער זיי.

8טעם קאפּיטעל.

אַ רעוואָלוציאָנערין.

— דומקעפּפּע! טוינעניכטסע! איהר זייט ניט ווערטה, וואס מען לאזט אייך אריין אין א שטוב!

דיעזע ווערטער האט געשריען א רייך געקליידעטער יונגער מאן אויף דיא צוויי מענשען, וועלכע האבען געזאגט, אז זיי זיינען פון דער געהיים־פּאָליציי און האבען היינט אין דער פריה געוואלט ארעסטירען אדעלע׳ן. דער יונגער מאן איז געווען אויסער זיך פאר רציחה, ווען מען האט איהם דערצעהלט, אז עס איז זיי ניט געלונגען אויפצרנעהמען דאס מטרבען.

— אבער, גנעדיגער הערר, האבען זיך פערענטפערט דיא צוויי מענשען, עס איז

אונמעגליך געווען. דיא מענגע איז אונז בעפאלען, וויא דיא ביהנען. — וואס קענען טהאן צוויי מענישען געגען א גאנצע מאסע?

— איהר זייט טויגעניכטסע! איך וועל פון אייך רייסען שטיקער, ווען איהר וועט מיר ניט שאפען דאס מעדכען.

ער האט געחאפט א שטעקען און האט זיי געוואלט שלאגען. אין דיעזע מינוט האט זיך געעפענט דיא טהיר פון א רייך אויפגעפוצטען זאל און אן אלטער מאן איז ארויסגעקומען. ווען דיא צוויי מענשען האבען דערזעהן דעם אלטען, האבען זיי זיך געווענדעט צו איהם, גלייך וויא זיי האבען געוואלט בעטען, אז ער זאל זיי שיצען.

— גנעדיגער העררר! האבען זיי געזאגט. מיר האבען געטהאן אלעס, וואס מען האט אונז געהייסען. מיר האבען שוין געהאט דאס מעדכען אין דיא הענד. פלוצלונג זיינען אויף אונז אנגעפאלען א באנדע ארבייטער, האבען אונז געהרגעט, געשלאגען און האבען ביי אונז אוועקגענומען דאס מעדכען. וואס האבען מיר געקענט טהאן? מען וואלט אונז צוריסען אויף שטיקער.

דער אלטער האט זיי ניט געענטפערט. ער האט נור א מאך געטהאן מיט דער האנד, זיי זאלען זיך ארויסגעהן.

— לאז זיי, מיין זוהן! האט ער געזאגט. קום, איך דארף מיט דיר עפּעס רעדען.

מיט דיעזע ווערטער איז ער אריינגעגאנגען אין זאל. דער יונגער מאן איז איהם נאכגעגאנגען און האט פערמאכט דיא טהיר. ער איז נאך געווען אזוי אויפגערעגט, אז ער האט אלץ געשריען:

— דיא טויגעניכטסע! דיא דומקעפּפע!

— דוא פערגעסט, מיין זוהן, אין וואס פאר א צייט מיר לעבען, האט דער אלטער באראָן דע קאַשאַן געזאגט צום יונגען מאן. דאס פאלק איז אויפגערעגט. מען מוז זיין זעהר פאָרזיכטיג. דוא זעהסט דאך, אז דער קעניג שווייגט אויך און טהוט זיי גאר ניט דערפאר, וואס זיי האבען צערשטערט דיא באסטיליע און געטוידטעט דעם גובערנאטאָר דעלאנע. — היינט איז זייער צייט. מיר מוזען שווייגען. דוא האסט זיך איבעראיילט, וואס דוא האסט זיא אין אזא צייט געוואלט נעהמען געפאנגען.

דער יונגער באראן איז אויפגעשפרונגען.

— איהר ווייסט קיינער ניט, וויא אומצוגעהן מיט'ן פאלק! האט ער אויסגע־רופען. דער קעניג ווייס אויך ניט, וואס ער טהוט. מיט אזעלכע הינט, מיט בויערן, מיט ארבייטער דארף מען וויסען, וויא אומצוגעהן. שיעסען דארף מען אויף זיי! שמייסען זיי אין דיא גאסען, אז דאס בלוט זאל שפּריצען העכער פון דיא הייזער! — דאמאלס וועלען זיי ווייטער ווערן שטיל און וועלען מורא האבען פאר זייער קעניג! — דוא זאגסט, אז איך האב מיך איבעראיילט. — ניין! איך האב מיך ניט איבעראיילט. איך מוז זיי האבען, דעם אלטען מיט זיין אייניקעל. ביי אזא שוואכען קעניג, וויא לודוויג דער זעכצעהנטער, קען מען אלעס אויספיהרען. ווייסט דוא, אז דער אלטער קען יעצט אונז פערקלאגען און צונעהמען אונזער גאנצעס פערמעגען?

— איך ווייס עס. עס איז אבער דאך ניט דיא צייט אויפצוחאפּען א מעדכען אין דער גאס. עס קען מאכען אן אויפרוהר, דאן זיינען מיר ניט זיכער מיט'ן לעבען.

פערגעס ניט, מיין זוהן, אן דיא בלוטיגע קעפּ פון דעלאנע, זיין ליעטענאנט, דעליאָן און פוּים בירגערמייסטער, פלעסעל!

דער יונגער באראָן האט א ציטער געטהאן, ווען ער האט דערהערט דיעזע נע־מען. דער אלטער האט עס בעמערקט און האט א שמייכעל געטהאן.

— ווארט, מיין זוהן אביסעל, ביז דאס מיליטער וועט זיך צונויפקומען קיין פּא־ריז. דאמאלס וועלען מיר זיין דיא שטארקע און וועלען טהאן, וואס מיר וועלען פער־לאנגען. איך בין היינט געוועז ביי דער קעניגין און האב געהערט, אז דער קעניג איז פעסט ענטשלאסען צו בעשטראפען דיא רעוואָלוציאָנערן. אלע, וועלכע האבען טהייל גענומען אין דעם שטורם פון דער באסטיליע, וועלען שטרענג בעשטראפט ווערן. מיר וועלען דאן זעהר לייכט ארעסטירעןביידע, דעם אלטען מיט זיין אייניקעל און מיר וועלען זיי שוין פערזארגען.

— ניין! האט געענטפערט דער יונגער באראן. ווארטען! ווארטען און וויעדער ווארטען! איך קען ניט ווארטען. איך קען מיך ניט פערלאזען אויפ'ן שוואכען קעניג איך מוז אליין עפּעס טהאן. איך מוז מיך בעווארענען.

— אלזאָ, וואס ווילסט דוא טהאן? ווייטער אנפאלען אויף איהר אין מיטען העלען טאג אין דעם ארבייטער קווארטאל פון פּאריז?

— ניין, דאס ניט! איך וויל זיא ארויסגנבענען ביי נאכט, ווען קיינער זעהט ניט און וועל זיא הייסען אוועקפיהרען אויף איינעם פון אונזערע שלעסער. דארט וועט זיא זיכער זיין.

— ווען עס זאל דיר געלינגען, וואלט עס געווים זעהר גוט געוועזן.

— עס וועט געלינגען, פאטער! האט דער יונגער באראן אויסגערופען און האט אנגעקלונגען.

דיא צוויי מענער זיינען אריינגעקומען, האבען אראפּגענומען דיא היטלען און האבען זיך געשטעלט ביי דער טהיר.

— היינט אום צעהן אוהר אבענדס זאלט איהר זיך געפינען אין יענער גאס, האט ער זיי געזאגט. איהר זאלט מיטברענגען מיט זיך נאך א פּאר קאַמעראדען. יעדער פון אייך זאל האבען אין גארטעל א פּאר געלאדענע פּיסטאלעטען. — פער־שטעהט איהר?

— יא, גנעדיגער העדר! הייטע אבענד וועלען מיר דארט זיין.

— איהר זאלט אליין גאר נישט טהאן. איהר זאלט ווארטען, ביז איך וועל קומען און וועל אייך זאגען וואס צו טהאן.

ער האט א מאך געטהאן מיט דער האנד. דיא מענער זיינען ארויסגעגאנגען.

— זיי פאָרזיכטיג, מיין זוהן, האט איהם דער אלטער געווארענט. — איך פער־שטעה דיין פּלאן. דוא ווילסט זיי פאנגען ביידע מיט אמאל, דעם אלטען מיט דער יונגער. דאס וואלט געוועזן זעהר גוט. היינטיגע צייטען מוז מען אבער פאָרזיכטיג זיין.

עס איז געווארען נאכט. דער יונגער באראָן פראנץ דע קאַשאָן האט זיך אנגע־טהאן אין א ברייטען שווארצען מאנטעל און איז שטילערהייט ארויסגעגאנגען פון זיין רייכען פּאלאץ. ער איז ארומגעגאנגען אין פיעלע גאסען און געסלעך, ביז ער איז

נעקומען צו דעם הויז, וואו זשאן מיט זיינע מוטער האבען געוואינט. ער האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען און איז געוועזן העכסט איבערראשט, וואס ער האט קיינעם פון זיינע מענשען ניט געפונען.

— וואס זאל דאס הייסען? וואו זיינען זיי?

דיא פענסטער פון זשאנ'ס וואינונג זיינען געוועזן פערמאכט און פינסטער. דער באראָן האט גאר ניט געקענט פערשטעהן, וואס דא איז פארגעקומען. ער איז צו־געגאנגען צו דער טהיר און האט געוואלט אנקלינגען. ער האט גערעכענט, ער וועט פרעגען דעם הויזקיפער, פאר וואס זשאנ'ס וואינונג איז אזוי פינסטער. אין דיעזע מינוט אבער האט זיך דיא טהיר געעפענט און אַ יונגעס מעדכען איז ארויס פון הויז. דער באַראָן האט זיך געשטעלט אן א זייט, אז דאס מעדכען האט איהם ניט גע־קענט זעהן.

פאַריז אין איז יענער צייט ניט געוועזן בעלייכטעט ביי נאכט, וויא עס איז היינט. נור נאר דיא אריסטאקראטישע גאסען פלעגען זיין בעלייכטעט מיט לאמפען, אין וועלכע עס האט געברענט אייל. אין דיא ארימע גאסען איז געוועזן פינסטער. עס איז דאהער קיין וואונדער, וואס דאס מעדכען האט ניט געזעהן דעם באראָן.

— גוטע נאכט, נינאָן, האט געזאגט אן אלטע פרוי צום מעדכען. — גוטע נאכט! נעהם זיך ניט אזוי צום הארצען. — עס איז דאך שוין פערפאלען. זשאן איז אוועקגע־פאהרען. וואס וועט דיר העלפען, וואס דוא וועסט וויינען. ער איז אוועקגעפאהרען. ער וועט געוויס צוריקקומען. ער איז אן עהרליכער מאן און וועט געוויס צוריקקומען. דוא וועסט איהם נאך ווידער זעהן.

— גוטע נאכט, מאדאם מארגאָ! האט דאס מעדכען געענטפערט מיט טרערין אין איהר שטימע. איך האב שוין פערלארען יעדע האפנונג. — גוטע נאכט!

זיא האט געוואלט אוועקגעהן, דיא אלטע פרוי אבער האט זיא צוריקגעהאלטען.

—ווארט, נינאָן! דיא נאכט איז שטארק פינסטער. איך וועל דיר ארויסברענ־גען א לאנטערנע. עס איז ניט גלייך, אז א מעדכען זאל געהן אין אזא פינסטערע נאכט אליין אהן א לאנטערנע.

נינאָן האט אויסגעווארט. דיא הויזקיפערין — דאס איז געוועזן דיא אלטע פרוי — האט איהר ארויסגעבראכט א קליינע לאנטערנע, האט איהר נאך געזאגט א פאר ווערטער און איז אריין אין שטוב. נינאָן איז לאנגזאם און פערטראכט אוועקגעגאנגען מיט דער לאנטערנע אין האנד. זיא איז קוים אפגעגאנגען איינינע שריט. ווען א מאן האט זיך געשטעלט פאר איהר און האט זיא געפרעגט:

— איהר זייט בעקאנט מיט'ן ארבייטער זשאן דעלאן?

נינאָן האט זיך דערשראָקען, האט אויפגעהויבען דיא לאנטערנע און האט דערזעהן פאר זיך א מאן, איינגעהילט אין א ברייטען שווארצען מאנטעל.

— וואס ווילט איהר פון מיר? געהט אייך! האט זיא אויסגעשריען.

— שרעקט אייך ניט, ליעבעס קינד, האט דער מאן געזאגט. איך מיין ניט קיין שלעכטעס. איך פרעג אייך נור, אויב איהר זייט בעקאנט מיט'ן ארבייטער זשאן דעלאָן?

— וואס געהט עס אייך אן? האט נינאָן אויסגערופען.

— איך בין זשאן דעלאנ'ס א פריינד און וויל וויסען, אויב אדעלע דעווריע —
— אזוי? ווייסט איהר אויך פון אדעלע דעווריע?
— איך ווייס אלעס, האט באראן דע קאַשאַן געענטפערט. איך וויל נור וויסען, אויב זשאן האט זיין פלאן אויסגעפיהרט. —
— ער איז אוועקגעפאהרען פון פאריז.
— און אדעלע איז אויך מיט איהם אוועקגעפאהרען?
— יא.
— וואוהין זיינען זיי געפאהרען? האט דער באראן ווייטער געפרעגט.
ווען איהר זייט זיין פריינד, דארפט איהר דאך וויסען, וואוהין ער איז געפאהרען.
— ניין, דאס ווייס איך גראד ניט און וויל אייך פרעגען.
— ווען איהר ווייסט ניט, דארפט איהר עס געוויס ניט וויסען, האט נינאַן געענטפערט און איז אוועקגעגאנגען.

דער באראַן איז איהר אבער נאכגעגאנגען. ביים שיין פון דער לאנטערנע האט ער געזעהן, אז נינאַן איז זעהר שעהן. עס איז אויך געווען ניט שווער צו דערקענען, אז נינאַן איז אן ארימעס ארבייטער מעדכען. — אזא מעדכען איז זעהר לייכט צו געווינען, האט זיך געטראכט דער באראַן.

— שעהנעס קינד, האט ער געזאגט, וואס איילסט דוא זיך אזוי? ווארט א וויילע, מיר וועלען אביסעל פלוידערן. וואס טויג דיר זשאן? דוא ביסט שעהן און קענסט געפינען א מענשען, וועלכער זאל בעסער וויסען, וויא דיך צו שעצען, אלס דער טויגעניכטס, דער זשאן.

— לאזט מיך געהן, מיין הערר! האט אויסגערופען נינאַן מיט צארן. איך וויל מיט אייך ניט פלוידערן. איך מוז געהן א היים.

— איך וועל אייך בעגלייטען ביז א היים, האט דער באראַן געזאגט.

נינאַן האט איהם ניט געענטפערט און איז ווייטער געגאנגען. זיא האט געוואינט ניט וויט פון זשאנ'ס וואינונג און איז באלד געווען אין דער היים. איידער זיא האט געעפענט דיא טהיר, האט זיא דער באראַן אנגענומען ביי דער האנד און האט אנגעהויבען צו בעטען.

— זאגט מיר, שעהנעס פרייליין, וואוהין איז געפאהרען זשאן דעלאן?

נינאַן האט געזעהן, אז זיא קען פון איהם ניט לויז ווערן און האט איהם געזאגט:

— זשאן איז ניט ארויסגעפאהרען פון פאריז. ער האט נור געפונען א וואינונג אין אנאנדער קווארטאל.

— אין וואס פאר א גאס?

— דאס ווייס איך דערווייל ניט. מארגען וועל איך עס וויסען.

מיט דיזע ווערטער האט זיא שנעל געעפענט דיא טהיר און איז אריין אין איהר וואינונג. דער באראַן איז געבליעבען שטעהן אויף דער גאס אליין.

— יעצט פערשטעה איך, פאר וואס איך האב ניט געטראפען מיינע מענשען לעבען זשאנ'ס וואינונג. זיי זיינען געוואהר געוואָרען, אז זשאן איז ניטאָ אין פאריז.—

דיזזעם מעדכען ווייס, וואו ער איז. איך מוז עס ביי איהר אויספאָרשען. ער האט זין פערשריעבען דיא נומער פוּם הויז, וואו נינאָן האט געוואינט.

ער איז נאך געשטאנען אייניגע מינוט און איז אוועקגעגאנגען א היים זעהר אונצופריעדען. דעם אנדערן טאג האט ער אפגעהיט דאס הויז, וואו נינאָן האט געוואינט. ער איז אהין געקומען פאר נאכט, אין דער צייט, ווען דיא ארבייטער געהן פון זייער ארבייט. נינאָן איז ווירקליך געקומען פון דער ארבייט מיט א קליין קערבעלע אונטער דער האנד. קוים האט ער זיא דערזעהן פון דער ווייטענס, איז ער איהר ענטגעגען געלאפען און האט זיא אנגענומען ביי דער האנד, וויא אן אלטער בעקאנטער.

— נו, מיין ליעבעס פריילין? וויסט איהר שוין, וואו זשאן וואינט?

יעצט איז ער געגאנגען אנגעטהאן זעהר רייך און פערפוצט, וויא א באראָן אין יענער צייט פלעגט געהן. ער האט ארומגענומען נינאָן ביי דער טאליע און האט זיא געוואלט צו ציעהען צו זיך. נינאָן האט זיך אויסגעריסען פון איהם.

— ריהרט מיך ניט אן! האט זיא א געשריי געטהאן. איך ווייס מיך, וויא צו וועהרן געגען אן אונפערשעהמטען.

— מיין שעהנעס, פריילין! האט דער באראָן געזאגט. אבער איך ליעב אייך! איך וויל אייך גליקליך מאכען.

מיט דיזע ווערטער האט ער ארויסגענומען א גאָלדענעם בראַסלעט און האט איהר דערלאנגט. נינאָן האט גענומען דעם בראסלעט און האט אוועקגעווארפען וויים פון זיך.

— אוועק פון מיר, דוא טויגעניכטס! האט זיא אויסגערופען, אדער איך וועל דיר ווייזען, וואס פאר א פאטש א פּאַר ארבייטער הענד קענען געבען. אייער צייט איז פאַראיבער. מיר ארבייטער וויסען זיך שוין, וויא אזוי צו פערטהיידיגען געגען אייך אריסטאָקראַטען.

באראָן דע קאַשאָן האט זיך גוט דערשראָקען. ער האט שוין געוואוסט, וואס ארבייטער הענד קענען. ער האט ניט פערגעסען דעם שטורם פון דער באסטיליע און דיא בלוטיגע קעפּ פון דעלאנע און פלעסעל.

— הער נור, נינאָן, האט ער געזאגט מיט א ווייבערע שטימע. איך וויל פון דיר גאר נישט. איך וועל דיר מארגען ברענגען נאך א טהייערערן בראַסלעט. זאג מיר נור, וואו געפינט זיך יעצט זשאן דעלאן.

— איהר דארפט עס נייטיג וויסען? — נו, וועל איך עס אייך זאגען: ער איז ארויסגעפאהרען פון פּאַריז.

— און אדעלע איז אויך מיט איהם ארויסגעפאהרען?

— אדעלע איז אויך מיט איהם אוועקגעפאהרען.

— אבער וואוהין? זאג מיר נור, וואוהין זיינען זיי געפאהרען?

— דאס ווייס איך ניט.

— איך בעט דיך נאך אמאל, נינאָן, האט דער באראָן ווייטער געזאגט. איך וויל דיך גליקליך מאכען. איך ליעב דיך און וויל דיך נעהמען אין מיין רייכען פּאַלאַץ. — קום מיט מיר!

— אויף קיין פאל!

— און ווילסט דוא מיר ניט זאגען, וואוהין זשאן און אדעלע זיינען געפאהרען?

— ניין, ניין און ניין!

מיט דיזע ווערטער איז זיא ארויפגעלאפען אויף דיא טרעפּ פון'ם הויז, וואו זיא האט געוואינט.

— ווארט, דוא אבשייליכע! איך וועל דיר שוין ווייזען, וויא מען רעדט מיט'ן בּאראן דע קאַשאַן! האט דער באראן געקריצט מיט דיא צעהנער. דוא וועסט מיר שוין אלעס זאגען. דוא וועסט קריעכען, וויא א ווארים פאר מיינע פיס און וועסט מיך בעטען, איך זאל דיך ארייגלאזען צו מיר אין קיך. איך וועל דיר ווייזען, וויא אזוי מען בעליידיגט א באראָן דע קאַשאַן.

9טעס קאפּיטעל

דער באַראָן האַלט וואָרט.

נינאן איז געוועזען אן ארימע ארבייטערין. זיא האט געוואינט אין א מאַנסארדע (א קליין צימעריל אונטערן דאך, וואס איז נאך א ביסעל העכער פון א ניו-יארקער טאָפּ פלאאר). קיין מוטער האט זיא ניט געהאט. זיא האט געוואינט מיט איהר אלטען און קראנקען פאטער. זיי האבען געלעבט נור פון איהר פערדיענסט. זיא האט פערדיענט זעהר ווייניג, אבוואהל זיא איז געווען א גוטע ארבייטערין אין שטיקעריי (עמבראָידערי).

באראן דע קאַשאַן איז געווען ניט שווער אויסצוגעפינען, וואו זיא ארבייט. ער האט געזעהן, אז אין דער פאבריק, וואו זיא ארבייט, זאל מען איהר אונטערוואַרפען א שטיקעל טהייערע שפּיצען אין איהר קערבעלע. מען האט ביי איהר געפונען דיא שפּי־צען און עס איז געווארען א געוואלט: זיא האט געגנבעט שפּיצען. מען האט זיא ארויסגעטריעבען פון דער פאבריק אלס א דיעבין. דאס איז אבער נאך ניט געווען גענוג. מען האט געשיקט דיא פּאָליציי צו איהר א היים. מען האט געמאכט ביי איהר א הויז-אונטערזוכונג און מען האט ביי איהר אויף דער קווארטיר אויך געפונען שפּיצען.

מען האט זיא ארעסטירט און מען האט זיא געבראכט פאר א ריכטער. עס זיינען געווען אזוי פיעל בעווייזע, אז זיא האט געגנבעט סחורות פון דער פאבריק, אז מען וואלט זיא געדארפט פערורטהיילען אויף איינינע יאהר צוכטהויז.

דער ריכטער אבער איז פּלוצלונג געווארען גוט און פרום און האט זיא פער־אורטהיילט נור אויף פיער וואכען געפענגניס. — פאר וואס דער ריכטער איז געוואָרען אזוי גוט און פרום, דאס האט שוין געוואוסט דער באראָן דע קאַשאַן.

נינאַן האט ניט געוויינט פארן ריכטער. זיא האט זיך ניט געבעטען ביי איהם. זיא האט נור געזאגט, אז זיא איז אונשולדיג; אז זיא ארבייט שוין אין דערזעלבער פאבריק אזוי פיעל צייט און מען האט קיין מאל ניט בעמערקט, אז עס זאל עפּעס פעהלען. זיא האט געבעטען, אז מען זאל רחמנות האבען אויף איהר אלטען, קראנקען פאטער. דער ריכטער האט איהר געענטפערט, אז אין פאריז זיינען דא וואהלטהעטיגע אנשטאלטען: האספּיטעלער, אינוואלידען הייזער און דערגלייכען, וועלכע וועלען זיך פאר איהם זארגען.

נינאן איז אפגעזעסען דיא פיער וואכען. זיא איז ארוים פון געפענגנים טרויעריג און אויפגערעגט. דיא פיער וואכען, וואס זיא איז געזעסען, האבען אריינגעגאָסען אין איהר ריינעם, עהרליכען, אונשולדיגען הערצען אזוי פיעל גיפט און גאַל געגען א געזעל־שאפט, וואו דער ארימער איז שטענדיג שולדיג און דער רייכער איז שטענדיג גערעכט. יעצט ערשט האט זיא אנגעהויבען צו פערשטעהן דיא אידעען פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן.

איהר ערשטער גאנג איז געווען צו דעם הויז, וואו זיא האט איבערגעלאזען איהר אלטען, קראנקען פאָטער. זיא איז געקומען אין דעם הויז און האט געזעהן מיט שמערץ, אז קיינער גריסט זיא ניט, קיינער ענטפערט ניט, ווען זיא גריסט איהם. אלע קעהרען זיך אוועק פון איהר, גלייך וויא זיי האבען זיא קיין מאל ניט געקענט. זיא איז האסטיג ארויפגעלאָפען אויף איהר מאנסארדע. — זיא האט זיא געפונען פערשלאָסען. — וואו איז מיין פאָטער? האט זיא אנגעהויבען צו שרייען. א טהיר פון אנאנדער מאנסארדע האט זיך געעפענט, א קאָפּ האט ארויסגעשטעקט און געפרעגט:

— וועמען זוכט איהר, דעם אלטען מאנאָר? — ער איז מיט צוויי וואָכען צוריק געשטאָרבען.

נינאן האט ארויסגעלאזען א ווילדען געשריי, וויא א חיה, וועלכע מען האט געשאָסען, אבער ניט דערשאָסען. זיא איז געווען אין דער גרעסטער פערצווייפלונג. איהר פאָטער איז געווים געשטאָרבען פאר הונגער. קיינער האט אויף איהם קיין רחמנות ניט געהאט. קיינער האט איהם ניט געגעבען א שטיקעל ברויט. קיינער האט זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט.

זיא האט געוואלט ווייטער אויספרעגען: ווען ער איז געשטאָרבען? וואו מען האט איהם בעערדיגט? ווער עס האט איהם בעערדיגט? און נאך אזעלכע פראגען. דאס טהירעל אבער האט זיך פערמאכט און קיינער האט זיך מעהר ניט געוויזען. זיא איז אראפגעגאנגען צום הויזקיפער. זיא האט איהם געוואלט פרעגען וועגען איהר פאטער׳ס טוידט. דער הויזקיפער האט איהר געענטפערט גראב, אז דיא פאָליציי האט איהם צוגענומען און האט איהם בעערדיגט. ער וויל ניט רעדען מיט א גנב׳טע. ער איז נאך געווען אזוי ווייט גראָב, אז ער האט איהר געהייסען זיך געהן פון׳ם הויז. זיא האט דא ניט, וואס צו טהאן. מיט דיעזע ווערטער האט ער פערמאכט דיא טהיר און האט זיא געלאזען שטעהן אין קארידאָר.

נינאן איז אוועקגעגאנגען. — וואוהין? וואוהין זאל זיא געהן יעצט? דאס איז געווען דיא ערשטע פראגע. — א מענש מוז האבען אן ארט, וואו דעם קאָפּ אניעדערצולעגען. זיא האט אנגעהויבען צו געהן צו איהרע פריינדינען, צו איהרע בעקאנטע. פיעלע האָ־בען זיא גאר ניט געוואָלט ארייגלאזען צו זיך. קיינער האט ניט ליעב קיין גנב׳טע. ענדליך האט זיך דאך געפונען איינע פון איהרע בעקאנטע, וועלכע האט מיט איהר צוזאמען געארבייט און וועלכע האט געוואוסט, אז נינאן איז אונשולדיג. זיא האט זיא צוגענומען צו זיך אין איהר ארימעס צימעריל.

יעצט, ווען זיא האט שוין קווארטיר, איז זיא געגאנגען זוכען ארבייט. זיא האט אויך געפונען, וואס זיא האט געזוכט, און האט זיך געזעצט ארבייטען. אויפ׳ן דריטען

טאָג האט מען איהר אָפּגעזאגט. — פאר וואס? פאר ווען? — מען האט איהר ניט געוואלט זאגען.

זיא איז ווייטער געגאנגען זוכען ארבייט אין אנאנדער ארט. זיא האט ווידער געפונען, האט ווידער געארבייט א פּאָר טאָג, מען האט איהר ווייטער אפּגעזאָגט. דאס מאל איז דער פאָרמאַן שוין געוועזן אזוי גראָב איהר צו זאגען, אז ער קען ניט האלטען קיין ארבייטערין, וועלכע איז געזעסען פאר א גנבה.

זיא איז געבליעבען נאר אהן ארבייט, איז ארומגעגאנגען טרויעריג, פערשמאכט און פערצווייפעלט אין דיא גאסען פון פרעהליכען, לוסטיגען און לעבעדיגען פאריז. איין מאל, ווען זיא איז געגאנגען אזוי פערצווייפעלט און האט שוין געטראכט זיך ארייצוווארפען אין וואסער, איז צו איהר צוגעקומען א רייך געקליידעטער מאן. נינאן האט איהם באלד דערקענט. דאס איז געווען דער באראָן דע קאָשאָן.

זיא האט א ציטער געטהאן. זיא האט געוואוסט, אז איהר אלע אומגליקען קומען פון דיעזען מענשען; אז ער האט געמאכט, אז מען זאל זיא ארעסטירען; אז ער האט אונטערגעשיקט מענשען אין דיא פאבריקען, מען זאל איהר אפּזאגען; אז ער פערפאלגט זיא, זייט ער האט זיך מיט איהר בעקאנט. זיא האט עס אלעס געוואוסט און איהר הערץ איז פול געוואָרען מיט האס און צארן געגען אלע רייכע און שטאָלצע, בעזאנדערס אבער געגען באראָן דע קאָשאָן, דיא אורזאכע פון אלע איהרע ליידען. — זיא האט געוואָלט אנטלויפען. דער באראָן דע קאָשאָן אבער האט זיא צוריקגעהאלטען.

— שעהנע נינאָן, האט ער איהר געזאגט, איך וויים, אז עס איז דיר יעצט זעהר שלעכט. — פּיעללייכט ווערסט דוא יעצט אננעהמען דעם בראסלעט, וועלכען דוא האסט אמאל אזוי שטאָלץ אוועקגעוואָרפען?

נינאן איז געשטאנען, וויא פערשטיינערט, זיא האט ניט געקענט ארויסרעדען קיין וואָרט. אין איהר הארצען האט עס אזוי געקאכט און געזאטען געגען דיעזען טייפעל אין מענשענגעשטאלט, אז זיא איז געשטאנען פאר איהם שטום. איהר האלז איז געווען וויא פערבונדען.

דער באראָן האט געמיינט אז זיא שווייגט, ווייל זיא וויליגט איין און ער האט זיך ערלויבט מעהר פרייהייטען. ער האט זיא געוואלט ארומנעהמען. אין דיעזע מינוט האט א פּאטש פערהילכט דיא גאנצע גאס און פינף רויטע פינגער זיינען געשטאנען אויפ'ן באראָנ'ס ווייסע באק. עס זיינען זיך צונויפגעלאָפען מענשען. מען האט אנגעהויבען צו פרעגען, וואס דא איז געשעהן? — דער באראָן איז פערשוואונדען. נינאָן איז געקומען צו זיך.

— איך האב מיט מיינע שוואכע הענד בעשטראָפט א ניעדערטרעכטיגען אריסטאָקראַט, האט זיא אויסגערופען, וועלכער פעראכטעט דאס ארימע אונגליקליכע פאלק און האט מיר אנגעבאָטען א לעבען פון שאנדע.

זיא איז דאמאלט געווען ניט ווייט פון דער האלע, א גרויסע געדעקטע געביידע, וואו הונדערטער ארימע פרויען זיצען און פערקויפען לעבענסמיטעל: גרינוואַרג, פריכטע, פיש און אנדערע קלייניגקייטען. דיא פרויען האבען זיך ארומגעשטעלט ארום נינאן און האבען זיא בעדויערט. נינאָן האט אנגעהויבען צו דערצעהלען איהר טרויעריגע

געשיכטע. דיא פרויען פון דער האללע זיינען געווארען אויפגערעגט און האבען אנגע־הויבען צו שרייען מיט איין קול:

— זיי פרעסען דאס שעהנסטע און דאס בעסטע און מיר שטארבען פאר הונגער! זיי האבען דאס גוטס פון דער וועלט און מיר האבען ניט קיין ברויט! — ניעדער מיט דיא רייכע! ניעדער מיט דיא אריסטאָקראטען!

דיא מענגע איז געוואקסען מיט יעדע מינוט. עס האבען זיך פערזאמעלט עטליכע טויזענד פרוי׳ען פון דער האללע, מייסטענס אפגעריסענע, אפגעשליעסענע, איסגע־דארטע, אויסגעמאָגערטע און אויסגעהונגערטע. מען האט פערגעסען אן דעם בּאראָן, מען האט פערגעסען אן דיא אריסטאָקראטען. מען האָט אָנגעהויבען צו שרייען:

— ברויט! גיט אונז ברויט!

אין פּאריז איז ווירקליך געווען אַ הונגער. עס האט זיך אויסגעלאזען תבואה אין שטאָדט און דער פּרייז פון ברויט איז געשטיעגען אזוי הויך, אז ארימע לייט האבען געגעסען, וואס זיי האבען נור געקענט קריעגען: קעץ, מייז, פרעש, קלייען, קארע פון ביימער, אלטע לעדער — קורץ, אלעס, וואס קען נור אנשטאָפּען דעם מאגען. עס איז דאהער קיין וואונדער, וואס דיא מענגע האט באלד אנגעהויבען צו שרייען:

— ברויט! לאז אונז דער קעניג געבען ברויט!

— ברויט! האט געשריען נינאָן אין איהר פערצווייפלונג. קומט מיט מיר!

ניט ווייט פון דער האללע איז געווען אַ קאזארמע. אַ סאָלדאט איז ארומגע־גאנגען אויף דער וואך און אין אַ בודקע (אַ קליין שטיבעלע) לעבען איהם איז גע־האנגען אַ גרויסע פּויק, מיט וועלכער מען פלעגט צונויפרופען דיא סאָלדאטען. נינאָן איז צוגעלאפען צו דער קאזארמע. אן אפיציער איז ארויסגעגאנגען און האט איהר געזאגט:

— דא איז ניט ערלויבט אריינצוגעהן.

— גיט אונז ברויט, אדער שיעסט אונז! האט נינאָן איהם געענטפערט.

איידער ער האט נאך צייט געהאט ארויסצוזאגען אַ ווארט, האט נינאן געחאפּט דיא גרויסע פּויק און האט אָנגעהויבען צו פּויקען אַ ליארם (טרעוואָגא) דער אפיציער האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן. זאל ער הייסען שיעסען אַ יונגעס מעדכען? — דאס קען זיך קיין פראנצויז ניט ערלויבען.

נינאן אבער האט גפּויקט אימער העכער. הונדערטע, טויזענדע פון פרויען און מעדכען האבען זיך פערזאמעלט ארום איהר. אלע האבען געשריען מיט איין קול:

— ברויט! דער קעניג זאל אונז געבען ברויט!

דיא מענגע איז געווארען אלץ גרעסער און גרעסער. אנפאנגס זיינען עס געווען נור פרויען, וועלכע האבען זיך פערזאמעלט ארום נינאן. באלד אבער זיינען צוגעקומען מענער אויך. איינער פון זיי מיט׳ן נאמען מאליאר האט זיך געשטעלט לעבען נינאן און האט אויסגערופען.

— קומט קיין ווערסייל!

ווערסייל איז אַ שטאָדט לעבען פּאריז, דארט פלעגט וואינען דער קעניג.

— קיין ווערסייל! קיין ווערסייל! דער קעניג זאל אונז געבען ברויט! האט דיא מענגע געשריען און געליארמט.

מען איז צוגעקומען צום האטעל דע וויל (סיטי האל) דארט זיינען געשטאנען סאָלדאטען אויף פערד און האבען אפגעהיט דעם האטעל דע וויל. דיא אפיציערן פון דיעזע סאָלדאטען האבען זיך פערטיג געמאכט צו שיעסען אויף דער מענגע. ווען זיי האבען אבער דערזעהן, אז פאָראויס געהט א מעדכען און ארום איהר געהן נור פרויען, האבען זיי אראפגעלאזען זייערע ביקסען. וויא אזוי הייסט מען שיעסען אויף פרויען? — זיי האבען צוגעלאזען צום האטעל דע וויל.

יעצט אבער איז דיא מענגע געווארען אונרוהיגער. מען האט אנגעהויבען צו קלינגען אין אלע גלעקער פון דיא קירכען. מען האט פערדרענגט דיא סאָלדאטען, מען האט זיך געדרענגט אין האָטעל דע וויל. מען האט שוין געשריען:

— וואפען! גיט אונז וואפען!

דיא לאגע איז געוואָרען קריטיש. דאמאלס איז ארויסגעקומען דער גענעראל לאפאיעט.

לאפאיעט איז געווען איינער פון דיא מערקווירדיגסטע מענשען פון יענער צייט. ער איז אליין געווען אן אריסטאָקראט. ער האט אבער ליעב געהאט דיא פרייהייט און דאס פאלק. ווען ער האט דערהערט, אז אין אמעריקא איז דאס פאלק אויפגעשטאנען געגען זייער אונטערדריקער, דעם קעניג פון ענגלאנד, איז ער אוועקגעפאהרען קיין אמעריקא און איז איינגעטרעטען אלס איינפאכער סאָלדאט אין וואשינגטאָנ׳ס ארמעע. ער האט דורכגעמאכט דעם גאנצען קריעג, ביז וואשינגטאָן האט געזיעגט און איז געוואָרען דער ערשטער פרעזידענט אין אמעריקא. וואשינגטאן האט איהם שפּעטער געמאכט פאר גענעראל.

דאס אמעריקאנישע פאלק איז געווען דאנקבאר פאר דיא דיענסטע, וואס לאַפאיעט האט איהם ערוויעזען און האט אויפגעשטעלט דעם גענעראל לאפאיעט א מאָנומענט אויף יוניאָן סקוועיר אין ניו-יאָרק.

דער מאָנומענט פון גענעראל לאפאיעט שטעהט ניט ווייט פון׳ם מאנומענט פון וואשינגטאָן אין יוניאָן סקוועיר. ווער פון מיינע לעזער האט איהם נאך ניט געזעהן, מעג זיך מאכען דאס פערגניגען און געהן אויפ׳ן יוניאָן סקוועיר איהם זעהן.

ווען לאפאיעט איז צוריקגעקומען קיין פראנקרייך, האט איהם דאס פאלק בעגריסט מיט פרייד און האט איהם א נאמען געגעבען: פרייהייטס קעמפפער. דער קעניג לודוויג דער זעכצעהנטער האט געזעהן, וויא אזוי דאס פאלק ליעבט און שעצט דעם גענעראל לאפאיעט און האט איהם געמאכט פאר קאמאנדיר פון דער גאנצער פאָלקס-גווארדיע. ער האט געקענט לאפאיעט אלס עהרליכען מענשען און האט געהאט צו איהם פאלעס צוטרויען.

לאפאיעט האט ווירקליך ליעב געהאט דיא פרייהייט, ער האט אבער פיינד געהאט בלוט פערגיעסען. ער איז געווען זעהר אונצופריעדען וואָס דאס פאלק האט געטיידטעט דעם קאָמענדאנט פון דער באסטיליע, דעלאנע און דעם בירגערמייסטער

פלעסעל. ער האט געפונען, אז זא לאנג מען קען עפעס אויספיהרען מיט גוטען, דארף מען ניט געברויכען קיין געוואלד.

ווען דיא מעננער מיט נינאן אן דער שפּיצע איז צוגעקומען צום האטעל דע וויל מיט געשרייען:

— וואפען! ברויט!

איז לאפאיעט ארויסגעקומען און האט געוואלט בערוהיגען דיא מעננער. אלע האבען איהם זעהר געליעבט און זעהר געשעצט. ווען ער האט אנגעהויבען צו רעדען האבען אלע געשוויעגען. ער האט זיי געזאגט, אז דער קעניג האט שוין געהייסען ברענגען קארן און מעהל קיין פאריז; אז מען וועט פערטהיילען ברויט צווישען דיא ארימע לייט אומזיסט; אז דער קעניג איז א גוטער מענש און זארגט זיך פארן פאלק און האט געבעטען דיא מעננער, זיא זאל זיך צוגעהן א היים. עס וועט שוין אלעס גוט ווערן.

זא לאנג ער האט גערעדט, זיינען אלע געווען שטיל און האבען איהם אויסגעהערט אויפמערקזאם. קוים אבער איז ער שטיל געווארען, האט דיא מעננער ווייטער אנגעהויבען צו שרייען און צו ליארמען:

— ברויט! גיט אונז ברויט! מיר שטארבען פאר הונגער!

זיעבען שטונדען נאך אנאנדער האט לאפאיעט גערעדט און זיך בעמיהט צו בערוהיגען דאס פאלק. עס האט איהם אבער גאר ניט געהאלפען. דיא מעננער איז געווארען אלץ גרעסער און אלץ אונגעדולדיגער.

— קיין ווערסייל! צום קעניג! לאז ער אונז געבען ברויט! האט דיא מעננער געשריעען אימער העכער, אימער אונגעדולדיגער.

ענדליך האט לאפאיעט איינגעזעהן, אז ער וועט גאר ניט מאכען. ער האט מורא געהאט, עס זאלען זיך ניט ווידערהאלען יענע בלוטיגע סצענען, וועלכע זיינען פארגעקומען ביים שטורם פון דער באסטיליע. ער איז אבער געווען גאנץ קלוג און האט זיך בערעכענט, אז עס איז פיעל גליכער, ער אליין זאל פיהרען דיא מעננער קיין ווערסייל צום קעניג. ווען ער אליין וועט זיי אנפיהרען, וועט ער זיי גיכער קענען איינהאלטען.

— גוט! האט ער אויסגערופען. קומט מיט מיר! איך פיהר אייך קיין ווערסייל צום קעניג.

עס איז שוין געווען אביסעל שפעט, ווייל אין דער צייט, וואס ער האט גערעדט צום פאלק, איז נינאן מיט איהרע פרויען אוועקגעגאנגען פאראויס קיין ווערסייל. ווען לאפאיעט מיט דער איבעריגער מעננע זיינען אנגעקומען קיין ווערסייל, האבען זיי שוין געטראפען נינאן מיט איהרע פרויען פארן שלאס פון'ם קעניג.

אונטערדעסען איז דער קעניג מיט זיינע מיניסטארען געזעסען אין ווערסייל און האבען זיך בעראטהען, וויא אזוי צו בערוהיגען דאס פאלק און וויא אזוי צו פערזארגען פאריז מיט ברויט.

דיא פאלקספערזאמלונג האט געפאסט א בעשלוס אפצושאפען אלע טיטולען און עהרענצייכענס. דיעזער בעשל'ס האט געהייסען: ד י א פ א ר ד ע ר ו נ ג פ ו ן

מענשענרעכטע. אלע מענשען דארפען זיין גלייך פארן געזעץ. אלע מענשען מוזען האבען דיזעלבע רעכטע. קיינער קען ניט זאגען: איך בין א מיוחס, איך בין געבאָרען א גראף, א באראן, א פירסט, אן עדעלמאן.

דיא פאלקס פערזאמלונג האט געשיקט א דעפוטאציאן צום קעניג, ער זאל אננעהמען דיזען בעשלוס, זאל איהם אונטערשרייבען און זאל איהם ערקלערן אלס געזעץ. דער קעניג האט דיזען בעשלוס ניט געוואלט אננעהמען. אין דער צייט איז נינאן מיט איהרע פרויען אנגעקומען קיין ווערסייל. קיינער איז ניט געקומען פריהער מעלדען דעם קעניג, אז דאס פאלק געהט קיין ווערסייל. דיא פרויען זיינען געווען אזוי פארזיכטיג, אז זיי האבען איבערגענומען אלע קוריערע און אלע אגענטען פון דער פאָליציי, וועלכע זיינען געלאָפען מעלדען דעם קעניג, אז דאס פאָלק האט זיך אויפגע־הויבען און פאָרדערן ברויט.

נינאן מיט איהר ארמעע פרויען זיינען, וויא פון'ם הימעל אראפגעפאלען. דער קעניג, דיא פרינצען, דיא מיניסטארען און דער גאנצער הויף זיינען געווען ערשטוינט, איבערראשט, דערשראקען און האבען ניט געוואוסט וואס צו טהאן. דיא קעניגליכע גוואַרדיא האט זיך גענומען צו דיא וואפען און האבען געוואלט שיעסען אויף דיא פרויען.

מאליאר, וועלכער איז געגאנגען לעבען נינאן, האט געזאגט צו דיא פרויען, אז זיי זאלען זיך פארשטעלען, אז זיי קומען נור בעטען דעם קעניג. דיא סאלדאטען האבען אראפגעלאזען זייער געווער: ווען פרויען קומען בעטען, קען מען דאך אויף זיי ניט שיעסען. — מען האט זיי געמוזט צולאזען צום קעניג.

באלד האט מען אויסגעוועהלט א דעפוטאציאן פון דיא פרויען, דארונטער איז אויך געווען נינאן, און מען האט זיי געשיקט צום קעניג.

נינאן איז ארויסגעטרעטען פאָראויס. זיא איז געווען דיא שפרעכערין. ווען מען האט זיי פארגעשטעלט פאר'ן קעניג, איז זיא צוגעגאנגען נעהענטער צו איהם און האט איהם געזאגט:

— קייזערליכע מאיעסטעט! מיר זיינען הונגעריג! גיב אונז ברויט!

דיא אויסגעדארטע געשטאלטען, בלייכע געזיכטער און עלענדע, צוריסענע קליידער, בעזאנדערס אבער דער טרויעריגער טאָן, מיט וועלכען נינאן האט ארויס־געזאגט איהר ביטע, האבען אזוי גערירט דעם גוטען לודוויג דעם זעכצעהנטען, אז ער האט אנגעהויבען צו וויינען. ער האט ווירקליך ניט געוואוסט, וויא גרויס דיא נויט פון'ם פאָלק איז און וויא שרעקליך עס ליידעט. ערשט יעצט האט ער איינגעזעהן, וויא שלעכט פראנקרייך ווערט רעגירט. ער האט ארומגענומען נינאן, האט איהר א קוש געטהאן אין קאָפּ און האט צוגעזאגט, אז ער וועט טהאן, וואס ער וועט נור קענען, אום דיא ליידען פון'ם פאָלק צו ערלייכטערן.

טרעהרען איז א גוטעס מיטעל, בעזאנדערס ווירקט עס אויף פרויען. ווען זיי האבען דערזעהן, אז דער קעניג וויינט, האבען זיי זיך באלד בערוהיגט. דער קעניג האט נאך א מאל פערשפראָכען און געשוואָרען, אז ער וועט זיי העלפען און דיא פרויען דעפוטאַציאָן איז ארויסגעגאנגען בערוהיגט פון קעניגליכען שלאָס.

אונטערדעסען אבער האט זיך אין הויף פארן קעניגליכען שלאָס אָפּגעשפּיעלט אנאנדערע סצענע. איינער פון'ם פאָלק האט געזאגט עפּעס א ווארט א סאלדאט פון דער גוואַרדיא. דער סאלדאט האט איהם אנגעהויבען צו שלאגען מיט זיין שווערד. דער מאן האט ארויסגעחאפּט א פּיסטאָלעט און האט געשאָסען דעם סאלדאט אין האנד. דא האט זיך אנגעהויבען א געשלעג. דאס פאלק האט אויסגעריסען די שטיינער פון'ם פלאַסטער. דאס מיליטער האט זיך אויסגעשטעלט אין שלאַכט ארדנונג און איז געווען בערייט יעדע מינוט צו שיעסען. דער קעניג אבער האט ארויס־געגעבען א שטרענגען בעפעהל, אז מען זאל ניט שיעסען אויפ'ן פאָלק.

אימער אונרוהיגער, אימער דראָהענדער, אימער אויפגערייצטער איז געוואָרען דאס פאָלק. מען האט אנגעהויבען צו שילטען, צו זידלען, צו פלוכען דעם קעניג, די קעניגין און די מיניסטארען. מען האט זיי דערמאנט, אז זיי האבען אויפגענומען די סאָלדאטען מיט וויין און זיי געגעבען פּרעזענטען, אז זיי זאלען אונטערדריקען דאס פאָלק. די מענגע איז געוואָרען אימער גרעסער און גרעסער. דער גרויסער הויף פון'ם קעניגליכען שלאָס איז געווען פול געפּאַקט מיט ארבייטער און מיט פרויען פון דער האללע. ארום הויף איז געשטאנען א מענגע פון הונדערטער טויזענדער און האבען בעלאַגערט דעם הויף.

דער קעניג איז געווען פערצווייפעלט. ער האט מורא געהאט פאר זיין לעבען. ער האט זיך געזעהן געצוואונגען צו שיקען איינעם פון זיינע מיניסטאָרען צו דער פאלקס פערזאמלונג און זיי זאגען, אז ער נעהמט אן דאס געזעץ פון די מענשענרעכטע.

אין דיעזע מינוט איז אנגעקומען לאַפאַיעט מיט דער נאַציאָנאל גוואַרדיא. דאס זיינען אויך געווען ארבייטער און בויערן, וועלכע מען האט געגעבען וואפען, אז זיי זאלען האלטען ארדנונג אין פּאַריז. זיי זיינען אויך געווען פון'ם פאלק און האבען גע־האלטען מיט'ן פאָלק. זיי האבען אויך געפאָדערט, אז מען זאל זיי געבען ברויט.

לאַפאַיעט איז באלד געגאנגען צום קעניג און איז אין עטליכע מינוט ארום ארויסגעקומען. ער האט זיך געגעבען אלע מעגליכע מיה צו בערוהיגען דאס פאלק. ער האט זיי צוגעזאגט אין נאמען פון'ם קעניג אלעס, וואָס זיי האבען פערלאנגט.

עס איז שווער צו זאגען, וויא ווייט עס איז איהם געלונגען, אבער אנאנדער אומשטאנד האט געווירקט, — עס האט אנגעהויבען צו גיסען א שטארקער רעגען. דאס האט געווירקט. דער רעגען האט צוטריעבען די מענגע. נינאָן מיט די פרויען האט מען אריינגענומען אין שלאָס, וואו די מיניסטאָרען פלעגען זיך בעראטהען, דארט האבען זיי גענעכטינט. די נאציאָנאל גוואַרדיא האבען בעוואַכט דעם קעניגלי־כען שלאָס פון דרויסען און די קעניגליכע גוואַרדיא האט איהם בעוואכט פון אינעווענינ.

אלע זיינען געווען מיעד. לאַפאַיעט איז געווען אזוי מיעד, אז ער האט זיך ניט געקענט ריהרען און האט זיך געלעגט אפּרוהען אין איינעם פון די צימער אין קעניג־ליכען שלאָס. ער איז געווען זיכער, אז עס וועט שוין זיין רוהיג. די מענגע איז זיך צולאפען. די פרויען האבען זיך בערוהיגט און אלעס איז שטיל. עס איז געווען צוועלף אהר ביי נאכט, ווען ער האט זיך צוגעלעגט אין זיין מונדיר און אין דער גאנצער פאָרמע. עס איז קיין צייט ניט געווען זיך אויסצוטהאָן.

נטגען פינף אוהר פאר טאג האט ער דערהערט א שרעקליכען ליארם און גע־שריי. ער איז ארויסגעלאפען זעהן, וואס עס איז געשעהן.

א באנדע פון עטליכע הונדערט ארבייטער אין נאציאנאל גווארדיע האבען נעפונען איין טהירעל פון׳ם קעניג׳ס שלאס ניט פערשלאסען. זיי זיינען אריין דורך דיזעס טהירעל, האבען געטוידטעט דיא וואכען, וועלכע זיי האבען אנגעטראפען אויף זייער וועג און האבען אנגעהויבען צו ברעכען דיא טהירען און פענסטער פון דיא צימער, וואו דיא קעניגין מיט דיא פרינצען און פרינצעסינען זיינען געשלאפען.

דיא קעניגין איז ארויסגעלאפען פון איהרע צימער האלב אנגעטהאן, זיא האט געחאפט דיא קינדער אויף דיא הענד און איז געלאפען אין דיא צימער, וואו דער קעניג איז געשלאפען.

אין דיא צימער פון׳ם קעניגליכען פאלאץ איז געווארען א שרעקליכע פערווירונג. פיעלע פון דער לייב־גווארדיע זיינען געלעגען טוידט אדער פערוואונדעט. דיא דיענער, דיא קאמער־מעדכען און דיא האפדאמען האבען געוויינט און געבראכען דיא הענד. דאס פאלק האט געשאלטען און געבראכען דיא טהירען.

דער קעניג איז געווען אין העכסטען גראד פערצווייפעלט.

וואס איז געווען דיא אורזאכע פון דיזער אויפרעגונג פון׳ם פאלק אזוי פלוצלונג? ביי נאכט האט זיך פערברייטעט דיא נאכריכט, אז דער קעניג מיט דער קעניגליכען פאמיליע וויל אנטלויפען פון פראנקרייך. דיא קעניגין, מאריא אנטואנעטע, איז געווען דיא טאכטער פון דער עסטערדייכישער קייזערין, מאריא טהערעזא. דער קעניגינ׳ס ברודער איז יעצט דער קייזער פון עסטערדייך, פראנץ דער ערשטער. — אלזא, וויל דיא קעניגין אנטלויפען צו איהר ברודער קיין וויען און איהם בעטען, ער זאל שיקען קיין פאריז אן ארמעע אונטערדריקען דאס פאלק.

דאס איז געווען דיא אורזאכע, פאר וואס דאס פאלק איז געווארען אזוי אויפ־גערעגט און אזוי בייז אויף דער קעניגין. ווען זיי זאלען זיא געוועזן קריעגען אין זייערע הענד, וואלטען זיי געוויס זיא געוועזן טוידטען. לודוויג דער זעכצעהנטער האט איינגע־זעהן דיא געפאהר. ער איז ארויס אויפ׳ן באלקאן פון׳ם שלאס און האט געבעטען דאס פאלק, עס זאל איהם בעשיצען. קיינער האט איהם ניט געענטפערט.

— דער קעניג זאל קומען מיט אונז קיין פאריז! האט געברומט דיא מענגע.

לאפאיעט האט זיך געגעבען אלע מעגליכע מיה צו בערוהיגען דאס פאלק. מען האט איהם אבער ניט געוואלט הערן. ער האט זיך דורכגעשלאגען צו דיא צימער פון׳ם קעניג און האט איהם געבעטען, ער זאל נאכגעבען דעם פאלק און זאל פאהרען קיין פאריז. דער קעניג האט אנפאנגס ניט געוואלט נאכגעבען א הויפען בויערן און ארביי־טער. לאפאיעט אבער האט איהם ערקלערט, אין וואס פאר א געפאהר ער געפינט זיך. דאס פאלק בעגניגט זיך שוין ניט מיט שרייען אליין. עס האט שוין אנגעהויבען אנצופאלען אויף דיא בעקערייען און שפייז מאגאזינען און רויבט, וואס ער קען.

דיא לאגע איז געווארען פון מינוט צו מינוט קריטישער און געפעהרליכער. דער קעניג האט ענדליך געמוזט נאכגעבען.

מען האט געהייסען איינשפאנען דיא גרויסע קעניגליכע קארעטע. דער קעניג

דיא קעניגין, איהרע קינדער, דעם קעניגס ברודער און דעם קעניגס שוועסטער האבען זיך אריינגעזעצט אין דער קארעטע. ארום דער קארעטע זיינען געגאנגען דיא מיט-גליעדער פון דער פאָלקס-פערזאמלונג און דאן דאס מיליטער.

דאס פאָלק האט זיך געפרייט, וואס דער קעניג פאהרט קיין פאריז. דיא פרויען האבען זיך פערפוצט מיט בלומען. דיא מוזיק האט געשפיעלט, אלעס איז געווען פרעהד ליך. אין מיטען דיעזער גרויסער שמחה אבער האט מען געהערט שיעסען און שרעקליכע זידלערייען אויפ'ן קעניג, בעזאנדערס אפער האט מען גזידעלט און געשימפפט דיא אונגליקליכע קעניגין.

אייניגע פון'ם פאָלק האבען אנגעשטאכען דיא קעפּ פון דיא געטוידטעט סאל־דאטען פון דער לייב-גווארדיע אויף הויכע שטאנגען און האבען זיי געטראָגען פאר דער קארעטע פון'ם קעניג. דער קעניג און דיא קעניגין האבען זיך אוועקגעקעהרט פון דיא בלוטיגע קעפּ.

— דיא קעניגין קען אזעלכע קעפּ ניט זעהן, האט אויסגעשריען איינער פון דער מענגע. זיא האט ליעב נור פערקעמטע און פערפוצטע קעפּ.

עס איז געווארען א געלעכטער און א ליארם. ווען דער צוג איז אנגעקומען פאר א שענק, איז מען געבליעבען שטעהן. דעם קעניגס קארעטע האט אויך געמוזט בלייבען שטעהן. דער קעניג און דיא קעניגין האבען געמוזט צוזעהן, וויא דיא ווילדע מענגע האט ארויסגעטראָגען פון'ם שענק וויין און שנאפּס און האט זיך אנגעשיכורט.

זעקס שטונדען האט געדויערט דער וועג פון ווערסייל קיין פאריז, אזוי לאנגזאם איז מען געפאהרען און אזוי פיעל מאל האט מען זיך אפּגעשטעלט. ענדליך איז דער צוג אנגעקומען קיין פאריז. מען האט צוואר עמפּפאנגען דעם קעניג רוהיג, אבער מען האט איהם שוין אנגעהויבען צו בעהאנדלען, וויא א געפאנגענעם. מען האט איהם געבראכט ניט אין זיין פאלאץ, לאָוור, זאָנדערן אין אן אלטען שלאס, טיולערי און דארט האט מען איהם געהייסען וואינען.

9טעס קאפּיטעל.

דער קעניג מיט'ן פאָלק וויעדער איינס.

דיא לעצטע שטראהלען פון דער אבענד זון האבען פערגאלדעט דיא פענסטער פון'ם פאלאץ טיולערי, וואו דיא קעניגליכע פאמיליע האט יעצט געוואינט.

אין א גרויסען, העלען צימער זיינען געזעסען צוויי פרויען.ביידע זיינען געווען ביל' שעהן. ביידע זיינען געווען עלעגאנט אָנגעטהאן, וויא פירסטינען. בעזאנדערס שעהן, עלעגאנט און רייך געקליידעט איז געווען דיא איינגערע. דאס איז געווען מאריא אנטואנעטע, דיא קעניגין פון פראנקרייך. זיא איז געווען יונגענדליך, זאָגאר קינדליך שעהן. ווען מען וואלט זיך אבער נעהנטער צו איהר צוגעקוקט, וואלט מען געזעהן, אז שמערץ און ליידען האבען ארויפגעלעגט זייער שטעמפּעל אויף דיעזעס שעהנע געזיכט.

מאריא אנטואנעטע איז דאמאָלס אלט געווען נור פינף און דרייסיג יאהר. דאס הייסט נאך ניט אלט פאר א פרוי, וועלכע איז געבאָרען געוואָרען און אויפגעוואקסען אין פרייד און גליק. זיא איז געווען דיא געליעבטע טאָכטער פון דער קייזערין מאריא

טהערעזא פון עסטעררייך. נאך איהר מוטערס טוידט איז איהר ברודער, דער בעריהמטער קייזער יאָזעף דער ערשטער געוואָרען קייזער אין עסטעררייך. ער האט רעגיערט נור צעהן יאהר און איז געשטאָרבען. יעצט איז איהר צווייטער ברודער, פראַנץ דער ערשטער קייזער פון עסטעררייך.

ווען זיא האט געהייראטהעט לודוויג דעם זעכצעהנטען, איז געווען א פרייד אין גאנץ פראַנקרייך. אלע האבען זיך געבויגען פאר איהר, אלע האבען זיא געחנפט, אלע האבען זיא געלויבט.—זיא איז געווען גליקליך, זיא איז געווען שטאָלץ! אין דער לעצטער צייט אבער האט זיך פיעלעס געענדערט. זייט דעם 14טען יולי, זייט דאס פאלק האט גענומען דיא באַסטיליע מיט שטורם און האט ארויסגעזאגט דיא שרעקליכע ווערטער: פרייהייט און גלייכהייט! האט דיא שטאלצע קעניגין געלערנט, אז דאס גליק איז ניט אויף אייביג, אז זאגאר א קעניגין איז ניט בעוואָרנט פאר שמערצען און ערניעדערונגען.

מיר האבען געזעהן אין פאָריגען קאפיטעל, וויא אזוי דאס פאָלק האט אריינגעפיהרט דיא קעניגליכע פאמיליע קיין פאריז און וויא מען האט זיא בעהאנדעלט. אין דער צייט פון פיער מאנאטע האט זיך דיא קעניגין אין גאנצען פערענדערט. איהרע בליקען האבען פערלאָרען זייער גלאנץ, ארום דיא ווינקלען פון איהר שעהנעם מויל האבען זיך געוויזען קנייטשען, איהרע באקען זיינען געוואָרען בלייך, זאָגאר איהר שטימע האט זיך געענדערט. זיא קלינגט יעצט עטוואָס הייזעריג און טרויעריג.

לעבען דער קעניגין זיצט דיא פרינצעסין פון לאַמבאַל. דיא פרינצעסין איז עלטער פון דער קעניגין. זיא איז אויך געווען זעהר שעהן, אבער אויך אויף איהר האבען געווירקט דיא ענדערונגען אין דער לעצטער צייט. דער קעניג האט געמוזט נאכגעבען, אז מען זאָל אבשאפען אלע טיטולען און עהרענצייכענס.—אלע מענשען זיינען גלייך, קיינער קען ניט זאגען, אז ער איז געבאָרען געוואָרען א גראף, אדער א פרינץ.—

דאס האבען דיא פראנצייזישע אריסטאָקראטען ניט געקענט פערטראָגען און פיעלע פון זיי האבען זיך ענטשלאָסען ליעבער ארויסצופאהרען פון פראנקרייך און לעבען אין א פרעמד לאַנד אלס גראף, פירסט אדער פרינץ, איידער צו בלייבען אין דער היים און יעדער שניידער, יעדער שוסטער זאָל איהם זאגען: בירגער זא און זא. עס איז זעהר מעגליך, אז דיא פרינצעסין וואלט אויך געווען ארויסגעפאהרען. זיא האט אבער זעהר ליעב געהאט דיא קעניגליכע פאמיליע און האט זיך ניט געוואלט שיידען פון איהר.

— טהערעזא, האט דיא קעניגין געזאגט צו דער פרינצעסין. וויא מיינסט דוא? ווען ער קומען?

— ער וועט געוויס קומען, מאריא, האט דיא פרינצעסין געענטפערט. איך האב עס אזוי איינגעריכטעט, אז ער מיינט, אז דוא ווילסט בעזאנדערס, ער זאָל קומען.

— און מיינסט דוא, אז ער וועט זיך ענטשליעסען צו טהאָן אזא געפעהרליכען שריט?

— ער וועט עס טהאן. ער בעטראכט דיך ניט נור אלס דיא קעניגין פון פראַנקרייך,

אנדערן אלס דיא שעהנסטע פרוי אין דער וועלט. ער איז בערייט צו געהן פאר דיר אין פייער און אין וואסער.

— אך, רעד ניט דערפון, טהערעזא! האט דיא קעניגין געבעטען. מיין שעהנ־הייט האט מיר שטענדיג געבראכט אונגליק. בעזאנדערס אבער וויל איך ניט, אז גראף מיראבאָ זאָל מיך געפינען פאר שעהן. ער איז אזוי מיאוס, אזוי אבשייליך! זיין געזיכט איז דורכלעכערט, וויא א זיעפּ, פון פּאָקען.

דיא פּרינצעסין האט ארויפגעלעגט דעם פינגער אויפ'ן מויל.

— מאריא! איך בעט דיך, רעד ניט אזוי הויך! ווענט האבען אויערן און שטיינער האבען אויגען.

— אך, האט געזיפצט דיא קעניגין, אזוי וויים איז עס שוין געקומען, אז איך דארף מורא האבען צו רעדען אין מיין צימער! — איך טאָר ניט זאגען מיין בעסטער פריינדין, אז דעם און דעם מענשען האב איך פיינט, וויא א שפּין!

— זאגען, מעגסט דוא, ליעבע מאריא, בעזאנדערס מיר מעגסט דוא עס זאגען, דער גראף מיראבאָ אָבער דארף דערפון ניט וויסען. ער דארף מיינען, אז דוא שעצט איהם. ער איז דאך דער איינציגער מענש, וועלכער קען אונז רעטען. דאס פאלק האט איהם ליעב און פאָלגט איהם. ער איז א גרויסער רעדנער און קען פיהרען דאס פאָלק, וואוהין ער וויל.

— אך, ווען דער קעניג זאל האבען מעהר מוטה און מעהר ענערגיע! האט געזיפצט דיא קעניגין. וואס טויג דאס רעדען צום פאלק, דאס איינרעדען, דאס צו רעדען? מיט אזא ווילדע באנדע דארף מען זיך אנדערש בעגעהן. — מיט קארטעטשען דארף מען זיי צוטרייבען! — ניין, טהערעזא, איידער איך וועל מיך אראפּלאזען אזוי ניעדעריג צו בעטען זיך ביי דיעזען ניעדערטרעכטיגען גראף מיראבאָ, מוז איך נאך אמאל רעדען מיט'ן קעניג, איהם אויפמונטערן, איהם אויפפאָרדערן, ער זאל האנדלען וויא א קעניג; ער זאל ווייזען זיין מאכט, זיין קראפט און זיין שטאָלץ.

דיא פּרינצעסין האט טרויעריג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— טהו עס ניט, מאריא! האט זיא געבעטען.

דיא קעניגין אבער האט זיא ניט געהערט און איידער דיא פּרינצעסין האט זיך אומגעקוקט, איז זיא שוין פערשוואונדען. זיא איז געלאפען אין דיא צימער פון'ם קעניג. זיא איז דורכגעגאנגען א גאנצע רייהע פון צימער און קארידאָרען. דיא דיענער האבען זיא בעגריסט אונטערטהעניגסט, וויא מען דארף גריסען דיא קעניגין פון פראנקרייך. ווען זיא איז צוגעקומען צום קעניגס קאבינעט, האט איהר דער ערשטער קאמערהערר געזאָגט:

— דער קעניג וויל זיין אליין. ער האט אנגעזאגט, איך זאל קיינעם ניט אריינ־לאזען צו איהם.

זיא האט איהם אוועקגעדרענגט אין א זייט און האט אויפגעריסען דיא טהיר.

— מיך מוז דער קעניג שטענדיג אויפנעהמען! האט זיא געזאגט שטאָלץ און איז אריין אין קאבינעט.

אין קאָבינעט איז קיינער ניט געווען. מען האט נור געהערט עפּעס א גערויש

פון אנאנדער צימער. דיא קעניגין איז נעגאנגען זעהן, וואס דאס איז פאר א גערויש. זיא איז אריינגעקומען אין א קליין צימעריל און איז געבליעבען שטעהן ערשטוינט און פערוואונדערט.

דאס צימעריל איז געווען איינגעריכטעט פאר א שמיעד. אין א קליינעם אויווען האט געברענט א פייער. צום אויווען איז געווען צוגעפאסט א בלאָזזאק. אין צימער זיינען געלעגען צו־וואָרפען האמערים, פיילען, צוואנגען, זעגען און אנדערע געצייג פון א שמיעד. דער קעניג איז געשטאנען איינגעבויגען לעבען א טיש און האט עפּעס געפיילט גאנץ געשמאַק. ער איז געווען אזוי פערטיעפט אין זיין ארבייט, אז ער האט ניט בע־מערקט, אז דיא קעניגין איז אריינגעקומען.

— לודוויג, וואס טהוסט דוא? האט דיא קעניגין געפרעגט ערשטוינט.

דער קעניג האט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האט דערזעהן דיא קעניגין. ער איז געבליעבען רוהיג און האט ווייטער געפיילט.

— זעין דיך, מאריא, איך בין באלד פערטיג, האט ער געזאגט רוהיג.

— וואס טהוסט דוא, לודוויג? האט דיא קעניגין געזאגט מיט א פאָרוואורף. אין אזא צייט, ווען דוא וואלסט זיך געדארפט בעשעפטיגען עפּעס מעהר מיט דיא געשעפטען פון דער רעגיערונג, פערשליעסט דוא זיך אין דיינע צימער און בעשעפטיגסט זיך מיט קינדער שפּיעל.

— אך, מאריא, לאז מיך, שטער מיר ניט! — איך פיהל מיך אזוי גוט און אזוי גליקליך, ווען איך בין דא אליין און בעשעפטיגט מיך מיט מיין ארבייט! — דיא רעגי־ערונג! דאס פאָלק! האט ער ווייטער געזאגט מיט א ביטערן געלעכטער. וויאפיעל שמערצען, וויאפיעל ליידען האט מיר פעראורזאכט דיעזע רעגיערונג, דיעזעס פאָלק! — אך, מאריא! יעצט פערשטעה איך, וואס דער רוימישער קייזער, אנטאנינוס פּיאוס האט געמיינט.

ווען מען איז געקומען איהם קריינען און מען האט איהם געוואלט אנטהאן דיא קרוין אויפ'ן קאָפּ, האט ער זיא גענומען אין דיא הענד, האט זיא בעטראכט פון אלע זייטען און האט געזאגט:

— אך, דוא גאָלדענע קרוין פון א רוימישען קייזער! ווען דיא מענשען זאלען ווייסען, וויאפיעל ליידען עס ליעגען אין דיר פערבאָרגען, וויאפיעל שמערצען עס ליעגען אין דיר בעהאלטען און וויאפיעל טרערין עס זיינען אין דיר פערשמאלצען, — וואָלטען זיי דיך ניט געוואלט אויפהייבען, ווען זיי זאלען דיך געפינען אויפ'ן מיסט!

— און דאך האט ער אנגעטהאן דיא קרוין! האט דיא קעניגין אויסגערופען. און דאך האט ער זיא געטראגען, וויא א קייזער, ניט וויא א שמיעד!

— וואס זאָל איך טהאן, מאריא, ווען דער שמיעד איז גליקליכער פון'ם קעניג? האט דער קעניג געענטפערט טרויעריג.

— לודוויג, האט דיא קעניגין געזאגט מיט א ביטערער שטימע, דוא פערגעסט, אז מיר האבען הייטע אבענד א בעראטהונג. — גראף מיראבאָ דארף הייטע אבענד קומען. מיר מוזען מיט איהם אונטערהאנדלען.

— דוא האסט רעכט, מאריא, האט דער קעניג געזאגט. גראף מיראבאָ איז

ווירקליך דער איינציגער מענש, וועלכער קען אונז העלפען. זיינע פייערינע רעדען ווירקען אויפ'ן פאָלק. ווען מיר זאָלען נור קענען איהם אריבערציעהען אויף אונזער זייט, וואָלט ער געקענט טהאן זעהר פיעל פאר אונז.

— לודוויג, דארפען מיר איהם אזוי נייטיג האבען? קענסט דוא דען ניט אליין געפינען מיטעל, וויא איינצוהאלטען דאס פאלק, וויא עס צו צווינגען, עס זאָל זיך ווייטער ביינגען פאר דיין מאכט? — דוא ביסט דאך א קעניג. שטעל דיך אן דער שפּיצע פון דיין ארמעע און קעמפּף פיר דיין עהרע, פיר דיינע רעכטע, פיר דיין מאכט!

דער קעניג האט אראפּגעלאזען טרויעריג דעם קאָפּ.

— קעמפּפען געגען דאס פאָלק.... שיעסען אויפ'ן פאָלק.... ניין, מאריא, איך קען עס ניט! ווען דאס פאָלק ווערט אויפגערעגט, איז עס געפעהרליך. דוא געדענקסט דאך דיא טרויעריגע סצענען, וועלכע מיר האבען ניט לאנג איבערגעלעבט, ווען דיא פרויען פון דער האללע זיינען געקומען קיין ווערסייל.

— אזוי? דוא האסט מורא? דוא ציטערסט? דער קעניג פון פראנקרייך האט מורא פאר א באנדע רעוואָלוציאָנערן? — שעהם דיך, לודוויג!

— איך האב קיין מורא ניט, מאריא, האט דער קעניג געענטפערט, ווען עס זאל מיר אויסקומען צו שטעלען זיך אן דער שפּיצע פון מיין ארמעע און ארויסטרעטען געגען א פיינד פון פראנקרייך, וואלט איך קיין מורא ניט געהאט צו געהן דער ערשטער אין פייער. — אבער ארויסטרעטען געגען מיין פאָלק, שיעסען אויף זיי — דאס קען איך ניט.

— אלזא, מוזען מיר זיך ביינגען און זיך בעטען ביי גראף מיראבאָ, האט דיא קעניגין געזאגט טרויעריג. מיר מוזען זיך בעטען ביי א מענשען, וועלכער האָט אונז פערראטהען. ער אליין איז אן אריסטאָקראט, א גראף, און האלט מיט'ן פאלק, טרעט אויף געגען אונז און שימפּפט אויף זיין קעניג.

— וואס זאלען מיר טהאן, ווען ער איז דאך דער איינציגער, וועלכער קען ווירקען אויפ'ן פאלק, קען איינהאלטען דאס פאלק און קען אונז העלפען, אז מיר זאָלען צוריק קומען צו אונזערע רעכטע? — איך וויל מיט איהם ניט רעדען. דוא ביסט א פרוי, דוא קענסט אויף איהם ווירקען. — נעהם איהם אויף, זיי פריינדליך געגען איהם.

דיא קעניגין איז געוואָרען בלייך, וויא קאלך.

— דוא זאגסט עס מיר, לודוויג? האט זיא אויסגערופען אין פערצווייפלונג.

דער קעניג האט גאר ניט געענטפערט. מאריא אנטואנעטע איז ארויסגעלאָפּען פון צימער, בעשעהמט, געררייצט, אויפגערעגט און ערניעדריגט. זיא איז געקומען צו לויפען צו דער פּרינצעסין לאמבאל און איז איהר געפאלען אויפ'ן האלז.

— עס איז אומזיסט, טהערעזא! האט זיא געוויינט. ער איז א שטיין, איהם קען מען ניט וועקען, איהם קען מען ניט ריהרען!

— איך האב עס פריהער געוואוסט, האט דיא פּרינצעסין געזאָגט טרויעריג, איך האב דיך געבעטען, דוא זאלסט ניט געהן צו איהם. — אך, גאט! וואס וועט זיין דאס ענדע פון דעם?

מאריא אנטואנעטע איז געווען אויסער זיך. זיא האט זיך פערטראכט. פינסטער

רע, טרויעריגע, שרעקליכע, שוידערהאפטע בילדער פון דער פערגאנגענהייט האבען זיך איהר פאָרגעשטעלט. דאמאָלס האט זיא זיי ניט פערשטאנען. — יעצט האט זיא זיי געפיהלט. יעצט איז יעדעס בילד געוואָרען גרעסער, שטארקער, שרעקליכער און דראהענדער.

— אך, דער פּראָצעס מיט'ן האלזבאנד! האט זיא פּלוצלונג אויסגערופען. דאס איז געווען מיין אונגליק!

איך וועל דערצעהלען מיינע לעזער דיא געשיכטע פון'ם האלזבאנד, דאס איז וועלכע האט אין יענע צייט געמאכט א רעש אויף דער גאנצער וועלט און וועלכע האט געפיהרט צו איינעם פון דיא זעלטענסטע פּראָצעסען.

אין פּאריז איז געווען א קארדינאל — א גרויסער גייסטליכער — דע ראָהאן. ער איז געווען א פירסט פון געבורט און אלס גייסטליכער האט ער נאך געהאט דעם טיטול קארדינאל, וועלכער הייסט: קירכענפירסט. ער איז געווען זעהר רייך, יונג און שעהן. אלס פירסט פון דיא גייסטליכע האט ער געמעגט זיין ניט שטארק פרום.

זייט מאריא אנטואנעטע איז געקומען קיין פראנקרייך, האט דער קארדינאל זיך פערליעבט אין איהר צום שטארבען. ער פלעגט שטענדיג זיין לעבען איהר, רעדען מיט איהר און קוקען אויף איהר. — אלס פירסט האט ער געקענט קומען אין הויף, ווען ער האט געוואלט. — מאריא אנטואנעטע איז געווען דאמאלס זעהר יונג און וועניג בעקאנט מיט פראנקרייך. זיא האט ניט געוואוסט, אז שווינדלער און בעטריגער געפינען זיך אומעדום: אין דיא ארימסטע שטיבעלעך, וואו עס וואינען בעטלער, וויא אין דיא פּאלאצען פון דיא קעניגע.

איינע פון איהרע האף־דאמען האט בעמערקט, וויא דער קארדינאל ווערט דער־ציטערט, ווען ער דערזעהט דיא קעניגין. זיא האט פערשטאנען, אז ער וועט אוועק־געבען זיין גאנצעס פערמעגען פאר א פריינדליכעס וואָרט פון דער קעניגין, ווער רעדט, ווען ער זאל קענען זיין מיט איהר איינינע מינוטען אליין! דאן וועט ער זיך לאזען דיא פינגער אפשניידען. דיעזע האף־דאמע האט זיך ענטשלאָסען אויסצוניצען דעם קארדינאלס ליעבע צו איהרע צוועקע.

איינמאל ווען דער קארדינאל איז דורכגעגאנגען א דונקעלן קאָרידאר, האט איהם איינע פון דער קעניגינ'ס קאמער־מעדכען דערלאנגט א צעטעלע. דער קארדינאל האט גענומען דאס צעטעלע און האט עס איבערגעלעזען ביי זיך אין דער קארעטע. אין צעטעלע איז געשטאנען, אז א דאמע פון זעהר הויכען שטאנד וועט איהם ער־ווארטען מאָרגען אבענד אום צעהן אוהר אין א לויבהיטע (בעסיעדקא) אין קעניגליכען גארטען.

— ווער זאל זיין דיעזע דאמע? — געוויס, דיא קעניגין, האט זיך געטראכט דער קארדינאל.

מען קען זיך דענקען, אז ער איז געווען פּינקטליך און איז געקומען אין דער צייט און אויף דעם ארט, וואס איז געשטאנען אין צעטעלע. ער האט ניט לאנג געווארט באלד איז אנגעקומען א דאמע מיט א געדיכטען שלייער אויפ'ן געזיכט. זיי זיינען אריינגעגאנגען אין דער היטע (בעסיעדקא) און האבען גערעדט גאנץ שטיל. — דיא

דאמע האט ניט אויפגעהויבען דעם שלייער און האט זיך בעמיהט צו רעדען שטיל. זיי האבען אפגערעדט, אז אין איינינע טעג ארום זאלען זיי זיך ווייטער צונויפקומען אין זעלבען ארט.

אין דערזעלבען צייט האט א דיאמאנטען הענדלער געבראכט דער קעניגין א האלזבאנד פון בריליאנטען, וועלכער איז דער קעניגין זעהר געפעלען. ער האט פאר איהם געוואָלט ניט טהייער: פיער מיליאָן פראנק. דיא קעניגין האט אָבער אזא קלייניגקייט ניט געקענט בעצאהלען. דאס פאָלק איז געווען אויסגעזויגען און דיא קאסא איז געווען לעדיג. זיא האט זיך געמוזט אפזאגען פון דעם שעהנעם האלזבאנד.

דיא גרעפין דעלאמאָט — דאס איז דער נאמען פון דער האף־דאמע, וועלכע האט זיך געוואָלט בענוצען מיט'ן קארדינאלס ליעבע צו דער קעניגין — דיא גרעפין דעלאמאָט האט דערצעהלט דעם קארדינאל, אז דיא קעניגין האט זעהר לוסט צו קויפען דעם בעריהמטען האלזבאנד, זיא האט אבער קיין געלד ניט.

דאס אנדערע מאל, ווען דער קאַרדינאל איז זיך צונויפגעקומען מיט דער פערשלייערטער דאמע, האט זיא איהם שוין דייטליך געזאגט פון'ם האלזבאנד. דעם אנדערן טאג האט איהם דיא גרעפין דעלאמאָט געבראכט א צעטעל אונטערגעשריעבען פון דער קעניגין, אז זיא וועט בעצאהלען פארן האלזבאנד, אבער ניט מיט אמאל, זאנדערן אין ראטען — אבצאהלונגען.

דער קארדינאל האט געשיקט רופען דעם דיאמאנטען הענדלער און האט ביי איהם געקויפט דעם האלזבאנד. ער האט איהם אויסדריקליך געזאגט, אז דיא קעניגין וועט בעצאהלען. מען האט אנגעשריעבען א קאָנטראקט און דער קארדינאל האט איהם אונטערגעשריעבען אין נאמען פון דער קעניגין.

מיט א טאָג שפעטער איז ער זיך ווייטער צונויפגעקומען מיט זיין פערשלייערטער דאמע. ער איז געווען זיכער, אז דאס איז דיא קעניגין און האט איהר געגעבען דעם האלזבאנד.

עס איז פערגאנגען א שטיקעל צייט. עס איז געקומען דיא ערשטע ראטע, דיא קעניגין האט ניט בעצאהלט. עס איז געקומען דיא צווייטע, דיא דריטע ראטע — דיא קעניגין האט ניט בעצאהלט. דער דיאמאנטען הענדלער איז געוואָרען אונרוהיג און האט אלעס דערצעהלט דעם קעניג. לודוויג דער צעכצעהנטער איז געווען אויסער זיך. ער האט געפרעגט דיא קעניגין, פאר וואס זיא צאהלט ניט; דיא קעניגין האט איהם אנגעקוקט ערשטוינט. זיא האט ניט געוואוסט פון וואָס צו זאגען. זיא האט דעם האלזבאנד ניט געקויפט.

לודוויג דער זעכצעהנטער האט באלד געהייסען ארעסטירען דעם קארדינאל, דיא גרעפין דעלאמאָט און איינינע פון דער קעניגינ'ס קאמער־מעדכען. דערמיט האט זיך אנגעהויבען דער בעריהמטער פּראָצעס פו'ם האלזבאנד. אויפ'ן געריכט האט זיך אלעס ערקלערט. דיא דאמע, וועלכע איז זיך צונויפגעקומען מיט'ן קארדינאל, איז געווען דיא גרעפין דעלאמאָט. זיא האט צוגענומען דעם האלזבאנד, האט איהם צו־בראכען און האט פערקויפט דיא בריליאנטען אין ענגלאנד. דיא גרעסטע בריליאנטען האט געקויפט דיא ענגלישע קעניגין.

דאס ענדע פון׳ם פראצעס איז געווען, אז דעם קארדינאל ראהאן האט מען געהייסען זיצען אויף זיינע גיטער, בעטען גאָט און אין ערגעץ ניט ארויספאהרען. דער גרעפין דעלאמאט האט מען אויסגעברענט אויף דער פּלייצע און אויף דער ברוסט דעם בוכשטאב V דאס הייסט Voleur, גנב׳טע, דיעבין, און מען האט זיא פּעראור־טהיילט אויף לעבענסלענגליכע געפענגניס ביי הארטער ארבייט. דעם דיאמאנטען הענדלער האט דער קעניג געמוזט בעצאהלען זיין געלד.

איין זאך איז געבליעבען אין פראצעס ניט ערקלערט. עס איז נאך א רעטעניש ביז אויף היינטיגען טאג. — וויא אזוי איז געקומען צו דער גרעפין דעלאמאט דיא אונ־טערשריפט פון דער קעניגין, אז זיא וועט בעצאהלען פאר׳ן האלזבאנד אין ראטען? — מען האט געזאגט, אז דיא גרעפין דעלאמאט האט נאכגעמאכט מאריא אנטואנעטע׳ס אונטערשריפט. אנדערע אבער האבען געפונען, אז מאריא אנטואנעטא האט געוואוסט פון דער גאנצער געשיכטע און זיא האט ווירקליך געהייסען קויפען דעם האלזבאנד.

מאריא אנטואנעטע האט זעהר גוט געוואוסט, אז דאס פראנצויזישע פאָלק קען ניט פערגעסען דיא געשיכטע פון׳ם האלזבאנד; דער קעניג האט בעצאָהלט פאר איהם. וואו האט ער אבער גענומען דאס געלד? — פון׳ם פאלק, פון דער קאסא פון׳ם לאנד. פראנקרייך האט בעצאהלט פאר א פארברעכען פון א פירסט און א קארדינאל, אדער פאר א קאפריז פון איהר קעניגען.

— אך, טהערעזא! האט זיא געזיפצט. וויא פיעל ליידען האט מיר געבראכט דיעזער טראהן פון פראנקרייך! — הלואי וואלט איך קיין מאל ניט געקומען קיין פראנקרייך!

זיא האט ארומגענומען איהרע קינדער, וועלכע זיינען געשטאנען לעבען איהר און האבען זיא אנגעקוקט מיט שטוינען, האט זיי געקושט און האט אנגעהויבען צו וויינען.

דיא גרויסע פערגאלדעטע אוהר אויף דער וואנד האט אין דיעזע מינוט אויסגע־שלאָגען אכט. דיא קעניגין האט א ציטער געטהאן.

— יעצט איז דיא שטונדע! האט זיא געזאגט. ער איז שוין געווים געקומען.

— מאריא! האט געבעטען דיא פּרינצעסין לאמבאל, פערגעס ניט אונזער טרויעריגע לאגע. פערגעס ניט, אז דאס איז דאך דער איינציגער מענש, וועלכער קען אונז נאך רעטען.

זיא האט זיא ארייגעפיהרט אין א גרויסען זאל און האט געעפענט א טהיר.

— הערר גראף! האט זיא געזאגט צו א מאן, וועלכער איז געזעסען אין אנאנ־דער צימער, — ביטע, קומען זיא הערייז, איהרע מאיעסטעט, דיא קעניגין, ערוואַרטעט אייך.

גראף מיראבאָ איז ארייגעגאנגען אין צימער און האט זיך טיעף פערנייגט פאר דער קעניגין. מאריא אנטואנעטע האט איינגע מינוטען בעטראכט דיעזען מענ־שען, וועלכער זיא האט אזוי שטארק געהאסט און געגען וועלכען זיא האט יעצט גע־מוזט פריינדליך זיין.

גראף מיראבאָ איז געווען איינער פון דיא מערקווירדיגסטע מענשען פון יענער צייט. זיינע עלטערן זיינען געווען זעהר רייך און האבען איהם געגעבען דיא בעסטע ערציהונג, וואס מען האט נור געקענט געבען אין יענע צייט. ער איז געווען אפיציער און האט

זיך אויסגעצייכענט אין פיעלע שלאכטען. ער איז אבער געווען א גרויסער פערשווענ־דער, האט געמאכט זעהר פיעל שולדען, אז זיין אייגענער פאטער האט געבעטען דעם קעניג, ער זאל איהם הייסען ארעסטירען. אין געפענגניס איז ער בעקאנט געוואָ־רען מיט דער פרוי פון׳ם געפענגניס דירעקטאר, האט זיך אין איהר פערליעבט און זיא איז מיט איהם אנטלאפען קיין אמסטערדאם, אין האָלאנד.

דארט האָט ער געלעבט דערפון, וואס ער האט געשריעבען אין צייטונגען. ער האט אויך געשריעבען ביכער און ראָמאנען. ער האט געלעבט זעהר אָרים. דיא צייטונגען פלעגען אין יענער צייט זעהר שלעכט בעצאָהלען זייערע שרייבער. — עס האט אבער אויך ניט לאנג געדויערט. זיין פאטער איז באלד געוואהר געווארען, אז ער געפינט זיך אין אמסטערדאם און האָט אויסגעבעטעןביים קעניג א בעפעהל, אז מען זאָל איהם אַרעסטירען.

מען האט איהם אַרעסטירט, געבראכט קיין פראנקרייך און איהם איינגעשפּאַרט אין א צימער גאנצ אליין. זיין געליעבטע האט מען פערשפּאַרט אין א קלויסטער.

צוויי יאָהר האָט מיראבאָ געשמאכטעט אין געפענגניס. אין דיעזער צייט אבער האָט ער אנגעשריעבען א ווערק, וועלכעס האָט געמאכט א רעש אין גאנץ פראנקרייך. ער האט בעשריעבען דיא פראנצויזישע רעגיערונג מיט אזעלכע שווארצע פארבען, אז אלע, וועלכע האבען עס געלעזען, זיינען געווארען פול מיט האס און צאָרן געגען דער רעגיערונג.

ווען מען האט איהם ענדליך ארויסגעלאזען פון געפענגניס, האט ער אנגעהויבען א פּראָצעס געגען זיינע ריכטער און האט בעוויעזען, אז מען האט איהם און זיין גע־ליעבטע אונגערעכט פעראורטהיילט. אין דיעזען פּראָצעס, וועלכען ער האט אליין פערטהיידיגט, האט זיך ארויסגעוויעזען זיין גאנצער טאלאנט אלס רעדנער. זיינע רעדען האבען געווירקט אויף זיינע צוהערער, וויא א צויבער. ער האט געוואונען דעם פּראָצעס. דאס אפּעלאציאָנ׳ס געריכט האט געמוזט צו געבען, אז מען האט איהם מיט אונרעכט פעראורטהיילט.

ווען עס האבען זיך אנגעהויבען דיא אונרוהען אין פראנקרייך און דער קעניג איז געווען געצוואונגען צונויף צורופען פערטרעטער פון׳ם גאנצען פאלק, האט מיראבאָ געוואָלט זיין א פערטרעטער פון דער אַריסטאָקראַטיע. ער איז דאָך געווען א גראף. דיא אריסטאָקראַטען אָבער האָבען איהם ניט געוועהלט. דאן האָט ער זיך געווענדעט צום פאָלק. ער האָט געעפענט א מאַגאַזין פון שניט וואַארע און האָט געזעהן, אז דיא קויפלייטע פון זיין בעצירק זאלען איהם וועהלען אלס זייער פערטרעטער. עס איז איהם געלונגען. דאס פאלק האט איהם געוועהלט אלס זייער פערטרעטער.

יעצט ערשט האָט ער געהאט א געלעגענהייט ארויסצוטרעטען געגען דיא אַריסטאָקראַטיע און געגען אלע גרויסע. זיינע רעדען האבען געשפּריצט פייער. ער האט געפיהרט דיא גאנצע פערזאמלונג. וואס ער האט געוואלט, האט ער אויסגע־פיהרט. ער האט דער ערשטער אויפגעפּאָדערט, אז מען זאָל אָפּשאַפען אלע טיטו־לען און אָלע רעכטע, וועלכע נור דיא געבורט גיט א מענשען. ער האָט געפּאָדערט

דיא אַלגעמיינע גלייכהייט און דער קעניג האט ענדליך געמוזט נאכגעבען, וויא מיר האבען עס געזעהן אין פאריגען קאפיטעל.

דאס איז אין קורצע ווערטער דיא געשיכטע פון גראף מיראבאָ. דיא לעזער וועלען יעצט פערשטעהן, פאר וואָס דיא קעניגין האָט איהם אזוי געהאסט. ער האָט געקעמפפט פאר'ן פאָלק און געגען דעם קעניג. זיא האָט איהם אָבער געמוזט אויפ־נעהמען, וויל זיא האָט געהאָפט, אז זיא וועט איהם צוציהען צו זיך און ער וועט יעצט פערטהיידיגען דעם קעניג געגען דאס פאָלק. החיים והמות ביד הלשון. טויט און לעבען ליעגט אויף דער שפּיץ צונג פון א בעליעבטען רעדנער. דאס פאָלק פאָלגט איהם. ער קען מאכען מיט איהם, וואס ער וויל.

דיא קעניגין האט איינינע מינוט בעטראכט דיעזען זאנדערבארען מענשען. ענדליך האט זיא איהם געגעבען דיא האנד.

— גראף מיראבאָ, האט זיא געזאגט, אונזביידען פערפאלגט איין שיקזאל. אונז ביידען האט מען פערליימדעט, פון אונז ביידען האט מען גערעדט זעהר פיעל שלעכטעס. מען האסט אונז ביידען אָהן יעדע אורזאכע. מיר מוזען זיך ביידע פער־איינינען און קעמפפען געגען אונזערע פיינד.

מאריא אנטואנעטא האט געקענט זיין ליעבענסווירדיג, ווען זיא האט געוואָלט. זיא האט גערעדט צו איהם אזוי פריינדליך, אזוי הערצליך און אזוי טרויעריג, אז דער שטאָלצער גראף איז געוועזען גערירט. — זיא האט איהם פאָרגעשטעלט דיא טרויעריגע לאגע פון דער קעניגליכער פאמיליע און האט איהם געבעטען מיט טרערין אין דיא אויגען, ער זאל זיא שיצען און פערטהיידיגען געגען דיא ווילדע, צורייצטע מענגע. איהרע טרויעריגע און ביטענדע רעד האָבען אויף איהם אזוי וויט געווירקט, אז ער איז אויפגעשפרונגען פון זיין שטוהל און האט אויסגערופען מיט בעגייסטערונג:

— איך שווער אייך, אז איך וועל זיין טריי דעם קעניג און זיין פאמיליע, ביז מיין ברוסט וועט אויסהויכען מיין לעצטען אטהעמצוג!

דיא קעניגין האָט איהם געגעבען דיא האנד און האט איהם געדאנקט. זיי האבען אפּגערעדט, ער זאל ווערען דעם קעניג'ס געהיימער ראטהגעבער. דער קעניג וועט איהם דערפאר געבען זעכציג טויזענד פראנק א מאנהייט. — ווען זיי האבען אלעס אפּגערעדט און אלעס בעשטימט, האט זיך גראף מיראבאָ אויפגעהויבען אוועק־צוגעהן. דיא קעניגין האט איהם געגעבען דיא האנד, וויא אן אלטען בעקאנטען. גראף מיראבאָ האט איהר א קוש געטהאן אין דער האנד און האט געזאגט:

— דיעזער קוש האט גערעטעט דעם טראָהן פונ'ם פראנצייזישען קעניג.

ווען דער גראף מיראבאָ איז ארויסגעגאנגען פון צימער, איז דיא קעניגין אריינ־געלאפען אין אנדערן צימער און איז געפאלען דער פּרינצעסין אויפ'ן האלז.

— מיר זיינען גערעטעט, טהערעזא! האט זיא אויסגערופען. מען האט מיר פאָרגעשטעלט דעם גראף מיראבאָ אלס א ווילדען בלוטדורשטיגען מענשען. איך האב געפונען אין איהם א מענשען מיט מענשליכע געפיהלע, א מענשען מיט פער־שטאנד, מיט גייסט. — אך, טהערעזא! ווען איך זאל קענען זיך צונויף רעדען מיט אלע מיינע פיינד, וואלט פיעלעס אנדערש געווען. ליידער זיינען דיא קעניג־

נינען פון פראנקרייך נור זעלטענע פויגעל, וועלכע מען האלט פערשפארט אין גאָלדענע שטייגלעך.

גראף מיראבאָ האט געהאלטען וואָרט. פון יענעם טאָג אן איז ער געוואָרען אנאנדער מענש. ער האט פערטהיידיגט דעם קעניג, וואו ער האט געקענט און וויא וויט ער האט געקענט. דיא רעוואָלוציאָנערן האבען עס אבער באלד בעמערקט און מען האט אנגעהויבען צו רעדען, אז גראף מיראבאָ איז געווארען א פעררעטהער. מען האט ארויסגעלאזען ביכלעך (בראָשורען) און טויזענדער עקזעמפליארען, אז מיראבאָ איז געווארען א פיינד פונ'ם פאלק, אז ער האלט פאר'ן קעניג און פאר דיא אריס־טאָקראטיע.

גראף מיראבאָ אבער האט געקענט זיין קראפט. ער האט געוואוסט, אז מיט איין געלונגענע רעדע וועט ער זיי אלע שטום מאכען.

— איך וויס, אז מען גראבט שטילערהייט געגען מיך, האט ער אמאל געזאגט, עס וועט זיי אבער ניט העלפען. איך וועל בלייבען דער אנפיהרער פון דער פאָלקס־פערזאמלונג, ביז מען וועט מיך ארויסטראָגען פונ'ם זאל ענטוועדער אויף דיא הענד אלס זיעג, אדער אין א ליילעך, אלס בעזיעגטער.

ער האט עס געבראכט אזוי וויט, אז דעם 14טען יולי 1790, פונקט אין א יאהר ארום נאך דעם שטורם פון דער באסטיליע, האט זיך דאס גאנצע פאלק פון פאריז און פיעלע דעפוטאטען פון דיא שטעדט ארום פערזאמעלט אויף א גרויסען פלאץ מיט'ן נאמען מארספעלד. דארט איז געווען אויסגעבויט א ביהנע פאר'ן קעניג מיט'ן הויף.

אום זיעבען אוהר אין דער פריה האט זיך געצויגען אן אונגעהייערע מענגע מענשען צום מארס־פעלד. סאָלדאטען, בירגער, ארבייטער, דיא פערטרעטער פונ'ם פאלק און דיא גרעסטע מענער פון פראנקרייך האבען זיך פערזאמעלט אויפ'ן מארס־פעלד. ווען דער קעניג איז געקומען צו פאהרען און איז ארויפגעגאנגען אויף דער ביהנע, האבען הונדערט טויזענדער גארגלען מיט אמאל אויסגעשריען: „עס לעבע דער קעניג!" אז דיא ערד האט געציטערט.

דער גענעראל לאפאיעט, וועלכער איז נאך אלץ געווען קאָמאנדיר פון דער פאלקס־מיליץ, האט אויפגעהויבען דיא האנד. אלע זיינען געבליעבען שטיל, וויא דורך א צויבער. מיט א הויכער, פעסטער שטימע האט ער געזאגט פאלגענדע ווערטער:

— איך שווער, איך זאל שטענדיג זיין טריי דעם פאלק און דעם קעניג! איך שווער צו אונטערשטיצען און צו האלטען אלעס, וואס דיא פאָלקס־פערזאמלונג וועט בעשליעסען! איך שווער, אז איך וועל שטענדיג בלייבען פעראיינט מיט'ן פראַנצייזישען פאלק דורך א בונד פון ברידערשאפט!

קוים האט ער אראפגעלאזען דיא האנד, האבען קאנאנען אנגעהויבען צו שיע־סען און דאס גאנצע פאָלק האט אנגעהויבען צו שרייען:

— עס לעבע דער קעניג! עס לעבע דאס פאלק!

דיא מוזיק האט אנגעהויבען צו שפיעלען פאטריאָטישע ליעדער און דאס פאלס האט זיך געפרעהט און געליארמט פאר פרייד און גליק. יעצט האט זיך אויפגעהויבען

דער קעניג. עס איז ווידער געוואָרען שטיל און רוהיג. דער קעניג האט אויפגעהויבען זיין רעכטע האנד צום הימעל און האט געזאגט מיט אַ פעסטער שטימע:

— איך, לודוויג דער זעכצעהנטע, קעניג פון פראנקרייך, שווער פאר גאט און אלע היער פערזאמעלטע, אז איך וועל אָפּהיטען און בעפערדערן אלעס, וואס דיא פערטרעטער פון׳ם פאלק וועלען בעשליעסען. איך וועל אפּהיטען דיא געזעצע און קאָנ־סטיטוציאָן פון פראנקרייך און וועל זיי פערטהיידיגען, וויא ווייט עס וועט זיך געפינען אין מיין מאכט!

יעצט איז דיא פרייד פון פאלק אויסגעבראָכען אין איהר גאנצער מאכט. עס איז געוואָרען אַ געשריי:

— עס לעבע דער קעניג!

וועלכער האט גאר ניט געוואָלט אויפהערן. דיא קעניגין איז געוואָרען רויט פאַר פרייד, איהרע אויגען האבען געפונקעלט פון גליק און איהרע ליפּען האבען זיך קוים בעוועגט:

— ער האט געהאלטען זיין וואָרט! ער איז טאקע דער גרעסטער מאן אין פראנקרייך!

ווען דער ליארם האט א ביסעל אויפגעהערט, האט זיא זיך אויפגעהויבען פון איהר זיץ, האט גענומען דעם קראָנפּרינץ, איהר זעקסיעהריגען זוהן, אויף דיא הענד, האט איהם אויפגעהויבען אין דער הויך און האט איהם געוויעזען דעם פאָלק.

— מיין זוהן, דער קראָנפּרינץ, איז אויך פעראייניגט מיט׳ן פאָלק, האט זיא געזאגט הויך, ער וועט אויך אפּהיטען דיא געזעצע און קאָנסטיטוציאָן פון פראנקרייך.

אלע פאהנען האבען זיך פערנייגט פארן קראָנפּרינץ. דיא מוזיק האט אנגעהוי־בען צו שפּיעלען א פּאטריאָטישעס ליעד און דאס פּאָלק האט געשריען:

— עס לעבע דיא קעניגין! עס לעבע דער קראָנפּרינץ!

יעצט איז מען צוריקגעגאנגען קיין פּאריז מיט מוזיק און טאנץ. דאס פּאָלק האט געטאנצט אין דיא גאסען פאר פרייד. גענגען אבענד איז גאנץ פּאריז געווען העל בעלייכטעט. אויף אלע פרייע פּלעצער האט געשפּיעלט מוזיק און מען האט געטאנצט. פרעהליכער פון אומעדום איז געווען דער פּלאַץ, וואו דיא באַסטיליע איז אמאל גע־שטאנען. דא איז געווען א ווירקליכער באלל. דיא באַסטיליע איז שוין געווען אין גאנצען צונומען, דער פּלאַץ איז געווען ריין אפּגעראָמט פון שטיינער. נור דיא טויערן זיינען נאך געבליעבען שטעהן. א באנדע מוזיק האט געשפּיעלט און מען האט אויס־געהאנגען א שילד מיט בוכשטאבען:

„היער ווירד געטאנצט!“

און דאס פרעהליכע און אין יענעם טאג גליקליכע פראנצויזישע פאלק האט געטאנצט און זיך געפרעהט אויף דעמזעלבען ארט, וואו עס זיינען פערגאסען געוואָרען אזוי פיעל טרערין און אזוי פיעל בלוט.

אלע האבען געטאנצט, אלע האבען זיך געפרעהט, נור איין איינציגע איז געווען, וועלכע האט צונויפגעלעגט איהרע אויסגעדארטע פינגער אין פויסטען און האט געזאָגט:

— טאנצט, פרעהט אייך! אייער פרייד וועט ניט לאנג דויערן! באלד, באלד

וועלען אנדערע שטימען זיך לאזען הערן אין דיא גאסען.—שרעקליכע, טרויעריגע שטימען: ברויט!

דאס איז געווען נינאן. זיא האט געוואוסט, וויא דיא ארבייטער לעבען אין פאריז, וויא זיי ליידען, וויא זיי הונגערן; זיא האט געוואוסט, אז דיא נויט וועט באלד צווינגען דאס פאלק ארויסצוטרעטען מיט אנדערע פארדערונגען. זיא האט געפיהלט, אז נאך דיזער גאנצער פרייד וועלען קומען שרעקליכע טעג. זיא האט געפיהלט, אז קוים וועט דער קעניג זיין זיכער אויפ'ן טראהן, וועט ער זוכען צו בייגען און צו אונטערדריקען דאס פאלק.

10טעס קאפיטעל.

נ י נ א ן ה א ט ר ע כ ט.

נאפאלעאן איז ניט לאנג געבליעבען ביי זיך אין דער היים אויף דער אינזעל קארסיקא. זיינע שטאלצע האפנונגען האבען זיך ניט ערפילט. ער האט געהאפט, אז דורך ביאנקא'ס פאמיליע, וועלכע איז געווען רייך און זעהר אנגעזעהן אין קארסיקא, וועט עס איהם געלינגען אפצורייסען קארסיקא פון פראנקרייך און ווערן דארט קעניג. עס איז אויסגעקומען אבער פונקט פערקעהרט. ביאנקא'ס פאמיליע, בעזאנדערס איהר אנקעל, דער גענעראל פאאלי, איז געווען דאגעגען. ער האט געפאָרדערט, אז קארסיקא זאל זיך האלטען אן פראנקרייך. דער אלטער מאן האט זעהר גוט פערשטאנען דיא צייט. ער האט געזעהן, אז אין פראנקרייך האט זיך אויפגעהאפט דער גייסט פון פרייהייט און אז קארסיקא וועט זיין פריי צוזאמען מיט פראנקרייך.

ניט ביאנקא, ניט איהר פריינד דאקאסטא, ניט פיעלע אנדערע, וועלכע האבען געפאָרדערט, אז קארסיקא זאל זיך אפרייסען פון פראנקרייך, האבען גאר ניט געקענט מאכען געגען דעם אלטען גענעראל, וועלכער איז געווען בעליעבט אויף דער גאנצער אינזעל.

נאפאלעאן איז געווען אין א זעהר אונאנגענעהמע לאגע. ער האט צוגעזאגט ביאנקא, ער זאל זיא הייראטהען און דיא הייסבלוטיגע איטאליענערין האט איהם ניט אפגעלאזט. דאקאסטא האט פערשטאנען, אז ביאנקא נאררט איהם. ער האט גוט געזעהן, אז זיא ליעבט נאפאלעאן און ער האט געזוכט זיך נוקם צו זיין אן נאפאלעאן.

צום גליק איז אין אקטאבער 1789, נאך דעם וויא דיא פרויען פון דער האללע זיינען אנגעפאלען אויפ'ן קעניגס פאלאץ און האבען געצוואונגען דעם קעניג, ער זאל קומען קיין פאריז, איז אנגעקומען א בעפעהל, אז אלע אפיציערן זאלען באלד צוריק־קומען צו זייערע רעגימענטער, ווען ניט, וועט מען זיי בעטראכטען אלס פערדעטהער.

נאפאלעאן האט געוויזען דיזען בעפעהל זיין געהיימע בראוט, ביאנקא.

— דוא מוזט פאהרען צוריק קיין בעזיער, האט איהם ביאנקא געזאגט. דוא מוזט אפווארטען, ביז עס וועלען קומען בעסערע צייטען. שווער מיר אבער, אז ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועלען מיר זיך פעראייניגען.

נאפאלעאן האט ניט געשווארען. ער האט איהר נור צוגעזאגט, אז קוים וועט ער נור זיין לאנגע פערבעסערן, וועט ער זיא הייראטהען.

מיר טרעפען איהם יעצט וויעדער אין דער פעסטונג אין בעזיער. ער האט מיטגעבראכט זיין אינגערן ברודער לואיס מיט זיך. זיין מוטער איז ניט געווען אים שטאנד אויסצוהאלטען איהר ניט קליינע פאמיליע און ער האט געמוזט צונעהמען איין קינד צו זיך.

דער ווינטער פון 1790 איז געווען זעהר א שטרענגער. אלע טייכען זיינען פער־פרארען געווארען. דיא פעלדער זיינען געווען בעדעקט מיט שנעע. דיא קעלט איז גע־ווען א שרעקליכע, אויסערארדענטליכע. דאס איז געווען איינער פון דיא בעזאנדערס שטרענגע און קאלטע ווינטערן. אין פראנקרייך איז צוואר געווען רוהיג. דאס פאלק האט זיך איבערגעבעטען מיט'ן קעניג, דיא נויט אָבער איז געווען אין לאנד שרעקליך. דיא שרעקליכע קעלט, דער הונגער און דיא ארבייטלאזיגקייט האבען שרעקליך געדריקט דאס פראנצויזישע פאלק. מענשען זיינען געפאלען אין דיא גאסע: פאר הונגער און פאר קעלט.

עס איז שפעט ביי נאכט. דער פראסט ברענט, אז עס איז אונמעגליך דיא נאָז ארויסצואווייזען. דיא פענסטער פון דיא הייזער זיינען בעדעקט מיט שנעע, פראסט און אייז, אז עס איז זאגאר ביי טאג פינסטער.

אין זיין איינזאמעס, ארימעס צימערל זיצט נאפאלעאן ביי א חלבן ליכט און שטודירט. זיין אינגערער ברודער ליעגט אויפ'ן דיוואן. ער שלאָפט אבער ניט. — ער ציטערט פאר קעלט. נאפאלעאן האט אוועקגעלייגט דאס בוך און האט זיך אומגעקוקט.

— דוא שלאפסט ניט, לואיס? האט ער געפרעגט זיין ברודער.

— איך קען ניט שלאָפען, עס איז מיר קאלט, האט דאס קינד געענטפערט,
נאפאלעאן האט אויסגעטהאן זיין ראָק און האט צוגעדעקט זיין ברודער.

— שלאף שוין לואיס, עס איז שוין ניט פריה, האט ער איהם געזאגט.

— אך, ברודער! ווען וועט שוין אן ענדע נעהמען אונזער נויט און עלענד! — איך בין הונגעריג.

— געוועהן דיך, לואיס צו דער נויט, דוא וועסט דערפאר זיין גליקליכער, ווען עס וועלען קומען בעסערע צייטען. ווער עס קען ניט די נויט, דער פיהלט ניט דאס גליק.

— ווען וועלען אבער שוין קומען דיא בעסערע צייטען? האט דאס קינד גע־פרעגט טרויעריג. דערווייל ליידען מיר אזוי פיעל!

— שלאף, מיין קינד, שלאף! האט נאפאלעאן געבעטען. דיא בעסערע צייטען וועלען שוין קומען.

ער האט איהם א קוש געטהאָן, האט זיך צוגעלעגט צו איהם און האט איהם אנגעווארעמט מיט זיין קערפער, ביז דאס קינד איז ווירקליך אנטשלאפען געווארען. געוויס האט ער דאמאלס ניט געטרוימט, אז ער וועט א מאָל זיין קעניג פון האלאנד און וועט פיהרען א גרויסען הויף און האבען פיעלע דיענער און לאקייען, וועלכע וועלען ארויסווארפען דאס, וואס ער וואלט יעצט געגעסען מיט'ן גרעסטען אפעטיט.

נאפאלעאן אבער האט עס געפיהלט. ער האט שטענדיג געטרוימט, אז ער וועט זיין א גרויסער קייזער, א הערשער פון א האלבער וועלט. ער האט זעהר גע־וואלט זיין אין פאריז. ער האט געוואוסט אלעס, וואס דארט איז פארגעקומען. ער

האט געוואוסט, אז עס וועט זיך דערמיט ניט ענדיגען. ער האט געוואוסט, אז דיא רעוואלוציאן האט זיך ערשט אנגעהויבען און זיא וועט מאכען ציטערן גאנץ אייראָפּאַ.

אבער וויא אזוי קומט מען קיין פּאריז? זיין געהאלט, וואס ער בעקומט אלס ליעטענאנט, איז קוים גענוג אויף צו לעבען פאר איהם און זיין ברודער. וויא קען ער פאהרען קיין פּאריז אָהן געלד אויף רייזע קאסטען?

ער האט זיך גענומען צום קאמענדאנט פון בעזיער. ער האט אויף איהם אזוי געווירקט, אז דער שוואכער נאדען האט געמוזט זוכען מיטעל פון איהם לויז צו ווערן. ער האט איהם אנגעהויבען צו ווייזען אויף יעדען שריט, אז ער קען ניט קאמאנדירען דיא קליינע פעסטונג און האט עס איהם ארויסגעזאגט אפען. דער ארימער נאדען איז געפאלען אויף א פּלאן, וועלכען אלע שוואכע אפּיציערן און גענעראלע טהוען, ווען עס געפינט זיך אונטער זיי אן אפיציער, וועלכער פערשטעהט מעהר פון זיי. — ער האט געשריעבען צום קריעגס מיניסטער, אז נאפּאלעאן איז א פּארטרעפליכער אפיציער און איז ווערטה, אז מען זאל איהם געבען א העכערע שטעלע. דער פּלאן איז געלונגען.

אין א שעהנעם פריה מארגען האט דער קאמענדאנט געשיקט רופען נאפּאלעאן.

— וואס זאל ער דיך דארפען? האט דער קליינער לואיס געפרעגט. איך האב זעהר מורא. ער איז מיט דיר ניט צופריעדען.

— ער האט אבער מורא פאר מיר, האט נאפּאָלעאָן געענטפערט און איז געגאנגען צום קאָמענדאנט.

דער קאמענדאנט האט איהם אויפגענומען פריינדליך און האט איהם דערלאנגט א בריעף מיט'ן זיעגעל פון'ם קריעגס־מיניסטער. נאפּאָלעאן האט געעפענט דעם בריעף און האט איהם דורכגעלעזען מיט דיא אויגען. זיין געזיכט האט געשטראהלט פאר פרייד. — דער קריעגס מיניסטער מעלדעט איהם, אז מען שיקט איהם קיין וואלענסי א גרויסע שטאדט אין זיד פראנקרייך און מען גיט איהם דעם ראנג (טשין) פון א מאיאָר.

— זעהט איהר, האט איהם דער קאמענדאנט געזאָגט, דאס האט איהר מיר צו פערדאנקען. איך האב געשריעבען איבער אייך א גוטען בעריכט.

נאפּאלעאן האט איהם געדאנקט און איז געלאפען אויף זיין צימער צו זיין ברודער.

— דיא שלעכטע צייט איז פאראיבער, האט ער איהם געזאגט. דיא בעסערע איז געקומען. דוא וועסט שוין האבען וואס צו עסען און וועסט שוין ניט דארפען פרירען.

דעם אנדערן טאָג איז נאפּאָלעאָן מיט זיין ברודער אוועקגעפאָהרען קיין וואלענסי. דארט איז געווען א מיליטער שולע. נאפּאָלעאָן האט אהין אריינגעגעבען זיין אינגערן ברודער.

וואלענס איז א גרויסע שטאָדט. דא האט נאפּאָלעאָן געהאט א בעסערע גע־לעגענהייט זיך צו בעקענען מיט אָפיציערן און צוטרעטען אין פערבינדונג מיט אלע רעוואָלוציאנערן. ער האט זאגאר ווייטער אנגעהויבען צו שרייבען בריעף צום גראף מיראבאָ.

דאס איז געווען דער ערשטער שריט, וואס נאפאלעאן האט געמאכט צום קייזער טראהן. אין דיעזע צייט אבער איז גראף מיראבא פלוצלונג געשטארבען. זיין טויד האט געהאט א שרעקליכע ווירקונג אויף גאנץ פראנקרייך. דער איינציגער מענש, וועלכער איז געווען אים שטאנד איינצוהאלטען דיא רעוואלוציאן, איז געווען טויד.

דער קעניג, בעזאנדערס אבער דיא קעניגין, האבען געפיהלט, וויאפיעל זיי האבען פערלארען אין דיעזען מענשען. זיי האבען געפיהלט, אז זיי זיינען יעצט ניט זיכער אין פאריז און האבען געזוכט א מיטעל, וויא צו אנטלויפען. עס איז געווען פאר אסטערן (פאר פסח) דער קעניג האט ערקלערט, אז ער וויל פערברענגען דיא פייער טאגע אין א קליינעם שלאס ניט וויט פון פאריז מיט׳ן נאמען סען קלו. ער האט עס געזאגט דעם גענעראל לאפאיעט, דעם קאמאנדיר פון דער פאלקס-מיליץ. לאפאיעט האט איהם אפגעראטהען. דער קעניג האט ניט געוואלט הערן.

— יעדער פון מיינע אונטערטהאנען האט דאס רעכט צו פאהרען, וואוהין ער וויל, האט דער קעניג געזאגט, פאר וואס זאל איך ניט האבען דאס זעלבע רעכט?

לאפאיעט האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן און האט געזאגט איינפאך:

— איך ראטה אייך, איהר זאלט ניט פאהרען. ווען איהר ווילט פאהרען, וועל איך אייך געוויס בעגלייטען און בעשיצען אויפ׳ן וועג.

דער קעניג, דיא קעניגין און זייערע קינדער האבען זיך אריינגעזעצט אין זייערע קארעטעס און זיינען געפאהרען קיין סען קלו. לאפאיעט מיט זיין מיליץ האט זיי בעגלייט. ווען זיי זיינען צוגעקומען צום טויער פון פאריז, האט דער אפיציער פון דער נאציאנאל גווארדיע זיי ניט געוואלט דורכלאזען. לאפאיעט האט אנגעהויבען צו רעדען און צו בעטען, אז מען זאל זיי דורכלאזען.—עס האט גאר ניט געהאלפען. מען האט אנגעהויבען צו שימפפען אויף איהם און אויפ׳ן קעניג.

לאפאיעט האט דאן געזאגט, אז ער איז קאמאנדיר פון דער מיליץ און וועט ערקלערן פאריז אין קריעגסצושטאנד.

— פראבירט עס נור טהאן, האט מען איהם געענטפערט, דאן וועט מען אייך דעם ערשטען דערשיעסען אלס פעררעטהער.

— אויב אזוי, האט לאפאיעט אויסגערופען, ענטזאג איך מיך פון מיין אמט.

— געהט! ענטזאגט אייך, אבער שנעל! האט דאס פאלק איהם געשריען.

דיא מענגע איז געווארען אימער גרעסער, אימער אונרוהיגער, אימער דראהענדער. צוויי שטונדען נאכאנאנד האט מען אויפגעהאלטען דעם קעניג. ער האט שוין געוואלט צוריקפאהרען אין זיין פאלאץ. מען האט איהם דאס אויך ניט געלאזען. ענדליך האט מען זיי געהייסען ארויסגעהן און זיי האבען געמוזט געהן צו פוס אין זייער קעניגליכען פאלאץ.

לאפאיעט האט זיך געגעבען אלע מעגליכע מיה צו בעשיצען דעם קעניג מיט זיין פאמיליע אויף דעם לאנגען וועג פון טויער פון דער שטאדט ביז אין פאלאץ.

„דער מענש איז שטארקער פון אייזען“, זאגט דאס שפריכווארט: וויא דיא עדעלע, שוואכע קעניגין, וועלכע איז ערצויגען געווארען אין אזא רייכקייט, אין אזא גרויסקייט, האט עס אויסגעהאלטען: ווייא זיא האט געקענט געהן אזא לאנגע שטרעקע

צו פוס, פערלאכט, פערשפּאָטעט פון דער ווילדער מעננע, בעשעהמט און ערניעדעריגט פאר דער גאנצער וועלט אין דיא גאסען פון'ם פרעהליכען פּאריז? — דאס נעהם איך מיך ניט אונטער צו ערקלערן. זיא האט עס אויסגעהאלטען. זיא האט שפּעטער איבערטראגען נאך שרעקליכערעס, נאך שווערהאפטערעס.

לאפאיעט האט זיך ווירקליך ענטזאגט פון זיין שטעלע אלס קאמאנדיר פון דער נאציאָנאל גוואַרדיע. ער האט געוואלט אין גאנצען אוועקפאהרען פון פּאריז און פון פראנקרייך. ער האט אבער זעהר מיטלייד געהאט מיט דער קעניגליכער פאמיליע און איז איינגעטרעטען אלס איינפאכער סאלדאט אין א רעגימענט פון נאציאָנאל מיליץ אין דער האפנונג, אז ער וועט דאך עפּעס קענען טהאן אום צו בעשיצען דעם קעניג. ער האט עס אזוי איינגעריכטעט, אז ער זאל שטעהן אויף דער וואך פארן קעניגליכען שלאס. ער האט זיך אבער דער מיט ניט בעגנוגענט. ער האט געווירקט אויף דיא פערזאמלונג פון'ם פאלק אזוי וויט, אז דיא נאציאָנאל גוואַרדיע האט ווידער אמאל געשוואָרען, אז זיי וועלען טריי זיין דעם קעניג. אין איינינע טעג ארום האט מען איהם געבעטען, ער זאל ווידער איבערנעהמען דאס קאָמאנדאָ.

דאס אלעס איז געשעהן אין פּאריז. מען האט עס באלד געוואוסט אין גאנץ פראנקרייך. דיא מאכט פון'ם קעניג האט אנגעהויבען צו זינקען. דאס פאָלק, וועלכעס האט פריהער נור פערלאנגט, אז מען זאל איהם ערלייכטערן דיא שטייערן און מען זאל איהם געבען נור איינינע רעכטע, האט זיך שוין יעצט דערמיט ניט בעגניגט. עס האט שוין געפאָדערט אלע רעכטע — עס האט שוין אליין געוואָלט הערשען.

דיא געהיימע געזעלשאפטען, וויא דער ארדען „סינסינאטוס“ און דער יאקאָ־בינער קלוב האבען ניט גערוהט. זיי האבען אויפגעפייערט דאס פאָלק, עס זאל פאָרדערן אימער מעהר און מעהר.

אין וואלענס, וואו נאפּאָלעאָן איז יעצט געווען, פלעגען זיך יעדען אבענד פער־זאמלען דיא מיטגליעדער פון דיא געהיימע געזעלשאפטען און פלעגען פערהאנדלען, וואס מען זאל ווייטער טהאן און וואס מען זאל ווייטער פארדערן. נאפּאָלעאָן פלעגט אפט בעזוכען דיעזע געהיימע פערזאמלונגען. ער האט זיך דארט בעקענט מיט א יונ־גען אפיציער מיט'ן נאמען מאלאָ, א פייעריגען רעוואָלוציאָנער, א פריינד פון'ם פאָלק.

איין מאל האט איהם מאלאָ בעגעגענט אויף דער גאס און האט איהם געפרעגט, אויב ער וויל זיך בעקענען מיט א שעהנעם מעדכ'ען?

— ניין! האט נאפּאָלעאָן געענטפערט שטרענג. מיר לעבען יעצט אין אן ערנסטע צייט, מיר האבען יעצט אנדערע אויפגאבען אלס זיך צו בעקענען מיט שעהנע מעדכען.

— מיט דיעזעם מעדכען איז אבער ווערטה זיך צו בעקענען, האט מאלאָ גע־ענטפערט. — זיא איז א דעלעגאט פון'ם יאקאבינער קלוב פון'ם פּאריז.

— האט שוין דער יאקאָבינער קלוב ניט געקענט געפינען קיין בעסערן דעלעגאט, אלס א מעדכען? האט נאפּאָלעאן געפרעגט ערשטוינט.

— דוא קענסט ניט דאס מעדכען, האט מאלאָ געענטפערט. דאס איז דיא בעריהמטע נינאָן מאָנאר. זיא האט געפיהרט דיא פרויען פון דער האללע קיין ווער־סייל. זיא איז פעהיגער און טיכטיגער פון צעהן מענער. — זיא איז א קינד פון עלענד

און נרוט. זיא איז אן ארימע ארבייטערין און קען דיא ביטערע לאגע פון'ם פאלק. — זיא איז א העלדין. אויסער דעם האט זיא געפרעגט אויף דיר. זיא וויל זיך בעקענען מיט דיר.

נאפאלעאָן איז געווארען נייגיעריג צו זעהן אזא העלדענמעדכען און איז געגאנגען מיט זיין פריינד מאַלאָ זיא זעהן. זיי זיינען אריינגעקומען אין א רעסטאָראַן.

— אט זיצט זיא דארט, האט מאַלאָ געזאגט, דוא קענסט זיא בעטראכטען.

וויא יונג נאפּאָלעאָן איז געווען, איז ער דאָך געווען א גוטער מענשענקענער.— איין בליק אויף נינאן האט איהם געזאגט, וואס אין דעם שעהנעם קעפעלע קומט פאָר.

— דוא האסט רעכט, פריינד, האט ער געזאגט. מיט דיעזעם מעדכען איז ווערטה זיך צו בעקענען. דאס איז קיין פרוי, דאס איז א העלד, א קעמפּפער.

מאַלאָ האט איהם צוגעפיהרט צום יונגען מעדכען און האט איהם פארגעשטעלט, אז דאס איז נאפּאלעאָן באנאפּארטע.

— איהר האט געפרעגט אויף מיר, נינאן, האט נאפּאלעאן געזאגט. — קענט איהר מיך? האט איהר געהערט אמאל פון מיר?

— איך קען אייך ניט, איך האב אבער געהערט פון אייך, האט נינאן געענטפערט. מיינע א בעקאנטע, אדעלע דעווריע, האט מיר פון אייך דערצעהלט, אז איהר ליעבט דאס פאלק און דיא פרייהייט.

— אדעלע דעווריע? האט נאפּאלעאן אויסגערופען. וואו איז זיא יעצט?

— אלזא, ווייסט איהר גאר ניט, וואס מיט אדעלע דעווריע איז געשעהן? — אן ארבייטער זשאן דעללאן האט איהר געהאלפען אין דעם טאג, ווען דאס פאלק האט צערשטערט דיא באסטיליע, צו בעפרייען איהר גראס־פאטער. זיא האט איינינע צייט געוואינט ביי איהם, דאן האט זיא מורא געהאט צו בלייבען אין פאריז, ווייל שלעכטע מענשען האבען זיא פערפאלגט און זיא איז מיט איהם אנטלאפען פון פראנקרייך.

— אן ארבייטער, זשאן דעללאן? האט נאפּאלעאן איבערגעפרעגט. — זיא האט דאך געהאט א ברייטיגאם, אלבערט? האט איהר אלבערט ניט געהאלפען בעפרייען איהר גראספאטער?

נינאן האט זיך פערטראכט א פאר מינוטען. — אזוי? אדעלע ליעבט אנאנדערן? זיא האט א ברייטיגאם? באלד אבער האט זיא א שאָקעל געטהאן מיטן קאפּ, גלייך וויא זיא האט געוואלט אראפּווארפען פון זיך דיעזע זאָנדערבארע געדאנקען.

— ניין, ניין, באנאפארטע! האט זיא אויסגערופען. אדעלע האט קיין ברייטיגאם. זיא ליעבט דעם ארבייטער זשאן.

— ארימער זשאן! האט נאפּאלעאן אויסגערופען. אדעלע וועט דיך אפּנאררען, וויא זיא האט שוין פיעלע אנדערע אפּגענאררט. — נינאן! אויב איהר קענט אייך מיט דיעזען ארבייטער, זשאן דעלאן, ווארנט איהם, זאגט איהם, אז א פאלשע, ניעדערטרעכטיגע פרוי, וויל איהם פערפיהרען, איהם אויסניצען, איהם אפּנארען און דער־נאָך אוועקווארפען. — אה! איך קען שוין גוט דיעזע אדעלע דעווריע!

— **דאס קען ניט זיין! האט נינאן אויסגערופען. איך קען אדעלע. זיא ווייזט** מיר אויס א טרייע, עהרליכער זעעלע. — איך האב זיא זאגאר ליעב געוואונען.

— **ליידער, איז אלעס, וואס איך האב געזאגט, נור צו וואהר. איך האב בע**־ ווייזע.

ער האט איהר דערצעהלט דיא געשיכטע פון זיין ליעבע און וויא ער האט ער־האלטען א בריעף, וועלכען זיא האט געשריעבען צו איהר ברייטיגאם, אלבערט און האט על פי טעות צו געשיקט צו איהם, נאפאלעאנען. — נינאן האט נאך אלץ געצווייפעלט. עס איז איהר אבער אנגענעהם געווען צו הערן, אז אדעלע וועט ניט היי־ראטהען זשאן דעלאן. דאן האט זיא נאך האפנונג. דאן וועט זשאן צוריק קומען און וועט זיא ליעבען. נאפאלעאן האט געזעהן, אז נינאן גלויבט איהם נאך אלץ ניט און ער האט געוואלט איהר ערקלערן, אז אדעלע איז ווירקליך א פאלשע ניעדערטרעכ־טיגע פרוי.

— זיא איז קלוג, וויא א שלאנג, האט ער געזאגט, אבער אויך גיפטיג וויא א שלאנג. אויך איך האב זיא געליעבט און זיא האט מיך בעטראגען. א צופאל, א בלוי־זער צופאל האט מיר געעפענט דיא אויגען און געוויעזען, וויא קאלט איבערלעגט זיא האט מיך בעטראגען. — שאדע דעם ארימען זשאן, וועלכער גלויבט איהר און מיינט, אז זיא ליעבט איהם! זיא וועט איהם אויסזויגען, צונעהמען ביי איהם דעם לעצטען סענט און וועט איהם דאן ארויסטרייבען.

— נו, דאס וועל איך שוין ניט דערלאזען! האט נינאן אויסגערופען.

— אויב איהר קענט עס נור, דערלאזט עס ניט, האט נאפאלעאן געזאגט. ער־קלערט דעם איינפאכען, גוטען און עהרליכען זשאן, אז ער איז אריינגעפאלען אין א נעץ פון א פאלשער, הערצלאזער פרוי.

אונטערדעסען זיינען אנגעקומען אין רעסטאראן מעהרערע געסט און האבען אנגעהויבען צו רעדען פון דיא נייעס פון פאריז. נאפאלעאן האט געמוזט אונטערברע־כען זיין אונטערהאלטונג מיט נינאן. זיא האט זיך געווענדעט צו מאלא און האט איהם געזאגט:

— איך דאנק אייך פריינד מאלא, וואס איהר האט מיך בעקאנט געמאכט מיט א נייעם פריינד פון פאלק, מיט נאפאלעאן באנאפארטע. איך האף, אז מיר וועלען זיך נאך אפט זעהן און נאך אפט רעדען, וויא אזוי מיר זאלען דאך צוברעכען דעם שטאלץ פון דיעזע אריסטאקראטען.

— אלזא, בלייבט איהר נאך לאנג אין וואלענס? האט זיא נאפאלעאן גע־פרעגט.

— איך מוז צוריקפאהרען קיין פאריז, האט נינאן געענטפערט. איך קען דא לאנג ניט בלייבען. איך האב אויסגעפיהרט, וואס מען האט מיך געשיקט און מוז פאהרען צוריק.

— ווען דיינקט איהר צו פאהרען? האט נאפאלעאן ווייטער געפרעגט.

— מעגליך, נאך מארגען.

— **וויא שטעהט עס מיט דער רעוואלוציאן אין פאריז? — וויא איך האב**

געהערט, האט דיא נאציאנאל גווארדיע וויעדער געשווארען טריי צו זיין דעם קעניג, זאל דיא רעוואלוציאן שוין צו ענדע זיין?

— ניין, זיא הויבט זיך ערשט אן, האט נינאן געענטפערט. דאס פאלק ערוואכט, עס הויבט אן צו פיהלען זיינע וואונדען. — מיר וועלען זיך שוין מעהר ניט לאזען איינ־רעדען מיט שעהנע רעד פון א לאפאיעט, מיראבא און אנדערע. — ראכע! בלוטיגע ראכע פאר אלע ערניעדערונגען, וועלכע מיר האבען ביז אהער געליטען!

— האט אייך דער קלוב געהייסען זאגען דיעזע ווערטער, אדער איהר זאגט עס אליין? האט נאפאלעאן געפרעגט נייגיעריג.

— דער קלוב האט מיר געהייסען איבערגעבען אלע טרייע פריינד פון'ם פאלק, זיי זאלען זיך האלטען פעסט און ניט נאכגעבען דעם קעניג.

זיי האבען נאך גערעדט איינער צייט און זיינען זיך צונאנגען. נאפאלעאן איז געווען העכסט צופריעדען, וואס דיא געהיימע געזעלשאפטען אין פאריז אגיטירען פאר דיא רעוואלוציאן. אין נינאנ'ס הארצען, האבען זיך ערוועקט אנדערע געדאנקען. — אדעלע נארט אפ דעם ארימען זשאן, זיא האט נאך א האפנונג וויעדער צו געווינען זיין ליעבע.

וואו איז ער אבער יעצט? וואו איז אדעלע מיט איהר גראספאטער? — דאס איז א פראגע, וועלכע זיא קען ניט בעאנטווארטען. פלוצלונג איז איהר עפעס איינ־געפאלען אין קאפ.

— דער באראן דע קאשאן דארף עס וויסען. איהם אינטערעסירט עס מעהר פון מיר. ער איז זיי געוויס נאכגעפאהרען און האט זיי אויסגעזוכט; ער האט געלד, ער האט מיטעל זיי צו זוכען. ער האט זיי געוויס געפונען. ער וויים, וואו זיי זיינען. ער וועט עס מיר מוזען זאגען. —

11טעם קאפיטעל.

אַ וויכטיגע ענטדעקונג.

עס איז פינסטער אין דיא גאסען פון פאריז. זאגאר ניט ווייט פון'ם קעניגלי־כען פאלאץ ברענען נור איינינע לאנטערנען. דיא גאסען זיינען לעדיג, מען זעהט ניט קיין לעבעדיגען מענשען. דיא גלאקען פון דיא קירכען האבען נור וואס אויסגעשלאגען צוועלף. — עס איז האלבע נאכט.

פון א ווינקעל פון א גרויס הויז איז ארויסגעגאנגען א מאן און האט זיך ארומ־געקוקט אין אלע זייטען. ווען ער האט געזעהן, אז קיינער איז ניטא, האט ער צונויפ־געלעגט דיא הענד אין שרעקליכע פויסטען און האט געוויעזען נעגען קעניגס שלאס. פלוצלונג האט ער דערהערט הינטער זיך לייכטע שריט. ער האט א צ־טער געטהאן האט ארויסגעחאפט א געלאדענעם פיסטאלעט פון דער קעשענע און האט זיך אומגעקוקט. — ביים שוואכען ליכט פון דיא לאנטערנען האט ער דערזעהן א פרויען געשטאלט.

— ווער ביסט דוא? האט ער געפרעגט און האט נאך פעסטער ארומגענומען דעם פיסטאלעט.

— מאַרא, דו דערקענסט מיך ניט? האט דיא געשטאַלט געפרעגט פערוואונ־דערט.

— אַך, נינאָן! דוא ביסט עס? האט דער מאַן געלאַכט. — נאַ, געגען דיר דאַרף איך קיין וואפען ניט געברויכען.

— וויא וואגסט דוא אבער ארויסצוגעהן אויף דער גאַס? האט נינאָן געפרעגט. מען וועט דאך דיך אויפהענגען, ווען מען וועט דיך טרעפען?

— אזוי גיך הענגט מען נאך א מאַרא ניט אויף, האַט דער מאַן געזאָגט. — עס וועלען נאך קומען צייטען, ווען מען וועט מיך אויפזוכען און מיך שטעלען אן דער שפיצע פון׳ם פאלק.

— אזוי זאגט איהר אלע, האָט נינאָן געזאגט מיט א פארוואורף. מען דאַרף שוין יעצט מענער. מען דארף שוין עפּעס אנהבען צו טהאן און איהר האלט אין איין רעדען, אין איין פּלוידערן, אין איין דעבאַטירען. וואַרט ניט ביז דיא גוטע צייט וועט קומען, זעהט, ברענגט דיא גוטע צייט! —

מאַרא איז געווען זעהר אונאַנגענעהם צו הערן אזא פאָרוואורף פון א מעדכען. מאַרא איז געווען איינער פון דיא בעריהמטע מענער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוּ־ציאָן. ער איז געווען א בעריהמטער רעדנער און א בעריהמטער שרייבער. ער האט ארויסגעגעבען א צייטונג מיטן נאָמען: „דער פאָלקס פריינד״, אין וועלכען ער איז ארויסגעטרעטען אזוי שארף געגען דער רעגיערונג און געגען דיא אַריסטאָקראַטען, אז זאגאר דיא פאָלקס פערזאמלונג האט עס געפונען פאר צו פיעל און האט איהם פעראורטהיילט צו איינינע מאנאטע געפענגניס. עס איז דאהר קיין וואונדער, וואס עס האט איהם יעצט פערדראסען, וואס נינאָן האט איהם געמאכט אזעלכע פארווירפע.

— אבער וואס טהוסט דוא דא, נינאָן? האט ער זיא געפרעגט.

— וואס איך טהו דא? האט נינאָן געזאגט בייז. אין דער צייט, וואס איהר פּלוידערט אויף אייערע פערזאמלונגען, וואך איך פאר אייך. — דער קעניג וויל אנט־לויפען פון פראַנקרייך. ער וויל געוויס פאהרען צו זיין שוואָגער, דעם עסטעררייכישען קייזער, און איהם בעטען, ער זאל שיקען קיין פראנקרייך אן ארמעע צו אונטערדריקען דאס פאלק.

— וואס רעדסט דוא? דער קעניג וויל אנטלויפען? פון וואנען ווייסט דוא עס?

— איך האב געזעהן א מאן קומען; אפּט אין קעניגס פּאַלאַץ, וועלכער קומט ערשט פון וויען. דיעזער מאן איז אן אריסטאָקראַט און א גרויסער פריינד פון׳ם קעניג, איך בין זיכער, אז דיעזער מאן האט געבראכט וויכטיגע נאכריכטען פון׳ם עסטער־רייכישען קייזער.

— דאס בעווייזט נאך ניט, אז דער קעניג וויל אנטלויפען, האט מאַרא געזאָגט רוהיג.

— געוויס, בעווייזט דאס נאך ווייניג, איך האב אבער נאך אנדערע בעווייזע. איך האב איהם היינט געזעהן פארשטעלט פאר א דיענער, וויא ער איז געגאנגען צום שוועדישען געזאנדעטען, דעם גראף פערזען.

— דוא האסט א שארפעס אויג, נינאָן, האָט מאַרא געזאָגט, איך מוז דיך

ווירקליך לויבען. דוא טהוסט מעהר פאר דער רעוואָלוציאָן, אלס דיא פעהיגסטע מענער.

— איך וויים נאך מעהר, האט נינאן ווייטער געזאגט. ביים גראף פערזען אין שטאל שטעהט זייט אייניגע צייט א קארעטע בערייט. ער בענוצט זיא ניט, פאָהרט מיט איהר ניט. זיא שטעהט נור אין שטאל פעי׳טיג צו דער רייזע. איך זעה איהם אפט געהן צום קעניג, בלייבען ביי איהם אייניגע שטונדען. דאס אלעס איז ניט אומזיסט. עפּעס געהט דא פאָר.

— האָסט דוא עס דערצעהלט אין קלוב? האט מאַרא געפרעגט.

— געווים האָב איך עס דערצעהלט. מען האָט מ׳ך אָבער אויסגעלאכט. זיי האבען מיר ניט געגלויבט. זיי זיינען געלאפען צום גראף פערזען, איהם פרעגען, וואס דיא קארעטע בעדייטעט. ער האט געענטפערט, אז דיא קארעטע געהערט צו דער רייכער רוסישער באראנעסע קאָרף. זיי גלייבען איהם, דיא נאררען! זיי זעהן ניט, וואס דא קומט פאר. זיי פער־טעהן עס ניט, — איך זעה אבער ווייטער פון זיי.

— וואס האסט דוא היינט עפּעס געזעהן? האָט מאַרא ווייטער געפרעגט.

— איך האָב היינט געזעהן דעם באראן דע קאָשאן פארשטעלט אלס א דיענער געהן צום גראף פערזען. דאן זיינען זיי ביידע געקומען צום קעניג.

— זיינען זיי שוין ארויסגעגאנגען פון׳ם קעניג.

— נאך ניט.

— אלזאָ, לאמיר ביידע ווארטען און אויפפאסען, וואס דא וועט פאָרקומען, האט מאַרא געזאָגט. איך וויים, אז אין קלוב זיינען זיי זעהר ניט פאָרזיכטיג.

זיי האבען ניט לאנג געווארט. באלד איז פון׳ם קעניגליכען פּאלאץ ארויס א מאן אנגעטהאן, וויא א דיענער פון׳ם קעניגליכען הויף.

— דאס איז ער! האט נינאן געזאגט.

— דער גראף פערזען? האט מאַרא געפרעגט.

— ניין, דער באראן דע קאָשאן, האט נינאן געענטפערט. — איך מוז איהם נאכגעהן. איך מוז מיט איהם רעדען. — ווארט דאָ אויף מיר, מאַרא.

זיא האט ניט געווארט אויף קיין אנטווארט און איז נאכגעלאפען דעם באראָן דע קאָשאָן. זיא האָט איהם באלד דערגרייכט, האט איהם אנגעחאפּט ביים ראָק און האט איהם געפרעגט:

— וואו איז אדעלע דעוועריע? וואו איז זשאָן דעללאָן?

דער באראן האט זיך אנפאנגס דערשראָקען און האָט זיך געחאפּט צו זיין פּיסטאָלעט. ווען ער האט אבער דערזעהן, אז דאס איז א פרוי, איז ער געוואָרען מוטהיג און האט געענטפערט שטאָלץ:

— וואס ווילט איהר פון מיר? איך בין ניט דער, וואס איהר זוכט. — איך בין א דיענער אין קעניגליכען הויף.

— הערר באראן! האט נינאן געזאגט פעסט. עס איז אומזיסט, וואס איהר פארשטעלט זיך. איך האב אייך דערקענט. — איהר זייט שולדיג אין אלע מיינע ליידען. איהר האט מיך פערפאלגט און געפייניגט אומזיסט. איהר האט מיך געטריעבען אין

עלענד און נויט. — איך פערציה איך אלעס, ווען איהר וועט מיר נור זאגען, וואו עס געפינט זיך יעצט אדעלע דעווריע און זשאן דעלאן.

— געה אוועק פון מיר, דוא פערוואָרפענע! האט דער באראָן אויסגערופען, אדער איך שיעס דיך, וויא א בייזען הונד.

ניגאָן האט איהם געוואלט אנכאפען ביי דיא הענד, אָבער שנעל, וויא דער בליץ, האט ער זיך אויסגעדרעהט פון איהר און אנטלאָפען. זיא האט איהם געוואָלט נאכלויפען, ער איז אָבער פערשוואונדען אין איינע פון דיא שמאָלע, פינסטערע געסלעך און זיא האט איהם מעהר ניט געזעהן.

— איך טאָר איהם ניט אפלאזען, האט זיא געזאגט צו זיך אליין. ער איז גע־נאנגען צום גראף פערזען. איך מוז איהם נאכגעהען.

שנעל, וויא זיא האט נור געקענט לויפען, איז זיא געלאָפען צום גראף פערזען. זיא האָט געפונען דעם טויער פון הויף אָפען. מען איז נאך ביים גראף ניט געשלאָפען. דיא קארעטע איז פער־שוואונדען. אין שטאל זיינען ניט געווען קיין פערד.

— איך האב רעכט געהאט, האט זיא געזאגט צו זיך אליין. דער קעניג וויל אנטלויפען נאך היינט ביי נאכט.

זיא האט רעכט געהאט. דאס איז געווען דיא אונגליקליכע נאכט פון 22טען אויפ'ן 23טען יוני, ווען לודוויג דער זעכצעהנטער איז ווירקליך אנטלאָפען פון פראנקרייך. פאר דיעזעם אנטלויפען האט ער מיט דער קעניגין מאריא אנטואנעטע בעצאהלט מיט זייער לעבען אויפ'ן עשאפאָט.

— איך טאָר ניט שווייגען, האט אויסגערופען ניגאָן. איך מוז אויפוועקען דיא מיטגליעדער פון'ם קלוב. איך מוז געהן צום גענעראל לאפאיעט.

זיא איז געלאָפען צו דער וואָינונג פון גענעראל לאפאיעט. ווען זיא איז אנגע־קומען אהין, האט זיא דערזעהן דאָרט שטעהן א הויפען מענשען.

— וואס טהוט איהר דא אזוי שפעט ביי נאכט? האט זיא געפרעגט איינעם פון'ם הויפען.

— איך ווייס ווירקליך ניט, וואס מיר טהוען דא, האט דער מאן געענטפערט. אונזער נאכבאר, דער שוסטער ניקאָ, האט זיך איינגערעדט, אז דער קעניג וויל אנטלויפען. ער האט אונז אלע אויפגעוועקט און גערופען, אז מיר זאלען עס מעלדען דעם גענעראל לאפאיעט. — איך ווייס ניט, וויא אזוי אזא נאררישער געדאנק איז איהם פלוצלונג געקומען אין קאָפּ אריין.

— ער האט רעכט! האט ניגאָן אויסגערופען. איהר זאגט עס ריכטיג, דער קעניג וויל אנטלויפען. — וועקט אויף דעם גענעראל! ער האט געזאגט, אז ער האפטעט מיט זיין קאָפּ, אז דער קעניג וועט בלייבען אין פאריז. לאָז ער איהם יעצט היטען!

עס איז געוואָרען א ליארם. מען האט אנגעהויבען צו קלאפען אין דער טהיר. גענעראל לאפאיעט האט געמוזט אויפשטעהן און ארויסגעהן צום פאָלק.

— וואס פערלאנגט איהר אזוי שפעט ביי נאכט, בירגער פון פאריז? האט ער געפרעגט דיא מענגע

מען האט איהם דערצעהלט, וואס דער שוסטער ניקאָ און נינאן האבען געזאגט וועגען דער קארעטע און גראף פערזען.

— בירגער, בערוהיגט אייך! האט לאפאיעט געזאגט צו דער מענגע. — איך האב איינגעשטעלט מיין קאָפּ, אז דער קעניג וועט ניט אנטלויפען און מיין וואָרט איז היילינ. איך האב נאך ביי טאג געהערט דערפון און בין אום עלף אוהר ביי נאכט געפאהרען אין קעניגליכען פאלאץ. איך האב געפונען דעם קעניג אויסגעטהאן אין זיין בעט. דאס איז דער בעסטע בעוויז, אז דיא אלע נאכריכטען זיינען פאלש. — געהט אהיים, בירגער פון פאריז און לעגט אייך רוהיג שלאָפען.

— עס לעבע לאפאיעט! האט געשריען דיא מענגע און איז זיך צוגאנגען א היים.

נינאן איז געבליעבען שטעהן פערשטיינערט. זיא האט געוואוסט, אז מען האט דעם גוטען און עהרליכען לאפאיעט אויך אפגענארט. זיא האט אנגענומען דעם שוסטער ניקאָ ביי דער האנד און האט איהם געפרעגט:

— פון וואנען ווייסט איהר, אז דער קעניג וויל אנטלויפען?

— א סאָלדאט פון דער נאציאָנאל גווארדיע מיטן נאמען פאזשע, וועלכער שטעהט אויף דער וואך אין קעניגליכען שלאָס, האט עס מיר געזאגט.

— האט דער סאָלדאט עלטערן? האט נינאן געפרעגט.

— ער האט אן אלטע מוטער, האט ניקאָ געענטפערט.

— אלזא, קומט מיט מיר! מיר מוזען אריינגעהן אין קעניגליכען שלאָס און אליין זעהן, וואס דאָרט טהוט זיך.

זיא האט ניט געווארט אויף קיינע אנטוואָרט. האט איהם אנגענומען ביי דער האנד און האט איהם אוועקגעשלעפּט מיט זיך. באלד זיינען זיי צוגעקומען צום קעניגליכען שלאָס.

— האלט! מען געהט דא ניט אריין! האט זיי דיא וואך ענטגעגען געשריען.

— איך מוז אבער זעהן דעם סאָלדאט פאזשע, האט נינאן געזאגט. זיין מוטער איז פלוצלונג קראנק געוואָרען און האלט ביים שטארבען.

— עס געהט ניט! האט דיא וואך געענטפערט. איך קען אייך ניט אריינלאזען.

— אלזא, רופט דעם אָפיציער, אדער לאזט מיך וועניגסטענס צו צום אפיציער. פאזשע'ס מוטער שטארבט!

דער סאָלדאט, א בירגער פון דער נאציאָנאל גווארדיע, האט ענדליך איינ־געוויליגט, ער זאל זיי צופיהרען צום אפיציער, ער איז דאך ניט געווען קיין סאָלדאט. ער האט פיעללייכט נאך אויך געהאט עלטערן און האט געוואוסט, וואס עס הייסט, א מוטער איז פלוצלונג געפעהרליך קראנק געוואָרען.

ווען נינאן האט דערזעהן דעם אפיציער, איז זיא געוואָרען פול פרייד. ער איז געווען א מיטגליעד פון'ם יאקאבינער קלוב. זיא האט איהם באלד אוועקגערופען אין א זייט און האט איהם דערצעהלט, פארוואס זיא איז געקומען אזוי שפּעט ביי נאכט אין שלאָס.

— דאס איז אונמעגליך, האט דער אפיציער געזאגט. איהר האָט א טעות, נינאן.

איך גיב אויף איהם גוט אכטונג. איך האב גאר ניט בעמערקט א גאנצע נאכט.

— דענאך קומט מיט מיר, האט נינאן געבעטען, לאמיר געהן זעהן, וואס עס הערט זיך אין דיא צימער, וואו דער קעניג שלאפט.

דער אפיציער האט אויף קיין פאל ניט געוואלט געהן. ער, וויא גענעראל לאפאיעט, זיינען געווען פעסט איבערצייגט, אז דער קעניג שלאפט רוהיג און דענקט זאגאר ניט צו אנטלויפען.

— איך בעשווער אייך אים נאמען פון'ם קלוב, איהר זאלט געהן מיט מיר אין הויף ארום דיא פענסטער פון דיא צימערן, וואו דיא קעניגליכע פאמיליע שלאפט! האט נינאן אויסגערופען אין איהר פערצווייפלונג און האט געמאכט א געוויסען צייכען.

דער אפיציער האט געמוזט נאכגעבען. ער, נינאן און דער שוסטער ניקא זיינען שטילערהייט ארויסגעגאנגען אין הויף און זיינען געגאנגען צו דיא פענסטער, וואו דיא קעניגליכע פאמיליע פלעגט שלאפען. אלעס איז געווען רוהיג. אין דיא פענסטער האט מען ניט געזעהן קיין ליכט. — אלעס שלאפט.

דער אפיציער איז געווארען אונגעדולדיג. עס האט איהם פערדראסען, וואס ער האט זיך געלאזט פערפיהרען פון א מעדכען. ער האט שוין געוואלט צוריקגעהן אין דער וואכשטובע, ווען נינאן האט איהם אנגעכאפט ביי דער האנד.

— זעהט, וואס איז דאס?

פון איינעם פון דיא צימער פון'ם שלאס זיינען גאנץ שטיל ארויס צוויי מענשען. א מאן מיט א פרוי. דער מאן איז געווען אנגעטהאן וויא א דיענער, דיא פרוי — וויא א קאמער־מעדכען. ביידע זיינען געגאנגען גאנץ שטיל. דער סאלדאט, וועלכער איז געשטאנען אויף דער וואך, האט געזעהן, אז דיא צוויי מענשען געהן ארויס פון'ם שלאס און האט זיי ניט אויפגעהאלטען. איהם האט מען אנגעזאגט, ער זאל קיינעם ניט אריינלאזען. — אריינגעהן טאר מען ניט, אבער ארויסגעהן מעג מען. דער אפי־ציער האט זיך אויך דערפון גאר ניט געמאכט.

— וואס ווילסט דוא נינאן? האט ער געזאגט מיט פערדרוס. — א דיענער מיט א קאמערמעדכען פון'ם שלאס, געווים צוויי פערליעבטע, מאכען א שפאציער ביי נאכט — וואס געהט עס מיך אן?

נינאן אבער האט ניט גערוהט. זיא האט אנגעכאפט דעם אפיציער ביי דער האנד און האט איהם געשלעפט מיט זיך נאך דעם דיענער מיט זיין געליעבטער.

אין דער זייט, וואו דיא צוויי מענשען האבען געוואלט ארויסגעהן איז דער הויף געווען פערשלאסען מיט א קייט. נינאן האט געזעהן, וויא דיא פרוי הויבט אויף איהרע קלארע, ווייסע קליידער און שפאנט אריבער דיא קייט. דער מאן איז איהר נאכגעגאנגען און האט אויך געוואלט אריבער שפאנען דיא קייט. א שטראהל פון א ברענענדער לאנטערנע איז אין דיעזע מינוט געפאלען אויף זיין געזיכט.

— דאס איז ער! האט נינאן געשריען. — דאס איז דער באראן דע קאשאן!

— וואס ווילט איהר? דאס איז א לאקיי, א דיענער? האט דער אפיציער זיך געבייזערט.

— ניין! — דאס איז דער באראן דע קאַשאַן! — האלט איהם אויף! האט נינאן געשריען.

— וואס נעהט עס מיך אן, וואס דער באראן דע קאַשאַן געהט ערגעץ מיט א קאַמער־מעדכען! וויא קען איך איהם אויפהאַלטען?

— קומט מיט מיר! האט נינאן איהם געבעטען און האט איהם מיט געוואלד מיט געריסען מיט זיך. — דא איז עפּעס, דאס איז קיין קאמער מעדכען. — דער קעניג אנטלויפט.

אונטערדעסען איז דער מאן מיט דער פרוי ארויסגעגאנגען פון'ם הויף און זיי זיינען שנעל געגאנגען ערגעץ אין א זייטען געסעל. נינאן האט אפּגעלאָזען דעם אפּי־ציער און איז זיי נאכגעלאפען. זיא האט זיי דערגרייכט, האט אנגעכאַפּט דעם באראן ביים ראָק און האט איהם געזאגט:

— באראַן דע קאַשאַן! איך פרעג אייך נאך אמאל, זאגט מיר, וואו געפינט זיך אדעלע דעוורע און זשאן דעללאן?

דיא פרוי, וועלכע איז געגאנגען מיט'ן באראַן, האט א ציטער געטהאן מיט'ן גאַנצען קערפּער און האט אויסגערופען:

— מיין גאט! מען האט אונז דערקענט! מיר זיינען פערלאָרען!

וויא א צויבער האבען געווירקט דיעזע ווערטער אויף נינאן. זיא האט אפּגע־לאָזען דעם באראַן און איז צוגעלאפען צו דער פרוי.

— דאס איז דיא קעניגין! האט נינאן אויסגערופען. העלפט! דער קעניג אנטלויפט פון פאריז!

אין דיעזע מינוט האט זיא דער באראן אַנגעהאפּט מיט זיין שטארקער האנד און האט זיא א שליידער געטהאן צו דער ערד מיט אזא קראפט, אז זיא איז גע־בליעבען ליעגען אפּאר מינוטען, וויא פערשטיינערט. ער מיט דער פרוי זיינען שנעל אנטלאפען און זיינען פערשוואונדען געווארען אין איינע פון דיא פינסטערע געסלעך. נינאן איז באלד געקומען צו זיך. זיא האט זיך אויפגעהויבען און האט געפיהלט אז א פוס טהוט איהר שטארק וועה. — פאלענדיג האט זיא זיך אויסגעלענקט א פוס.

— העלפט! העלפט! געוואלד! דיא קעניגין אנטלויפט! האט נינאן געשריען.

קיינער אבער איז איהר ניט געקומען צו הילף. אלע זיינען געשלאָפען. אין דער גאס איז קיינער ניט געווען. דער אפיציער פון דער וואך האט צוואר געהערט איהרע געשרייען, ער האט אבער ניט געוואָלט קומען איהר צו הילף. ער איז געווען איבער־צייגט, אז דאס איז א לאקיי מיט א קאמער־מעדכען, א פערליעבטעס פּאָריל און ער האט זיי ניט געוואָלט שטערן

נינאן אבער האט ניט געשוויעגען. זיא האט אונטערגעהינקט אויף א פוס און האט אלץ געשריען גאנץ הויך:

— דער קעניג אנטלויפט! וואכט אויף, בירגער פון פאריז! מען וויל אנשיקען אויף אייך דיא עסטעררייכישע ארמעע!

פּלוצלונג האבען עטליכע שטארקע הענד זיא אנגעהאפּט. אין א מינוט איז זיא געלעגען געבונדען. אין מויל האט מען איהר אריינגעשטעקט א טאשען טוך, וויא זאל

ניט קענען שרייען. זיא האט זיך געוואָרפען, וויא א שלאנג, האט געריסען און געביסען די טאַשענ־טיכער, מיט וועלכע זיא איז געווען געבונדען. עס האט איהר אבער גאר ניט געהאָלפען. איין שטונדע נאך דער אנדערער איז פערגאנגען. נינאן איז אלץ געלעגען אויף דער גאס געבונדען, דעם מויל פערשטאָפּט, זיא זאל ניט קענען שרייען.

ענדליך איז געווארען טאג. ערשט אום פינף אוהר אין דער פריה זיינען אנגע־קומען מענשען און האבען זיא געפונען ליעגען האלב טוידט פון ליידען און קעלט. מען האט צושניטען די טיכער, מיט וועלכע זיא איז געווען פערבונדען, מען האט זיא אריינגעפיהרט אין א שטוב, וואו מען האט איהר געגעבען א גלאז ווארעמע מילך און מען האט זיא געפרעגט, וויא עס קומט, וואס מען האט זיא אזוי געפונען?

— די קעניגין איז אנטלאָפען פון פאַריז! האט נינאן אויסגערופען ניט מיט איהר קול.

מען האט זיא אויסגעלאכט. זיא האט קוים איינגעבעטען איניגע מענשען, זיי זאָלען מיט איהר צוגעהן צום קעניגליכען פאלאץ זעהן, וואס דארט איז געשעהן. מען איז צוגעקומען צו די טיולעריען. דארט איז אלעס געווען שטיל און רוהיג. ווען דער אפיציער פון דער וואך איז געוואהר געוואָרען, אין וואס פאר א לאגע מען האט היינט געפונען נינאן, האט ער געזאגט:

— רעכט אויף דיר! לויף ניט נאָך א פערליעבטע פאָריל.

נינאַן איז אוועקגעלאָפען צו איניגע מיטגליעדער פון׳ם יאקאָבינער קלוב און האט זיי דערצעהלט, וואָס זיא האט געזעהן ביי נאכט. מען האָט איהר ווידער ניט געגלויבט. נור איניגע האבען זיך ענטשלאָסען צו געהן מיט איהר צום גענעראַל לאַפאַיעט.

לאַפאַיעט האט זיי אנפאַנגס אויסגעלאכט. נינאן האט איהם קוים איינגעבעטען, ער זאָל דאָך געהן אין די טיולעריען זעהן, וואס דער קעניג טהוט.

— איך וועל אייך צו ליעב טהאָן, האט לאַפאַיעט געזאָגט און וועל היינט געהן פריהער אביסעל צום קעניג.

עס איז שוין געווען אום ניין אוהר. איידער לאַפאַיעט האט זיך אנגעטהאָן, איידער ער איז מיט זיי געגאַנגען צום קעניג, איז געווארען צעהן אוהר. לאַפאַיעט האט זיך דיעזעס מאל ניט לאנג געזאַמט ביים קעניג, ער איז באַלד ארויסגעגאנגען בלייך, טרויעריג און פערצווייפעלט. — דער קעניג, די קעניגין און זייער גאנצע פאַ־מיליע זיינען ווירקליך אנטלאפען. — וואוהין? דאס ווייס דערווייל קיינער ניט.

ווי א דאנערשלאַג האט געווירקט דיעזע טרויעריגע נאכריכט אויף גאנץ פאַריז. עס האבען זיך באַלד פערזאמעלט גרויסע מענגען מענשען אין אלע גאַסען. מען האָט גערעדט, געשריען, זיך געזיעדעלט, געשימפּפט אויף לאַפאַיעט, אויף די אפיציערן פון דער לייב גוואַרדיע, אויפ׳ן בירגער מייסטער און אויף די פאָליציי.

— יעצט וועט דער קעניג צוריקקומען מיט א גרויסע ארמעע פון עסטערריך, האט מען געשריען, און מען וועט ביי אונז צונעהמען אלע פרייהייטען און אלע רעכטע, וועלכע מיר האבען זיך ערוואָרבען אזוי שווער דורך דעם שטורם פון דער באַסטיליע. יעצט וועט ער אונז אונטערדריקען נאָך מעהר, וויא פריהער. — מען מוז זוכען דעם

קעניג! מען מוז איהם צוריקברענגען קיין פאריז! האט מען געשריעען פון אלע זייטען.

עס איז געווארען א געשריי, א געוואלט, א ליארם אין אלע גאסען. מען האט זיך צולאזט אויף אלע שטראסען, מען האט געפארשט, געפרעגט, געזוכט עפעס א שפור און מען האט ענדליך געפונען. —

אין דעם גראבען לעבען שאסעע פון פאריז קיין באנדי — א קליין שטעדטעל אייניגע מייל ווייט פון פאריז — האט מען געפונען ליגען א צובראכענע קארעטע. אנפאנגס האט זיך קיינער דארויף ניט אומגעקוקט. מען האט געמיינט, אז א קארעטע האט עפעס אן אומגליק געטראפען. דער קוטשער איז געווען בעטרונקען און דיא קארעטע איז אריינגעפאלען אין גראבען. קוים איז אבער נינאן דערפון געוואהר געווארען, האט זיא גענומען א דראשקע און איז געפאהרען זעהן דיא צובראכענע קארעטע. זיא האט אזוי לאנג געזוכט אין דער קארעטע און ארום דער קארעטע, ביז זיא האט געפונען — א קאנווערט פון א בריעף אדרעסירט צום באראן דע קאשאן.

— אויף דיעזען וועג איז ער געפאהרען! האט זיא אויסגערופען. אויף דיעזען וועג איז אנטלאפען דער קעניג מיט דער קעניגין!

זיא איז צוריקגעפאהרען קיין פאריז און האט געבראכט מיט זיך דאס שטיקעלע פאפיער. יעצט האט מען זיא שוין ניט אויסגעלאכט, יעצט האט מען איהר שוין געגלויבט.

אין א שטונדע ארום איז א קארעטע ארויסגעפאהרען פון פאריז אויפ׳ן וועג קיין באנדי. אין דער קארעטע איז געזעסען נינאן און איהר פריינד, מארא. זיי זיינען געפאהרען נאכיאגען דעם קעניג.

אונטערדעסען האט עס אין פאריז געקאכט. וויא אין א קעסעל. ניט נור דאס פאלק, דיא ארבייטער, דיא בויערן און דיא קופלייטע האבען מורא געהאט, אז אט, אט קומט אן אן עסטערייכישע ארמעע, זאגאר דיא גרויסע, דיא רייכע, דיא אריסטאקראטען זיינען געווארען אונרוהיג. פאר א קריעג האט יעדער מורא. אין א קריעג קוקט מען אויף קיינעם ניט, שוינט מען קיינעם ניט. ביי דיא בויערן איז ניטא וואס צו נעהמען, זיי זיינען זעהר ארים, מען וועט אנפאלען אויף דיא פאלאצען פון דיא רייכע און מען וועט ביי זיי צונעהמען, וואס מען וועט געפינען.

עס האבען זיך באלד פערזאמעלט אלע גרויסע און דיא דעפוטאטען פונ׳ם פאלק אין האטעל דע וויל (סיטי האל). יעצט האט שוין דאס פאלק גענומען דיא רעגיערונג אין דיא הענד זיי האבען באלד צושיקט קוריערן אין אלע לענדער, אז פראנקרייך פיהרט מיט קיינעם קיין קריעג ניט. דאס איז געווען דער ערשטער בעשלוס. דער צווייטער בעשלוס איז געווען, מען האט ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז מען זאל ארעסטירען יעדען, ווער עס וועט וועלען ארויספאהרען פון פראנקרייך. אויך דיעזען בעפעהל האט מען באלד צושיקט דורך קוריערן אין גאנץ פראנקרייך.

פון דיעזער מינוט אן איז לודוויג דער זעכזעהנטער געווארען א געוועהנליכער בירגער און יעדער, ווער עס וועט איהם טרעפען, וויא ער פאהרט אריבער דיא גרענעץ, האט דאס רעכט איהם צו ארעסטירען.

12טעם קאפיטעל.

דער קעניג ווערט ארעסטירט.

דיא פראנצייזישע רעוואלוציאן איז איינע פון דיא מערקווירדיגסטע בעגעבענ־הייטען אין דער וועלט געשיכטע. עס קומען אין איהר פאר זאכען, וועלכע קיינער וואלט ניט געגלויבט, ווען מיר זאלען ניט האבען אזוי פיעל אויגענציינען, — מענשען, וואס האבען עס געזעהן מיט זייערע אויגען און האבען עס בעשריעבען. עס קומען אין איהר פאר אזעלכע וואונדער, וויא אין „טויזענד און איין נאכט". דאס אנטלויפען פון'ם קעניג לודוויג דעם זעכצעהנטען פון פאריז, וויא ער איז אנטלאפען און וויא מען האט איהם געחאפט און ארעסטירט, איז איינע פון דיזע וואונדער.

וויא איז דאס מעגליך, אז א קעניג זאל אנטלויפען פון זיין אייגענעם לאנד, פון זיין פאלק און פון זיין קעניגליכעם שלאס? — פאר וואס איז ער אנטלאפען? וויא אזוי איז ער אנטלאפען און קיינער האט עס ניט בעמערקט? וואו זיינען דיא וואכען? וואו זיינען געווען דיא היטער פון דיא טויערן?

דיזע פראגען וועט אונז געוויס שטעלען, יעדער קלוגער לעזער. — אז יעדער לעזער איז קלוג, ווייסען מיר שוין פון לאנג. — מיר מוזען איהם בעאנטווארטען אלע דיזע פראגען.

קעניג לודוויג האט גוט איינגעזעהן, אז דיא געהיימע געזעלשאפטען אין פראנק־רייך רייצען אויף דאס פאלק אלץ מעהר און מעהר. דיא געלערנטע, דיא פילאזאפען פון יענער צייט האבען אנגעהויבען צו שרייבען און צו דרוקען ביכער איבער דיא רעכטע, וואס יעדער מענש דארף האבען אין דער געזעלשאפט. מען האט אפגעדרוקט אזעלכע ביכלעך אין הונדערט טויזענדער עקזעמפליארען און מען האט זיי צוטהיילט צווישען דיא ארבייטער. דיא מאכט פון'ם קעניג, זיין אנזעהן און דער רעספעקט, וואס מען האט געהאט פאר איהם איז מיט יעדען טאג אלץ מעהר געפאלען.

קעניג לודוויג האט איינגעזעהן, אז זיין לעבען איז אין געפאהר, אז פריהער אדער שפעטער וועט זיך דאס פאלק אויפהייבען און וועט אנפאלען אויף זיין שלאס. ער האט געמוזט אנטלויפען. ער האט זיך עס גוט איבערלעגט און האט אויפגעשטעלט א גאנץ גוטען פלאן, וויא צו אנטלויפען.

דער שוועדישער געזאנדעטער, גראף פערזען האט איהם ווירקליך געהאלפען. דיא קארעטע, וואס נינאן האט געזעהן ביי איהם אין הויף, איז ווירקליך געווען בע־שטימט פאר'ן קעניג. גראף פערזען האט איהם פערזארגט א פאספארט אויפ'ן נאמען פון דער רייכער רוסישער באראנעסא קארף, וועלכע האט דאמאלס געוואוינט אין פאריז און האט דארט געגלענצט מיט איהר אונגעהייערע רייכקייט. — אהן א פאס־פארט האט מען אין יענער צייט ניט געקענט פאהרען.

אין דער נאכט פון'ם 22טען אויפ'ן 23טען יוני 1791 האט זיך דער קעניג מיט זיין פאמיליע געלעגט פריה שלאפען. ווען גענעראל לאפאיעט איז געקומען אין דיא טואלעריען אום צעהן אוהר אבענדס, האט ער געפונען, אז אלע שלאפען. ער האט זיך בערוהיגט און איז געפאהרען א היים. אום 12 אוהר איז דער קעניג אויפגעשטא־

נען, האָט זיך אָנגעטהאָן, וויא א לאַקיי און איז מיט זיין שוועסטער עליזאבעטה, אָנ־געטהאָן, וויא א קאַמערמעדכען, שטילערהייט ארויסגעגאנגען פון שלאָס. ער איז גע־גאנגען צו דער וואינונג פון גראַף פערזען. דער גראַף האט אויף איהם געווארט אין דער קארעטע, וועלכע נינאָן האט געזעהן. דעם קעניגס קינדער, צוויי איינגעלעך און א מעדכען, זיינען שוין געזעסען אין דער קארעטע. דער קעניג האט זיך געזעצט לעבען קוטשער, דער גראַף — אין דער קארעטע און מען איז ארויסגעפאָהרען פון פאריז. ווען מען איז צוגעקומען צום טויער פון דער שטאָדט, האט גראַף פערזען געוויעזען דיא וועכטער, אז ער איז דער שוועדישער געזאנדטער. מען האט איהם דורכגעלאָזען.

מיט איינגע צייט שפעטער איז אָנגעקומען א געוועהנליכע געדונגענע קארעטע מיט א נומער, וויא דיא געדונגענע קארעטעס אין פאריז פלעגען דאמאָלס זיין. אין דער קארעטע זיינען געזעסען דיא קעניגין און דיא גאָווערנאנטע פון דיא פרינצען. דער באראָן דע קאָשאָן איז געווען דער קוטשער. ער האָט געזאָגט ביים טויער, אז זיי זיינען געווען אין פאריז אויף א האָכצייט און פאָהרען יעצט א היים, קיין באָנדי. מען האָט זיי אויך דורכגעלאָזען. באראָן דע קאָשאָן האָט זיך נאך געמאכט אביסעל שיכור. דיא וועכטער האָבען ניט געהאט קיין אורזאכע זיי צו פערהאַלטען.

אונטער דער שטאָדט אויפ׳ן וועג קיין באָנדי האָט דער באראָן אָנגעיאָגט דיא קארעטע, וואו דער גראַף פערזען און דער קעניג איז געזעסען. יעצט האט זיך דיא סצענע געענדערט. דיא קעניגין מיט דער גאָווערנאנטע זיינען אריינגעגאנגען אין דער קארעטע צום קעניג. פון דער געדונגענער קארעטע האָט מען אויסגעשפאַנט דיא פערד, אויף איינעם האט זיך געזעצט דער באראָן דע קאָשאָן, אויפ׳ן אנדערן — דער גראַף פערזען.

וואס טהוט מען אבער מיט דער קארעטע? — מען האט זיא אריינגעוואָרפען אין גראָבען לעבען שאָסע. מען האט זעהר ריכטיג בערעכענט, אז ווען מען וועט זיא מארגען געפינען, וועט מען מיינען, אז עפּעס א שיכורער קוטשער איז אריינגעפאלען אין גראָבען.

ווען אַלעס איז געווען פערטיג, איז מען וויטער געפאָהרען. אום דריי אוהר איז געווארען טאָג. מען איז אנגעקומען אויף א פאָסט סטאנציאָן און מען האָט גע־ביטען דיא פערד. דער קעניג איז געווען גאנץ פרעהליך. ער איז געווען זיכער, אז זיין אנטלויפען איז פאלקאָמען געלונגען. אום אכט אוהר איז מען אנגעקומען אויף א פאָסט סטאנציאָן, וואו מען האט געביטען פערד. גראַף פערזען האט פאר אלעס געזארגט. וואו מען איז געקומען, זיינען געווען אנגעגרייט דיא בעסטע פערד. יעצט האט דער גראַף אבשיעד גענומען פו׳ם קעניג און איז געפאָהרען צוריק קיין פאריז. באראָן דע קאָשאָן איז געבליבען ביים קעניג. אום ניין אוהר האט דער קעניג ארויס־גענומען זיין גאָלדענע אוהר און האט געזאָגט:

— יעצט וועט לאפאיעט געוואָהר ווערן, אז איך בין ניטאָ אין דיא טוילעריען איך שטעל מיך פאר, וואָס פאר א גרימאסע ער וועט מאכען.

באלד איז מען אריינגעפאָהרען אין א וואלד. דער קעניג האט געבעטען, מען זאָל בלייבען שטעהן, ער וויל געהן א ביסעל צופוס אי׳ם שעהנעם, גרינעם וואלד.

דער קעניג, דיא קעניגין און דיא קינדער מיט זייער גאווערנאנטע זיינען געגאנגען א היבשע שטרעקע צו פוס.

— אלעס איז שטיל, אלעס איז רוהיג, האט דער קעניג געזאגט. איך האף, אז עס וועט מיר געלינגען צו קומען צו מיין טרייען גענעראל בוליע, וועלכער ווארט אויף מיר אין שטעדטעל וואַרען מיט צעהן טויזענד מאן מיליטער. קוים קומען מיר אהין, זיינען מיר שוין אין גאנצען זיכער.

אזוי וויא עס איז שוין געווען ניט פריה, האט מען זיך אין גרינעם וואלד געזעצט עסען פריהשטיק. נאכ'ן פריהשטיק איז מען ווייטער געפאהרען שנעלער. געגען מיטאג איז מען אנגעקומען קיין שאלאָן, א גרויסע שטאָדט. פאר שאלאָן האט דער קעניג זעהר מורא געהאט. אין אזא גרויסע שטאָדט קענען זיך געפינען פיעל מענשען, וועלכע וועלען איהם דערקענען. מען האט אין שאלאָן געביטען דיא פערד און קיינער האָט איהם ניט דערקענט. דער קעניג האט אויפגעאטהעמט פרייער, ווען ער איז ארויסגע־פאָהרען פון שאלאָן. ער האט ערווארטעט, אז א רעגימענט דראגונער וועט איהם בעגעגענען אין א שטעדטעל ניט ווייט פון שאלאָן. ווען ער איז אבער געקומען אהין, האט ער קיינעם ניט געטראָפען. דורך דעם, וואס נינאן האט אויפגעהאלטען דעם באראן דע קאָשאָן מיט דער קעניגין, האבען זיי זיך פערשפעטיגט. דיא דראגונער האבען געווארט און, ווען זיי האבען געזעהן, אז דער קעניג איז ניט געקומען צו דער בעשטימטער צייט, זיינען זיי זיך אוועקגעגאנגען, ריכטיגער געזאגט, זיי האבען געמוזט אוועקגעהן.

עס איז געווען א רוהיג שטעדטעל, וואו מען האט זעהר זעלטען געזעהן א סאלדאט. פלוצלונג איז אנגעקומען א גאנצער רעגימענט. דיא איינוואינער זיינען גע־ווארען אונרוהיג, זיי האבען ניט געקענט פערשטעהן, וואס דאס איז; זיי האבען זיך באלד פערזאמעלט און האבען געפרעגט דעם אפיציער, וועלכער האט קאמאנדירט דאס רעגימענט, וואס ער דארף דא אין שטעדטעל?

— מען האט מיך געשיקט, איך זאל בעוואכען דיא פאסט, וועלכע פיהרט געלד פון פאריז אין דיא פעסטונג מעץ, האט דער אפיציער געענטפערט.

— עס איז א ליגען! דער קעניג דארף קומען! האט איינער אויסגעשריען.

עס איז באלד געווארען א ליארם. אלע גלאָקען האבען אנגעהויבען צו קלינגען און דיא בירגער גווארדיע האט זיך אנגעהויבען צו פערזאמלען. דער קאמאנדיר פון דיא דראגונער האט געפונען פאר נייטיג ארויסצוגעהן פון'ם שטעדטעל און געהן אויפ'ן וועג קיין מעץ.

ווען דיא קארעטע מיט דער קעניגליכער פאמיליע איז אנגעקומען, האט דער קעניג דערזעהן, אז דאס גאנצע שטעדטעל איז שרעקליך אויפגערעגט. דענאך האט מען זיי דא קיינע שוועריגקייטען ניט געמאכט און זיי זיינען געפאהרען ווייטער, ביז זיי זיינען געקומען אין דעם שטעדטעל סען מענהו. דיא קארעטע איז פערפאהרען גלייך אויף דער פאסט. דער פאסט־מייסטער אליין איז געראדע ניט געווען אין דער היים, עס איז געווען זיין זוהן, זשאן באטיסט דרוע. ער האט אנפאנגס געוואלט מאכען שוועריגקייטען און ניט געבען קיין פערד.

— איך מוז זעהן אלעמען, וועלכע זיצען אין דער קארעטע, האט ער געזאגט.

דער קעניג איז ניט ארויסגעגאנגען פון דער קארעטע, ער האט נור געהייסען עפענען דיא טהירלעך. דרוע האט ארייננעקוקט און האט דעם קעניג ניט דערקענט. ער איז געוועזען אנגעטהאן, וויא א דיענער. דענאך האט ער בעטראכט דיא קארעטע מיט מיסטרויען און האט ניט געוואלט געבען אזוי שנעל קיין פערד. בארא̃ן דע קא̃שא̃ן האט איהם ענדליך דאך איינגעבעטען. דרוע האט געהייסען איינשפאנען פרישע פערד. מען איז ארויסגעפאהרען פון סען מענהו.

— מיר זיינען געראטעט! האט דיא קעניגין אויסגערופען.

אין דער מינוט, וואס דיא קארעטע איז ארויסגעפאהרען פון'ם שטעדטעל סען מענהו, איז פון דער אנדערער זייט אנגעלאפען א לייכטע קארעטע מיט צוויי מענשען, א מאן מיט א פרוי.

— האלט אויף! האלט אויף יענע קארעטע! האט דיא פרוי געשריען, ווען זיא האט דערזעהן דיא ערשטע הייזער פון'ם שטעדטעל. — דארט זיצט דער קעניג מיט דער קעניגין!

דאס איז געוועזען נינאן. זיא האט דערזעהן פון דער וויטען דעם בארא̃ן דע קא̃שא̃ן, וועלכער האט זיך עפעס אביסעל פערשפעטיגט. דער בארא̃ן האט זיא אויך דערקענט, ער האט א ציטער געטהאן און האט געגעבען זיין פערד א קוועטש מיט דיא שפארען. ער האט באלד אנגעיא̃גט דיא קארעטע מיט'ן קעניג און האט געזאגט צום קוטשער:

— טרייב דיא פערד, וויא וויט דוא קענסט! איך גיב דיר הונדערט פראנק, ווען מיר קומען אין א האלבע שטונדע אויף דער סטאציאן „ווארען", — אויך א קליין שטעדטעל ניט וויט פון מעין.

נינאן מיט איהר קארעטע איז אונטערדעסען צוגעפאהרען צו דער פא̃סט־סטא־ציא̃ן אין סען מענהו.

— האלט! לויפט! יא̃גט נאך! האט זיא געשריען, וויא הויך זיא האט גע־קענט. — אין יענער קארעטע זיצט דער קעניג מיט דער קעניגין!

עס האט זיך פערזאמעלט א גרויסע מענגע מענשען. מען האט איהר אבער ניט געוואלט גלויבען, אז דאס איז געוועזען דער קעניג.

— איך האב געעפענט דיא קארעטע און האב געזעהן, ווער דארט זיצט, האט דרוע געזאגט. עס איז ניט געוועזען דער קעניג.

— האט איהר דען אמאל געזעהן דעם קעניג? האט נינאן אויסגערופען אין פערצווייפלונג.

זיא האט ארויסגעהאפט פון דער קעשענע א פאפיערענעם פינף פראנק שטיק, דאמאלס האט עס געהייסען „אסיגנאטען", סיגנאציעס — און האט איהם געוויזען.

— אט איז דער ריכטיגער פארטרעט פון'ם קעניג. זעהט, אויב עס איז ניט דערזעלבער!

דרוע האט איינינע מינוטען בעטראכט דעם פא̃רטרעט אויפ'ן פינף פראנק שטיק און האט ענדליך געזאגט:

— זיא האט רעכט! דאס איז ווירקליך געוועזן דער קעניג!

יעצט איז געווארען א געשריי און א געוואלד אין דער מענגע.

— מען מוז איהם נאכיאגען! ער אנטלויפט! גיט אהער פערד!

דער בירגערמייסטער פון סען מענהו איז אבער געוועזן א רוהיגער מענש און האט זיך ניט געוואלט שטערן פון זיין ארבייט.

— ווער קען עס וויסען, ווער עס איז דארט געזעסען אין דער קארעטע? האט ער אנגעהויבען צו בערוהיגען דיא מענגע. איך גלויב ניט, אז דער קעניג זאל אזוי פּלוצלונג אנטלויפען. מעגליך, עס איז אן אירטהום.

יעצט אבער איז שוין דער יונגער דרוע געווארען אזוי אונרוהיג, אז ער האט פון קיין זאך ניט געוואָלט וויסען. ער מוז נאכיאגען דיא קארעטע און זיך איבערצייגען, ווער עס זיצט דארט. שנעל, וויא דער בליץ, האט ער ארויסגעפיהרט אלע פערד פון דער סטאציאָן. ער און נאך אייניגע בירגער האב זיך אויפגעזעצט רייטענדיג. נינאן איז געפאהרען אין איהר קארעטע, ער האט אבער געהייסען איינשפּאנען פרישע, פייערינע פערד און אלע זיינען געלאפען אויפן גרויסען טראקט קיין „ווארען“.

עס איז געווארען נאכט, ווען דעם קעניגס קארעטע איז אנגעקומען קיין „ווארען“. דא האט אויף איהם געדארפט ווארטען דער גענעראל בוליע. מען האט אפּגערעדט, אז דער גענעראל זאל אויף איהם ווארטען לעבען פייערוועהר טורעם. ביי טאָג וואָלט מען איהם לייכט געקענט זעהן, ביי נאכט אבער האט איהם דער קוטשער, וועלכער איז ניט געוועזן בעקאנט מיט דער שטאדט, אויף קיין פאל ניט געקענט טרעפען. דיא קארעטע האט געמוזט בלייבען שטעהן. לודוויג דער זעכצעהנטער האט שוין מורא געהאט צו פערפאהרען אויף דער פּאָסט־סטאַציאָן. באראָן דע קאָשאָן איז געפאהרען זוכען דעם טורעם, וואו גענעראַל בוליע ערווארטעט דעם קעניג. ער איז אבער אויך ניט געוועזן בעקאנט מיט דער געגענד און האט אנגעהויבען צו בלאנזען. ער איז שוין געפאהרען צוריק צו דער קארעטע, ווען ער האט דערהערט א פעסטע שטימע זאגען צום קוטשער:

— שטעהט דא! ריהרט אייך ניט פון ארט! איך הייס אייך! איהר קענט דאך מיך. איך בין דרוע דער פּאָסט־מייסטער פון סען מענהו. דאס זיינען מיינע פערד. יעצט האט ער זיך געווענדעט צום קעניג.

— זייט איהר דער קעניג? האט ער איהם געפרעגט.

קיינער האט איהם ניט געענטפערט. דיא קעניגין האט אנגעהאפּט דיא הענד פון איהר מאן. — זיי זיינען געוועזן אייזקאלט. — מען האט איהם דערקענט! עס איז איהם ניט געלונגען צו אנטלויפען!

—ווארט דא! האט דרוע יעצט געשריען. איך לויף אין שטאָדט אריין ברענגען דעם בירגערמייסטער און דיא נאציאָנאל גווארדיע. מיר וועלען באלד וויסען, ווער דא פאהרט.

ער האט געגעבען זיין פערד דיא שפּארען און איז אוועקגעלאפען אין שטאָדט.

— מיר זיינען פערלארען! האט געזאגט באראן דע קאשאָן, וועלכער איז אין דיעזע מינוט צוגעקומען צו דער קארעטע.

— ניין, ווען איהר וועט נור האבען מוטה! האט געזאגט דיא קעניגין. — טרייב דיא פערד, קוטשער! זיי מעגען קרעפּירען, איך וועל אייך פאר זיי בעצאהלען.

דער קוטשער האט זיך ניט געוואלט ריהרען.

— אונזער פּאָסטמייסטער האט אונז ניט געהייסען פאהרען, האט ער געענטפערט.

— איך הייס אייך אבער פאהרען! איך — אייער קעניגין!

דער קוטשער האט זיך דערשראָקען, ווען ער האט דערהערט דאס ווארט „אייער קעניגין". דער אַלטער רעספּעקט פאר'ן קעניג האט דאך געזיעגט. דער קוטשער האט אנגעהויבען צו טרייבען דיא פערד.

— שנעלער! האט בעפאָהלען דיא קעניגין, איך וועל אייך קעניגליך בעלוינען, ווען איהר פיהרט מיך ארויס פון דיזער שטאָדט.

דער קוטשער האט געטריעבען דיא פערד, וויא וויט ער האט געקענט. דיא קארעטע איז צוגעקומען צו א בריק.

— האלט! שטעה! האבען געשריען איינינע גראבע מענער שטימען.

מאריא אנטואנעטע האט א קוק געטהאן אין פענסטער פון דער קארעטע און האט דערזעהן א לאנגע רייהע ביקסען. אין דיזער מינוט האט מען געהערט, וויא אלע גלאָקען קלינגען און פויקען לאזען זיך הערען אין אלע גאסען. — מען האט צונויפגערופען דיא נאציאָנאל גוואַרדיע. יעצט האט דיא קארעטע געמוזט בלייבען שטעהן.

באלד זיינען צוגעקומען צו דער קארעטע צוויי מענשען. איינער איז געוועזן דער בירגערמייסטער פון דער שטאָדט „וואַרען", דער אנדערער — דער קאמענדאנט פון דער נאציאָנאל גוואַרדיע.

— צייגט אונז אייערע פּאספּאָרטען, האט דער בירגערמייסטער געזאגט צו דיא, וועלכע זיינען געזעסען אין דער קארעטע.

— פרוי באראנעסע, האט דיא קעניגין געזאגט צו דער גאווערנאנטע, צייגט זיא אייער פּאספּאָרט דיזען הערען.

דיא גאווערנאנטע האט ווירקליך געהאט דעם פּאספּאָרט אויף'ן נאמען פון באראנעסע קאָרף, וועלכען דער גראף פערזען האט זיי געגעבען. זיא איז אבער געוועזן אזוי דערשראָקען, אז זיא האט זיך אויף קיין פאל ניט געקענט דערמאנען, וואו זיא האט איהם געלעגט. זיא האט אנגעהויבען צו זוכען אין אלע קעשענעס און האט איהם אויף קיין פאל ניט געקענט געפינען.

— איך געפין איהם יעצט ניט, האט זיא ענדליך געזאגט, אבער איך בין דיא באראנעסע קאָרף. איך פאהר א היים, קיין רוסלאנד.

— נו, ווען איהר קענט ניט געפינען אייער פּאספּאָרט, האט דער בירגערמייסטער געזאגט, בעט איך אייך צו מיר א היים.

ער האט געהייסען דעם קוטשער פאהרען, וואוהין ער וועט איהם ווייזען. ארום דער קארעטע האבען זיך ארומגעשטעלט עטליכע און צוואנציג מענשען פון דער בירגער גוואַרדיע מיט געלאַדענע ביקסען. מען איז באלד אנגעקומען צום הויז פון'ם בירגערמייסטער. מען האט געהייסען אלעמען ארויסגעהן פון דער קארעטע און אריינגעהן אין שטוב. דער בירגערמייסטער פון „וואַרען" איז געוועזן א קרעמער. ער האט א

נעהאט א גראסערי מאגאזין (באַקאַלעיא). ביי איהם אין שטוב זיינען געווען אנגעשטעלט און אנגעווארפען קאסטענס, פעסער און פלעשער. עס האט זיך קוים געפונען א פּאר הילצערנע שטוהלען פארן קעניג מיט דער קעניגין.

קוים אבער האבען זיי זיך אניעדערגעזעצט זיך א ביסעל אפּרוהען, איז פון דער אנדערער זייט גאס אנגעלאפען א לייבטע קארעטע, אין וועלכער עס איז געזעסען נור איין מעדכען. — דאס איז געווען נינאן.

— דער קעניג און דיא קעניגין זיינען אנטלאפען! האט זיא געשריעען אין דער הויך. — האלט זיי אויף! זיי ווילען אנשיקען אויף אונז אן עסטערייכישע ארמעע אום דאס פאלק צו אונטערדריקען.

אין דיעזע מינוט האט געקנאקט א שאס און נינאן איז אניעדערגעפאלען אין איהר קארעטע מיט א געשריי.

— ענדליך! האט באראן דע קאַשאן אויסגערופען. — ענדליך, בין איך פון איהר לויז געווארען. ענדליך, איז זיא טויט, דיא פערדאמטע!

מיט דיעזע ווערטער האט ער געגעבען זיין פערד דיא שפּארען און איז אנטלאָפען געווארען אין וואלד.

עס איז געווארען א גוואלד, מענשען זיינען זיך צונויפגעלאפען. דיא קארעטע איז געבליעבען שטעהן. מען האט אראפּגענומען דיא פערוואונדעטע נינאן אין א שטוב און מען האט געשיקט רופען א דאקטאר. דער דאקטאר האט אונטערזוכט דיא וואונד און האט ערקלערט, אז זיא איז ניט געפעהרליך. ער האט איהר געגעבען א מעדיצין און זיא האט באלד געעפענט דיא אויגען.

— וואו איז דער קעניג? זיינען געווען דיא ערשטע ווערטער, וואס זיא האט געזאגט, ווען זיא איז געקומען צו זיך.

— ער איז געפאנגען, האט מען איהר געענטפערט.

— עס איז מיר דאך געלונגען! האט זיא אויסגערופען פריידיג און האט פערמאכט דיא אויגען.

אונטערדעסען איז דער קעניג, דיא קעניגין און זיין פאמיליע געזעסען ביים בירגערמייסטער אין שטוב. דעם בירגערמייסטערס פרוי האט געזעהן, אז זיא האט זעלטענע געסט ביי זיך און האט זיי אפּגעטרעטען דעם זאל. דיא גאווערנאנטע האט דער וויל אויסגעזוכט דעם פּאספּארט און האט געוויעזען דעם בירגערמייסטער, אז זיא איז דיא רוסישע באראנעסא קאָרף.

— דער פּאס איז ריכטיג, האט געזאגט דער בירגערמייסטער. איך ווייס ניט, פאר וואָס מען האט דיא רייזענדע אויפגעהאלטען.

באלד אבער איז אנגעקומען דרועט מיט'ן קאָמענדאנט פון דער נאציאָנאל-גווארדיע.

— ווייסט איהר, ווער דיא געסט זיינען? האט ער געזאגט צום בירגערמייסטער, דאס זיינען דער קעניג און דיא קעניגין פון פראנקרייך!

— דער פּאס איז ריכטיג, האט דער בירגערמייסטער געזאגט נאך אמאל.

— אלזא ווילט איהר זיי לאזען ווייטער פאהרען? האט דרועט זיך געבייזערט. — דאס איז דער קעניג, וועלכער אנטלויפט פון פראנקרייך!

— איך ווייס, אז איך האב דיא עהרע צו האבען אין מיין שטוב אלס גאסט דעם קעניג פון פראנקרייך, האט דער בירגערמייסטער געזאגט און האט זיך טיעף פערניינט פארן קעניג.

— יא, איך בין דער קעניג פון פראנקרייך! האט יעצט לודוויג דער זעכצעהנטער געזאגט. איך אנטלויף אבער ניט פון פראנקרייך. איך בין ארויסגעפאהרען פון פאריז, ווייל איך בין דארט ניט זיכער. איך פאהר אין מיין טרייע שטאדט מעץ.

דער קעניג האט געזאגט דיעזע ווערטער מיט אזא ביטענדער שטימע, אז אלע זיינען געוועזן געריהרט.

— קעניגליכע מאיעסטעט! האט געזאגט דער איינפאכער בירגערמייסטער. איך ווייס ווירקליך ניט וואס צו טהאן.

— מיר העלפען, מיך בעשיצען געגען דיא ווילדע מענגע, האט דער קעניג ווייטער געזאגט. — איך גיב אייך מיין עהרענווארט, אז איך פאהר נור קיין מעץ. ווען איהר ווילט, מעגט איהר מיך בעגלייטען.

דער בירגערמייסטער האט געשוויעגען. ער איז געוועזן אין א פערלעגענהייט. ער האט זעהר געוואלט טהאן עפעס פארן קעניג, איהם רעטען, איהם בעשיצען. אין דיעזע מינוט אבער האט מען געהערט אין דרויסען טויזענדער שטימען:

— עס לעבע דאס פאלק! עס לעבע דיא פרייהייט!

דיא קעניגין איז געווארען בלייך. זיא האט פערלארען דיא לעצטע האפנונג. דער איינציגער מענש, וועלכער איז זיי נאך געבליעבען טריי — דער בירגערמייסטער — וועט יעצט געצוואונגען זיין זיי אויפצוהאלטען.

— וואו איז אהינגעקומען דער גענעראל בוליע מיט זיינע צעהן טויזענד מאן? האט זיא שטילערהייט געפרעגט.

קיינער האט איהר ניט געענטפערט. קיינער האט איהר ניט געקענט ענטפערן.— גענעראל בוליע איז מיט איינינע שטונדען צוריק געוועזן אין שטעדטעל, ער האט אבער געמוזט אוועקגעהן. דיא איינוואוינער זיינען געווארען אונרוהיג און האבען אויפגעפאָדערט דיא סאלדאטען, זיי זאלען זיך פעראייניגען מיט'ן פאלק.

דער בירגערמייסטער איז ארויסגעגאנגען צו דער מענגע און האט זיא בערוהיגט. יעצט האבען שוין אלע געוואוסט, אז דאס איז דער קעניג. בעהאלטען זיך האט מען מעהר ניט געקענט. דער בירגער מייסטער האט פערזיכערט דער מענגע, אז ער וועט אויפהאלטען דעם קעניג ביי זיך, ביז ער וועט ערהאלטען א בעפעהל פון פאריז, וואס ער זאל מיט איהם טהאן.

דיא מענגע איז זיך צוגאנגען. דער קאמענדאנט פון דער נאציאנאל גווארדיע האט איבערגעלאזען א וואך פון צוואנציג מענשען פארן בירגערמייסטערס הויז.

דער בירגערמייסטער איז צוריקגעגאנגען צום קעניג און איז ביי איהם געבליעבען א גאנצע נאכט. ער האט זיך מיט איהם בעראטהען, וויא אזוי איהם צו בעפרייען. דיא קעניגין מיט דיא קינדער האבען זיך צוגעלעגט אויפ'ן בעט פון'ם בירגמייסטערס פרוי.

פאר טאג איז אנגעלאפען ראמעף. אן אדיוטאנט פון גענעראל לאפאיעט און

איז גלייך אריינגעקומען אין צימער, וואו דער בירגערמייסטער איז געזעסען און האט גערעדט מיטן קעניג.

— אין נאמען פונ׳ם פראנצויזישען פאָלק! האט ער געזאגט, ווען ער האט דערזעהן דעם קעניג, — ערקלער איך אייך אלס ארעטירט, אייך, אייער פאמיליע און אלע וועלכע זיינען געקומען מיט אייך.

— ווער זייט איהר? האט דער בירגערמייסטער געפרעגט. — וואס פאר א רעכט האט איהר אריינצוקומען צו מיר אין שטוב?

ראָמעף האט ארויסגענומען א געדרוקטען בעפעהל פון דער פאָלקספערזאמלונג און האט איהם דערלאנגט. אין בעפעהל איז געשטאנען, אז מען זאל ארעטירען יעדען, ווער עס וויל ארויספאהרען פון פראנקרייך; יעדען, וועלכער וועט פאהרען מיט א פאלשען פאספאָרט.

יעצט האט שוין קיין זאך ניט געהאָלפען. דער קעניג מיט זיין פאמיליע זיינען געווען ארעסטאנטען אין זייער אייגענעם לאנד.

מען האט געהייסען איינשפאנען די קארעטע און דער קעניג מיט זיין פאמיליע האבען זיך אריינגעזעצט אין איהר. איינער פון דער נאציאָנאל גווארדיע איז געוואָרען א קוטשער. דרוע און ראמעף זיינען געריטען פאראוים און ארום דער קארעטע זיינען געריטען סאלדאטען פון דער נאציאנאל גווארדיע אלס קאָנאָוואָי. — מען איז געפאהרען צוריק קיין פאריז.

מען איז געפאהרען זעהר לאנגזאם. אין יעדען דאָרף, אין יעדעס שטעדטעל, וואס מען איז געקומען, זיינען די בירגער ארויסגעגאנגען און האבען ארומגערינגעלט די קארעטע, אין וועלכע דער קעניג איז געפאהרען; יעדער האט איהם געוואָלט זעהן, קיינער אבער האט איהם ניט בעגריסט און ניט אפגעגעבען איהם קיין עהרע.

צוויי לאנגע, טרויעריגע טעג האט געדויערט די רייזע קיין פאריז. ווען מען איז ענדליך אנגעקומען קיין פאריז, האט מען געטראָפען אין אלע גאסען גרויסע מענגען מענשען. קיינער אבער האט זיך אויפ׳ן קעניג ניט אומגעקוקט, גלייך וויא מען פיהרט א געוועהנטליכען ארעסטאנט.

ווען מען איז צוגעקומען צום קעניגליכען פאלאץ האט מען געזעהן אויף איהם אויסגעהאנגען א גרויסען שילד (וויוועסקא): „צו פערדרענטען״.

מען האט אריינגעפיהרט דעם קעניג אין זיין פאלאץ און מען האט געשטעלט א וואך ארום איהם, יעצט איז ערווירקליך געווען א געפאנגענער אין זיין אייגענעם פאלאץ.

די פערטרעטער פונ׳ם פאלק האבען זיך באלד פערזאמעלט צו פערהאנדלען, וואס מען זאל טהאן מיטן קעניג. אייניגע האבען געפאָדערט, אז מען זאל איהם אפזעצען. אנדערע האבען געזאגט, אז מען זאל איהם דערוייל לאזען, ער זאל אבער קיין זאך ניט טהאן אהן דער פאלקס פערזאמלונג. עס איז געקומען צו א דעבאטע. דאס פאלק האט געפאָדערט, אז מען זאל דעם קעניג ענטזעצען פון זיין אמט און מען זאל איהם פערקלאגען אלס פעררעטהער. פיעלע דעפוטאטען אבער און בעזאנ־דערס דער דאמאליגער בירגערמייסטער פון פאריז, וועלכער האט געקענט דעם קעניג

און האט געהאט מיטלייד מיט איהם, האבען געפאָדערט, אז דער קעניג זאָל בלייבען אלס הויפט פון דער רעגיערונג. ער זאל אבער קיין רעכט ניט האבען צו טהאן דיא קלענסטע זאך אהן דער פאלקס פערזאמלונג.

דאס פאלק האט ניט געוואלט נאכגעבען. עס איז געווארען א געשלעג. לאפאיעט איז אנגעקומען מיט זיינע נאציאנאלע גווארדיע און האט געבעטען, אז מען זאל זיך צוגעהן.

— איהר אליין האט דאך געוועהלט דעפוטאטען, אז זיי זאלען בעקלערן, וויא צו רעגיערען דאס לאנד, האט ער גערעדט צו דער מאסע. — ווען איהר האט זיי געוועהלט, האט איהר דאך צוטרויען צו זיי, מוזט איהר דאך זיך פערלאזען אויף זיי. — פאר וואס זאלט איהר זיי שטערן? פאר וואס זאלט איהר זיי ניט לאזען זיך איבערלעגען און פאסען בעשליסע?

— ער איז אויך א פעררעטהער! האט געשריען דיא מענגע אויף לאפאיעט. ער וויל אויך אונטערדריקען דאס פאלק! ער איז אן אריסטאקראט, א מארקיז!

לאפאיעט האט איינגעזעהן, אז עס קען אויסברעכען א בלוטיגע געשלעג, האט ער געהייסען שיעסען אויפ'ן פאלק. ער איז אבער געווען צו עדעל און צו עהרליך, ער זאל הייסען שיעסען מיט קוגלען. ער האט געהייסען שיעסען נור מיט פולווער, אום דיא מענגע איבערצושרעקען.

קוים האט דיא מענגע דערזעהן, אז מען שיעסט נור מיט פולווער, האט זיא גערעכענט, אז מען האט מורא פאר איהר און האט אנגעהויבען נאך מעהר צו שימפפען און צו זידלען אויף לאפאיעט און אויף דיא פאלקס פערזאמלונג.

מען האט באלד אויסגעבראכען דיא שטיינער פונ'ם פלאסטער און מען האט אנגעהויבען צו פערוואַרפען לאפאיעט מיט זיינע גווארדיסטען מיט שטיינער. דא האט זיך שוין דער גוטער לאפאיעט ניט געקענט איינהאלטען און האט געהייסען שיעסען מיט קוגלען. — דאס האט געהאלפען, אייניגע זיינען געפאלען, פיעלע זיינען פערוואונדעט געווארען. — דיא מענגע איז זיך צולאפען.

דיא פאלקס פערזאמלונג האט געקענט ווייטער רוהיג פערהאנדלען איהרע געשעפטען. מען האט בעשלאסען, אז דער קעניג זאל בלייבען און מען זאל איהם ניט פערקלאגען אלס פעררעטהער.

12טעס קאפיטעל.

רעוואלוציאן און ליעבע.

נאפאלעאן איז דערווייל געבליעבען גאנץ רוהיג אין וואלענס. ער איז געווע שטארק פעראינטערעסירט אין אלעמען, וואס איז פארגעקומען אין פאריז. ער פלעגט ניט אויסלאזען ניט איין פערזאמלונג פון דיא געהיימע געזעלשאפטען, וואו מען פלעגט וויסען אלעס, וואס אין פאריז פלעגט פארקומען. ווען מען האט דערצעהלט, וויא דער קעניג איז אנטלאפען און מען האט איהם מיט געוואלד צוריקגעבראכט קיין פאריז, האט ער א שמייכעל געטהאן און געזאגט:

— ווען איך זאל זיין אויף זיין אָרט, וואלט גאנץ פראנקרייך שון לאנג געלעגען פאר מיינע פיס.

איין טאג, ווען ער האט געוואלט געהן אין קלוב, האט מען איהם דערלאנגט א בריעף. ער האט איהם געעפענט און איז געווארען אונרוהיג.

— וואס וויל זיא יעצט פון מיר? האט ער געזאגט צו זיך אליין. — איך האב געמיינט, אז זיא האט מיך שוין פערגעסען. יעצט קומט זיא נאר אהער! — וואס וויל זיא פון מיר? איז דען יעצט א צייט צו פערברענגען מיט ליעבע, ווען יעדע מינוט קען ווערן אן איבערקעהרעניש, ניט נור אין פראנקרייך, זאנדערן אין גאנץ אייראפא? און דענאך מוז איך געהן. זיא שרייבט, אז צוועלף ביי נאכט וועט זיא דא זיין און וועט מיך ערווארטען ביי דער קירכע. — פערדאמטע פרויען! ווען זיי הענגען זיך אויף אויף איינעם, לאזען זיי איהם ניט לעבען.

דער בריעף איז געוועזן פון ביאנקא. זיא האט געשריעבען, אז דאקאסטא לאזט זיא ניט לעבען. ער פאדערט, אז זיא זאל איהם הייראטהען, ער האט שוין דער־צעהלט איהרע פערוואנדטע, אז זיא האט איהם געשווארען טרייע און ליעבע. — יעצט מוז זיין דיא ענטשיידונג. ענטוועדער נאפאלעאן מוז זיא הייראטהען, אדער... — זיא האט ניט געשריעבען, וואס דער אדער וועט זיין.

נאפאלעאן האט פערבראכט זעהר אן אונרוהיגען טאג. דיא צוזאמענקונפט מיט ביאנקא איז איהם געוועזן העכסט אונאנגענעהם. ער האט אבער געמוזט זיא אויפנעהמען. ער האט געקענט דעם פייערינגען כאראקטער פון דער איטאליענערין. זיא וועט איהם נאכלויפען אין דיא גאסען, עס וועט קומען צו א סקאנדאל.

ענדליך איז געקומען דיא נאכט. אין א גאסט הויז ניט ווייט פון וואלענס איז געבליעבען שטעהן א קארעטע, אין וועלכער עס איז געזעסען נור איין פאסאזשיר, א יונ־געס מעדכען.

— מיר זיינען ניט ווייט פון דער שטאדט, האט דער קוטשער געזאגט, וואצו זאלען מיר בלייבען דא שטעהן, ווען מיר קענען באלד אריינפאהרען אין שטאדט?

— איך בין מיעד און מוז מיך אויסרוהען, האט דיא רייזענדע געענטפערט.

דער קוטשער האט איהר געמוזט פאלגען און פערפאהרען אין גאסט הויז. ביאנקא — דאס איז געוועזן דיא רייזענדע — האט געפאדערט א בעזונדער צימער און האט זיך פערשלאסען אין איהם ביז עלף אוהר ביי נאכט. דאן האט זיא געהייסען איינשפאנען און אריינפאהרען אין שטאדט אריין.

— וואוהין זאל איך צופאהרען מיט אייך? האט דער קוטשער געפרעגט, ווען זיי זיינען אנגעקומען אין שטאדט.

— איך פאהר צו א בעקאנטען, האט ביאנקא געענטפערט און וועל שוין אליין טרעפען צו איהם.

דיא קארעטע איז צוגעקומען אין דער מיט שטאדט און איז געבליעבען שטעהן. ביאנקא איז ארויסגעשפרונגען, וויא א זומער פייגעלע, האט בעצאהלט דעם קוטשער און איז געגאנגען צו דער הויפט קירכע פון דער שטאדט. דיא שטאדט אוהר האט אויסגעשלאגען פונקט צוועלף, ווען ביאנקא איז צוגעקומען צו דער הויפט קירכע. דיא

שטאדט וואלענס איז איהר געווען בעקאנט. זיא האט דא א מאל געוואינט מיט איהר אנקעל.

ווען זיא איז צוגעקומען צו דער קירכע, איז א מאן ארויס פון הינטער א מראַר־מארנער זייל. ביאנקא איז איהם ענטגעגען געלאפען און איז איהם ארויפגעשפרונגען אויפ'ן האלז.

— נאפאלעאן, אט בין איך! האט זיא אויסגערופען און האט זיך אנגעקלאַר־מערט ענגער און פעסטער אן איהם.

— ביאנקא! האט נאפאלעאן אויסגערופען און האט זיך בעמיהט ארויסצורייַ־סען זיך פון איהרע ארימס. — ביאנקא, מיר זיינען דאך אויף דער גאס! עס קענען אנקו־מען מענשען. — בערוהיג דיך! זאג, וואס דוא ווילסט? צו וואס ביסט דוא געקומען?

— צו וואס איך בין געקומען, פרעגסט דוא? — איך קען ניט לעבען אהן דיר! איך בלייב ביי דיר! קיין מאכט אין דער וועלט, וועט מיך ניט אוועקרייסען פון דיין הערצען, נאפאלעאן!

— ביאנקא! האט נאפאלעאן געבעטען, וואס האסט דוא געטהאן! — וויא קענען מיר יעצט הייראטהען, ווען דיא וועלט איז אזוי אונרוהיג? איך ווייס ניט, וואו איך וועל מארגען זיין. מעגליך, אז מארגען וועל איך מוזען געהן אין בלוטיגער קריעג. וואו וועסט דוא דאן בלייבען?

— איך קען אבער ניט אנדערש, האט אויסגערופען דיא הייסבלוטיגע איטאַ־ליענערין. איך מוז דיך הייראטהען — דיך, מיין ליעבע, מיין גליק, מיין לעבען — אדער איך מוז הייראטהען דעם אבשייליכען, דעם פערהאסטען דאקאָסטא. — דאס וועל איך אבער קיין מאל ניט טהאן — ליעבער שטארבען!

— בערעכען אָבער, ביאנקא, אז איך בין ערשט מאיאָר, מיין געהאלט איז נאך זעהר קליין, מיר וועלען ניט קענען דער מיט לעבען. איך רעד שוין ניט פון איינריכ־טען א וואינונג, וויא עס פאסט פאר דיר. דיינע פערוואנדעטע וועלען זיין בייז אויף דיר און וועלען דיר קיין געלד ניט געבען. פון וואס וועלען מיר לעבען?

— וועה אייך, איהר קלוגע מענער! האט ביאנקא אויסגערופען מיט פערצווייפ־לונג אין איהר שטימע. איהר רעכענט נור, צעהלט נור, מעסט און וועגט אלעס, זאגאר דאס עדעלסטע און העכסטע געפיהל אין מענשען — דיא ליעבע! — דוא ליעבסט מיך — הייראטהע מיך, — טראכט ניט און רעכען ניט איבער!

— ניין, ביאנקא! יעצט קענען מיר ניט הייראטהען, האט נאפאָלעאן געזאָגט קאלט און רוהיג. עס איז אונמעגליך! מיר מוזען ווארטען.

— און ווען איך קען ניט ווארטען? — ווען איך מוז מיך ענטשיידען? ווען איך מוז ארויסזאגען דאס לעצטע ווארט: איך הייראטהע דיך אדער דאקאָסטא?

— ווען מען מוז ווארטען, מוז מען ווארטען און ניט ארויסזאגען דאס לעצטע וואָרט.

— דאס ראטהסט דוא מיר? האט ביאנקא אויסגערופען און איהרע אויגען האבען געפונקעלט, וויא צוויי ברענענדע ליכט. — דוא הייסט מיר ווארטען, ביז.... דוא ווילסט מיך ניט נעהמען צו זיך? דוא הייסט מיר פאהרען א היים?

— עס מוז זיין אזוי, ביאנקא, האט נאפאָלעאָן געזאגט.

— דאן וויל איך ליעבער שטארבען!

און איידער נאפאָלעאָן האט זיך אומגעקוקט, האט געבליצט א סטילעט (אזא סארט שפּיז) אין דער לופט. ביאנקא האט איהם געוואלט ארײנשטעכען זיך אין הארצען.—שנעל, וויא דער בליץ, האט איהם נאפאָלעאָן ארויסגעחאפּט און אוועק־געוואָרפען וויט פון זיך.

— בלייב ביי מיר, ביאנקא! האט ער געזאגט.

ער האט געזעהן, אז ביאנקא איז זעהר אויפגערעגט און איז פעהיג זיך צו טוידטען. דאס האט ער אויף קיין פאל ניט געוואלט. ער האט געהאט מיטליידען מיט׳ן מעדכען, ער האט זיא אבער דאך ניט געקענט ליעבען. ער האט נאך ניט פער־געסען אן אדעלע דעווריע און וויא זיא האט איהם שענדליך פערראטהען.

ער האט זיא דאהער אנגעהויבען צו בערוהיגען. ער האט זיא ארומגענומען און האט איהר אנגעהויבען צו ערקלערן זיינע פּלענע און זיינע האפנונגען פיר דיא צוקונפט.

— איך וויים, אז דאס פאלק אין קארסיקא איז אונרוהיג, האט ער איהר ערקלערט. עס וועט זיך באלד אפרייסען פון פראנקרייך. מען וועט דארפען מיין הילף, אלס געלערנטער אפיציער. איך וועל קעמפפען אין דער שפּיצע פון דער קאר־סיקאנישען ארמעע. איך וועל זיעגען און אלס זיעגער וועט מיר דאס פאלק אנביעטען דיא קרוין פון קארסיקא. דאן וועסט דוא זיין מיין קעניגין.

ער האט אזוי לאנג גערעדט און איהר פערזיכערט דאס ער ליעבט זיא, דיא צייט אבער איז נאך ניט געקומען צו הייראטהען און זיך איינצוארדענען, אז זיא האט זיך ענדליך בערוהיגט.

— אלזא, וואס טהוט מען יעצט? האט זיא ענדליך געפרעגט.

— וואס קען איך טהאן? איך וואוין אין א קליין צימעריל מיט א קאַמעראד, איך קען דיך צו מיר ניט נעהמען. ארײנפיהרען דיך אין א האטעל אזוי שפּעט ביי נאכט, טויג אויך ניט. דיא דיענער, דיא לאקייען וועלען פּלוידערן. עס קען ווערן א סקאנדאל. דוא מוזט נאך היינט ביי נאכט צוריק פאהרען א היים.

ביאנקא האט אנגעהויבען רוהיג איבערצולעגען איהר לאגע און האט געפונען, אז נאפאָלעאָן האט דאך רעכט. איהר ליעבע האט זיא צו וויט פערפיהרט. ער קען זיא דאך ניט הייראטהען אין א פרעמדער שטאָדט, וואו זיא האט קיינע פריינד און קיינע בעקאנטע. איהר פאמיליע וועט זיא פערשטויסען און צונעהמען איהר פערמע־גען. זיא האט דאהער געפאָדערט, אז נאפאָלעאָן זאל איהר שווערן הויך און הייליג, אז קוים וועט נור ווערן רוהיג אין לאנד, זאל ער קומען קיין קארסיקא זיא הייראטהען.

זיי האבען אפּגערעדט, אז זיא זאל בלייבען דא לעבען דער קירכע און נאפאלעאָן זאל געהן בעזארגען א קאַרעטע מיט פּאָסט־פּערד.

אונטערדעסען איז דיא פערזאמלונג פון׳ם יאקאבינער קלוב פון וואלענס געגאנגען איהר וועג. אלע מיטגליעדער זיינען געווען אנוועזענד, נור נאפאָלעאָן באנאפּארטע האט געפעהלט, א נייעס מיטגליעד אבער איז צוגעקומען אויף זיין ארט. קיינער האט איהם ניט געקענט, קיינער האט איהם ביז אהער ניט געזעהן. מען האט איהם ארײנגעלאָזען,

ווייל ער האט געוואוסט דאס פּאסירוואָרט און דיא צייכענס פון'ם קלוב.

— קען אונז דאס נייע מיטגליעד מיטטהיילען עטוואס נייעס און זאגען, פון וואנען ער קומט? האט דער פּאָרזיצענדער געפרעגט דעם פרעמדען.

— איך היים דאקאָסטא און קום פון קארסיקא, האט דער פרעמדער גע־ענטפערט. איך בין צוואר פון קיינעם ניט געשיקט אהער און בין געקומען וועגען א פּריוואט זאך. — איך קען אייך אבער אזוי פיעל זאגען, אז דאס פאלק אין קארסיקא איז פּארבערייטעט צו דער רעוואָלוציאן. — מיר האבען שון גענוג געליטען פון אונזערע הערשער און אונזערע פריעסטער. מען האט אונז שוין גענוג פערפיהרט און אויס־געזויגען. — מיר ווילען קיין פריעסטער און קיין קעניג מעהר!

— בראוואָ! בראוואָ! האט געקלאפּט דיא מענגע.

פיעלע זיינען צוגעגאנגען צו איהם און האבען איהם גע׳דריקט דיא הענד. מען האט מיט איהם אנגעהויבען צו רעדען און איהם אויסצופרעגען, וואס עס הערט זיך ביי זיי אין קארסיקא? און וואס פאר א געשעפט ער האט דא, אין וואלענס?

— איך האב מיך געוואלט זעהן מיט מיינעם א לאנדסמאן, דעם מאיאָר באָ־נאפּארטע, האט דאקאָסטא געזאָגט. עס וואונדערט מיך זעהר, וואס איך זעה איהם דא ניט.

— ער וועט היינט ניט קומען, האט זיך אפּגערופען איינער און האט א שמייכעל געטהאן.

— פאר וואָס ניט? האט דאקאָסטא געפרעגט אונגעדולדיג.

— ער האט היינט א ראנדע־וואו — א צוזאמענקונפט — מיט א פרוי, א גע־ליעבטע....

דאקאָסטא איז געווארען אויפמערקזאם און אונרוהיג.

— קענט איהר מיר ניט זאגען, וואו איך קען איהם געפינען? האט ער גע־פרעגט. — איך מוזט איהם זעהן, איך האב איהם מיטצוטהיילען אזעלכע וויכטיגע זאכען, אז ער וועט אוועקווארפען אלע פרויען אין דער וועלט.

דער מאן, וועלכער האט איהם געזאגט, אז נאפּאלעאן האט היינט א צוזאמענ־קונפט מיט א געליעבטער, האט געקוקט אייניגע מינוטען אויף דאקאָסטא, גלייך וויא ער האט געוואלט אויספארשען זיינע געדאנקען. דאקאָסטא האט איהם פערשטאנען, עס איז זעהר ניט אנשטענדיג אויסצוגעבען א פריינד, א בעקאנטען, בעזאָנדערס ווען עס האנדעלט זיך אום א ליעבעס געשיכטע.

— זייט רוהיג, אונבעקאנטער פריינד! האט דאקאָסטא געזאָגט, נאפּאלעאן וועט אייך דאנקבאר זיין, ווען איהר וועט מיר זאגען, וואו ער איז יעצט. מיינע נאכ־ריכטען זיינען זעהר וויכטיג.

— ווען אזוי, האט דער מאן איהם געזאגט גאנץ שטיל, געה צו דער הויפּט קירכע, וועט איהר איהם דארט טרעפען.

דאקאָסטא האט איהם געדאנקט און איז באלד געגאנגען צו דער קירכע.

— איז עס ווירקליך ביאנקא? האט ער געזאגט צו זיך אליין. איז זיא ווירקליך שטילערהייט אוועקגעפאהרען פון דער היים אום זיך מיט איהם צו זעהן! — דאן וועה

איהר און וועה איהם! דאן האט זיא מיך בעטראָגען און בעשווינדעלט.—דאן....

דיא אייפערזוכט האט איהם געטריעבען צו דער קירכע. ער איז צוגעקומען, האט זיך אומגעקוקט—קיינער איז ניטא.

— זיי זיינען שוין אוועקגעגאנגען! ער האט זיא געוויס מיטגענומען א היים... א טאכטער פון דער פאמיליע פאָלי ערניעדעריגט זיך אזוי וויט צו געהן אויף דער קווארטיר פון א יונגען אָפיציער.... איך מוז אויסגעפינען זיין קווארטיר. דאס וועט ניט שווער זיין, יעדער סאלדאט וועט מיר זאגען, וואו דער מאיאָר נאפאלעאָן וואָינט.

ער איז אוועקגעגאנגען עטליכע שריט. זיין פוס האט אנגעריהרט עפּעס א הארטע זאך.—ער האָט זיך איינגעבויגען און עס אויפגעהויבען—א סטילעט.

— וויא קומט אהער א סטילעט?—דאָס איז ביאנקאָ'ס סטילעט! האט ער אויסגערופען. נאפּאָלעאָן טראָגט ניט קיין סטילעט. ער האט דאך זיין שווערד. קיין פר:נצויז וויים ניט פון קיין סטילעט. דאס איז אויסשליסליך אן איטאליענישע וואפע. דאס איז געווען ביאנקא!

ער איז געלאפען, וויא א וואהנזיניגער אויסזוכען נאפּאָלעאָנס וואינונג. דיא נאסען זיינען אבער געווען לעדיג. עס איז געווען ניט אזוי לייכט צו געפינען איינעם, ביי וועמען זיך אנצופרעגען. ער איז ארומגעגאנגען איינינע צייט און איז צופעליגער ווייזע צוגעקומען צו דער פּאָסט. אין דרויסען איז געשטאנען א קארעטע, א יונגער אפיציער איז געשטאנען אין טויער און האט עפּעס גערעדט מיט'ן פּאָסטיליאָן באלד איז ער ארויס פון'ם טויער און איז פאראיבערגעגאנגען דיא ברענענדע לאנטערנע.

— נאפּאָלעאָן! וואס מאכסט דוא? האט דאקאָסטא אויסגערופען און איז צוגעלאפען צום אפיציער.

— דאקאָסטא, וואס טהוסט דוא דא? האט נאפאלעאן געפרעגט ערשטוינט.

— איך בין געקומען וועגען זאכען פון'ם יאקאָבינער קלוב, איך האָב אָבער מיט דיר אויך עפּעס צו רעדען. איך האב געמיינט, אז איך וועל דיך טרעפען אין קלוב, דוא ביסט אבער דארט ניט געווע:.

דער איטאליענער האט זיך ניט געקענט איינהאלטען. ער איז צוגעגאנגען צו נאפּאָלעאָן און האט איהם געזאגט מיט א שארפער פערביסענער שטימע:

— נאפּאָלעאָן, ווייסט דוא ניט, וואו איז ביאנקא?

— וואס רעדסט דוא, דאקאָסטא? האט נאפאלעאן געפרעגט ערשטוינט. פון וואנען זאל איך וויסען, וואו ביאנקא איז?

דאקאָסטא האט איהם אנגענומען ביי דער האנד.

— פריינד, ברודער נאפּאָלעאָן! ביאנקא איז היער. זיא איז שטילערהייט אוועקגעפאָהרען פון דער היים, קיינער וויים ניט, וואוהין.—זיא איז געוויס געקומען אהער. איך וויים עס.—זאג מיר, האסט דוא זיא ניט געזעהן?

נאפאלעאן האט פערצויגען דיא אקסלען.

— איך וויים ניט, וואס דו רעדסט, דאקאָסטא. ווען איהר אין קארסיקא ווייסט ניט, וואו זיא איז, פון וואנען זאָל איך עס וויסען?—איך בין בעשעפטיגט מיט

אנדערע זאכען, אלס זיך צו אינטערעסירען, וואוהין א מעדכען פון קארסיקא איז אוועקגעפאָהרען.

דאקאָסטא האט ניט געענטפערט. ער איז געשטאנען אויף אן אָרט, וויא א צוגעשמידטער און האט געקוקט נאפאָלעאָנען גלייך אין דיא אויגען.

— נאפאָלעאָן! האט ער ענדליך געזאָגט. איך וויס, אז דוא האסט געהאט דיעזע נאכט א צוזאממענקונפט — א ראנדע־וואו — מיט א דאמע. איז עס ניט געוועזען ביאנקא? זאג מיר, איך בעשוועהר דיך ביי אלעם וואָס איז אונז הייליג! זאָג מיר, איז דאָס ניט געוועזען ביאנקא? — איז זיא יעצט ניט ביי דיר?

— דוא ביסט פערפיהרט, מיין פריינד; דיא אייפערזוכט האט דיך פערבלענ־דעט, האט נאפאלעאן געענטפערט. איך האב ווירקליך געהאט א צוזאמענקונפט מיט א דאמע, דעם נאמען וועל איך דיר ניט זאגען און דוא וועסט ניט פארדערן, אז איך זאל דיר איהם זאגען. — ווען דוא מיינסט אבער, אז ביאנקא איז ביי מיר, קען איך דיר געבען דיא שליעסעל פון מיין וואינונג. געה און איבערצייג דיך.

— וואס טהוסט דוא אבער אויף דער פאסט אזוי שפעט ביי נאכט? האט דאקאָסטא אויסגערופען אונגעדולדיג.

— דאס קען איך דיר ניט זאגען, פריינד. דוא קענסט פערשטעהן, אז דא האנדעלט זיך וועגען דיא עהרע פון א דאמע.

— וואו וואינסט דוא, נאפאלעאן?

נאפאָלעאן האט איהם געזאגט דעם נאמען פון דער גאס און דיא נומער פון'ם הויז, וואו ער וואינט.

— גיב מיר דיא שליעסעל פון דיין קווארטיר.

נאפאלעאן האט איהם געגעבען דיא שליסעל.

— ווען וועסט דוא קומען א היים?

— אין א האלבע שטונדע.

— וועסט דוא מיך דארט טרעפען.

מיט דיעזע ווערטער איז דאקאָסטא אוועקגעגאנגען. נאפאָלעאָן איז געבליעבען אליין. ער האט צוגערופען דעם פאסטיליאן און האט איהם געזאגט:

— האסט דוא ערגעץ א בעקאנטעם מעדכען, וועלכע זאל וועלען זיך אביסעל דורכפאָהרען? עס איז צוואר שוין שפעט, אבער איך האב מיך מיט איינעם געוועט און איך וועל דיר גוט בעצאהלען, ווען דוא קענסט מיר שאפען אזא מעדכען אדער זאגאר אן עלטערע פרוי.

דער פאסטיליאן האט געטראכט א פאר מינוט און האט געזאגט.

— דיא קעכין פון... וואלט פיעללייכט געפאָהרען, ווען מען זאל איהר בעצאָהלען.

— גוט! געה, ברענג זיא, נא דיר געלד! — נאך איינס, גיב מיר דיין הוט און דיין מאנטעל אויף אייניגע מינוט.

דער פאסטיליאן האט איהם געגעבען זיין הוט און זיין מאנטעל. אליין האט ער אויסגעזוכט אן אלטען הוט און איז געגאנגען צו זיין קעכין. נאפאלעאן האט אנגע־טהאן דעם הוט און דעם מאנטעל פון'ם פאסטיליאן און איז געגאנגען צו דעם ארט,

וואו ביאנקא האט אויף איהם געוואַרט. ער האט זעהר גוט געקענט דאקאָסטאַ'ן. ער האט געוואוסט, אז ער גלויבט איהם ניט און וועט איהם געווים נאכשפירען.

— ווייסט דוא, ביאנקא, ווער עס איז דא היער? — דאקאסטא!

ביאנקא האט א ציטער געטהאן מיט'ן גאנצען קערפּער. זיא האט געוואוסט, אויף וואס דאקאסטא איז פעהיג.

— וואס טהוט מען יעצט? וויא בעהאלט מען זיך אויס פון איהם?

— דוא בלייבסט ביי מיר, ביאנקא. איך וועל איהם שוין געבען א לעקציאָן דעם ווילדען דאקאסטא. ער וועט שוין וויסען, וויא צו זיין אייפערזיכטיג.

— ביי דיר, נאפּאָלעאָן! האט זיא אויסגערופען. איך בלייב ביי דיר? אויף אייביג ביי דיר! אך! וויא גליקליך בין איך!

זיא איז איהם ארויפגעשפּרונגען אויפ'ן האלז און האט איהם ארומגענומען מיט איהרע ארימס.

— רוהיג, ביאנקא, האט נאפּאָלעאָן געבעטען. איך האב ניט פיעל צייט. דוא מוזט זיך בעהאלטען נאך א קורצע צייט אונטער דיא זיילען פון דער קירכע, ביז איך וועל קומען דיך רופען. — יעצט מוז איך געהן.

ער איז צוריקגעגאנגען צו דער פּאָסט. דיא קארעטע איז געשטאנען איינגע־שפּאנט, וויא פריהער, אבער אין דער קארעטע איז געזעסען א פרויען געשטאלט. נאפּאָלעאָן האט אפּגעגעבען דעם קוטשער זיין הוט און זיין מאנטעל. האט זיך ווידער אנגעטהאן זיין אפיציער הוט און האט זיך אריינגעזעצט אין דער קארעטע.

— אין שטאדט פאהר זעהר לאנגזאם, האט ער געזאגט צום פּאסטיליאָן, הינטער דער שטאדט זאלסט דוא פאהרען זא שנעל, וויא מעגליך.

לאנגזאם איז דער פּאסטיליאָן געפאהרען דורך דיא שטילע און פינסטערע גאסען פון וואלענס. ווען דיא קארעטע איז ארויפגעפאהרען אויף דער בריק איבער'ן טייך, איז א מאן ארויפגעשפּרונגען אויפ'ן טריט פון דער קארעטע און האט אויס־געריפען:

— ביאנקא! דוא ביסט עס?

— שעהם דיך, דאקאסטא! האט נאפּאָלעאָן אויסגערופען מיט צארן. — שעהם דיך! אזוי פיעל מיסטרויען האב איך פון דיר ניט ערווארטעט! — איך וויל דיך דער פאר בעשטראפען.

ער האט געהייסען דעם פּאסטיליאָן צו פאהרען צום ראטה הויז, וואו עס האבען א גאנצע נאכט געברענט לאנטערנען. דאקאסטא איז נאך אלץ געשטאנען אויף דער קארעטע. ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דיא לאנטערנען, האט נאפּאלעאָן געבעטען זיין דאמע, זיא זאל אויפהייבען דעם שלייער.

דאקאָסטא האט געזעהן, אז דאס איז ניט ביאנקא.

— פערצייה מיר, פריינד נאפּאלעאָן! האט דאקאסטא געבעטען. דיא אייפער־זוכט האט מיך פערפיהרט. איך ליעב ביאנקאַ'ן! איך ליעב זיא מעהר פון אלעס אין דער וועלט.

— גענוג, דאקאסטא, זיך ענטשולדיגען, האט נאפּאָלעאָן געזאגט שטרענג.

פערגעס ניט, אז דוא האסט בעליידיגט דיא דאמע, וועלכע זיצט לעבע מיר אין וואגען. — דוא מוזט זיא בעטען אום פערצייהונג.

דאקאסטא האט געבעטען טויזענד מאל אום פערצייהונג דיא קעכין און זיא איז געוועזן אזוי פריינדליך, אז זיא האט איהם ענדליך געהייסען געהן זיין וועג און ווייטער זיין פארזיכטיגער.

נאפאלעאן האט איהם נאך געמאכט איינע פארווירפע און האט זיך ענדליך געווענדעט צו זיין דאמע.

— מיר מוזען יעצט פאהרען א היים. באלד קען נאך אנקומען אנאנדער וואהנזיניגער פערליעבטער און אונז אויפהאלטען.

דאקאסטא איז אוועקגעגאנגען בעשעהמט, ערניעדעריגט און בעליידיגט. ער האט געמאכט אן אונגעהייערן פעהלער.

נאפאלעאן האט געהייסען דעם פאסטיליאן פאהרען זעהר שנעל. זיי זיינען ארויסגעפאהרען פון דער שטאדט, האבען זיך אויסגעדרעהט און זיינען צוריקגעקומען. אין דער מיט שטאדט איז נאפאלעאן אראפגעשפרונגען פון דער קארעטע און איז געלאפען צו ביאנקא.

— ער וועט שוין מעהר מיך ניט בעאונרוהיגען מיט זיין אייפערזוכט, האט ער געזאגט. איך האב איהם שוין געגעבען א לעקציאן, וועלכע ער וועט געדענקען.

— אך, געליעבטער! דוא זאלסט מיך אויף אייביג בעפרייען פון דיזען ווילדען מענשען! האט ביאנקא געבעטען. — איך זאל קענען בלייבען ביי דיר אייביג, אייביג....

13טעס קאפיטעל.

ער קומט צו זיך.

אין אויסלאנד, אין גאנץ אייראפא, האבען זיך אלע קעניגע און פירסטען שטארק אינטערעסירט מיט דעם, וואס עס קומט פאר אין פראנקרייך. יעדער האט געציטערט פאר זיין פעלצעל. ווען אין פראנקרייך האט זיך דאס פאלק געקענט אויפהייבען מיט אמאל און שענדען און ערניעדעריגען דעם קעניג, קען עס דאך פארקומען אין אנאנדער לאנד אויך.

ווען דער קעניג פון פרייסען און דער קייזער פון עסטעררייך זיינען געוואהר געווארען, וויא אזוי מען האט ארעסטירט דעם קעניג אין שטעדטעל „ווארען" און מען האט איהם צוריקגעפיהרט קיין פאריז אונטער א קאנוואי פון נאציאנאל גווארדיסטען; ווען זיי האבען דערהערט, אז דאס פאלק האט געפאדערט, מען זאל ענטזעצען דעם קעניג פון זיין אמט און מען זאל איהם פערקלאגען אלס פעררעטהער, — האבען זיי צונויפגערופען א פערזאמלונג אין דער שטאדט פילניץ אין דייטשלאנד.

דער קעניג פון פרייסען און דער קייזער פון עסטעררייך האבען געפונען, אז דיא פראנצויזען האבען בעליידיגט ניט נור דעם קעניג לודוויג דעם זעכצעהנטען, זאנדערן אלע קעניגע און פירסטען פון דער וועלט. אזא בעליידיגונג מוז בעשטראפט ווערען. מען מוז ווייזען, אז מען זאל האבען רעספעקט פאר א קרוין.

עס איז געבליעבען, אז פרייסען און עסטעררייך זאלען ערקלערען א קריעג. פיעלע

דייטשע פירסטען און קעניגע האבען מיטגעשטימט און מען האט באלד אנגעהויבען אויסצורינסטען אן ארמעע און זיא צו שיקען צו דער פראנצויזישער גרענעץ.

אזוי וויא עס פיהרט זיך אין דער וועלט, אז איידער מען ערקלערט א קריעג, מעלדעט מען דעם אנדערן צד, וואס מען פאָדערט פון איהם און פאר וואס מען ערקלערט איהם דעם קריעג, אזוי האט מען יעצט אויך געטהאן. מען האט אריינגע־שיקט צו דער פאָלקס־פערזאמלונג אין פאריז אן אויפרוף, אדער ריכטיגער געזאגט, אן אויפפאָרדערונג, אז דער קעניג זאל וויעדער האבען אלע זיינע רעכטע: ער זאל מעגען געהן און פאהרען, וואוהין ער וויל; ער זאל מעגען טהאן, וואס ער וויל; ער זאל זיין דער קאמאנדיר פון דער גאנצער פראנצויזישער ארמעע און זאל האבען ארום זיך שטענדיג דרייסיג טויזענד מאן מיליטער.—ווייטער האט מען געפאָדערט, אז דיא פאלקס־פערזאמלונג זאל אויפגעלעזט ווערן און דער קעניג מיט זיינע מיניסטארען אליין זאלען בעהערשען פראנקרייך.

מען קען זיך לייכט דענקען, וואס פאר א רעש עס איז געוואָרען, ווען דיא פאָלקס־פערזאמלונג האט ערהאלטען דיעזע אויפפאָרדערונג. דאס פאלק האט שוין אנגעהויבען צו פיהלען דעם טעם פון פרייהייט און האט אויף קיין פאל ניט געוואָלט זיך אפזאגען פון דיא פרייהייטען און מענשענרעכטע, וועלבע זיי האבען זיך ערקעמפפט מיט אזוי פיעל מיה און מיט אזוי פיעל בלוט.

מען מוז ווירקליך ריהמען דיא פאָלקס־פערזאמלונג פון יענער צייט. יעדער האט ערווארטעט, אז זיא וועט אויפנעהמען דיא קריעגס־ערקלערונג מיט געוואלדען, מיט שימפפערייען און וועט זיא צורייסען אויף שטיקלעך.—עס איז גאר ניט געוועזן.

דיא פאלקס־פערזאמלונג האט אויפגענומען דיא קריעגס־ערקלערונג ערנסט און רוהיג. מען האט זיא פאָרגעלעזען און מען האט זיך איבערלעגט. דאן האט מען געענטפערט:

— דאס פראנצויזישע פאָלק וויל קיין קריעג ניט פיהרען. עס האט ליעב דעם פריעדען און וויל לעבען אין פריעדען. ווען אבער פרעמדע פירסטען וועלען אנפאלען אויף זיי, וועלען זיי געווים זיי אויפנעהמען, וויא עס קומט זיי.—קיין פרעמדער קעניג, קיין פרעמדער הערשער טאר זיך ניט אריינמישען אין זייערע אנגעלעגענהייטען.

דיעזע אנטווארט האט געהייסען, אז זיי נעהמען אן דעם קריעג. אין א קורצע צייט ארום, ווען דיעזע אנטווארט איז אנגעקומען קיין וויען און בערלין, זיינען צוויי ארמעען, אן עסטערייכישע און א פרייסישע, צוגעקומען צו דער פראנצויזישער גרענעץ.

דיא לאנגע פון'ם אונגליקליכען קעניג, לודוויג דעם זעכצעהנטען, איז געוועזן א פערצווייפעלטע. אין הארצען האט ער געוואלט, אז עסטערייך און פרייסען זאלען זיעגען און איהם צוריקגעבען אלע זיינע רעכטע. עפענטליך אבער האט ער געמוזט שרייען, אז עסטערייך און פרייסיען דארפען זיך ניט אריינמישען אין פראנצויזישע אנגעלעגענהייטען.

אין דער לאגע אבער וואס ער איז דאמאלס געוועזן, האט ער געמוזט ערקלערן קריעג עסטערייך, זיין שוואגער, זיין בעשיצער, דעם מענשען, וועלבער האט זיך פאר איהם אנגענומען.

ער האט ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז אלע סאלדאטען און אפיציערן, וועלכע האבען אן ערלויבניס צו געהן א היים, זאלען זיך צונויפקומען צו זייערע רעגימענטער. אלע פראנצויזישע אונטערטהאנען, וועלכע געפינען זיך אין אויסלאנד זאלען קומען א היים. פראנקרייך פיהרט קריעג, עס דארף האבען סאלדאטען.

דאס איז געוועזען אין אפריל 1792. דער הימעל איז געוועזען קלאר און לויטער. דיא זון האט געשיינט און געווארמט.

אויף'ן וועג פון וויען קיין שטראסבורג איז געפאהרען א פאסט קארעטע. אין איהר זיינען געזעסען פיער מענשען, אונזערע אלטע בעקאנטע: אדעלע דעווריע, איהר גראספאטער, דער ארבייטער זשאן דעלאן און זיין מוטער.

זיי זיינען געוועזען ביז אהער אין עסטעררייך. אדעלע איז געפאהרען צו איהר אנקעל. ווען זיי זיינען אנגעקומען קיין וויען, זיינען זיי געוואהר געווארען, אז ער איז מיט אייניגע וואכען צוריק געשטארבען. זשאן האט זיך געזוכט ארבייט, וועלכע ער האט אויך באלד געפונען אין וויען. זיי וואלטען באלד צוריקגעפאהרען קיין פאריז, אדעלע אבער האט נאך אליץ מורא געהאט פארן באראן דע קאשאן. אויסער דעם האט זיי געפעהלט געלד.

אין דיא אלטע צייטען פלעגט א רייזע קאסטען פיעל טהייערער, וויא היינט. פון פאריז קיין וויען פלעגט מען זיך שלעפען מיט דער פאסט מעהר אלס צוויי וואכען. דיא פאסט האט געקאסט זעהר טהייער, דאס ערגסטע אבער איז געוועזען דיא רייזע קאסטען. זיצען צוויי וואכען נאכאנאנד אין א פאסט וואגען איז זעהר שווער, פאר אן אלטען און שוואכען מאן איז עס אונמעגליך. יעדע צוויי טאג האט מען זיך געמוזט אפרוהען א טאג, פערפאהרען אין א האטעל. דאס אלעס האט געקאסט זעהר פיעל.

ווען זיי זיינען געקומען קיין וויען, איז זיי איבערגעבליעבען נור אזוי פיעל געלד, צו נעהמען א וואינונג און צו קויפען דאס נעהטיגע מעבעל. זשאן האט אבער באלד געפונען גוטע ארבייט און האט פערדיענט אזוי פיעל, אז עס איז געוועזען גענוג צו לעבען פאר זיי אלעמען און עס איז איהם נאך איבערגעבליעבען.

אדעלע איז אויך ניט געזעסען לעדיג. זיא האט געשפיעלט זעהר גוט פיאנא און האט באלד געפונען שילער, וועמען זיא האט געגעבען לעקציאנען אויף פיאנא.

אזוי איז פערגאנגען א געררוה'טע צייט. ווען זיא האט אפגעשפארט עטליכע גולדען, האט זיא געשיקט רופען דיא בעסטע וויענער דאקטוירים, זיי זאלען בעטראכטען איהר גראספאטער און זאלען איהר זאגען, אויב ער וועט א מאל קומען צו זיין פערשטאנד.

— דא קען קיין מעדיצין ניט העלפען, האבען דיא גרעסטע דאקטוירים ערקלערט. דיא צייט און א גליקליכער צופאל אליין קענען דא העלפען.

אדעלע און זשאן האבען זיך אויך זעהר שטארק אינטערעסירט מיט אלעמען, וואס פלעגט פארקומען אין פראנקרייך, בעזאנדערס אין פאריז. ווען זיי זיינען געוואהר געווארען, אז דער קעניג איז ארעסטירט און אלע טיטולען זיינען אפגעשאפט. אלע מענשען זיינען גלייך, האבען זיי ביידע געוואלט פאהרען אהיים.

ענדליך, אין אפריל 1792 האבען זיי שוין געהאט גענוג געלר אויף רייזע קאסטען און מיר טרעפען זיי יעצט ניט ווייט פון שטראסבורג.

— עס איז שעהן און ווארם, האט אדעלע געזאגט, איך מיין, אז מיר מעגען עפענען דיא פענסטער פון דער קארעטע.

— ווען עס זאל נור ניט שאדען דעם גראספאטער, האט זשאן געענטפערט.

ער האט געעפענט דאס פענסטער. דיא ווארעמע, פרישע אפריל לופט איז איינגעדרונגען אין דער קארעטע.

— איז דיר גוט אזוי, גראספאטער? האט אדעלע געפרעגט דעם אלטען.

ער האט ארויפגעלעגט זיינע שוואכע ציטערנדע הענד אויף איהר קאפ און האט געגלעט איהרע האר.

פון דער ווייטען האט זיך געהערט קריעגס מוזיק און פויקען שלאג. א רעגימענט סאלדאטען איז אנגעקומען פון א שטעדטעל און איז אויך געגאנגען קיין שטראסבורג. דיא קארעטע איז געבליעבען שטעהן, ביז דאס רעגימענט איז איבערגעגאנגען דעם וועג. זשאן דעלאן איז ארויסגעגאנגען פון דער קארעטע פרעגען דיא סאלדאטען, וואוהין זיי געהן.

— ווייסט איהר דען ניט, אז מיר געהן אין קריעג? עסטעררייך און פרייסען האבען דערקלערט פראנקרייך א קריעג.

— אלזא, האבען מיר קריעג? האט זשאנ'ס מוטער אויסגערופען טרויעריג. יועסט דוא אויך מוזען געהן אין קריעג? — לאמיר זיך בעסער אומקעהרן קיין וויען. דער קריעג איז אזוי שרעקליך!

— בערוהיג דיך, ליעבע מוטער, האט זשאן געבעטען. דערוויל רופט מען מיך נאך ניט; ווען מען וועט מיך רופען, וועל איך געוויס געהן. אונזער פאטערלאנד איז אין געפאהר, פרעמדע הערשער ווילען עס אונטערדריקען, מיר מוזען עס פערטהיידיגען.

אדעלע האט איינגעבויגען טרויעריג דעם קאפ. זיא האט געפיהלט, אז איהר איינציגער בעשיצער וועט מוזען געהן אין קריעג, וועט זיא מוזען פערלאזען. א נייער געדאנק איז איהר געקומען אין קאפ.

זיא האט א מאל געהערט פון איהר מוטער, אז זיי האבען א מאל געוואינט אין שטראסבורג. דארט האט מען איהר גראספאטער ארעסטירט און מען האט איהם אוועקגעפיהרט קיין פאריז. זיי האבען איינינגע פערוואנדטע אין שטראסבורג. פיעללייכט וועלען זיך דארט געפינען פערוואנדטע, וועלכע וועלען אויפנעהמען זיא מיט איהר אלטען גראספאטער? פיעללייכט וועט זיא דארט קענען בלייבען ביז איבערן קריעג?

ווען זיי זיינען ארויסגעפאהרען פון וויען, האט זיא דערצעהלט זשאנען, אז זיא וויל פערברענגען אין שטראסבורג עטליכע טעג, זוכען איהרע פערוואנדטע. יעצט האט זיא זיך פעסט ענטשלאסען צו בלייבען אין שטראסבורג.

— אין שטראסבורג וועלען מיר אלעס בעסער געוואהר ווערן, האט זיא געזאגט. דארט וועלען מיר זיך איבערלעגען וואס צו טהאן. איך וואלט געווען גליקליך, ווען דיא מוטער זאל וועלען בלייבען מיט מיר, ווען זשאן וועט מוזען געהן אין קריעג.

מאריא דעלאן האט זיא אנגעקוקט מיט דאנקבארקייט.

— איך דאנק אייך, ליעבע אדעלע, האט זיא געזאגט. איך האף, אז מיין זשאן וועט ניט געהן אין קריעג. ער איז דאך מיין איין איינציגער זוהן.

דאס רעגימענט סאלדאטען איז אריבערגעגאנגען. באלד האט מען דערזעהן פון דער וויטען דיא שפיצען פון דיא קירכען פון דער אלטער שטאדט שטראסבורג. בעזאנדערס אבער האט מען געזעהן דיא קירכע, וועלכע איז בעקאנט אלס איינע פון דיא וועלט וואונדער — דעם מינסטער.

דער מינסטער איז בעריהמט אלס איינע פון דיא העכסטע און קונסטפאלסטע געביידען אין דער גאנצער וועלט. עס פאהרען מענשען פון דער גאנצער וועלט קיין שטראסבורג אנקוקען דעם מינסטער. זשאן דעלאן האט געהערט פון'ם מינסטער, ער האט איהם אבער קיין מאל ניט געזעהן. אלס קינסטלער איז ער געווען זעהר נייגעריג צו זעהן דיעזעס וואונדער פון דער בוי קונסט.

וואס נעהנטער מען איז געקומען צו דער שטאדט, אלץ דייטליכער האט מען ארויסגעזעהן דעם מינסטער. זשאן דעלאן איז געווען אזוי פערט'עפט אין בעטראכטען דעם מינסטער, אז ער האט זאגאר ניט בעמערקט, וויא דיא קארעטע איז אריינגעפאהרען אין שטאדט.

אדעלע איז אויך געזעסען פערטראכט און טרויעריג. — זיא מוז דא בלייבען. זיא קען עס ניט דערלאזען, אז זיא מיט איהר גראספאטער זאלען וויטער פאלען צו לאסט אויף אן ארימען ארבייטער.

יעדער איז אלזא געווען פערטיעפט אין זיינע געדאנקען. נור זשאנ'ס מוטער איז געזעסען רוהיג און האט בעטראכט דיא שטאדט. פלוצלונג האט זיא אויסגערופען:

— אדעלע! קוקט אייך נור צו צו אייער גראספאטער!

דער אלטער מאן האט אראפגעווארפען פון זיך דעם מאנטעל, אין וועלכען מען האט איהם איינגעהילט און האט זיך געריסען צום מינסטער. מיט זיינע דארע פינגער האט ער געריעסען דיא טהיר פון דער קארעטע. עס איז געווען דייטליך, אז ער וויל ארויסגעהן פון דער קארעטע און געהן צום מינסטער. זשאן האט געהייסען דעם פאסטיליאן בלייבען שטעהן.

זשאן און אדעלע האבען איהם ארויסגענומען פון דער קארעטע. זיי האבען געוואלט זעהן, וואס ער וועט טהאן.

דער אלטער איז צוגעקומען צו א הויז לעבען דעם מינסטער און האט אנגעהויבען צו רייסען דיא טהיר.

— גראספאטער, ווילסט געהן אין דיעזעס הויז? האט איהם אדעלע געפרעגט.

דער אלטער האט א ציטער געטהאן און איז אוועק פון דער טהיר.

— דארט! דארט! אין דער הויך.... צוויי הונדערט טרעפ.... אונטער דעם אייזען.... האט ער געמורמעלט.

קיינער האט איהם ניט פערשטאנען. אדעלע האט איהם געפרעגט, וואס ער מיינט. ער האט איהר אבער ניט געענטפערט און אלץ געמורמעלט:

— אין דער הויך.... הונדערט טרעפ.... אונטערן אייזען....

אדעלע און זשאן האבען איהם איינגעבעטען, ער זאל צוריק געהן אין דע קארעטע. זיי האבען געהייסען דעם קוטשער פערפאהרען אין א האטעל.

אדעלע האט זיך אביסעל אויסגערוהט, האט זיך איבערגעטהאָן און איז נעגאנגען אין שטאדט זיך פרעגען צו איהרע פערוואנדטע. נאך לאנגען פרעגען האט זיא אויסגעפונען, אז איינער פון איהר פאטערס פאמיליע, באראן דעווריע, זעהר א רייכער מאן און אן עכטער אריכטאקראַט וואינט אין שטראסבורג. ער איז אלט און האט קיין קינדער ניט. זיא איז געגאנגען צו איהם און האט איהם דערצעהלט, ווער זיא איז און פון וואנען זיא קומט.

דער אלטער מאן איז אויפגעשפרונגען, ווען ער האט דערהערט איהר טרויעריגע געשיכטע.

— פאר וואס ביסט דוא גלייך ניט נעקומען צו מיר? האט ער זיא נעפרעגט מיט א פארוואורף. צו וואס האָסט דוא נעדארפט פאהרען קיין וויען?

אדעלע האט איהם אלעס דערצעהלט און אלעס ערקלערט. ער האט איהר נעהייסען באלד קומען צו איהם אין הויז. ער וועט זיי אויפנעהמען מיט איהר גראספאטער און וועט זיי האלטען ביי זיך. ער וועט אויפנעהמען דעם גוטען זשאן דעלאָן מיט זיין מוטער. ער איז רייך נענוג און האט קיין קינדער ניט. וועמען וועט דא בלייבען זיין פערמעגען נאכ'ן טויט? — ער האט באלד געהייסען זיינע דיענער, זיי זאלען אנגרייטען צימער פאר אלעמען.

מיט פרייד און מיט דאנק איז אדעלע מיט איהר גראספאטער איבערגעגאנגען אין דיא צימער, וועלבע דער אלטער באראן האט פאר זיי געהייסען אנגרייטען. ער האט פראָבירט רעדען מיט'ן אלטען מאן, אבער אומזיסט. אדעלעס גראספאטער האט מיט קיינעם נים געוואָלט רעדען א ווארט און ווען ער פלעגט שוין יא עפעס רעדען, פלעגט איהם קיינער ניט פערשטעהן.

זשאן דעלאָן מיט זיין מוטער האט דער אלטער באראן אויך אויפגענומען זעהר פריינדליך. אבוואהל ער איז געווען אן אריסטאקראט און האט פיינט געהאט דיא רעוואלוציאן מיט דער נייער ארדנונג, האט ער דאך געוואוסט צו שעצען דיא גוטסקייט און פריינדליבקייט פון'ם איינפאכען ארבייטער, וועלבער האט זיך אזוי אויפגעאָפפערט פאר אדעלע מיט איהר גראספאטער.

עס זיינען פערגאנגען עטליבע טעג, אין וועלבע אדעלע און זשאן האבען זיך אויסגערוהט פון זייער רייזע. זשאן האט צוואר געזאגט, אז ער קען ניט זיצען לעדיג, ער מוז עפעס טהאן. ער מוז זיך זובען אן ארבייט. ער איז אבער אלץ געבליעבען אין דער היים.

צום אלטען באראן פלעגען זיך צונויפקומען אלע אריסטאקראטען און מען פלעגט פערברענגען דיא אבענדע און דערצעהלונגען פון'ם קריעג, פון דער פאָלקס פערזאמלונג און פון אלע נייעס, וואס איז פאָרגעקומען אין פאריז. אָפט פלעגען קומען דאמען און פלעגען שפיעלען פיאנא. ווען דער אלטער באראן איז געוואָהר געווארען, אז אדעלע שפיעלט זעהר גוט פיאנא, פלעגט ער זיא אָפט בעטען, זיא זאל אויך שפיעלען.

אדעלע האט בעמערקט, אז אויף איהר גראָספאָטער ווירקט זעהר גוט מוזיק.

רעם מאל, ווען מען פלעגט שפּיעלען פּיאנא ביים באראָ, פלעגט זיך דער אלטער ייסען אין זאַל, וואו מען האט געשפּיעלט. דער באראָן איז דערפון געוואהר געוואָרען און האט געזאגט אדעלען, אז זיא זאל איהם אפּט שפּיעלען.

עס איז בעקאנט אין דער מעדיצין, אז אויף איינינע נייסטעס קראנקע ווירקט דיא מוזיק זעהר גוט. זיי ווערן רוהיגער און דערמאנגען זיך אפּט פיעלע זאכען פון זייער לעבען. יעדעס מאל, ווען אדעלע פלעגט שפּיעלען, פלעגט דער אלטער זיך רוהיג אניעדערזעצען אין א ווינקעלע און פלעגט צו הערן דיא מוזיק זעהר אויפמערקזאם.

אזוי איז פערגאנגען דער מאנאט אפּריל. אין אבענד אנפאנגס מאי 1792 האט דער באראָן געהאט ביי זיך א גרויסע געזעלשאפט. עס זיינען זיך צונויפגעקומען פיעלע מענער און דאמען פון דער אריסטאקראטישער געזעלשאפט אין שטראסבורג. מען האט גערעדט פון קריעג. מען האט דערצעהלט, אז דיא עסטערייכישע ארמעע האט געזיעגט איבער דיא פראנצויזען אין איינינע קליינע שלאכטען. קיין גרויסע, ענטשיידענדע שלאכט איז נאך ניט פארגעקומען.

צווישען דעם באראָנ'ס געסט איז געווען א יונגער אפיציער מיט'ן נאמען רוזשע דעליל. בלייך, פערטראכט איז ער געשטאנען און האט זיך צוגעהערט, וואס מען רעדט פון'ם קריעג. אלס עכטער פראנצויז האט עס איהם פערקלעמט ביים הארצען, ווען ער האט דערהערט, אז מען האט דיא פראנצויזען געשלאגען.

— דיא סאָלדאטען מוזען פערשטעהן, פאר וואס זיי געהן אין קריעג, האט ער געזאגט, זיי מוזען זיין בעגייסטערט פארן קריעג. עס מוז זיין א געוויסע אידעע, וועלכע זאל זיי אויפרעגען, אויפמונטערן און אויפרייצען צום קריעג. דאן קענען זיי זיעגען, דאן זיינען זיי סאָלדאטען, קעמפּפער. אהן א אידעע, אהן א בעגייסטערונג זיינען זיי קצבים, בוטשערס, ניט מעהר. היינט טוידט איך יענעם, מארגען וועט מען מיך טוידטען. — אזעלכע סאָלדאטען קענען ניט זיעגען.

— אבער וואו נעהמט מען דיעזע בעגייסטערונג? האט איינער געפרעגט. מיט וואס זאל מען בעגייסטערן און אויפמונטערן דיא סאָלדאטען? וויא זאל מען זיי ערקלערן, אז זיי קעמפּפען פאר זייער פאָטערלאנד, פאר זייערע פרייהייט.

— דורך א ליעד! האט רוזשע דעליל אויסגערופען. מען מוז פערפאסען א ליעד, וועלכעס זאל אלעס זאגען, אלעס ערקלערן. דאס ליעד זאל זיי זאגען, אז זיי זיינען פרייע בירגער און זיי קעמפּפען פאר זייער פרייהייט.

— וואו נעהמט מען אזא ליעד? האט דער באראָן געפרעגט.

— איך האב עפּעס אנגעשריעבען, פיעללייכט וועט עס ניצען, האט געזאגט דער בלייכער אפיציער און איז צוגעגאנגען צו דער פארטעפּיאנא.

ער האט זיך אניעדערגעזעצט ביי דער פּיאנא. זיינע אויגען האבען געפונקעלט, זיין געזיכט האט געגליהט, זיינע פינגער האבען געציטערט, ווען ער האט אנגעהויבען צו זינגען דאס בערימטע ליעד, וועלכעס ער האט פערפאסט.

Allons, enfants de la patrie,
Le jour de gloire est arrivé;
Contre nous de la tyrannie
Le couteau sanglant est levé.

דאס איז דאס וועלט בעריהמטע ליעד — „דיא מארסעליעזע". דער יונגער אפיציער האט דאמאלס ניט געטרוימט, וויאפיעל מענשען עס וועלען אפפערן זייער לעבען מיט פערגניגען אונטער דער מוזיק פון דיעזעם גרויסארטיגעס ליעד. קיינער האט זיך ניט געקענט פארשטעלען און קיינער וואלט עס ניט געגלויבט, אז א ליעד, אן איינפאכעס ליעד זאל אזוי בעגייסטערן מענשען.

דיא מארסעליעזע איז געבליעבען א רעוואלוציאָנס ליעד פאר אלע פעלקער און פאר אלע צייטען. מען האט זיא איבערגעמאכט און איבערגעדרעהט אויף הונדערט'ער ארטען און, וואונדערבאר! ווען מען זינגט זיא, ווערט מען בעגייסטערט און מען פיהלט זיך מוטהיג צו געהן אין קאמפף און טויטט. — דיא מארסעליעזע איז אונשטערבליך. איהרע טענער וועלען קלינגען, יעדעס מאל, ווען אונטערדריקטע מענשען וועלען זיך אויפחאפפען פון זייער שלאף און וועלען זוכען אראפצו־ווארפען פון זיך דעם יאָך פון זייערע אונטערדריקער.

זינגענדיג דיא מארסעליעזע זיינען דיא פראנצויזישע סאלדאטען געגאנגען אין קריעג, אונטער דיא טענער פון דער מארסעליעזע האבען זיי געזיעגט, מיט דער מאר־סעליעזע אין מויל זיינען זיי געשטאָרבען.

מען קען זיך לייכט דענקען, וואס פאר א בעגייסטערונג עס האט ארויסגערופען ווען דער פערפאסער אליין, דער יונגער רוזשע דעליל, האט צום ערשטען מאל אליין געשפיעלט דיא מארסעליעזע, וועלכע ער האט נור וואס אנגעשריעבען!

אין זאל איז געווארען שטיל, אז מען האט געקענט הערן, וויא ביי יעדען האט געקלאפפט דאס הערץ. פון דער פיאנא האבען זיך געגאסען דיא ווייכע, זיסע, ריהרענדע מעלאָדיען פון דער מארסעליעזע. באלד זיינען אלע אנוועזענדע אויפגעשטאנען פון זייערע ערטער און האבען מיט איין קול אנגעהויבען צו זינגען

Allons, enfants de la patrie, etc.

דער זאל האט געציטערט, אלע הערצער האבען געציטערט, דעם יונגען דיכטערס פינגער האבען געציטערט, ביז ער איז אניעדערגעפאלען מיעד און ערשעפפט אויף זיין שטוהל.

געוויס האט ער דאמאלס ניט געטרוימט, אז ער וועט אמאל זינגען דיא זעלבע מארסעליעזע אויפ'ן עשאפאט, עטליכע מינוט פריהער, איידער מען וועט איהם אפ־האקען דעם קאָפּ! —

דאס איז אין קורצע ווערטער דיא געשיכטע פון דער מארסעליעזע.

ווען דיא אנוועזענדע האבען זיך אביסעל בערוהיגט, האט זיך אדעלע אומגע־קוקט צו איהר גראָספאטער. — ער איז ניט געווען אין זאל.

— וואו איז מיין גראָספאָטער? האט זיא געפרעגט זשאן דעלאן, וועלכער פלעגט איהם שטענדיג בעגלייטען.

זשאן דעלאן האט איהם אויך ניט געזעהן. ער איז אויך געווען אזוי געריהרט פון דער מארסעליעזע, אז ער האט פערגעסען אן דעם אלטען.

זיי האבען גערעכענט, אז דער אלטער איז פיעללייכט געגאנגען אויף זיין צימער. זשאן און אדעלע זיינען געגאנגען איהם דארט זוכען. — ער איז דארט ניט געווען. זיי

האבען איהם אויסגעזוכט דאס גאנצע הויז — ער איז אין ערגעץ ניטא. זיי זיינען איהם נעגאנגגען זוכען אויף דער גאס און האבען באלד דערזעהן, וויא ער געהט לאנגזאם, אבער מיט א פעסטען שריט צום מינסטער. אדעלע איז צו איהם צוגעלאפען.

— גראָספּאטער, וואוהין געהסט דוא? האט זיא איהם געפרעגט און האט איהם געוואלט צוריקהאלטען.

באלד אבער איז זיא געבליעבען שטעהן און האט אנגעהויבען צו ציטערן. דער אלטער איז געווען בלייך, וויא א טוידטער, און איז געגאנגען, וויא א לעהמענער גולם. ער האט ניט געהערט, וואס אדעלע האט איהם געזאגט. ער האט זיך ניט צוגעקוקט צו דיא מענשען, וועלכע זיינען געגאנגען אין גאס. וויא א מאשין האט ער געהויבען דיא פיס און איז געגאנגען צום מינסטער.

— וואס טהוט מען? האט זשאן געפרעגט. זאלען מיר איהם נעהמען א היים מיט געוואלד? זאלען מיר שיקען רופען א דאָקטאָר?

— לאמיר איהם נאכגעהן, האט אדעלע געענטפערט. מיט איהם איז עפּעס נייעס, איך האב איהם נאך קיין מאל אזוי ניט געזעהן. לאמיר זעהן, וואוהין ער געהט און וואס ער וויל טהאן.

דער אלטער איז אונטערדעסען געגאנגען אלץ ווייטער און ווייטער. ער איז צו געקומען צו דיא טרעפּ, וועלכע פיהרען אויפ'ן הויכען טורעם פון'ם מינסטער. דארט איז ער געבליעבען שטעהן.

— ענדליך, בין איך דא! האט ער גערעדט צו זיך אליין. — ענדליך, זעה איך פאר מיר דעם טורעם פון'ם מינסטער. — אך, וויא לאנג, וויא לאנג איז עס שוין, זייט איך בין דא ניט געווען? — יעצט דערקען איך איהם — דאס איז דער מינסטער פון שטראסבורג!

אדעלע און זשאן זיינען געשטאנען לעבען איהם און האבען געהערט יעדעס ווארט, וואס ער האט געזאגט. זיי האבען בעאבאכטעט מיט שרעק און שטוינען דיעזען זאנדערבארען אלטען מאן.

— מעגליך, אז ער וואכט, ער קומט צו זיך, האט זשאן געזאגט. איך זעה, אז ער וויס, וואו ער איז. ער האט דערקענט דעם טורעם פון'ם מינסטער.

— אך! ווען עס זאל נור וואהר זיין! ווען ער זאל זיך ווירקליך דערמאנען, וואו אונזערע דאָקומענטען געפינען זיך!

דער אלטער האט זיך אנגעשפּארט אן דער וואנד פון'ם מינסטער, האט גע־טראכט א פּאָר מינוטען און האט ווייטער געזאגט.

— איך דערקען איהם.... איך וויס, וואו איך בין.... וואו ביסט דוא, מיין טאָכטער? — מיין אלמא?

— גראָספּאָטער! דיין טאָכטער, אלמא, איז געשטארבען, האט אדעלע אויס־גערופען. איך בין דיין אייניקעל, אדעלע!

— אזוי? האט דער אלטער געפרעגט. — און איך בין פריי? איך בין ניט פער־שפּארט אין דיא דיקע ווענד פון דער באסטיליע? —

— ניין, גראספאַטער, דוא ביסט פריי, האט איהם אדעלע געענטפערט. — קום א היים!

— א היים? ניין! — איך מוז ארויפגעהן.... איך מוז זיי ארויסנעהמען — פלוצלונג האט ער זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן, אז זשאַן שטעהט ניט ווייט פון איהם. ער האט א ציטער געטהאן.

— ווער איז דער? וואס דאַרף ער? האט ער געפרעגט דערשראָקען.

— דאס איז מיין פריינד, האט איהם אדעלע בערוהיגט. דאס איז א גוטער, עדעלער פריינד, וועלכער האט מיר געהאָלפען דיך בעפרייען.

— אזוי? האט דער אלטער געברומט. דאס איז ניט דער באראָן דע קאַשאַן — דאס איז א גוטער, עדעלער פריינד — אלזא, לאז ער מיר העלפען! — לאז ער מיט מיר ארויפגעהן אויפ'ן טורעם ארויפנעהמען די דאָקומענטען אויף אונזערע ניטער. — איך ווייס — איך דערמאָן מיך — דארט זיינען זיי. —

עס איז שוין געווען שפּעט. אין דער גאס איז געווען שטיל און רוהיג. מען האט געהערט פון ערגעץ דיא וויינע מעלאָדיען פון א פּאַרטאַפּיאַנא. — פּלוצלונג האט זיך דער אלטער אויסגעגלייכט, האט אויפגעהויבען דיא הענד און האט אנגעהויבען צו זינגען:

Allons, enfants de la patrie &c.

עס איז געווען ריהרענד און בעגייסטערנד צו הערן, וויא דיא שוואכע שטימע פון'ם אלטען האט געציטערט און געזונגען דאס בעריהמטע ליעד — דיא מארסאליעזע.

— דארט — דארט אויבען — ליעגען בעגראבען אונזערע פאמיליען דאקומענטע — האט ער געברומט, ווען ער האט אויפגעהערט צו זינגען. — קומט, לאמיר זיי נעהמען.

פלוצלונג איז ער שטיל געבליעבען, האט א ציטער געטהאן און האט זיך ארויפגעוואָרפען אויף א מאַן, איינגעהילט אין א מאנטעל, וועלכער איז שטילערהייט צוגעקומען צו איהם.

— אהא! דוא ביסט עס, דע קאַשאַן! האט ער אויסגערופען און האט זיך ארויפגעוואָרפען מיט איבערמענשליכע קראַפט אויף דעם פרעמדען.

ער איז אבער געווען צו אלט און צו שוואך צו האלטען פעסט דעם פרעמדען מאַן. זשאַן און אדעלע זיינען באַלד צוגעלאָפען איהם צו הילף.

פלינק, וויא א קאַץ, האט זיך דער פרעמדער אויסגעדרעהט פון זיינע הענד, האט ארויסגעלאָזען א ביטערן, בייזען געלעכטער און איז אנטלאָפען געוואָרען.

זשאַן איז איהם נאכגעלאָפען. ווען ער האָפּט איהם, וואלט ער איהם געקענט זעהר לייכט ארעסטירען. ער האט בעלײדיגט אן אלטען מאַן ביי נאכט אויף דער גאס.

— גראספּאַטער, האט אדעלע געבעטען, ווען זיי זיינען געבליעבען אליין, לאמיר בעסער געהן אהיים. דוא וועסט מיר זאגען אין דער היים, וואו דיא דאקומענטען ליעגען.

— ניין, ניין, האט דער אלטער געענטפערט, איך אליין מוז זיי אויסגעפינען. קיינער וועט ניט וויסען, וואו זיי ליעגען.

אדעלע איז געווען אזוי איבערגעשראָקען, אז זיא האט שוין ניט געוואלט דיא דאקומענטען. זיא האט אנגענומען דעם אלטען ביי דער האנד און האט איהם געוואלט

נעהמען אהיים. דער אלטער האט זיך אויסגעריסען פון איהר, איז צוגעגאנגען צו דער טהיר פון׳ם טהורם און האט אנגעהויבען צו קלאפּען. אין דיעזע מינוט האט מען געהערט זשאנס שטימע:

— פליהט, אדעלע! רעטעט אייך. דער באראן דע קאשאן איז דא מיט א באנדע!

— הילפע! געוואלד! האט געשריען דאס מערכען.

דאס טהיר פון׳ם טהורם האט זיך געעפענט און א מאן איז ארויסגעקומען.

— ווער זייט איהר האט דער מאן געפרעגט.

— אונגליקליכע, וועלכע זוכען הילף, האט אדעלע געענטפערט.

— פאר אונגליקליכע איז ביי מיר שטענדיג דא אן ארט וואו זיי צו שיצען. קומט אריין שנעל!

דער אלטער און אדעלע זיינען אריין אין טורעם. דיא שווערע טהיר האט זיך פערשלאסען. זשאן איז אנטלאפען א היים דערצעהלען דעם באראן, וואס עס איז געשעהן. דער באראן איז געווען אן אנגעזעהנער מענש אין שטאדט, ער וועט געוויס זיי בעפרייען.

קוים איז אדעלע מיט איהר גראספאטער אריין אין טורעם, האט מען געהערט א גראבע שטימע אויסרופען:

— פערשפּארט דיא גאס! ברענגט ליכט! — וואו זיינען זיי דיא פעררעטהער? — זיי קומען פון וויען, זיי פיהרען מיט זיך געהיימע בריעף צום קעניג! — זיי ווילען פער־ראטהען דאס פראנצויזישע פאלק!

באלד האט מען געבראכט ליכט איינינע סאלדאטען האבען געהאלטען דעם ארבייטער זשאן.

— אט איז ער, דער שפיאן! האט באראן דע קאשאן געזאגט צום אפיציער פון דיא סאלדאטען. ער קומט ערשט פון וויען.

— אהה, איך קען דיך, דוא טויגעניכטס! האט אויסגערופען זשאן און איז בלייך געווארען פאר כעס. — דוא ביסט דער באראן דע קאשאן! דוא האסט געהאלפען דעם קעניג אנטלויפען.

— חא, הא, חא! האט דער באראן דע קאשאן געלאכט. זעהט איהר, אז ער איז א פעררעטהער! ער רופט מיך באראן. — ער וויים ניט, אז היינט זיינען אין פראנקרייך קיינע בארא̇נען ניטא. מיר זיינען אלע בירגער.

דער אפיציער איז יעצט צוגעגאנגען צו זיי.

— בירגער, האט ער געזאגט. איך קען ניט וויסען, ווער פון אייך האט רעכט. איך מוז דעם מאן פערהאפטען און איהם פארשטעלען פאר דער פאלקס־פערזאמלונג. דארט וועט ער זיך פערענטפערן. דעם בירגער דע קאשאן קען איך פאר א טרייען פריינד פון׳ם פאלק.

— אבער וואו זיינען דיא אנדערע פעררעטהער? האט דע קאשאן געפרעגט.

מיר האבען אויסגעזוכט אומעדום און קענען זיי ניט געפינען.

— דאס קען ניט זיין! האט דע קאַשאַן געשריען. איך האב זיי אליין געזעהן, אן אלטען מאן און א יונגעם מעדכען.

— זיי זיינען אבער דאך דא ניטא, האט אן אונטער־אָפיציער געזאגט. איך האב זיי דורכגעזוכט אין אלע ווינקעלעך.—זיי זיינען דא ניטאָ.

— אלזא, זיינען זיי אנטלאָפען א היים, צום באראָן דעווריע! האט דער בירגער דע קאַשאַן געזאגט. לאמיר געהן אהין. מען מוז זיי ארעסטירען. זיי זיינען געפעהרליכע שפיאָנען.

מען איז געגאנגען צום באראן דעווריע. דער אלטער מאן האט ניט געוואָלט ערלויבען, מען זאָל זוכען ביי איהם אין שטוב. עס האט איהם אבער גאר ניט געהאָלפען. דער בירגער דע קאַשאַן האט געפאָדערט, אז מען זאל זוכען ביי איהם דיא שפיאָנען און דער בירגער אפיציער האט געמוזט פאָלגען. מען האט איבערגעקעהרט דאס גאנצע הויז פון'ם אלטען באראן, מען האט אבער גאר ניט געפונען.

עס איז דאמאלס געווען א זאנדערבארע צייט. דיא פראנצויזען האבען געזעהן, אז גאנץ אייראפא איז געגען זיי, אז אלע קעניגע און פירסטען וועלען טהאן אלעס מעגליכע אום צו פערניכטען דיא פרייהייט, וועלכע זיי האבען זיך ערקעמפפט, און זיי וועלען געוויס אפנעהמען פראנקרייך מיט געוואלד. דאס פאָלק האט זיך געוואלט פער־טהיידיגען און האט מורא געהאט פאר שפיאָנען. יעדען אריסטאָקראט האט מען בעטראכט אלס שפיאָן. עס איז גענוג געווען צו מעלדען דער פאָלקספערזאמלונג, אז דער און דער איז א שפיאָן, מען זאָל איהם באלד ארעטירען און איהם אריינוואַרפען אין א געפענגניס.

באראן דע קאשאן האט פערשטאנען דיא לאגע פון'ם פראנצויזישען פאָלק. ער האט פערשטאנען, אז פון'ם קעניג קען ער שוין גאר ניט ערווארטען. דער קעניג איז פערלארען. ער האט דאהער פון זיך אראפגעוואָרפען דעם טיטול באראן און האט געהייסען זיך רופען בירגער קאַשאַן. דאס איז אבער נאך וועניג געווען אין יענער צייט.

ער איז אריינגעטרעטען אין קלוב פון דיא יאקאביענער און האט געשריען העכער פון אלעמען, אז מען זאָל ארעטירען דעם קעניג. ער האט ניט פערפעהלט ניט איין פערזאמלונג און פלעגט יעדעס מאל אנווייזען אויף איינינע אריסטאקראטען, אז זיי זיינען פעררעטער, פיינד פון פאלק, שפיאָנען פון'ם קייסער פון עסטעררייך און געגנער פון דיא יאקאבינער.

געשיקט און דורכגעטריעבען, וויא ער איז געווען, איז עס איהם באלד געלונגען צו געווינגען דאס צוטרויען פון'ם יאקאָבינער קלוב. אין דערזעלבער צייט אבער האט ער געהאט זיינע אייגענע שפיאָנען, וועלכע האבען ניט אראפגעלאזען פון אויג אדעלע מיט איהר גראספאטער, פאר וועלכע ער האט דאך מורא געהאט. זיינע שפיאָנען האבען איהם געמעלדעט, אז זיי געפינען זיך יעצט אין שטראַסבורג ביים אלטען באראן און ער האט דערצעהלט אין קלוב, אז ער איז געוואהר געוואָרען פון עסטעררייכישע שפיאָנען אין שטראַסבורג. מען האט איהם געגעבען א געשריעבענעם בעפעהל צום גובערנאטאר פון שטראַסבורג, אז ער זאָל ארעטירען און שיקען קיין פאריז אלע מענשען, וועלכע דער בירגער קאַשאַן וועט אויפווייזען.

וויא מיר האבען געזעהן, איז עס איהם געלונגען צו ארעטירען זשאן דעלאן. אדעלע מיט איהר גראספאטער זיינען געראטעט געווארען דורך א צופאל. זיי זיינען אריין אין טהורם פון'ם מינסטער. מיט טרעהרען אין די אויגען האט אדעלע דערצעהלט דעם וועכטער פון'ם מינסטער איהר טרויעריגע געשיכטע און די געשיכטע פון איהר גראספאטער.

דער וועכטער איז געווען אן איינפאכער מענש, איהם איז ניט געפעלען די נייעס, וואס זיינען פארגעקומען אין פאריז. דערביי האט ער זעהר גוט געקענט דעם אלטען באראן, וועלכער האט איהם זאגאר פערשאפט די שטעלע אלס וועכטער, ער איז דאהער געווען דאנקבאר געגען איהם און האט בעהאלטען ביי זיך דעם אלטען מאן און דאס יונגע מעדכען.

דע קאשאן איז געשפרונגען פון דער הויט, ווען ער האט זיי ניט געפונען אין הויז פון'ם אלטען באראן, וואו האבען זיי געקענט אהינקומען? — ער האט זיי דאך אליין געזעהן. וואוהין זיינען זיי פערשוואונדען? ער איז געפאלען אויפ'ן שכל, אז עס איז מעגליך, אז זיי ליעגען ערגעץ בעהאלטען אין מינסטער און איז געגאנגען זיי זוכען. דער מינסטער איז אבער אזא געביידע, אין וועלכען עס געפינען זיך הונדערטער קעמערליך און געהיימע טרעפ, וואו מען קען זיך זעהר לייכט בעהאלטען.

ער האט זיי דא אויך ניט געפונען. עס זיינען פערגאנגען א פאר טאג. זשאן דעלאן האט מען אוועקגעשיקט קיין פאריז אלס פעררעטער, מען זאל איהם דארט שטעלען פאר א קריעגס געריכט. דער וועכטער פון'ם מינסטער האט זיך שטילערהייט געזעהן מיט'ן באראן דעווריע און האט איהם דערצעהלט, אז אדעלע מיט'ן אלטען געפינען זיך ביי איהם. דער אלטער באראן האט איהם געדאנקט און האט זיי געשיקט לעבענסמיטעל. נעהמען זיי צו זיך האט ער מורא געהאט. ער האט געוואוסט, וואס פאר אן אינטערעסע דער באראן דע קאשאן האט זיי צו ארעטירען.

ווען אדעלע איז געוואהר געווארען, אז זשאן דעלאן איז ארעטירט און מען האט איהם געשיקט קיין פאריז פאר א קריעגסגעריכט, איז זיא געווארען זעהר אונרוהיג. זיא האט איהם ניט געליעבט, זיא האט אבער געוואוסט צו שעצען איהם אלס פריינד, וועלכער האט זיך אויפגעאפפערט פון איהרעט וועגען.

זיא האט ניט גערוהט, ביז דער אלטער באראן האט איהר געמוזט ערלויבען, זיא און זשאן'ס מוטער זאלען פאהרען קיין פאריז בעטען, אז מען זאל בעפרייען דעם אונשולדיגען זשאן.

— דער אלטער באראן האט געזעהן צו פערשאפען זיי א פאספארט און זיי זיינען אוועקגעפאהרען קיין פאריז. דער אלטער, קראנקער גראספאטער איז דערווייל געבליעבען ביים וועכטער פון'ם מינסטער.

14טעס קאפיטעל.

בעפרייאונג און ליעבע.

אין פאריז איז אונטערדעסען די רעוואלוציאן געגאנגען מיט ריזענשריטע פארווערטס. עס זיינען פארגעקומען אייניגע שלאכטען צווישען די פראנצויזישע ארמעע און די עסטערייכישע ארמעע. די פראנצויזען האבען פערלארען. דאס פאלק איז

געוואָרען אויפגערעגט. עס האבען געגלויבט, אז זיי האבען פערלארען דיא שלאַכטען נור דערפאר, וואס דיא אריסטאקראטען האבען זיי פערראטהען. זיי איז גאר ניט איינגעפאלען, אז דיא פ־אנצויזישע ארמעע האט קיינע גוטע גענעראלען.

אין דער צייט פון אזעלכער אויפרעגונג און אונרוהע איז אויפגעטרעטען א מאן, וועמעס נאמען און כאראקטער וועט בלייבען א רעטהעניש. זיין נאמען איז בעדעקט מיט בלוט, שאַנדע און פעראכטונג און דאך איז ער פון פיעלען געאַכטעט און געעהרט.

דיעזער מאן האט געהייסען מאקסימליאן ראָבעספיער. ער איז געווען אן אדוואָ־קאט אין אַררא, דיא שטאדט, וואו ער איז געבאָרען געוואָרען. דאָרט איז ער געווארען בעריהמט דורך זיינע רעדען, ווען ער האט פערטהיידיגט פערברעכער.

ווען לודוויג דער זעכצעהנטע האט בערופען דיא פאָלקספערזאמלונג, האט מען איהם געוועהלט אין אררא אלס דעפוטאט אין דער פאָלקס־פערזאמלונג. אין פאַריז האט ער ערשט ארויסגעוויעזען זיין גרויסעס טאלענט אלס רעדנער.

ווען ער פלעגט אנהויבען צו רעדען, פלעגען איהם אלע אויסהערן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט. ער פלעגט אזוי הינרייסען אלעמען מיט זיינע רעדען, אז וואָס ער האט געפאָרדערט, האט דיא פאָלקספערזאמלונג געמוזט נאכגעבען.

ער איז געווען דער שרעקליכסטער פיינד פון יעדער הערשאפט, פון יעדער רעגיערונג, פון יעדער אריסטאקראטיע און פון יעדען טיטול. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט געפאָרדערט, אז מען זאל דעם קעניג ניט זאגען: מאַיעסטעט, ואנדערן: בירגער קאפעט, (דער פאמיליע נאמען פון דיא פראנצויזישע קעניגע איז געווען קאפעט).

ער האט ניט געקענט ליידען, אז איין מענש זאל זיין גרעסער פון׳ם אנדערן. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט ארויסגעזאגט דעם שרעקליכען געדאנק, אז זאלאנג א י י ן אריסטאקראט וועט בלייבען לעבען, איז דאס פאָלק ניט זיכער מיט זיין פרייהייט. — מען מוז טויטען און פערניכטען אלע אריסטאקראטען און אלע גרויסע. דאמאלס וועט הערשען דאס פאלק און ניט איין מענש. און ער האט געהאלטען וואָרט. — שפעטער, ווען ער איז געווען דער איינציגער הערשער איבער פראנקרייך, האט ער געהייסען אָפּהאקען דעם קאָפּ פון יעדען אריסטאָקראטען, וועלכע מען וועט נור קענען קריגען.

מען פלעגט שלעפען דיא גרעסטע אריסטאקראטין: גראפען, באראנען, פירסטען, מענער און פרויען, וויא דיא שעפּסען צום שלאַכט באנק, און הונדערטער וויים זיי אפּהאקען דיא קעפּ. דיא הענקער (תליונים) זיינען ניט געווען אימשטאַנד אזוי פיעל מענשען צו טויטען, וויפיעל מען האט זיי צוגעבראַכט יעדען טאג. ראבעספיער האט דאן אויסגעפונען „דיא האָבצייטען“.

מען פלעגט נעהמען דיא פעראורטהיילטע און מען פלעגט זיי ארויספיהרען אויף א שיף אין מעער, אדער אין דער מיט טייך. דאָרט פלעגט מען זיי צונויפבינדען צו צוויי צוזאמען און מען פלעגט זיי אריינוואַרפען אין וואסער. דאס האט געהייסען א האָבצייט. זעלבסט פערשטענדליך, אז מען האט דאמאלס ניט געקוקט, וועמען מען בינדעט צונויף. א מאל פלעגט מען צונויפבינדען א מאן מיט א פרוי, אמאל צוויי

מענער, אמאל צוויי פרויען צוזאמען און מען פלעגט זיי אריינװארפען אין װאסער.

דאס איז געװען מאקסימיליאן ראבעספיער.

מיר װעלען נאך שפעטער קומען צו דיזע שרעקליכע סצענען. דערװייל האלטען מיר נאך ניט ביי זיי. מיר האבען זיי נור דערמאנט אום צו װייזען, װער ראבעספיער איז געװען. צו גלייכער צייט אבער איז ער געװען א װאהרער פריינד פון׳ם פאלק און האט ניט געקענט זעהן, װיא מען קוילעט א הוהן.

אין דער צייט, װאס אונזערע ערצעהלונג הייבט זיך אן, איז ראבעספיער געװען נור דער ערשטער אין דער פאלקספערזאמלונג.

אדעלע איז געקומען קיין פאריז און האט זיך אנגעהויבען צו פרעגען, צו װעמען זיא זאל זיך װענדען מיט איהר ביטע, אז מען זאל בעפרייען זשאן דעלאן. מען האט איהר געהייסען געהן צו מאקסימיליאן ראבעספיער. ער איז א פריינד פון׳ם פאלק און װען ער װעט געװאהר װערען, אז זשאן איז אן ארבייטער און האט געהאלפען צער־שטערן דיא באסטיליע, װעט ער געװיס זעהן, אז מען זאל איהם בעפרייען.

אדעלע איז געגאנגען צו ראבעספיער און האט איהם אלעס דערצעהלט. זיא האט ניט בעמערקט, װען זיא איז אריינגעקומען, אז אין א װינקעל פון ראבעספיערס צימער זיצט א יונגעס מעדכען. װעלכע הערט אויס אלעס, װאס זיא דערצעהלט. װען זיא האט געענדיגט איהר ביטע, האט זיך דאס יונגע מעדכען אויפגעהויבען און האט איהר געזאגט:

— אלזא, ביסט דוא אדעלע דעװוריע?

— איך בין אדעלע דעװוריע.

— און דוא ביסט געקומען בעטען פארן ארבייטער זשאן דעלאן?

— איך בין געקומען בעטען פאר זשאן דעלאן.

— גוט! מען װעט דיר שוין מעלדען, האט דיא יונגע פרוי געזאגט.

— אבער װער זייט איהר דאס? האט אדעלע געפרעגט פערװאונדערט, איך בין דאך געקומען בעטען דעם בירגער ראבעספיער, ניט אייך?

— איך בין נינאן מאנאר! האט דאס מעדכען געענטפערט שטאלץ.

מעהר האט אדעלע פון איהר ניט געקענט ארויסקריגען. ראבעספיער האט איהר געהייסען געהן.

— דיא בירגערין נינאן װעט שוין אלעס מעלדען, האט ער איהר געזאגט.

קוים איז אדעלע ארויסגעגאנגען, האט נינאן זיך געװענדעט צו ראבעספיער.

— דאס איז אויך אן אריסטאקראטין, אויף װעלכער מען דארף אכטונג געבען. זיא האט פערפיהרט דעם ארימען ארבייטער זשאן דעלאן.

— איז זשאן דעלאן א גוטער בירגער? האט ראבעספיער געפרעגט.

— געװיס! ער האט זעהר פיעל בייגעטראגען ביים שטורם פון דער באסטיליע. איהם מוז מען בעפרייען. גיט מיר א בעפעהל צום דירעקטאר פון געפענגניס, ער זאל איהם ארויסלאזען אויף אייער גאראנטיע.

— איך קען דאך איהם גאר ניט, האט ראבעספיער אויסגערופען. װיא קען איך איהם ארויסנעהמען אויף מיין גאראנטיע?

— איך גאראנטיר פאר איהם! האט נינאן געזאגט ענטשלאסען.

ראבעספיער האט איהר געמוזט צוליעב טהאן. נינאן איז יעצט געווען זעהר אנגעזעהן אין יאקאבינער קלוב. אלע האבען געוואוסט, אז זיא האט ריסקירט איהר לעבען אום דעם קעניג צוריקצוברענגען קיין פאריז. אין יעדער פערזאמלונג איז זיא געווען דיא ערשטע רעדנערין

ראבעספיער האט געמוזט איהר געבען א בריעף צום דירעקטאר פון געפענגניס לא קאנסיערזשעריע, אז ער זאל ארויסלאזען דעם ארעסטאנט זשאן דעלאן.

נינאן איז מיט איהם אוועקגעלאפען אין געפענגניס. עס איז אין יענער צייט ניט געווען אזוי לייכט צוצוקומען צו אן ארעסטאנט. מען פלעגט ארעסטירען טעגליך הונדערטער מענשען און דיא שרייבערם פון׳ם געפענגניס זיינען ניט געווען אים שטאנד צו פערשרייבען אלע זייערע נעמען און וואס מען האט זיי ארעסטירט.

צום גליק אבער, האט מען זשאן דעלאן געבראכט פון שטראסבורג מיט א ראפארט, פאר וואס מען האט איהם ארעסטירט און ווער עס האט געהייסען איהם ארעסטירען. נינאן האט איהם באלד אויסגעפונען.

— איך ברענג דיר דיא פרייהייט, זשאן, האט זיא אויסגערופען, ווען זיא איז אריינגעקומען צו איהם אין קעמעריל.

זשאן האט זיא אנגעקוקט מיט שטוינען.

— נינאן! — דוא ביסט עס? האט ער געזאגט. דוא ביסט עס געקומען מיך בעפרייען?

— געוויס! ווער דען וועט דיך בעפרייען? דיא פאלשע אריסטאקראטין, אדעלע?

— פאר וואס רופסט דוא זיא פאלשע? אדעלע איז א גוטעס, עדעלעס מעדכען.

— פאלש, וויא א שלאנג, האט נינאן אויסגערופען. זיא האט דיך פערפיהרט, זיא האט אויסגעבראכט דיינע שווער פערדיענטע פראנקען און דורך איהר ביסט דוא געקומען אין געפענגניס.

זשאן האט אויף קיין פאל ניט געוואלט גלויבען, אז אדעלע איז פאלש. ער האט אליך וויעדערהאלט, אז אדעלע איז א גוטעס, עדעלעס מעדכען.

— נון, גוט, איך וועל דיר ברענגען בעווייזע, אז זיא איז פאלש וויא אלע אריס־טאקראטען, האט נינאן געזאגט. זיא האט דיך פערפיהרט, וויא זיא האט אנאנדערען פערפיהרט. קום נור מיט מיר.

זשאן איז געווען גליקליך, וואס מען האט איהם בעפרייט. נינאן האט איהם גענומען אונטערן ארים און האט איהם ארומגעפיהרט אין דיא גאסען פון פאריז. זיא האט איהם צוגעפיהרט צו א גרויס הויז און איז מיט איהם ארויפגעגאנגען אויפ׳ן ערשטען שטאק. דארט האט זיא אנגעקלאפט אין א צימער. דיא טהיר האט זיך געעפענט און א פעסטע מענער שטימע האט געזאגט:

— גוט מארגען, בירגערין נינאן!

— גוט מארגען, בירגער באנאפארטע! האט נינאן געענטפערט. איך ברענג אייך א מאן, וועלכען דיזעלבע פרוי האט בעטראגען, וויא אייך.

— דאס איז געווים דער ארבייטער זשאן, פון וועלכען איהר האט מיר א מאל דערצעהלט, האט נאפאלעאן געזאגט.

— דאס איז ער. — ער גלויבט מיר אבער ניט, אז אדעלע איז א פאלשע, הערצלאָזע בעטריגערין. דערצעהלט איהם, בירגער באנאפארטע, וויא זיא האט אייך בעטראָגען.

נאפאלעאן איז דאמאלס געקומען בעטען דער קריעגס מיניסטער א שטעלע אין דער ארמעע, וועלכע האט געקעמפפט געגען דיא עסטערדייכער. ער האט ניט געקענט בלייבען רוהיג אין וואלענס, אין דער צייט, וואס דיא פראנצייזישע ארמעע האט געקעמפפט געגען פיינד. אין יאקאבינער קלוב האט ער זיך געטראפען מיט נינאן. ער האט געוואוסט, אז זיא האט א גרויסען איינפלוס אויף ראבעספיער און האט געוואלט בענוצען איהר איינפלוס, אז מען זאל איהם שיקען אין קריעג, וואו ער זאל קענען ארויסווייזען זיין טאלאנט און זיינע פעהיגקייטען.

נאפאלעאן האט דאהער מיט פערגניגען דערצעהלט דעם ארבייטער זשאן דיא גאנצע געשיכטע פון זיין ליעבע צו אדעלע און פון׳ם בריעף, וואס ער האט ערהאלטען, אז זיא ליעבט גאר איינעם מיט׳ן נאמען אלבערט.

— אלבערט! האט אויסגערופען זשאן. ווען איך האב מיך מיט איהר צום ערשטען מאל בעקענט אין דעם טאג, ווען מען האט איינגענומען דיא באסטיליע, איז זיא מיט נאך א מעדכען געווען אנגעטהאן אין מענער קליידער. דאס אנדערע מעדכען האט זיא גערופען אלבערט. דאס איז דאס איינציגע מאל, וואס איך האב געהערט פון איהר דעם נאמען אלבערט. — ניין, בירגער באנאפארטע! איהר האט א טעות. אדעלע איז ניט פאלש. זיא האט קיין געליעבטען מיט׳ן נאמען אלבערט.

ער האט איהם דערצעהלט, וויא לאנג ער קען זיך שוין מיט אדעלען, וויא זיי האבען געוואינט צוזאמען אין וויען און וויא זיי זיינען געקומען קיין שטראסבורג.

נאפאלעאן האט איהם געבעטען, ער זאל איהם בעשרייבען, וויא דאס אנדערע מעדכען האט אויסגעזעהן. זשאן האט איהם בעשריעבען און האט איהם געזאגט, אז זיא הייסט ביאנקא.

— ביאנקא! אזוי? — ביאנקא האט זיא גערופען אלבערט.

— געווים, האט זיא ביאנקא גערופען אלבערט.

נאפאלעאן האט אנגעהויבען צו פערשטעהן, וואס דא איז פארגעקומען. ער האט אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז ביאנקא איז פיעל שולדיג אין דעם בריעף. ער האט עס אבער ניט געוואלט ארויסווייזען פאר זשאן, ווייל ער האט געוואוסט, אז נינאן ליעבט איהם און וויל איהם איבערצייגען, אז אדעלע איז פאלש.

נאפאלעאן האט געטהאן אלעס מעגליכע צו בעווייזען, אז אדעלע איז א ניעדער־טרעכטיגע, פאלשע פרוי. זשאן האט געשוויעגען. ער האט עס ניט געקענט גלויבען. ער האט געקענט אדעלע זעהר גוט און האט געוואוסט, אז זיא איז א גוטעס, עדעלעס מעדכען.

נינאן האט איהם געפיהרט צו זיך אין איהר וואינונג. זיא האט יעצט שוין ניט

נעארבייט. דער יאקאבינער קלוב האט אנערקענט איהרע פעהיגקייטען אלס רעוואָלוציאנערין און האט איהר נעגעבען מיטעל פון וואנען צו לעבען.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה האט נינאָן נעזאגט צו זשאַן:

— קום מיט מיר, איך וויל דיר ווייזען, וויא דיא פרייהייט זיעגט און האלט איהר שטאלצע פאהן גאנץ הויך.

דאס איז ווירקליך געווען א גרויסער טאג פון דער פראנצוזישער רעוואלוציאן. עס האט זיך געהאנדעלט דארום, אז דער קעניג זאל הייסען זיך צונויפקומען קיין פאריז אלע פערטרעטער פון'ם פאלק פון אלע שטעדט און שטעדטלעך פון פראנקרייך.

דער קעניג האט עס ניט געוואלט. ער האט מורא געהאט צונויפצורופען אן ארמעע פון צוואנציג טויזענד מאן. — אזוי פיעל דעפוטאטען זיינען דאמאלס געווען אין פראנקרייך.

ביז אהער פלעגען יעדעס טויזענד פערטרעטער אויסוועהלען פון זיך איינעם, וועלכען זיי פלעגען שיקען קיין פאריז אלס דעפוטאט אין דער פאלקס פערזאמלונג. יעצט האבען דיא יאקאבינער געפאדערט, אז אלע פערטרעטער פון'ם פאָלק זאָלען זיך צונויפקנמען קיין פאריז. דער קעניג האט עס ניט געוואָלט. דיא יאקאבינער האָבען בעשלאסען איהם צו צווינגען, ער זאל עס טהאן.

דאס פאָלק האט זיך פרזאמעלט אויפ'ן פלאץ, וואו דיא באסטיליע איז געשטאנען. עס האט זיך צוטהיילט אין דריי טהיילע. צו ערשט איז געגאנגען דיא נאציאנאלע גווארדיע בעוואפענט מיט ביקסען און שווערדען. דאן איז געגאנגען דאס פאָלק, — מייסטערס, דיא ארבייטער פון פאריז. זיי האבען געטראגען פיקעס און שטעקענס.

צולעצט איז געקומען א גרויסער הויפען פון אפגעריסענע און אויסגעהונגערטע מענער און פרויען. אן זייער שפיצע איז געפאארען א פרוי. זיא איז געזעסען אויף א קאנאנע, וועלכע מענער און פרויען האבען געשלעפט מיט שטריק.

דאס איז געווען דיא בעריהמטע טהעראָין פון מערקור. זיא איז ווירקליך געווען דיא שרעקליכע געטין פון ראכע פאר דאס בעליידיגטע און ערנידעריגטע פאלק. דאס איז געווען איינע פון דיא מערקווירדיגסטע פערזאנען פון דער פראנצייזישען רעוואלוציאן. זיא איז געווען שעהן, וויא א געטין, אבער שטרענג אין אונבארעמהערציג, וויא א געטין.

ווען זיא איז אלט געווען זיבעצעהן יאהר, האט זיא א רייכער באראן פערפיהרט. ער האט איהר צוגעזאגט, אז ער וועט זיא הייראטהען. זיא האט איהם געגלויבט און ווען זיא האט געהאט א קינד פון איהם, האט ער זיא אוועקגעווארפען מיט איהר קינד און האט איהר זאגאר ניט געגעבען פון וואנען צו לעבען.

זיא האט ניט געקענט בלייבען אין דער היים און איז געקומען קיין פאריז. מען קען זיך לייכט דענקען, וויא שרעקליך זיא האט געליטען און וויא פיעל זיא האט אויסגעשטאנען. דאס קינד איז געשטארבען און טהעראָין האָט געליטען הונגער און דורשט. דערפאר אבער האט ביי איהר אין הארצען געברענט אזא האס צו אלע רייבע און אריסטאקראטען, אז זיא וואלט זיי אלע אויסגעקוילעט, ווען זיא וואלט נור געקענט.

עס איז ניט געווען איין פערזאמלונג פון'ם פאָלק, וואו טהעראָין זאל ניט זיין און זאל ניט אויפפייערן דאס פאלק געגען דיא אריסטאָקראַטען.

— טוידטעט זיי! פערניכטעט זיי! פלעגט זיא שרייען.

דאס פאלק, בעזאנדערס דיא ארימסטע קלאסע, האט זיא פערגעטערט. ווען מען איז יעצט געגאנגען צווינגען דעם קעניג, ער זאל בערופען אלע פאלקס-פערטרעטער קיין פאַריז, האט טהעראין פערזאמעלט ארום זיך א גרויסע מענגע, האט זיי געהייסען נעהמען איינע פון דיא קאנאנען, וועלכע זיינען געשטאנען פארן האטעל דע וויל (סיטי האל), האט געבראַכט פון ערגעץ א גרויסע רויטע פאהן, אויף וועלכער עס איז געשטאַנען מיט שווארצע בוכשטאבען:

— ציטערע טיראן! דיין לעצטע שטונדע איז געקומען!

מיט דיעזער פאהן אין דער האנד איז זיא ארויפגעשפרונגען אויף דער קאנאנע און האט קאָמאַנדירט:

— צו דיא טיולעריעען! צום פאלאץ פון'ם קעניג.

הונדערטער גראָבע, שוואַרצע, פערשוויצטע, אויסגעארבייטעטע הענד האבען פערוואָרפען שטריק אויף דער קאנאנע און האבען זיא געשלעפט צום פאלאץ פון'ם קעניג.

פארן פאלאץ זיינען געשטאנען דיא לייב גוואַרדיע מיט ביקסען און קאנאנען. ווען דער צוג פון'ם פאָלק איז אנגעקומען, האט דער קאָמאַנדיר פון דער לייב-גוואַרדיע זיי געהייסען בלייבען שטעהן, אדער ער וועט אויף זיי שיעסען.

אין א סעקונדע איז ער געווען ארומגערינגעלט פון הונדערטער מענשען, וועלכע זיינען געקראבען אויף דיא קאנאנען, און האבען איהם אנגעחאפט און אוועקגעשלעפט פון זיינע סאלדאטען.

— דוא ווילסט שיעסען אויפ'ן פאלק? האבען זיי איהם צוגעשריען. — וואַרט! מיר וועלען דיר ווייזען, אז מען מוז האבען רעספעקט פארן פאלק! — שלעפט איהם אוועק אין געפענגניס!

דיא סאָלדאטען פון דער לייב־גוואַרדיע האבען זיך אזוי דערשראקען, ווען זיי האבען געזעהן, וויא מען האט צוגענומען זייער קאָמאַנדיר, אז זיי האבען גאר ניט געוואוסט וואס צו טהאן. זיי זיינען אריינגעלאפען אין פאלאץ און האבען פערשלאסען דיא טויערן. דאס פאלק האט יעצט בעלאגערט דעם פאלאץ און האט אנגעהויבען צו ברעכען דיא טויערן מיט העק און מיט ברעכאייזענס.

נאפאָלעאָן איז געשטאנען פון דער ווייטענס און האט אלעס צוגעזעהן.

— ווען קעניג לודוויג וואלט געווען א מאן, האט ער געקריצט מיט דיא צעהנער, וואלט ער צוטריעבען דיעזע באנדע מיט קארטעטשען.

לודוויג דער זעכצעהנטער אבער האט שוין אזוי פיעל אויסגעליטען, אז ער האט פערלארען דעם מוטה און האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן. ער איז געזעסען פערשלאסען אין זיין צימער מיט איינינע פריינד און האט זיך מיט זיי בעראטהען, וויא אזוי צו פיהרען דעם קריעג געגען עסטערייך. ער האט נאר ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך אין דרויסען און וויא ווייט עס איז געקומען.

דיא קעניגין, מאריא אנטואנעטע, איז געזעסען אין איהרע צימערן מיט דער פרינצעסין לאמבאל. פאר איהר איז געשטאנען א מעדכען און האט זיא געבעטען מיט טרערין אין דיא אויגען, אז זיא זאל זעהן בעפרייען אן אונשולדיגען ארבייטער, וועלכען מען האט אומזיסט ארעסטירט.

דאס איז געווען אדעלע. איהר איז זעהר ניט געפעלען דיא אנטווארט, וועלכע זיא האט ערהאלטען פון ראבעספיער און זיא האט געפרעגט, וואס זיא זאל טהאן און צו וועמען זיא זאל זיך ווענדען, אז מען זאל זשאן דעלאן בעפרייען. מען האט איהר געראטהען, זיא זאל זיך ווענדען צו דער קעניגין. — דערווייל קען נאך דיא קעניגין אדער דער קעניג עפעס טהאן, אזוי פיעל האט ער נאך. צו זאגען, אז מען זאל אן ארימען ארבייטער ארויסלאזען פון א געפענגניס.

אדעלע האט אנגעשריעבען איהר ביטע אויף פאפיער און איז גאנץ פריה געגאנגען צום קעניג. דיא וואכען האבען זיא דורכגעלאזען, ווען זיא האט זיי דערצעהלט, אז זיא קומט מיט א ביטע. עס האט אבער דאך געדויערט א גערוימע צייט, איידער זיא איז צוגעקומען צו דער קעניגין. ווען זיא האט ענדליך דערלאנגט דער קעניגין איהר ביטע, האט דיא מענגע שוין אנגעהויבען צו ברעכען דיא טהירען און טהויערן פון'ם קעניגליכען פאלאץ.

— ליעבעס קינד, האט מאריא אנטואנעטא געענטפערט, וויא קען איך דיר העלפען, אז איך קען מיר אליין ניט העלפען?

אין דרויסען האט מען געהערט דעם שרעקליכען ליארם פון דער מענגע און זיעדלערייען און שימפפערייען אויף דער קעניגין. מאריא אנטואנעטא איז געווען בלייך און האט געציטערט. אדעלע האט געוואלט אוועקגעהן.

— בלייב דא, האט איהר דיא קעניגין געזאגט. וואו וועסט דוא יעצט געהן? מען וועט דיך דערהרגענען.

אדעלע איז געבליעבען. באלד האט דיא מענגע אויסגעבראכען דיא טויערן פון'ם שלאס און האט זיך אריינגעשאָטען אין קעניגליכען פאלאץ, וויא א ווילדער שטראם, וועלכער פאלט אראפ פון דיא בערג. באלד האט מען אנגעהויבען צו ברעכען דיא טהיר פון'ם צימער, וואו דער קעניג איז געזעסען. ער האט געהייסען עפענען דיא טהיר און איז ארויסגעקומען צו דער ווילדער מענגע.

— וואס פערלאנגט איהר? האט ער געפרעגט.

— וואו איז דיא קעניגין? — וואו איז דיא עסטעררייכערין? האט געברומט דיא מענגע.

מיר האבען שוין געשריעבען, אז מאריא אנטואנעטא איז געווען אן עסטעררייכישע פרינצעסין, דיא טאכטער פון דער עסטעררייכישער קייזערין מאריא טהערעזא. דיא מענגע האט געגלויבט, מאריא אנטואנעטע טהיילט מיט דעם גענעראל פון דער עסטעררייכישער ארמעע אלע געהיימניסע פון דער פראנצויזישער ארמעע. דער פאר האבען דיא עסטעררייכער געזיעגט.

דער קעניג האט איינגעזעהן דיא געפאהר, אין וועלכע דיא קעניגין איז געווען און האט געזאגט צו דער מענגע.

— דיא קעניגין געפינט זיך דאָרט אין יענעם פליגעל.

ער האט זיי געוויזען אויף דער זייט פון׳ם פאלאץ, וואו דיא קעניגין איז ניט געווען. ער האט גערעכענט, אז איידער זיי וועלען אויסברעכען אלע טהירען, וועט אנקומען פון ערגעץ הילף.

אין דיעזע מינוט איז אריינגעקומען איינער פון׳ם פאלק מיט א גרויסען שטעקען אז דער האנד אויף וועלכען ער האט געטראגען א הויכען, שפּיציגען רויטען הוט.

דיעזער רויטע הוט האט זיין געשיכטע. אמאל איז א רויטער הוט געווען א צייכען פון קנעכטשאפט און שקלאפעריי, זייט דיא פראנצויזישע רעוואָלוציאָן איז עס געווארען א צייכען פון פרייהייט און גלייכהייט. מיר געפינען דיעזען הוט אויף אלע מינצען פון דיא לענדער, וואו מען ווייס ניט פון קיין קעניג. אויף אונזערע אמעריקא־נישע מטבעות געפינען מיר דיא געטין פון דער פרייהייט אנגעטהאן אין דיעזען הוט אדער זיא האלט א לאנגען שטעקען, אויף וועלכען דער הוט איז אנגעשטעקט.

דיא יאַקאָבינער זיינען געווען דיא ערשטע, וועלכע האבען אנגענומען דעם הוט אלס א צייכען פון פרייהייט, דער פאר האט מען זיי א נאמען געגעבען „דיא רויטע". ביז היינטיגען טאג רופט מען אלע רעוואלוציאנערן און פרייהייטס קעמפפער „דיא רויטע".

דער מאן פון׳ם פאָלק איז צוגעקומען צום קעניג און האט איהם דערלאנגט דעם רויטען הוט.

— לאָז ער איהם אנטהאן, ווען ער האט ליעב דאס פאָלק! האבען געברומט טויזענדער שטימען.

דער פראַנצויזישער קעניג האט אָנגעטהאָן דעם רויטען הוט אויפ׳ן קאפּ.

— עס לעבע דער קעניג! האט געשריען דיא מענגע מיט א דאנערענדער שטימע.

דיעזע פרייד האט אבער געדויערט נור איינגע מינוט. באלד האבען זיך געלאזט הערן אנדערע שטימען. — שטימען פון האס און צאָרן.

— לאז ער בערופען אלע פאלקספערטרעטער! האט מען געשריען. לאז ער טהאן, וואס דאס פאלק פערלאנגט!

א שיכורער בעטלער מיט א פלאש שנאפּס אין דער האנד איז צוגעקומען צום קעניג.

— ווען דוא ליעבסט דאס פאלק, טרינק מיט מיר אויף דיא געזונדהייט פון׳ם פאָלק! האט ער איהם געזאגט און האט איהם דערלאנגט דיא פלאש.

דיא מיניסטארען און דעם קעניגס פריינד האבען ניט געוואלט דערלאזען, ער זאל טרינקען פון דער פלאש. זיי האבען מורא געהאט, אז דארט געפינט זיך גיפט. דער קעניג אבער האט גענומען דיא פלאש און האט זיא צוגעלעגט צו דיא ליפּען.

— עס לעבע דער קעניג! האט געברומט דיא מענגע.

אין אנאנדער זייט פון׳ם קעניגליכען פאלאץ — דיא טוילעריען — האט זיך אפּגעשפּיעלט אנאנדערע טרויעריגע, הערצרייסענדע סצענע. טהעראָאין מיט איהר באנדע האבען געריסען און געבראָכען דיא טהירען פון דיא צימער, אין וועלכע דיא דיא קעניגין מיט איהרע קינדער און מיט איניגע פון איהרע פריינדינען זיינען געווען.

— אט איז דיא עסטעררייכערין! האט טהעראָאין געשריען. — דא געפינען זיך שטאָלצע דאמען, וועלכע פרעסען אויף אין איין פריהשטיק, וואס הונדערטע פון אונז ארבייטען אוים א גאנצען טאג.

אין א קורצע צייט האט מען אלע טהירען אויסגעבראכען און א ווילדע מעננע פון מענער און פרויען האבען זיך אריינגעשאָטען אין דיא רייכע זאלען פון דער קעניגין מיט געשרייען אין געוואלדען.

דיא קעניגין איז געוועזן בלייך און האט געציטערט. לעבען איהר איז געשטאנען איהר פיערצעניעהריגע טאכטער און ביי דער האנד האט זיא געהאלטען דעם זיעבענ־יאהריגען קראָנפרינץ.

— ווען דוא האסט ליעב דאס פאלק, האט געזאגט צו איהר אן אפגעריסענער שוסטער מיט א גרויסען שטעקען אין דער האנד, — ווען דוא האסט ליעב דאס פאָלק, טהו אן דעם קראָנפרינץ דעם רויטען הוט.

מיט דיעזע ווערטער האט ער ארפגענומען א פערשמוצטען און פערשוויסיגטען רויטען הוט פון׳ם קאָפּ און האט איהם דערלאנגט דער קעניגין.

דיא ווילדע מעננע האט ארויסגעלאזען א שרעקליכען, בייזען און ווילדען געלעכטער. דיא קעניגין איז געשטאנען, וויא פערשטיינערט. — געלעכטער, שפּאָט, גראָבע, מיאוסע וויצען האבען זיך געשאָטען אויף איהר, וויא א האָגעל, פון אלע זייטען.

— געפינט זיך ניט א י י ן מענש, וועלכער זאל פערטהיידיגען אן אונגליקליכע פרוי נעגען אזעלכע בעליידיגונגען? האבען איהרע בלייכע ליפּען ארויסגעהויכט.

אין דיעזע מינוט האט זיך א יונגער מאן ארויסגעריסען פון דער מעננע, איז צוגעלאָפען צו דער קעניגין, האט זיך געשטעלט פאר איהר און האט אויסגערופען מיט א דאנערענדער שטימע:

— אוועק פון דאנען! שענדעט ניט, בעליידיגט ניט א מוטער פאר איהרע קינדער!

דיא מעננע האט אויף א סעקונדע אפּגעטרעטען פון דער אונגליקליכער קעניגין, באלד אבער האט מען געהערט שרייען:

— ווער איז דער? איהר געליעבטער? — אן אריסטאָקראט! הענגט איהם אויף! שלעפּט איהם צו דער לענטערנע! a la lanterne!

עס איז דאמאלס פארגעקומען זעהר אפט, אז דאס פאלק האט געחאַפּט איינעם, וועלכען עס האט פיינט געהאט און האט איהם אויפגעהאנגען אויפ׳ן דראָנג פון דער שטראסען לאנטערנע. עס האט קיין צייט ניט געהאט צו בויען א גאלגען.

דיא מעננע איז געוועזן אזוי אויפגערעגט, אז זיא וואלט דעם יונגען מאן געוויס געוועזן באלד געחאַפּט און געבונדען. אין דיעזע מינוט אבער איז צו איהם צוגעקומען א יונגע פרוי און האט איהם געזאגט:

— וואס טהוסט דוא זשאן? — פאר וואס נעהמסט דוא זיך אן פאר אריס־טאקראטין? —

— נינאן! האט געשריען דיא מענגע. עס לעבע נינאן, דיא פריינדין פוּ'ם פאלק!

נינאן האט געוואלט אוועקשלעפען זשאנ'ען פון דיעזען שרעקענסארט. זשאן אבער איז געשטאנען פעסט אויף זיין ארט און האט זיך ניט געוואלט ריהרען.

— שעהמט אייך, פראנצויזען! האט ער געשריען צו דער מענגע. — שעהמט אייך! וויא שטעלט איהר זיך אונטער צו בעליידיגען א פרוי? — א מוטער? — אונשולדיגע קינדער? — קעמפפט געגען מענער, געגען ס...טען, אבער ניט געגען שוואכע פרויען!

דיא מענגע איז געווארען נאך ווילדער, נאך אונרוהיגער און נאך אויפגערעגטער.

— הענגט איהם! — שטעכט איהם, דעם אריסטאקראט! האט מען געשריען פון אלע זייטען.

— ער איז קיין אריסטאקראט! האט נינאן געשריען. ער איז אן ארבייטער! ער איז מיין פריינד!

דיא מענגע האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן. נינאן איז געווען בעקאנט אלס אנגעזעהענעס מיטגליעד פון יאקאבינער קלוב און אלס וואהרע פריינדין פוּ'ם פאלק. וויא קומט עס, אז זיא זאל זיך אננעהמען פאר א מאן, וועלכער האלט מיט דיא אריסטאקראטען? — עס זיינען פערגאנגען א פאר מינוטען אין טיעפען שווייגען.

אין דיעזע מינוט איז פון א ווינקעל פוּ'ם צימער, הינטער דער קעניגין, ארויסגעטרעטען אנאנדער פרויענגעשטאלט, איז צוגעגאנגען צו זשאן און האט איהם ארומגענומען.

— זשאן! דוא ביסט עס? האט דיא פרויענגעשטאלט געפרעגט.

— אדעלע! וויא קומסט דוא אהער? האט זשאן געפרעגט ערשטוינט.

— ער איז קיין ארבייטער, ער איז אן אריסטאקראט! האט געשריען דיא מענגע. אט איז זיין געליעבטע, אן עסטעררייכערין, וויא דיא קעניגין! — הענגט איהם! שלעפט איהם צו דער שטראסען לאנטערנע!

הונדערטער שטארקע הענד האבען זיך אויסגע'שטרעקט און האבען איהם ארומגענומען. אין א סעקונדע האט מען אויף איהם צוריסען זיינע קליידער. מען האט איהם געבונדען און אוועקגעשלעפט אין הויף, וואו עס איז געשטאנען א הויכער קלאָץ מיט א לאנטערנע.

אדעלע איז געשטאנען פערצווייפעלט האט געבראכען דיא הענד און האט געוויינט.

— העלפט! האט מיטלייד מיט איהם! — רעטעט איהם!

זיא האט גערעדט אין דער לופט. וואס האט געקענט טהאן פאר איהר דיא אונגליקליכע קעניגין, וועלכע האט זיך אליין ניט געקענט שיצען?

זיא איז אראפגעלאפען פון דיא טרעפ, איז געלאפען אין הויף, וואו דיא מענגע האט שוין פערווארפען א שטריק אויפ'ן דראנג פין דער לאנטערנע און האט געמאכט פארבערייטונגען אויפצוהענגען זשאנ'ען.

— האלט! האט א געשריי געטהאן א מאן מיט א פעסטער שטימע. —ווארט! אלע האבען זיך אומגעקוקט. פאר זיי איז געשטאנען נאפאלעאן באנאפארטע

מיט א געלאדענעם פיסטאָלעט אין דער האנד. הינטער איהם איז געשטאנען נינאן. זיא האט זעהר גוט פערשטאנען, אז זשאן איז פערלארען, ווען א שטארקע האנד וועט איהם ניט רעטען און זיא איז געלאפען בעטען נאפאלעאנען, ער זאל איהם רעטען.— און ער האט איהם גערעטעט. — דער גרויסער גייסט, דער געני זיענט שטענדיג.

15טעס קאפּיטעל.

צווייפעל, אָבער קיינע פערצווייפלונג.

צוויי שטונדען נאך אנאנדער האט דיא מענגע געליארמט און גערוישט אין קעניגליכען פאלאץ. קיינעם האט עס ניט געהארט, קיינער האט זיך אום איהם ניט געקימערט. קיינער איז ניט געקומען איהם צו הילף. דער איינציגער מאן, וועלכער וואלט איהם געקענט פערטהיידיגען — לאפאיעט — איז דאמאלס ניט געווען אין פאריז. ער איז געווען ביי דער ארמעע אויף דער גרענעץ. דיא נאציאָנאל גווארדיע האט קאמאנדירט א געוויסער ווינשענקער מיט'ן נאמען סאנטער.

ער האט געהאט א גרויסען ווינשענק אין דער פארשטאדט סענט־אנטואן, וואו עס וואינען ארבייטער און דיא ארימסטע מענשען פון פאריז. ווען דיא רעוואָלוציאָן האט זיך אנגעהויבען, האט ער געעפענט זיין ווינשענק און האט געגעבען יעדען צו טרינקען אומזיסט. דערפאר האט מען איהם געמאכט פארן קאמאנדיר פון דער נאַציאָנאל גווארדיא פון דער פארשטאדט סענט אנטואן.

ער האט געלאזט זיינע סאלדאטען טהאן וואס זיי ווילען.

ערשט אום צוויי אוהר איז אנגעקומען דער בירגערמייסטער פון פאריז, פעטיאָן. ער איז אריינגעקומען אין קעניגליכען פאלאץ און האט געזעהן, וואס דארט טהוט זיך. ער האט זיך אבער געמאכט ניט וויסענדיג.

— איך האב גאר ניט געוואוסט, אז אייער קעניגליכע מאיעסטעט געפינט זיך אין אזא לאגע, האט ער געזאגט צום קעניג גלייכגילטיג.

— דאס איז זאנדערבאר! האט דער קעניג געענטפערט. זיין בירגערמייסטער און ניט וויסען, וואס עס טהוט זיך אין שטאדט?

פעטיאָן איז ארויסגעגאנגען אויפ'ן באלקאן און האט געזאגט צום פאָלק:

— בירגער! ביז אהער האט איהר געטהאן, וואס דאס רעכט און געזעץ פאָר־דערט פון אייך. יעצט פאָדער איך אין נאמען פון געזעץ און רעכט, איהר זאָלט געהן א היים.

דיא מענגע איז זיך צוגאנגען. פעטיאָן איז געווען בעקאנט אלס פריינד פון'ם פאלק. איהם האט מען געפאָלגט. זיין רעדע האט געווירקט. עס איז געווארען רוהיג. דער קעניג איז אריינגעלאפען אין דיא צימער פון דער קעניגין און האט געפונען, אז זיא, דיא פרינצעסין לאמבאל און דעם קעניגס שוועסטער, דיא פרינצעסין עליזאבעטה זיצען און וויינען. — ער האט זיי געוואלט טרייסטען. אבער וויא אזוי? מיט וואס קען ער זיי טרייסטען? —

ער אליין האט אויך אנגעהויבען צו וויינען.

— אך, מאריא! פאר וואס האב איך דיך ארויסגענומען פון דיין ליעבע היים און האב דיך געבראכט אהער?

נאפאלעאן איז עס אונטערדעסען געלונגען צו בעפרייען זשאנען און פון איהם אראפצונעמען דעם שטריק פון׳ם האלז. דאס פאלק האט צוואר געברומט און איז געווען אונצופריעדען, וואס מען האט ארויסגעריסען פון זיינע הענד דאס אפפער. עס האט זיך אבער דערשראקען פארן שטאלצען בליק נאפאליאן׳ס און פאר זיינע נאך שטאלצערע, בעפעהלענדע ווערטער.

נינאן האט גענומען זשאנען אונטערן ארים און האט איהם אוועקגעפיהרט פון׳ם שרעקענס ארט. אדעלע און נאפאלעאן זיינען זיי נאכגעגאנגען, ביז זיי זיינען ארויס פון דער מעננע.

קוים זיינען זיי אוועקגעגאנגען עטליכע שריט און זיינען געקומען אין א רוהיגען ארט, האט זיך נאפאלעאן געווענדעט צו אדעלען און האט איהר געזאגט:

— עס פרעהט מיך זעהר אייך ווידער צו זעהן, פריילין דעווריע.

ער האט זיא געזעהן שטעהן און וויינען אין דער מעננע. ער האט זיא באלד דערקענט. ער האט אבער ניט געוואלט רעדען צו איהר, זא לאנג זשאן איז ניט געווען פריי.

אדעלע האט איהם גענעבען דיא האנד און האט ניט געוואוסט, וואס איהר צו זאגען.

— ליעבט ער מיך נאך? — האט ער מיך ניט פערגעסען? האט זיא געטראכט ביי זיך אליין.

זשאן האט איהר אבער ניט געלאזען לאנג טראכטען.

— ניט איהם ניט דיא האנד, האט ער געזאגט צו אדעלען. — ערשט נעכטען האט ער מיר געזאגט, אז איהר האט איהם בעטראגען, אז איהר זייט א —

— מיין הערר! האט נאפאלעאן געזאגט שטאלץ, וואס איך האב צו רעדען, וועל איך רעדען מיט פריילין דעווריע אונטער פיער אויגען. — מיר האבען פיעלעס צו ערקלערן צווישען אונז.

נאפאלעאן איז אוועקגעגאנגען מיט אדעלען אין א זייט. זשאן דעלאן איז געבליעבען שטעהן מיט נינאן אונטער א בוים אין פארק. נינאן האט פערשטאנען אז נאפאלעאן ליעבט אדעלען און זיא איז געווען העכסט צופריעדען אז זיי זאלען זיךביידע ערקלערן. דאן וועט זשאן זיין פריי און וועט ליעבען נור זיא אליין.

קיינער האט ניט בעמערקט, וויא עס זיינען צוגעקומען נייע צוויי מענשען און הינטער זיי איז נאכגעגאנגען א ראטע נאציאנאל-גווארדיא.

— אט איז זיא, דיא פעררעטהעריו, דיא פיינדין פון׳ם פאלק! האט אויסגערר־פען איינער פון דיא צוויי. — ארעסטירט זיא, בירגער מארטען! איך האב זיא געוואלט ארעסטירען אין סטראסבורג, זיא איז אבער אנטלאפען.

— זייט איהר זיכער, בירגער קאשאן, אז דאס איז זיא? האט דער ערשטער געפרעגט.

— געוויס! האט אויסגערופען דע קאשאן. — זעהט, אט שטעהט דארט דער

אנדרערע, איהר געליעבטער. וויא קומט ער אהער? ער איז דאך געווען ארעסטירט? איז ער אנטלאפען פון געפענגניס? — ארעסטירט איהם! ארעסטירט זייביידען! — זיי זיינען פעררעטהער! זיי קומען פון וויען, פון עסטעררייך.

בירגער מארטען דער קאָמאנדיר פון דער ראטע נאַציאָנאַל גארדיסטען האט געהייסען זיינע סאָלדאטען ארעסטירען זשאן און אדעלעין. נינאָן האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן דעם באראָן דע קאָשאָן.

— באראָן דע קאָשאָן, דוא ביסט עס? האט זיא אויסגערופען מיט א געלעכ־טער. וויא קומט צו דיר דער רויטער הוט פון דיא יאַקאָבינער? דוא האסט דאך געהאלפען דעם קעניג אנטלויפען? — ווען מען דארף איינעם ארעסטירען און פעראור־טהיילען אלס פעררעטער, דארף מען עס דיר טהאָן.

באראָן דע קאָשאָן איז בלייך געוואָרען, ווען ער האט דערקענט, אז דאס איז נינאָן. דאס האט אבער געדויערט נור א מינוט. ער האט געוואוסט, אז נעגען נינאָן וועט ער ניט קענען בעשטעהן. אין דערזעלבער צייט אבער האט ער געוואוסט, אז פרעכהייט איז דאס בעסטע מיטעל געגען א פיינד.

— נינאָן! האט ער אויסגערופען, וואס רעדט איהר? איך בין דער בעסטער פריינד פון׳ם פאלק. פרעגט דעם בירגער מארטען, וויא איך האס אלע אריסטאָקראַ־טען. איך האב מיך ענטזאגט פון אלע מיינע עמטער און מיינע טיטולען און בין יעצט אן איינפאכער בירגער. איך פערפאלג יעצט אלע פעררעטהער און אלע פיינד פון׳ם פאָלק, וויא דיעזען מאן, וועלכער שטעהט לעבען אייך און יענע דאמע דארט.ביידע זיינען געווען אין עסטעררייך,ביידע האלטען פאר דיא קעניגין. מען מוז זיי ביידען ארעסטירען. דיעזער מאן איז שוין געווען ארעסטירט און איז אנ־טלאָפען פון געפענגניס.

— ער איז ניט אנטלאָפען, האט נינאָן געזאגט שטאלץ. דער בירגער ראָבעספיער האט געהייסען איהם ארויסלאזען. קומט אין געפענגניס לאָקאָנסיערזשעריע און דער דירעקטאָר וועט אייך ווייזען א בעפעהל פון׳ם בירגער ראָבעספיער.

— אבער דיעזע דאמע, האט דע קאָשאָן אויסגערופען. זיא איז אן אריסטאָ־קראַטין און א פעררעטהערין. זיא איז ערשט היינט געווען ביי דער קעניגין.

— יא, איך האב זיא אליין היינט געזעהן ביי דער קעניגין, האט זיך אפגערופען אן אפגעריסענע פרוי, וועלכע איז נעראדע צוגעקומען.

מארטען האט ניט געוואוסט וואס צו טהאָן. ער איז געווען אן איינפאכער העקער (א בוטשער) און האט ווירקליך ניט געוואוסט, וועמען ער זאל דא בעסער גלויבען נינאָן, אדער דעם בירגער דע קאָשאָן. ער האט געטראכט א פאָר מינוט און האט ענדליך געזאגט:

— דעם מאן וועל איך לאזען, וויל דיא בירגערין נינאָן זאגט, אז ראָבעספיער האט איהם געהייסען בעפרייען. דיא דאמע אבער מוז איך ארעסטירען.

נינאָן האט זיך געשטעלט, האט געבעטען, ער זאל זיא ניט ארעסטירען. עס האט איהר אבער גאר ניט געהאלפען. דער בירגער מארטען האט פון זיך זעהר פיעל געהאלטען. ווען ער האט געזאגט א ווארט, יאט ער עס ניט געוואלט צוריקרופען,

מען האט דיא ארימע אדעלען אוועקגעפיהרט אין געפענגניס. נאפאלעאָן האט געקריצט מיט דיא צעהנער פאר רציחה. ער האט דא אבער אויך ניט געקענט העלפען. געגען דערנאציאָנאל גווארדיע האט ער ניט געקענט ארויסטרעטען. דיא נאציאָנאל גווארדיע האט דאמאלס געהעררשט אין פאריז.

16טעס קאפיטעל.

דער שטורם ברעכט אויס.

דיא פאָלקס-פערזאמלונג איז באלד געוואָהר געוואָרען, וואס עס איז היינט פארגעקומען אין קעניגליכען פאלאץ, וויא דאס פאלק האט געבראכען דיא טהירען און דיא טויערן, וויא שיכורע בירגער האבען בעליידיגט דעם קעניג, דיא קעניגין און איהרע קינדער און עס האט זיי זעהר געקרענקט, וואס עס איז געשעהן און וואס קיינער האט זיך ניט אנגענומען פארן קעניג.

אין דער פאָלקס-פערזאמלונג זיינען געוועזען פיעלע פריינד פוּ׳ם קעניג. אנדערע האבען גלאט ניט געקענט ליידען קיין אונארדנונג, קיין געוואלד. ברעכען טהירען, אויסשלאגען שויבען קען נור א ווילדע, בעטרונקענע מעננע. אויסשלאגען פענסטער, ברעכען טהירען, בעליידיגען פרויען און קינדער איז א שאנדע אין אלע צייטען און פאר אלע פעלקער. דיא פאָלקס פערזאמלונג האבען דאהער בעשלאסען צו שיקען א דעפּוטאציאָן צום קעניג, מען זאל איהם בעטען אום ענטשולדיגונג פאר אלעס, וואס היינט איז געשעהן.

מען האט געשיקט רופען דעם בירגערמייסטער פון פאריז און מען האט איהם געהייסען, ער זאל אויך געהן צום קעניג און איהם בעטען אום ענטשולדיגונג.

דערמיט האט זיך דיא פערזאמלונג אין דיעזען טאג, דעם 20סטען יוני 1792 געשלאסען. קוים אבער האט זיך דיא פאָלקס-פערזאמלונג געשלאָסען, האט ראבעספיער צונויפגערופען דיא יאקאָבינער און האט געהאלטען פאר זיי איינע פון זיינע פייערינע רעדען, אין וועלכע ער האט זיי אויפגעפאדערט, אז מען זאל ענטזעצען דעם קעניג פון זיין אמט און פראנקרייך זאל ווערן א רעפּובליק.

ער האט ערקלערט, וויא אזוי מען זאל עס טהאן, און האט פארגעשטעלט א גוט אויסגעארבייטעטען פלאן, וויא אזוי צו רעגיערן און וויא אזוי צו פערטהיידיגען פראנקרייך.

זיין רעדע האט געווירקט אויף אלעמען און דער יאקאָבינער קלוב האט בעשלאסען צו טהאן אלעס, וואס ראבעספיער האט פערלאנגט. עס האט זיך אנגעהייבען א לעבהאפטע טהעטיגקייט. מען האט צושיקט בריעף צו אלע יאקאָבינער קלובען אין פראנקרייך. אלע זיינען געוועזען איינפערשטאנדען מיט ראבעספיערס פּלאן. בעזאנדערס טהעטיג האט זיך געוויעזען דער יאקאָבינער קלוב פון דער שטאדט מארסייל. זיי האבען פערשפּראכען צו קומען קיין פאריז אלע מיט אמאל — און זיי האבען געהאלטען וואָרט.

דעם 29סטען יולי זיינען אנגעקומען דריי טויזענד מיטגליעדער פון יאקאבינער קלוב פון מארסייל. זיי זיינען אנגעקומען קיין פאריז מיט גרויס פּאראד. אלע האבען

נעטראגנען דיא רויטע יאקאבינער היטע אויף דיא קעפּ און ווען זיי זיינען אריינגעקומען קיין פּאריז האבען אלע מיט א מאל אנגעהויבען צו זינגען דאס בעריהמטע ליעד, וועלכעס מיר האבען נעהערט אין שטראסבורג פון׳ם פּערפאסער רוזשע דעליל.

פון יענעם טאָג אן האט מען דעם ליעד א נאמען געגעבען דיא מארסעליעזע, ווייל דיא יאקאבינער פון דער שטאדט מארסעל האבען זיא צום ערשטען מאל געזונגען עפענטליך אין דיא גאסען פון פּאריז.

מיט דיא מארסעלער יאקאבינער איז אריינגעקומען קיין פּאריז דיא בלוטיגע רעוואלוציאן. מיט זיי האבען זיך אנגעהויבען יענע שרעקענס סצענען, וועלבע מיר האבען דערמאנט אין פאריגען קאפּיטעל. דאס פאלק האט זיי בעטראַכט פיר העלדען, פיר פרייהייטס קעמפּפער און האט זיי פערגעטערט. באלד האט מען געהערט דיא מארסעליעזע זינגען אין אלע גאסען און אין אלע עקען פון פּאריז.

דעם 30טען יולי האבען דיא יאקאבינער אפּגעהאלטען א געהיימע פערזאמלונג און האבען בעשלאסען, אז דעם 10טען אויגוסט זאל מען אפּזעצען דעם קעניג און מען זאל ערקלערן פראנקרייך פאר א רעפּובליק. מען וואלט עס באלד געטהאן, מען האט אבער געווארט אויף מיטגליעדער פון אנדערע גרויסע שטעדט אין פראנקרייך, וויא ליאָן, שערבורג, קאלע, בארדא, ליל און דערגלייכען. מען האט געזעהן, וואס פאר א רעש דיא מארסעלער האבען געמאכט און מען האט גערעכענט, אז דיא אנדערע וועלען אויך מאבען אזא איינדרוק אויפ׳ן פאלק. דאן קען מען זיכער זיין געגען דיא פאלקס פערזאמלונג, וועלכע האט נאך אלץ געהאלטען מיט׳ן קעניג און האבען נאך אלץ געוואלט איהם שיצען און איהם פערטהיידיגען.

דערצו האט זיך נאך פערברייטעט א נאכריכט, אז לאפאיעט קומט קיין פּאריז מיט זיין ארמעע אום צו האלטען א בעסערע ארדנונג. מען האט נאך ניט געוואוסט, אויב דיעזע נאכריכט איז וואהר, אלענפאלס האבען דיא יאקאבינער זיך געוואלט בעווארענען געגען איהם. זיי האבען געוואלט פארבערייטען דאס פאלק, עס זאל זיך אויפהייבען געגען לאפאיעט.

מען האט צולאזען א נאכריכט אין פּאריז, אז דיא פראנצייזישע ארמעע וואָלט שוין לאנג געווען געזיעגט און פערטריעבען דיא עסטעררייכער, דיא גענעראלען אבער זיינען אלע אריסטאקראטען און ווילען, אז עסטערייך און פרייסען זאלען זיעגען און קומען קיין פראנקרייך אונטערצודריקען דאס פאלק און צונעהמען ביי איהם זיינע פרייהייטען.

מען האט נאך מעהר געטהאן. מען האט צושיקט בריעף אין אלע שטעדט, אז פראנקרייך איז אין געפאהר. דיא עסטעררייכער און דיא פרייסען האבען שוין צושלאַגען דיא פראנצייזישע ארמעע. מען האט געפאדערט, אז יעדער שטאדט זאל בילדען א פאלקס מיליץ צו פערטהיידיגען דאס פאטערלאנד.

דיא יאקאבינער האבען ערעפענט אין פּאריז פיער הייזער, וואו מען וועט אויפנעהמען פרייווילינע פיר דאס פאלקס מיליטער. דער פרייוויליגער האט בעקומען געלד און וואפען.

אלע דיעזע פארבערייטונגען האבען געמאכט דיא יאקאבינער. וואס האט אבער

געטהאן דער קעניג? האט ער דען גאר ניט געוואוסט, וואס פאר א פּלענע מען האט געמאכט געגען איהם? — ער האט עס געוואוסט. ער האט זיך אבער פערלאזען אויף דיא פאלקס פערזאמלונג. ער האט געוואוסט, אז דיא פאלקס פערזאמלונג וועט איהם שיצען. ער האט געשיקט א קוריער צו לאפּאיעט און האט איהם געבעטען, ער זאל קומען קיין פּאריז.

אזוי איז געקומען דיא נאכט פון'ם 9טען אויפ'ן 10טען אויגוסט. פון אבענד אן האבען גרויסע מענגען פאלק זיך אנגעהויבען צו פערזאמלען פארן קעניגליכען שלאס. זיי זיינען געווארען מיט יעדער מינוט אונרוהיגער. מען האט געהערט זידלערייען און שימפּפערייען אויפ'ן קעניג און אויף דער קעניגין. דער קעניג האט געזעהן, אז עפּעס קאָכט זיך און האט געשיקט רופען דעם בירגערמייסטער פון פּאריז, פּעטיאן, וועלכער איז אויך באלד געקומען און האט בערוהיגט דעם קעניג. ער האט איהם געזאָגט, אז ער וועט באלד פערזאמלען אלע זיינע אלטע נאציאנאל גווארדיסטען און וועט קומען איהם פערטהיידיגען.

פּעטיאן אבער איז אליין געווען א מיטגליעד פון יאקאבינער קלוב און האט גאר ניט געטהאן אום דעם קעניג צו פערטהיידיגען.

דיא נאכט איז געווען א שרעקליכע פאר דיא קעניגליכע פאמיליע. א גאנצע נאכט האבען דיא גלאָקען פון אלע קירכען פון פּאריז געקלונגען אלארם (טרעוואָגא). דיא פאלקס מענגע ארום קעניגליכען שלאס איז מיט יעדע מינוט געווארען גרעסער אוןווילדער. פיעלע דעפּוטאטען פון דער פאלקס פערזאמלונג האבען געפּיהלט, אז דיא קעניגליכע פאמיליע איז אין געפאהר און זיינען געגאנגען אין שלאס אין דער האפנונג, אז דורך זייער נעגענווארט זאלען זיי איינהאלטען דאס ווילדע פאלק. דער קעניג איז געזעסען א גאנצע נאכט מיט זיי און האָט זיך בעראטהען מיט זיי, וואָס ער זאל טהאן. דיא קעניגין איז געזעסען לעבען איהרע קינדער און האָט געוויינט.

אין דער פריה איז דיא מאסע געוואָרען נאָך גרעסער און נאָך שרעקליכער. איינינע זיינען צוגעקומען צום טויער פון'ם שלאסען, האבען געקלאפּט מיט זייערע ביקסען און געשריען, אז מען זאל זיי עפענען.

אום צעהן אוהר איז דאס פאלק געווארען אזוי אונרוהיג און האט געפאדערט אזוי הויך, מען זאל זיי אריינלאזען אין קעניגליכען פּאלאץ, אז איין דעפּוטאט פון דער פאלקס פערזאמלונג מיט'ן נאמען רעדערער האט זיך געווענדעט צום קעניג און האט איהם געזאגט:

— אייערע פריינד זיינען זעהר ווייניג. איך ווייס ניט, אויב מיר וועלען זיין אים שטאנד אייך צו פערטהיידיגען. דער איינציגער ארט, וואו אייער לעבען קען נאך זיכער זיין, איז דיא פאלקס פערזאמלונג. קומט אהין זא שנעל, וויא נור מעגליך.

דער קעניג האט נאָך געצעגערט. ער האט נאך אלץ ניט געגלויבט, אז דיא געפאהר איז אזוי גרויס. מעגליך, ווען דער קעניג זאָל געווען האָבען מוטה, זאל זיך געווען שטעלען אן דער שפּיצע פון זיין לייב גווארדיע און זאָל געווען טהאָן, וויא נאַ־פּאָלעאָן האט געזאָגט — צוטרייבען דאָס פאָלק מיט קארטעטשען, וואלט ער ווירקליך ניט געקומען דערצו — צו שטארבען אויפ'ן עשאפאָט. לודוויג דער זעכצעהנטער איז

אָבער געווען א שוואכער מענש. ער האט מורא געהאט פאר בלוט פערגיעסען.

— איך ראטה אייך נאָך א מאָל, איהר זאָלט געהן מיט מיר צו דער פאָלקס פערזאמלונג, האט רעדערער געבעטען. איהר האָט זעהר ווענינ צייט. מיר שיינט, אז מען ברעכט שוין דיא טויערן.

אין דיעזע מינוט איז אריינגעקומען דעם קעניגס שוועסטער, דיא פרינצעסין עליזאבעטה. רעדערער האט נאך א מאל געווארנט דעם קעניג און האט איהם געבעטען, ער זאל באלד געהן אין דער פאָלקס פערזאמלונג.

— קענט איהר מיר גאראנטירען, אז מיין ברודערס לעבען וועט זיכער זיין אין דער פאלקס פערזאמלונג? האט דיא פרינצעסין עליזאבעטה געפרעגט.

— איך גאראנטיר אייך מיט מיין לעבען, האט רעדערער געענטפערט.

— אלזא, לאמיר געהן, האט דיא פרינצעסין געענטפערט.

דער קעניג, דיא קעניגין, דיא קינדער און דיא פרינצעסין עליזאבעטה האבען זיך פארבערייטעט צו געהן. רעדערער האט אנגעטהאן זיין שארף אויף דיא פלייצעס, א צייכען, אז ער איז א דעפוטאט פון דער פאלקס פערזאמלונג, איז ארויסגעגאנגען אויפ'ן באלקאן און האט אויסגערופען מיט א הויכער שטימע:

— דער קעניג און דיא קעניגליכע פאמיליע געהן צו דער פאלקס פערזאמלונג. מאכט דעם וועג פריי! מאכט פלאץ פארן קעניג!

דיא מענגע האט זיך צורוקט און האט געמאכט פלאץ פארן קעניג. יעצט איז אלעס געווארען שטיל. זאגאר דיא יאקאבינער האבען זיך פערהאלטען רוהיג. דער קעניג געהט אין דער פאלקס פערזאמלונג! מוז דאך זיין עפעס נייעס.

לאנגזאם, אונגערן האט דיא קעניגליכע פאמיליע פערלאָזען דעם טוילעריעען שלאָס. דאס הארץ האט זיי געזאגט, אז דאס איז זייער לעצטער גאנג, אז דיעזער גאנג פיהרט זיי צום טויט. דאס פאָלק האט געמאכט פלאץ פאר דער קעניגליכער פאמיליע, מען האט אבער זעהר אָפט געהערט זידלערייען און שימפּפערייען אויפ'ן קעניג און בעזאנדערס אויף דיא קעניגין. צום גליק, איז עס געווען ניט ווייט פון דעם קעניגס שלאָס צו דעם פּאלאץ, וואו דיא פאָלקס פערזאמלונג האט געהאלטען איהרע זיצונגען.

דער זאל איז געווען פול, אלע דעפוטאטען פון דער פאָלקס פערזאמלונג זיינען געזעסען אויף זייערע פלעצער, ווען דער קעניג מיט זיין פאמיליע זיינען אנגעקומען, איז אין זאל געוואָרען שטיל. דער קעניג איז צוגעקומען צום פאָרזיצענדען און האט זיך אניעדער געזעצט לעבען איהם. באלד אבער האט ער זיך אויפגעהויבען און האט געזאגט:

— איך בין געקומען אהער מיך און מיין פאמיליע אייך צו פערטרויען. איהר זייט דיא פערטרעטער פון'ם פראנצויזישען פאָלק. איך גלויב, אז איך בין אין ערגעץ ניט אזוי זיכער, אלס צווישען דיא פערטרעטער פון מיין פאָלק.

אויף דיעזע רעדע האט דער פאָרזיצענדער פון דער פאָלקס פערזאמלונג געענטפערט:

— קעניגליכע מאיעסטעט! איהר קענט זיך אויף אונז פערלאזען. מיר האבען

געשוואָרען צו האלטען ארדנונג און צו בעשיצען דעם פאָלק און זיינע הערשער. מיר וועלען האלטען אונזער שבועה.

דער קעניג האט זיך אניעדער געזעצט. דיא פערזאַמלונג האט אנגעהויבען צו פערהאנדלען דיא טאגעס פראגען.

— מיר קענען זיך ניט בעראטהען, זאלאנג דער קעניג איז דא, האט פּלוצלונג געזאגט איינער פון דיא דעפּוטאטען. אזוי זאגט אונזער געזעץ.

— דאס איז ריכטיג, האט דער קעניג געענטפערט.

מען האט ארויפגעפיהרט דעם קעניג מיט זיין פאמיליע אין א קליין צימעריל, וואו דיא ציטונגס שרייבער פלעגען שרייבען זייערע בעריכטע אין דיא צייטונגען. באלד זיינען אייניגע מיניסטאָרען און פריינד פון'ם קעניג געקומען צו איהם צו טרייסטען און צו בערוהיגען.

קוים איז דער קעניג מיט זיין פאמיליע אוועקגעגאנגען אין דיא פאָלקס פער־זאמלונג, האט דיא מעננע אנגעהויבען צו רייסען זיך אין שלאָס. דעם קעניגס לייב גווארדיע האט זיי ניט געוואָלט אריינלאזען. עס איז געווארען א געשלעג און דאן א ריכטיגע שלאַכט. דעם קעניגס לייב גווארדיע האט געשאָסען, דאס פאָלק האט גע־ענטפערט מיט שיעסען. סאנטער, דער קאמאנדיר פון דער נאציאָנאל גווארדיע, האט באלד געהייסען ברענגען קאנאנען און האט געהייסען שיעסען אויפ'ן שלאָס און אויפ'ן קעניגס לייב גווארדיע.

דיא גרויסע טויערן זיינען באלד אומגעפאלען און אווילדע, שרייענדע און ליארמענדע מעננע האט זיך אריינגעשאָטען אין קעניגליכען פאלאץ. יעצט האט זיך אנגעהויבען א שרעקליכעס, אונערהערטעס מאָרדען, טויטען, פערוויסטען און פער־ניכטען. מען האט געטייטעט יעדען פון'ם קעניגס לייב גווארדיע אהן מיטליידען און אהן ערבארמען. מען האט צובראָכען און צושטאָכען אלעס, וואס מען האט נור געפונען און געטראָפען. דיא טהייערסטע מעבעל, שפּיעגלען, דיא זעלטענסטע פּארצעלאי געשיר — אלעס האט מען צובראָכען, צושטאָכען, צערשטערט, פערניכטעט און פערברענט.

וויא א באנדע טיגערן האט דיא ווילדע מעננע געוויטהעט דריי שטונדען נאך אנאנדער אין קעניגליכען שלאָס טוילעריען. ענדליך האט מען גאר אונטערגעצונדען דעם שלאָס. קיינער האט ניט אויפגעהויבען קיין האנד עס צו לעשען.

„דיא אייניקלעך ווערען בעשטראפט פאר דיא זינד פון זייערע פעטער“, זאגען דיא אלטע ביכער. דאס פראנצויזישע פאָלק איז געווען אזוי פול מיט האס און צאָרן געגען דיא שלעכטע קעניגע פון פראנקרייך, וויא לודוויג דער פערצעהנטע און לודוויג דער פופצעהנטע, אז עס האט יעצט אויסגעלאָזען זיין כעס צו דעם גוטען, שוואכען און אונשולדיגען לודוויג דעם זעכצעהנטען.

אום דריי אוהר איז א הויפען מענשען געקומען אין דער פאָלקס פערזאמלונג און האבען געבראַכט מיט זיך א גאנצען פּאק פּאפּיערען, וועלכע זיי האבען געפונען אין קעניגליכען פאלאץ.

— אין דיזע פּאפּיערען זיינען דא וויכטיגע בעווייזע, אז דער קעניג פיהרט א

קארעספאנדענץ מיט דיא פיינד פון פראנקרייך! האט מען געשריען. — דער קעניג איז א פעררעטער!

עס איז געוואָרען א געשריי, א געוואלד און א שרעקליכער ליארם. דער פּאַרזיצענדער האט קוים בערוהיגט דיא מאסע.

מען האט געפאסט פאָלגענדען בעשלוס.

— „פון היינטיגען טאג אן האט פראנקרייך קיין קעניג ניט. דאס לאנד וועט רעגירט ווערן פון א קאָנווענט. — אייניגע מיטגליעדער פון דער פאָלקספערזאמלונג וועלען געוועהלט ווערן, זיי זאלען רעגירען דאס לאנד. דאס וועט הייסען „קאָנווענט“— פארן קראָנפרינץ וועט מען נאך היינט אויסזוכען אן ערציעהער. פארן קעניג מיט זיין פאמיליע וועט מען זוכען א וואוינונג“.

עס איז געווארען שפעט. דיא זון האט אנגעהויבען אונטערצוגעהן. דיא דעפּוטאטען פון דער פאלקס פערזאמלונג זיינען נאך אלץ געווען פערזאמעלט און האבען זיך בעראטהען, וויא אזוי איינצואָרדענען דיא נייע רעגירונג.

דאס איז געווען איינע פון דיא זאנדערבארסטע זיצונגען פון דער פאלקס פערזאמלונג. זעכצעהן שטונדען נאכאנאנדער זיינען דיא דעפּוטאטען געזעסען אויף זייערע פּלעצער און האָבען געפאסט בעשליסע, וויא אזוי צו רעגירן פראנקרייך. קיינער פון זיי האָט אין דיעזע צייט ניט געגעסען און ניט געטרונקען, קיינער פון זיי האט זיך ניט גערירט פון זיין ארט. יעדער איז געווען אזוי פאראינטערעסירט אין דיא וויכטיגע פראגען, וועלכע מען האָט פערהאנדעלט. און דיא פראגען זיינען ווירקליך געווען וויכטיג. ניט נור פראנקרייך אליין האט געקראכט, געציטערט, זיך געקנייטשט און געשריען, וויא א געווינערין, ווען עס קומט דיא לעצטע מינוט, ווען דאָס קינד דארף געבאָרען ווערן. — גאנץ אייראָפּא, דיא גאנצע וועלט האָט געפיהלט, אז א נייעס קינד דארף געבאָרען ווערן — פרייהייט און גלייכהייט האט דאס נייע קינד געהייסען. קיין הערשער, קיין העכערער, קיין גרעסערער — אלע זיינען גלייך!

ביז אהער האָבען דיעזע אידעען ארומגעשוועבט אין דער לופט, מען האט גערעדט פון זיי, מען האט זיי פערלאנגט, מען האט זיי געפאָדערט — ערשט דעם 10טען אויגוסט 1792 זיינען זיי פערווירקליכט געוואָרען און איינגעפיהרט געוואָרען אין פראנקרייך.

אויף דיעזער זעכצעהנשטונדיגער פערזאמלונג האט מען צובראָכען און צוריסען אלעם אלטע און מען האָט אָנגעהויבען צו בויען עטוואָס נייעס. — מען האט ענטזעצט פון זייערע עמטער אלע מיניסטאָרען און אלע בעאמטע, וועלכע דער קעניג האט ערנאנט; מען האָט זאָגאר אָבגעשאפט דיא אלטע נאציאָנאל גוואַרדיע און מען האָט בעשלאָסען צו אָרגאניזירען א נייע. אלס קאָמאנדיר פון דער נייער פאָלקס גוואַרדיע אָדער נאציאָנאל גוואַרדיע, האט מען ערנאנט דעם וויינשענקער סאנטער.

עס האבען זיך אנגעהויבען דעבאטען איבער דיא פראגע, ווער עס זאָל געוועהלט ווערן אין קאָנווענט אום צו רעגירען דאס לאנד. פון קיין אלטען נאָמען, וויא מיניסטער, גענעראָל, קאָנסול און געזאנדטער האט מען ניט געוואָלט מעהר וויסען.

דאמאלס איז אויפגעטרעטען נאָך איינער פון דיא בעריהמטע מענער פון דער פראנצייזישער רעוואָלוציאָן, זשאָרזש דאַנטאָן. ער איז געווען א בעריהמטער אדוואָ-

קאט און א דעפוטאט פון דער פאָלקס פערזאמלונג. ער האט צום ערשטען מאָל געשטעלט דיא פראגע, אז מען זאָל אָפשאפען דיא רעליגיאָן. — ווען אלע מענשען זיינען גלייך, וויא קען זיך א מענש בייגען פאר א פריעסטער?

אויך דיעזער בעשלוס איז דורכגעגאנגען. מען האט אָפגעשאפט דיא רעליגיאָן. אלעס איינצואָרדענען אין איין טאג איז געווען אונמעגליך. — מענשען מוזען זיך אפּרוהען. פון צעהן אוהר אין דער פריה דעם 10טען אויגוסט ביז 2 אוהר פאר טאָג דעם 11טען אויגוסט האט געדויערט דיא זיצונג.

דער קעניג מיט זיין פאמיליע איז דיא גאנצע צייט געזעסען אין זיין צימעריל און האט געהערט אלעס, וואס דיא פאלקס־פערזאמלונג האט פערהאנדעלט. אזוי וויא ער האט אויך פון נעכטען אן קיין ביסען אין זיין מויל ניט גענומען, האט ער זיך אויסגעדריקט פאר איינעם פון זיינע מיניסטאָרען, אז ער איז הונגעריג. מען האט באלד געבראכט א קאלט שטיקעל הוהן מיט ברויט און מען האט איהם געגעבען. ער מיט דיא קינדער האבען געגעסען, דיא קעניגין אבער און דיא פרינצעסין עליזאבעטהא האבען זיך ניט צוגעריהרט צום עסען.

ווען דאס פאָלק, וועלכעס איז געווען פערזאמעלט אין דיא גאלעריעען פון דער פאלקס־פערזאמלונג, איז געוואהר געוואָרען, אז מען האט געבראכט דעם קעניג עסען, איז געוואָרען א געשריי און א געוואלד:

— זעהט נור דעם פרעסער! דעם בלוטזויגער. דיא דעפוטאטען האבען נאך היינט ניט געגעסען און ער פרעסט שוין!

דער ליארם איז געוואָרען אזוי שטארק, אז דער פאָרזיצענדער האט א פערטעל שטונדע נאכאנאנדער געמוזט קלינגען מיט'ן גלאק, וועלכער איז געשטאנען ביי איהם אויפ'ן טיש, ביז אלעס איז ווידער רוהיג געוואָרען.

אום עלף אוהר ביי נאכט איז דער קראָנפּרינץ אנטשלאפען געוואָרען ביי זיין מוטער אויף דיא הענד. אין דעם קליינעם צימעריל איז זאָגאר ניט געווען קיין דיוואן, וואו איהם אניעדערצולעגען.

אום צוויי אוהר, ווען אלע דעפוטאטען זיינען שוין געווען אזוי מיעד, אז זיי האבען שוין ניט געקענט איינזיצען, האט מען געשלאסען דיא פערזאמלונג. אלע זיינען זיך צוגאנגען. דעם קעניג מיט זיין פאמיליע האט מען אוועקגעפיהרט אין אן אלטען מאנאסטיר און מען האט זיי פערשפּארט אין פיער קליינע, שמוציגע צימערליך. דיא קעניגין און דיא פרינצעסין עליזאבעטהא האבען א גאנצע נאכט געוויינט. ערשט אין דער פריה זיינען זיי אנטשלאָפען געוואָרען זיצענדיג אויף זייערע הילצערנע שטוהלען. באלד אבער האט מען זיי אויפגעוועקט.

אום 10 אוהר אין דער פריה דעם 11טען אויגוסט זיינען שוין אלע דעפוטאטען געווען פערזאמעלט און דיא זיצונג איז געווען ערעפענט. מען האט געהייסען ברענגען דעם קעניג מיט זיין פאמיליע און מען האט זיי ווייטער ארויפגעשיקט אין יענעם קליינעם צימערל, וואו זיי האבען נעכטען פערבראכט א גאנצע טאג. דאס מאל אבער האט מען שוין געשטעלט ארום זיי א וואך.

דיעזעס מאל איז דיא פערזאמלונג געווען זעהר אן אונרוהיגע. דיא גאלעריעען

און אלע גענג פון'ם דעם גרויסען פאלאץ, וואו דיא פאלקס פערזאמלונג האט אפ־געהאלטען איהר זיצונג זיינען געווען פול געפאקט מיט מענישען.

דיא זיצונג איז געווען זעהר אונרוהיג. מען האט בעשולדיגט דעם קעניג, אז ער האט פערראטהען פראנקרייך, אז ער האט גערופען ארמעען פון פרעמדע פעלקער זיך צו פערטהיידיגען. מען האט געשריען, אז ער האט אויסגעלעדיגט און פערשווענדעט דאס געלד פון'ם פאלק. מען האט געפאדערט, אז מען זאל שטעלען דעם קעניג מיט זיין פאמיליע פאר א קריעגס געריכט.

נאך א לאנגער דעבאטע איז געבליעבען, אז מען זאל דערווייל האלטען דעם קעניג ארעטירט אין א גרויס און פינסטער הויז מיט'ן נאמען טעמפעל. דאס איז געווען אן אלטער מאנאסטיר. דיא פענסטער זיינען געווען מיט אייזערנע גראטעס, דיא קארידארען זיינען געווען פינסטער און שמוציג. דיא ווענד נאקעט און טרויעריג.—

קוים האט מען געפאסט דיעזען בעשלוס, האט מען באלד געהייסען אוועק פיהרען אהין דעם קעניג מיט זיין פאמיליע מיט א קאנאוואי פון פופציג סאלדאטען פון דער נייער נאציאנאל גווארדיע.

וויא מען האט אוועקגעפיהרט דעם קעניג מיט זיין פאמיליע, האט מען אנגע־הויבען צו רעדען וועגען דיא גענעראלען פון דער פראנצויזישער ארמעע. איינינע דעפוטאטען, בעזאנדערס מיטגליעדער פון'ם יאקאבינער קלוב, האבען פערקלאגט לאפאיעט און אנדערע, אז זיי זיינען אריסטאקראטען און פעררעטער. זיי האלטען פארן קעניג און האבען אומיסטען פערלארען דיא שלאכטען געגען פרייסען אין עסטער־רייך אום צו העלפען דעם קעניג.

מען האט בעשלאסען אפצוזעצען דעם גענעראל לאפאיעט פון זיין אמט, צו צו נעהמען ביי איהם דאס קאמאנדא איבער דיא ארמע און הייסען איהם קומען קיין פאריז זיך פעראנטווארטען פארן פאלק. פיעלע אנדערע גענעראלען האבען געהאט דאס זעלבע שיקזאל.

ווען לאפאיעט איז געוואהר געווארען פון דעם, וואס איז געשעהן דעם 10טען אויגוסט, איז ער געווען אויסער זיך. ער האט ליעב געהאט דיא פרייהייט, ער האט געקעמפט פאר דיא פרייהייט, ער האט אבער ניט געקענט ליידען אזעלבע בלוטיגע סצענעס, וויא דיא וועלבע זיינען פארגעקומען דעם 10טען אויגוסט. — טויטען, מארדען, ברעכען, רייסען, צערשטערן און פערניכטען אלעס, איז שענדליך זאגאר אין דער צייט פון א רעוואלוציאן.

ער האט מיטלייד געהאט מיט'ן קעניג און האט גאר ניט געקענט פערשטעהן, פאר וואס מען האלט איהם אלס געפאנגענער. ער האט אנפאנגס געוואלט קומען מיט זיין ארמע פערטהיידיגען דעם קעניג. ער האט עס אבער ניט געקענט טהאן, וויל אין דער זעלביגער צייט זיינען דיא עסטערייכער אויף איהם אנגעפאלען. ער האט זיך געוואלט שטעלען און קעמפפען געגען דיא עסטערייכער, עס איז אבער באלד אנגעקומען דער נייער גענעראל, וועלכען דיא פאלקס פערזאמלונג האט געשיקט און האט איהם געוויעזען א בעפעהל. אז מען הייסט איהם ארעטירען

לאפאיעט האט באלד איינגעזעהן, אז ער טאר קיין פאריז ניט קומען. מען וועט

איהם דאָרט ארעטירען און שטעלען פאר א קריעגס געריכט. ער איז געוועזען אזוי טרויעריג און אזוי ניעדער געשלאגען, אז ער האט זיך ענטשלאָסען אוועקצופאהרען קיין אמעריקא, אין דעם לאנד, וואו וואשינגטאן האט בעסער געוואוסט, וויא צו בענוצען דיא פרייהייט אלס דיא פראנצויזישע יאקאבינער.

ער און איינינע פון זיינע פריינד זיינען שטילערהייט געפאהרען קיין האלאנד. זיי האבען גערעכענט אין אמסטערדאם זיך אויפצוזעצען אויף א שיף קיין אמעריקא. אויף דער האלענדישער גרענעץ האט זיי איבערגענומען אן עסטעררייכישער קאמיסאר און האט זיי ערקלערט אלס קריעגס געפאנגענע, ווייל לאפאיעט איז געוועזען א פראנ־צויזישער גענעראל און האט זיך געשלאגען געגען עסטערייך. מען האט זיי אוועק געפיהרט קיין עסטערייך און מען האט זיי איינגעזעצט אין א פעסטונג אין דער שטאדט אלמיץ. דאָרט איז לאפאיעט געזעסען ארעטירט פינף יאהר, ביז 1797.

ניט אלע אבער זיינען געוועזען אזוי גליקליך, וויא לאפאיעט. פיעלע פון דיא אָפּ־געזעצטע גענעראלען, מיניסטארען און גובערנאטארען פון דיא פראָווינצען האבען קיין צייט ניט געהאט צו אנטלויפען, מען האט זיי געשטעלט פאר א קריעגסגעריכט, וועלכעס האט זיי פעראורטהיילט.

דיא שרעקענס צייט האט זיך אנגעהויבען אין פראנקרייך. דאס קריעגסגעריכט, אדער בלוט געריכט, איז א גאנצען טאג געזעסען; פערזאמעלט און האט פעראורטהיילט יעדען, ווער עס האט געהאט דאס אונגליק אריינצופאלען אין זייערע הענד. מען האט געשלעפּט פארן געריכט הונדערטער מענשען מיט א מאל. עס איז געוועזען גענוג, אז איין עדות זאל נור זאגען, אז ער וויים, אז דער מאן איז א פעררעטער, אדער מען זאל געפינען ביים פעראוטהיילטען א שטיקעל פּאפּיער מיט׳ן נאמען פון עסטעררייך, פּרייסען אדער ענגלאנד, מען זאל איהם פעראורטהיילען צום טויט.

ביז אין יענער צייט פלעגט מען אין פראנקרייך הענגען אדער אָפּהאקען דעם קאָפּ מיט א האק. אזוי וויא דאס קריעגס געריכט פלעגט פעראורטהיילען צום טויט הונדערטער מענשען א טאָג און דיא הענקער (תליונים) זיינען ניט געוועזען אימשטאנד צו טויטען אין איין טאג אזוי פיעל מענשען, האט א דאקטאר מיט׳ן נאמען גוליאטין אויסגעקלערט א מאשין אפּצוהאקען דיא קעפּ פון דיא פעראורטהיילטע. דיעזע מאשין האט מען א נאמען געגעבען נאך איהר ערפינדער — דיא „גוליאָטינע“. זיא ווערט נאך ביז אויף היינטיגען טאג געברויכט אין פראנקרייך. אין דער לעצטער צייט האט מען דיא גוליאָטינע איינגעפיהרט אויך אין דייטשלאנד.

אויפ׳ן גרויסען פלאץ „קארוסעל“ אין פאריז האט מען אויפגעשטעלט דיא נייע מאשין און זיא האט געארבייט טאג און נאכט.

— Frappez frappez! Il n'y a que les morts qui ne reviennent pas.

„האקט זיי אָפּ דיא קעפּ! נור דיא טויטע קומען ניט צוריק“, הייט ראבעספיער געזאגט צו דיא ריכטער פו׳ם קריעגס געריכט. — ענטוועדער אין גאנצען פריי לאזען, אדער טויטען — קיין מיטעל וועג איז ניט געוועזען.

דעם 3טען סעפּטעמבער האט מען געבראכט דיא פּרינצעסין לאמבאל פארן קריעגס געריכט. געגען איהר האט מען גאר קיין בעווייזע ניט געהאט. (F. R., 11.)

— האסט זיא טהייל גענומען אין דעם פעררעט פון'ם קעניג? האט זיא גע־פרעגט דער פרעזידענט פון'ם קריעגסגעריכט.

— איך וויים ניט פון וואס צו זאגען, האט דיא אונגליקליכע פרינצעסין גע־ענטפערט. איך בין געוועזען דיא ערציעהערין פון'ם קעניגס קינדער, ווייטער וויים איך גאר ניט.

— שווער, אז דוא האסט ליעב דיא פרייהייט און גלייכהייט! — שווער, אז דוא האסט דעם קעניג, דיא קעניגין און דיא קעניגליכע פאמיליע! האט דער פרעזידענט איהר בעפוילען.

— דאס ערשטע קען איך שווערן, דאס צווייטע ניט, האט דיא פרינצעסין גע־ענטפערט.

מען האט געהייסען זיא אוועקפיהרען אין געפענגניס. אויף דער טהיר אָבער האט זיא איינער פון דער נאציאָנאל גווארדיע דערשטאָכען. דיא ווילדע מענגע איז ארויפגעפאלען אויף איהר און האט זיא צוריסען אויף שטיקער. איהר קאָפּ און איהר הערץ האט מען אויפגעשטאָכען אויף שפּיזען און מען האט זיי ארומגעטראָגען אין דיא גאסען פון פאריז. מען האט זיי געבראכט אונטער דיא פענסטער פון'ם שלאָס טעמפּעל, וואו דער קעניג מיט זיין פאמיליע זיינען געזעסען געפאנגען. מען האט גע־שריען און געליארמט, ביז דיא קעניגין איז צוגעקומען צום פענסטער און האט געפרעגט, ווער דער קאָפּ איז.

— דאס איז דער קאָפּ פון דער פרינצעסין לאמבאל, דיין פריינדין, האט מען איהר געענטפערט.

דיא קעניגין האט געגעבען א שרעקליכען געשריי און איז געפאלען אין אהנמאכט.

איך זאג מיך אפּ צו בעשרייבען דיא ווייטערע בלוטיגע סצענען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין פאריז אין דיא פינף טעג פון 2טען ביז אין 7טען סעפּטעמבער 1792. פארן צווייטען סעפּטעמבער זיינען אלע געפענגניסע געוועזען אזוי פול געפּאקט מיט ארעסטאנטען, אז מען האט געמוזט מאכען דעם האספּיטאל ביסעטר און דעם מאָ־נאסטיר פון דיא קארמעליטען פאר געפענגניסע. נאכ'ן 7טען זיינען אלע געפענגניסע געוועזען לעדיג. אלע ארעסטאנטען האט מען געטוידטעט. מען האט ניט געקוקט אויף קיינעם, מען האט קיין מיטלייד ניט געהאט מיט קיינעם. מענער, פרויען, יונגע און אלטע, מען האט זיי אלע געמאָרדעט, געבוטשערט אויפ'ן שרעקליכסטען ארט.

דיא סעפּטעמבער טעג זיינען נאך ניט דיא שרעקליכסטע און בלוטיגסטע טעג פון דער פראנצייזישער רעוואָלוציאָן, דאס איז ערשט געוועזען דער אנפאנג.

דער קעניג מיט זיין פאמיליע זיינען אונטערדעסען געזעסען ארעסטירט אין „טעמפּעל“. דער בירגערמייסטער פון פאריז, פּעטיאָן און דער קאָמאנדיר פון דער נייער נאציאָנאל גווארדיע, סאנטער, זיינען געוועזען דיא אויפזעהער פון דיעזען נייען גע־פענגניס. מען האט צוטהיילט דיא קעניגליכע פאמיליע. דיא פרינצעסין עליזאבעטה, דעם קעניגס שוועסטער, האט מען אפּגעגעבען א צימער אין אונטערסטען עטאזש. דיא קעניגין מיט איהרע קינדער זיינען געוועזען פערשפּארט אין צוויי צימער אין צווייטען עטאזש און דער קעניג האט געהאט צוויי צימער אין דריטען עטאזש.

נור צום מיטאג האט מען זיי ערלויבט צוזאמען צו קומען און עסען מיטאָג צו־זאמען. נאכ'ן עסען האט מען זיי ערלויבט צו געהן א האלבע שטונדע שפּאַציערן אין דעם קליינעם גארטען פון זייער געפענגניס. דאן האט מען יעדען אוועקגעפיהרט אין זיין צימער. אום אכט אוהר אבענדס האט מען גענעסען סאפּער צוזאמען און יעדער האט ווידער געמוזט געהן אין זיין צימער.

דעם 21טען סעפּטעמבער איז דער בירגערמייסטער פון פּאריז, דיא מיטגליעדער פון'ם קאנווענט, דיא נייע פאָלקס גווארדיע און א גרויסע מענגע פאלק געקומען מיט גרויס פּאראד צום געפענגניס „טעמפּעל" און מען האט ערקלערט עפענטליך, אז אין פראנקרייך איז ניטא קיין קעניג. עס איז יעצט א רעפּובליק און דאס פאלק הערשט דורכ'ן קאנווענט. דאנטאן און ראבעספּיער זיינען יעצט דיא ערשטע צוויי מיטגליעדער פון'ם קאנווענט.

פון יענעם טאג אן האט דיא קעניגליכע פאמיליע געליטען נויט. ווען זיי זיינען ארויסגעגאנגען פון'ם קעניגליכען פאלאץ דיא טולעריען, האבען זיי מיט זיך גאר ניט מיטגענומען. זיי האבען געדארפט נייע קליידער, בעזאנדערס אבער וועש. מען האט עס זיי ניט געגעבען. דיא פּרינצעסין עליזאבעטה און דיא קעניגין האבען געמוזט אליין וואשען זייער וועש און פערלאטען זייערע קליידער, וועלכע האבען זיך אנגעהויבען צו רייסען.

עס איז געקומען אזוי וויט, אז אין נאָוועמבער, ווען א קאָמיטעט איז געקומען זעהן, וואס דער קעניג מאכט, און מען האט איהם געפרעגט, אויב עס פעהלט איהם ניט עפּעס? אויב ער פערלאנגט ניט עפּעס? — האט ער געענטפערט:

— עס פעהלט מיר גאר נישט און איך פערלאנג גאר נישט. איך בעט נור, מען זאל שיקען וועש פאר מיר און מיין פאמיליע.

דיא נאכריכט, אז דער קעניג איז געפאנגען און אז פראנקרייך איז געוואָרען א רעפּובליק האט זיך באלד פערבריייטערט אין אייראפּא. שרעקען און ציטערן האט ערגריפען אלע הערשער און קעניגע. ניט נור עסטעררייך, פּרייסען און ענגלאנד הא־בען געשיקט ארמעען געגען פראנקרייך, זאגאר רוסלאנד האט זיך אנגעהויבען צו ריהרען. עקאטערינא דיא צווייטע, וועלכע איז דאמאלס געוועזען קייזערין פון רוסלאנד, האט געשיקט איהרען א גענעראל קיין פראנקרייך און האט געווארנט דעם קאָנווענט, אדער דיא דאמאליגע פאלקס רעגיערונג, אז ווען מען וועט ניט בעפרייען דעם קעניג, וועט זיא ערקלערן פראנקרייך קריעג און וועט שיקען אן ארמעע צו דער פראנצויזישער גרענעץ.

דער קאָנווענט האט זיך דערשראקען. מען האט אנגעהויבען מורא צו האבען פאר גאנץ אייראפּא. עס איז שוין אבער געווען צו שפּעט. בעפרייען דעם קעניג האט דער קאנווענט ניט געקענט. ער האט מורא געהאט פארן פאָלק. עס איז געבליעבען, מען זאל דעם קעניג פערקלאגען און איהם פעראורטהיילען. דער קאנווענט האט בע־רעכענט, אז זא לאנג דער קעניג לעבט, וועלען זיך געפינען קעניגע און פירסטען, וועלכע וועלען זוכען איהם צו רעטען; קוים אבער וועט ער זיין טויט, וועט אלעס זיין פערפאלען און דיא אייראָפּעאישע הערשער וועלען זיי לאָזען צו רוה.

דעם 11טען דעצעמבער איז אנגעקומען סאנטער מיט זיינע פאלקס גווארדיע און האט געגומען דעם קעניג צום געריכט. מען האט געהייסען דעם קעניג זיך אריינזעצען אין א געדעקטע קארעטע. ארום דער קארעטע זיינען געריטען ארטעלעריסטען. פאר דער קארעטע און הינטער דער קארעטע האט מען געפיהרט קאנאנען. אזוי האט מען איהם געבראכט פארן קאנווענט.

דיא בעשולדיגונגען געגען איהם זיינען געווען, אז ער האט פעררעטהען פראנקרייך, ער האט געפיהרט א געהיימע קארעספאנדענץ מיט דיא פיינד פון פראנקרייך, ער איז אנטלאפען און האט געוואלט אונטערדריקען דיא פרייהייטען פון'ם פאלק.

לודוויג דער זעכצעהנטער האט זיך פערטהיידיגט און האט בעוויזען, אז דיא אלע בעשולדיגונגען זיינען פאלש. עס האבען זיך געפונען גוטע אדוואקאטען, וועלכע האבען איהם ענערגיש פערטהיידיגט.— עס איז אבער אלעס געווען אומזיסט, אלע האבען געוואוסט, אז מען וועט איהם פעראורטהיילען. דיא פאליטיק האט געפאדערט, אז מען זאל פון איהם לויז ווערן.

דאך האט מען נאך געצעגערט, עס האבען זיך געפונען גוטע פריינד, וועלכע האבען געוואלט פערציעהען דעם פראצעס אין דער לענג.

ערסט דעם 14טען יאנואר 1793 איז עס געקומען צור אבשטימונג, מען האט געשטעלט דרייא פראגען:

1) איז לודוויג קאפעט שולדיג?

(אזוי וויא ער איז שוין ניט קיין קעניג, האט מען איהם גערופען מיט'ן פאמיליע נאמען פון דיא פראנצייזישע קעניגע: קאפעט.)

2) אין פאל מען וועט איהם פעראורטהיילען, זאל מען פארלעגען דעם אורטהייל דעם פראנצייזישען פאלק צור בעשטעטיגונג?

3) וואס פאר א שטראפע קומט איהם?

אויף דיא ערשטע פראגע האבען אלע מיטגלידער פון דער פאלקספערזאמלונג געענטפערט: יא! ער איז שולדיג. אויף דיא צווייטע פראגע האבען 424 שטימען געזאגט: ניין, מען דארף עס ניט פארלעגען דעם פאלק און 283 שטימען געזאגט: יא.

אויף דער דריטע פראגע האבען 334 שטימען געזאגט: זיין שטראפע זאל זיין, מען זאל איהם ארויסטרייבען פון פראנקרייך, און 387 שטימען האבען געזאגט:— דער טויט.

צווישען דיא מיטגליעדער, וועלכע האבען געשטימט, אז מען זאל דעם קעניג פעראורטהיילען צום טויט, איז געווען א פרינץ פון דער קעניגליכער פאמיליע מיט דעם נאמען פיליפ פון ארלעאנס.

דעם 20טען יאנואר האט מען געמעלדעט דעם קעניג אז מען האט איהם פעראורטהיילט צום טויט. דער קעניג האט עמפפאנגען דיעזע נאכריכט רוהיג און געפאסט. ער האט געוואוסט, אז ער קען קיין אנדערן אורטהייל ניט ערווארטען פון דיא איצטיגע מיטגליעדער פון דער פאלקספערזאמלונג. ער האט נור געבעטען, אז מען זאל איהם געבען דרייא טאג צייט צו מאכען א טעסטאמענט (צוואה) און זיך צו געזעגנען מיט זיין פאמיליע.

מען האט עס איהם ניט ערלויבט. מען האט איהם געזאגט, אז שוין מארגען וועט דאס טאדעס אורטהייל אויסגעפיהרט ווערן. דענאך האט מען איהם ערלויבט אבשיעד צו נעמען פון זיינע פרוי און קינדער.

ווען מען האט געבראכט צו איהם זיין פאמיליע און מען האט זיי געזאגט, אז זיי זעהן איהם צום לעצטען מאל, האט דיא קעניגין און דיא פרינצעסין עליזאבעטה ארויס געלאזען אזא שרעקליכען געוויין, אז דער קעניג האט פערלארען דעם מוטה און איז געבליבען זיצען א לאנגע צייט, וויא פערשטיינערט. ווען מען האט זיי אוועק־געפיהרט און ער איז ענדליך געקומען צו זיך, האט ער געזאגט:

— אך, גאט! דאס זיינען געווען שרעקליכע מינוטען!

דעם 21טען יאנואר אין דער פריה איז געקומען סאנטער מיט איין רעגימענט סאלדאטען איהם פיהרען צום עשאפאט.

מיט א פעסטען שריט איז ער ארויפגעגאנגען אויפען עשאפאט, וואו דיא גוליא־טינע איז געשטאנען פערטיג איהם אפצושניידען דעם קאפ, און האט זיך געווענדעט צום פאלק.

— פראנצויזען! האט ער געזאגט מיט א פעסטער שטימע. — איך בין אונשול־דיג! איך פערצייה אייך מיין טויט און בעט גאט, אז מיין טויט זאל ברייגגען רוהע און פריעדען פראנקרייך!

סאנטער האט געגעבען א צייכען, אז אלע פויקען זאלען אנהויבען שטארק צו פויקען און צו ליארמען. דער קעניג האט געוואלט נאך עפעס זאגען. מען האט איהם ניט געלאזט.

אין איינינע מינוטען ארום איז לודוויג דעם זעכצעהנטענס קאפ אראפגעפאלען אונטערן שארפען מעסער פון דער גוליאטינע.

17טעס קאפיטעל.

נאפאלעאן באנאפארטע.

אין דער צייט, וואס אין פאריז זיינען פארגעקומען דיא שרעקליכע סצענען, וועלכע מיר האבען בעשריעבען אין פאריגען קאפיטעל, זיינען אויף דיא גרענעצען פון פראנקרייך פארגעקומען אנדערע סצענען, וועלכע האבען וועניגסטענס ארויסגע־וויזען, אז אין פראנקרייך זיינען אין יענער צייט געווען גרויסע מענשען מיט זעלטענע טאלאנטע.

דער קריעג איז געוויס זעהר א שלעכטע זאך און עס וואלט געוויס גלייך געווען, אז מען זאל אבשאפען דעם קריעג. ער האט אבער אויך זיינע גוטע זייט. — וואו עס איז דא שאטען, דארט מוז זיין ליכט אויך. דיא גוטע זייט איז, וואס ער ענטוויקעלט דיא קרעפטע פון א פאלק, רעגט עס אויף צור טהעטינקייט און וויזט ארויס, ווער עס איז ווירקליך פעהיג און האט ווירקליך א טאלאנט.

ווען ניט דער קריעג צווישען אמעריקא און ענגלאנד, וואלט קיין וואשינגטאן ניט געווען. — וואשינגטאן וואלט געבליבען א פארמער און קיינער וואלט פון איהם ניט געוואוסט. אמעריקא וואלט נאך יעצט געווען אן ענגלישע פראווינץ און קיינער

וואלט ניט געוואוסט פון פרייהייט און גלייכהייט, וועלכעס וואשינגטאן האט איין געפיהרט אין אמעריקא.

ווען ניט דער קריעג וואלטען מיר ניט געהאט אזעלכע העלדען וויא אלעקסנדר מוקדון, יוליוס צעזאר און פיעלע אנדערע; ווען ניט דער קריעג, וואלטען מיר ניט געהאט קיין נאפאלעאן באנאפארטע. זיין גייסט, זיין טאלאנט, זיין זשעני וואלטען ערגעץ אנטשלאפען געווארען אין אן אפיציער פון א קליין שטעדטעל און מען וואלט ניט געוואוסט פון איהם.

מעגליך, אז עס וואלט געווען פיעל בעסער, ווען מען זאל פון דיעזע אלע העלדען ניט געווען וויסען, וועט זאגען איינער פון מיינע קלוגע לעזער. — איך מוז זאגען דיא ווארהייט: אלע לעזער זיינען זעהר קלוג און קריטיקערען זעהר גוט, וואס זיי לעזען — דאס מאל אבער האבען זיי ניט גאנץ רעכט.

אלעקסנדר מוקדון האט אויפגעריהרט דיא וועלט. ער האט צוטראגען דיא גריכיעשע פילאזאפישע אידעען איבער גאנץ אזיען. יוליוס צעזאר האט ציוויליזירט דיא אלטע דייטשען און פראנקען, וועלכע האבען דאמאלס געלעבט אין דיא וועלדער וויא ווילדע חיות. — נאפאלעאן באנאפארטע האט צוטראגען דיא אידעען פון דער פראנצייזישען רעוואלוציאן — דיא אידעען פון פרייהייט און גלייכהייט אין גאנץ אייראפא.

איך וויל דא ברייגגען נור אפאר פאקטען, פון וועלכער דער קלוגער לעזער וועט קענען האבען א בעגריף איבער דעם איינפלוס, וואס נאפאלעאן האט געהאט איבער אייראפא.

ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט געגעבען אונז אידען, דעם פערהאסטען, פערפאלגטען און פעראכטעטען פאלק, אלע בירגער־רעכטע גלייך מיט אלע פראנצויזען.

ווען ער איז זיך צום ערשטען מאל צוזאמען געקומען מיט'ן רוסישען קייסער, אלעקסאנדער דעם ערשטען, האט ער איהם געגעבען צו פערשטעהן, אז ער זאל אפשאפען דיא ליב אייגענשאפט (פאנשטשינע) אין רוסלאנד. ווען נאפאלעאן I זאל געווען געווינען דעם קריעג מיט רוסלאנר אין 1812, וואלט יעצט אין רוסלאנד קיין אלעקסאנדער דער דריטער ניט געקענט זיין און מיר וואלטען ניט געדארפט זיין יעצט אין אמעריקא.

אבער גענוג פילאזאפירען! מיינע קלוגע לעזער קענען זיך לאנגווילען, לאמיר זיי בעסער עפעס דערצעהלען.

נאפלעאן האט ענדליך אויסגעווירקט ביים מיניסטער, ער זאל איהם שיקען געגען א פיינד. ניגאן און ראבעספיער האבען איהם דערצו פערהאלפען. מען האט איהם געשיקט קיין טולאָן.

טולאָן איז א פראנצויזישע פעסטונג און א פּאָרט פון דיא פראנצייזישע קריעגס שיפען. ווען מען האט ארעסטירט דעם קעניג, האט ענגלאנד בענוצט דיעזע געלעגענהייט, האט ארויס געשיקט א פלאטע און האט אפגענומען טולאָן. דער קאנווענט האט געשיקט איין ארמעע געגען דיא ענגלענדער. דער קאָמאנדיר פון דיעזער ארמעע איז געווען א געגעראל קאַרטאָ, א שוואכער, נאכלעסיגער און אונפעהיגער גענעראל.

ער וואלט געוועז יאהרען לאנג געשטאנען מיט זיין ארמעע געגען דיא ענגלענדער און וואלט ביי זיי קיין מאל ניט אפגענומען טולאן, ווען דער קריעגס מיניסטער זאל איהם ניט געוועז צו שיקען דעם מאיאר נאפאלעאן באנאפארטע.

קוים איז נאפאלעאן אנגעקומען, האט ער באלד דעם ערשטען טאג בעטראכט דיא לאגע פון דיא ענגלענדער און האט אויסגעפונען אן ארט, וואו מען קען אויף זיי שיסען און זיי ארויסטרייבען פון טולאן. ער איז געקומען צום גענעראל קארטאָ און האט איהם ערקלערט זיין פּלאן. דער גענעראל האט איהם ניט פערשטאנען און האט איהם ניט געוואלט פאָלגען. עס זיינען פערגאנגען עטליכע טעג, נאפּאָלעאָן איז געווארען בעליעבט ביי אלע אפיציערן און האט געוויזען, אז ער פארשטעהט פיעל מעהר פון גענעראל.

איין מאל איז ער ווידער געקומען און האט געבעטען און געוויינט פאר גע־נעראל קאַרטאָ, ער זאל איהם ערלויבען אויסצופיהרען זיין פּלאן. דער גענעראל האט איהם ניט געוואלט נאכגעבען און האט איהם אָפּגעזאָגט. נאפּאָלעאָן איז אוועקגע־גאנגען בייז און אויפגערעגט.

ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון׳ם גענעראל קארטאָ׳ס קווארטיר, האָט קארטאָ׳ס פרוי געזאגט צו איהר מאן:

— לאז דעם יונגען פעהיגען אָפּיציער טהאן, וואס ער וויל. ווען ער וועט בעזיע־גען דיא ענגלענדער, וועט מען דאך זאגען, אז דו האסט זיי בעזיעגט און דוא וועסט האבען דיא גאנצע עהרע.

קאַרטאָ האט געפאָלגט זיין פרוי. ער האט געהייסען צוריק רופען דעם אויפ־גערעגטען נאפּאָלעאָן און האט איהם געהייסען אויספיהרען זיין פּלאן.

דיעזער פּלאן אדער נאפּאָלעאָנ׳ס איינפאל, איז היינט בעקאנט יעדען, ווער עס לערענט פיזיק. אין יעדעס שול בוך איבער פיזיק ווערט ער ערקלערט און עס ווערט בעוויעזען, אז נאפּאָלעאָן האט אויסגעפונען א גאנץ געוועהנליכעס געזעץ אין דער נאטור. דאמאלס אבער, אין יענער צייט, האט דערפון נאך קיינער ניט געוואוסט. נאפּאָלעאָן איז געוועז דער ערשטער, וועלכער האט האט עס אויסגעפונען.

נאפּאָלעאָן האט באלד אנגעהויבען אויפצושטעלען באטארעען אויף אן ארט, אויף וועלכען קיינער האט זיך ניט אומגעקוקט. דיא ענגלענדער האבען געלאכט, ווען זיי האבען דערזעהן, ווען דיא נארישע פראנצויזען שטעלען אויף זייערע קאַנאָנען און האָבען זיי געלאָזען טאָהן, וואס זיי האבען געוואָלט. באַלד אבער האבען זיי זיך איבערצייגט, אז דיא פראנצויזען זיינען ניט נאריש און אז נאפּאָלעאָן האט געוואוסט וואס ער טוהט.

וויא דיא ענגלענדער האבען בערעכענט, קענען דיא קוילען, וועלכע דיא פראנ־צויזען האבען אויסגעשאָסען פון דעם ארט, וואו נאפּאָלעאָן האט אויפגעשטעלט זיינע באַטערעען, אויף קיין פאל ניט דערגרייכען דיא פעסטונג. וויא איבערראשט זיינען זיי יעצט געוועז, ווען זיי האָבען געזעהן, אז יעדע קוגעל טרעפט פונקט אין ציעל! יעצט האבען זיי שוין איינגעזעהן, וואס פאר א פעהלער זיי האבען געמאכט, וואס זיי האַ־

בען ניט אויפגעשטעלט קיין באטרעטען אויף דיזען אָרט. עס איז שוין אָבער געוועזען צו שפּעט.

עס האט זיך אנגעהויבען א בלוטיגע שלאַכט, וועלכע האט געדויערט א פּאָר מאנאטע, אבער נאפּאָלעאָן האט געזיעגט. ער האט געפאנגען גענומען דיא גאנצע ענגלישע ארמעע, וועלכע איז געשטאַנען אין טולאָן מיט זייער אָבערקאמאנדירענדען.

אין דער צייט פון דיזען קריעג האט נאפּאלעאן צום ערשטען מאל ארויסגעוויזען, ווער ער איז. ער האט געוויזען, אז ער איז א גרויסער מענשענקענער. פיעלע איינפאַכע סאָלדאטען, וועלכע האבען געדינט אונטער איהם, זיינען שפּעטער געוואָרען זיינע בעריהמטע גענערעלע און פעלדמאַרשאַלען, וועלכע האבען אפּגענומען א האלבע וועלט.

איך וויל נור דערצעהלען א פאקט פון יענער צייט.

איין מאל האט נאפּאָלעאָן געדאַרפט הייסען אָנשרייבען א בעפעהל. ער אליין איז געווען לייכט פערוואונדעט אין א האנד און האט ניט געקענט שרייבען. ער האט אויסגערופען: וועלכער סאָלדאַט קען שרייבען, זאל צו קומען צו מיר! — א יונגער סאָלדאַט איז באלר צוגעקומען און האט געזאגט, אז ער קען שרייבען. נאפּאָלעאָן האט זיך איהם געהייסען זעצען אויף א קאנאָנע און שרייבען. ווען ער האט שוין באלד געענדיגט זיין שרייבען, איז אָנגעלאָפען אן ענגלישע באָמבע, האט זיך פערגראבען אין דער ערד לעבען זיי און האט זיי ביידען באשאטען מיט זאמד און שטיינדלעך.

— דאס איז גוט האט געזאגט דער יונגער סאלדאַט. דיא ענגלענדער האבען אונז געטאהן א געפעליגקייט און האבען בעשאטען דאס געשריעבענע פּאפּיער מיט זאמד!

נאפּאָלעאָן איז אזוי געפעלען דיעזער וויץ און דיא אונערשראקענהייט פוּם יונגען סאלדאַט, אז ער האט באלד געשריעבען צום קריעגס מיניסטער, ער זאל איהם מאַכען פאר אפיציער. דיעזער יונגער סאלדאט איז שפּעטער געווארען דער בעריהמטער פעלדמאַרשאל זשונאָ, איינער פון דיא בעסטע פראנצויזישע גענעראלען.

אין דעם לעצטען טאג פון קריעג, ווען ער האט איינגענומען דעם פעסטונג טולאָן, איז נאפּאָלעאָן פערוואונדעט געווארען אין א פוס. מען האט איהם גענומען אין לאזארעט און דיא דאמאליגע דאָקטורים האבען אויסגעפונען, אז מען וועט מוזען איהם ענטוועדער אראָפּנעמען דיא פוס אדער עפּענען אן אָדער.

אין דיעזע צייט איז אַדעלע געקומען צו איהם. מיר האבען זיא איבערגעלאזען אין געפענגעניס. זיא איז אבער לאנג ניט געזעסען. נינאָן האט געטאהן אלעס מעגליכע אז מען זאל איהר באלד ארויסלאזען. ניגאן אבער האט ניט געוואלט, אז זיא זאל בלייבען אין פּאַריז מיט זשאן דעלאן. זיא האט איהר דאהער אנגערעדט, זיא זאל פאהרען צו נאפּאָלעאָן אין טולאָן. ערשטענס, איז זיא דארט זיכער פארן באראָן דעקאָשאן. צווייטענס, מוז זיא זיך ערקלערן מיט נאפּאָלעאן און איהם בעוויזען, אז זיא האט איהם ניט בעטראגען, אז זיא האט גאר יענעם בריעף מיט׳ן נאמען אלבערט ניט געשריבען.

ווען אדעלע איז געקומען קיין טולאן, איז זיא געוואהר געווארען, אז נאפּאלעאן

אין פערוואונדעטע און ליעגט אין לאזארעט. זיא איז באלד געלאפען צו איהם, איז געפאלען פאר זיין בעטעל און האט אנגעהויבען צו וויינען.— נאפאָלעאָן האט א שמייכעל געטאהן.

— עס איז גאר ניט, אזוי שלעכט, וויא דוא מיינסט, אדעלע. דער דאָקטער וויל ניט מעהר אלס מיר אראפּנעמען דעם קראנקען פוס אדער מיר אפּצאפּען א ביסעל בלוט. לאז ער פריהער אפּצאפּען א ביסעל בלוט. איך וועל נאך אזוי גיך ניט שטארבען.

און ער האט רעכט געהאט. מען האט איהם געלאזט צו דער אָדער און ער איז אין א קורצע צייט געזונד געווארען.

פון יענער צייט איז נאפּאָלעאָן בעקאנט געווארען אלס פעהיגער קריעגס העלד. דאס פראנצויזישע פאלק האט זיך געוויזען דאנקבאר געגען איהם און מען האט איהם באלד געמאכט פאר אבערסט (פּאָלקאָווניק) און מען האט איהם איבער געגעבען דיא בעפעסטיגונג און פערטהיידיגונג פון אלע פעסטונגעןביים מיטעללענדישען מעער. דער נאמען נאפּאָלעאָן האט אנגעהויבען צו ווערן בעריהמט. גענעראל קארטאָ האט מען נאך פריעהער צוריקגערופען און אויף זיין ארט האט מען געשיקט א פעהיגע גענעראל מיט'ן נאמען דיגאָמיע. ווען דיא פאלקס רעגירונג פון פאריז האט אראפּגעשיקט א קאָמיטעט איבערצונעמען טולאָן און צו בעלוינען דיא אפיציערן, וועלכע האבען געהאלפען עס איינעהמען, האט דער גענעראל דיגאָמיע געזאגט צום קאמיטע:

— בעלוינט דעם אָפיציער נאפּאָלעאָן באנאנאפּארטע און זעהט, אז ער זאל אוואנסירען, ווען איהר וועט עס ניט טהאן, וועט ער עס אליין טהאן.

אין דער גאנצער צייט פון זיין קראנקהייט איז אדעלע ניט אפּגעטראטען פון זיין געלעגער. זיא איז ארומגעגאנגען ארום איהם, וויא א מוטער ארום איהר קינד. זיא האט געהאט געלעגענהייט גענוג זיך מיט איהם צו ערקלערן. ער איז יעצט געוועזען פעליג איבערצייגט, אז זיא איז אונשולדיג. ער האט זעהר גוט פערשטאנען, ווער עס האט געשריעבען יענעם בריעף מיט'ן נאמען אלבערט. עס איז אבער פאר איהם ניט געוועזען יעצט דיא צייט צו דענקען אן פרויען ליעבע.

זיינע געדאנקען זיינען געוועזען בעשעפטיגט מיט עפּעס אנדערש. אין זיין קאפּ זיינען שוין געוועזען הונדערטע פּלאנען, וויא אפּצונעהמען דיא וועלט. ער האט דאהער ניט געקענט געבען אדעלען קיין האפנונג, אז ער וועט זיא הייראטאען.

אונטערדעסען איז אנאנדער פרוי געקומען קיין טולאָן. דאס איז געוועזען ביאַנקאַ. זיא האט אויך געהערט, אז נאפּאָלעאָן האט זיך אויסגעצייכענט אין קריעג און איז געקומען צו פליעהען צו איהם.— ער האט דאך איהר פערשפּראכען, אז ער וועט זיא הייראטהען.

ראַש, וויא יעדע איטאַליענערין, איז זיא גלייך ארייגעלאפּען אין לאזארעט, וואו נאפּאָלעאָן איז געלעגען קראנק און האט דערזעהען לעבען זיין בעט — אדעלע'ן. זיא איז געבליבען שטעהן, וויא פארשטיינערט. דאס האט אבער געדויערט נור אפּאָר מינוט. באלד איז זיא געקומען צו זיך און איז ארויסגעלאפּען פון לאזארעט. ניט נאפּאלעאָן, ניט אדעלע האבען זיא ניט געזעהן.

— איך מוז מיך רעכען אןביידען! האט זיא געזאגט צו זיך אליין. שטארבען זאלען זיי ביידע! איך זאל איהם ניט האבען, זיא אבער זאל איהם אויך ניט האבען!

זיא האט זיך געדונגען א קווארטיר אין טולאָן, און האט געשריבען צו איהר געטרייען דאקאסטא, ער זאל באלד קומען. אין איינינע טעג ארום איז ער געקומען. זיא האט איהם דערצעהלט, אז זיא האט גערעדט מיט נאפאלעאָן, ער זאל קומען קיין קארסיקא און ער האט איהר געענטפערט, אז קארסיקא געהערט צו פראנקרייך און מוז בלייבען אונטער פראנקרייך.

— טויט דעם פעררעטהער! האט זיא אויסגערופען. ער האט פעררעטהען זיין פאטער לאַנד, קארסיקא.— זיין געליעבטע האט דאס איהם אנגערעדט זיי מוזען ביידע שטארבען!

דאקאסטא האט צוואר פערשטאנען, אז ביאנקא וויל נאפאלעאָנס טויט ניט אויס ליעבע צום פאטערלאנד, זאנדערן אויס אנדערע אורזאכען. ער האט אבער ריכ־טיג בערעכענט, אז קוים וועט נאפאַלעאָן ניט לעבען, וועט ביאנקא ענדליך איהם הייראטהען. ער איז דאהער געווען איינפערשטאנדען מיט איהר צו טויטען נאפאַלעאָנען.

וויא אזוי זאל מען איהם טויטען? דאס איז געווען א פראגע. ביאנקא האט ניט לאַנג געטראכט. זיא איז געווען אן איטאליענערין, און האט געוואוסט, אז אין איטאליען געברויכט מען אין אזא פאל גיפט.

— גיפט! האט זיא אויסגערופען. זוך אויס שטארקען גיפט. יעדע ציגיינערין וועט דיר געבען אזא גיפט פאר עטליכע פראנקען.

עס אין ביי זיי געבליעבען צו פערגיפטען נאפאַלעאָן מיט אדלען. זא לאַנג אבער ער איז געלעגען אין לאזארעט, איז עס געווען אונמעגליך. דיא דאקטוירים זיינען געווען זעהר אויפמערקזאם און אדלע פלעגט אליין מאכען פאר איהם אלעס. מען האט געמוזט ווארטען, ביז ער וועט געזונד ווערן. ביאנקא אבער האט ניט געוואלט אזוי לאַנג ווארטען. זיא האט געזוכט אנדערע מיטעל, וויא זיך צו רעכען אן איהר פיינד. זיא האט אנגעשריעבען אין קאנווענט א בריעף אהן אן אונטערשריפט, אז נאַ־פאַלעאָן דענקט אפצונעהמען פראנקרייך און צו ווערן קעניג. זיא האט געבראכט אזוי פיעל בעווייזע, אז דער קאנווענט האט ווירקליך אנגעהויבען מורא צו האבען פארן יונגען, טאלאנטפאלען אפיציער און ער האט אראפגעשיקט אין טולאָן א קאמיסער, ער זאל אויף איהם אכטונג געבען.

דיעזער קאמיסער איז געווען מאקסימיליאן ראבעספיערס אינגערער ברודער אויגוסטין ראבעספיער. דיעזער יונגער מאן האט אנגעהויבען צו רעדען מיט נאפאַלע־אָנען און איהם אויסצופארשען איבער זיינע מיינונגען. ער האט איהם באלד אזוי ליעב געקריעגען און איז געווארען אזוי בעגייסטערט פון נאפאלעאנס טאלאנט און פון זיינע פעהיגקייטען, אז ער אליין האט געשריעבען אין קאנווענט, מען זאל איהם מא־כען פאר א גענעראל.

— ווען עס איז דא אויף דער וועלט א מענש, וועלכער איז אים שטאנד צו פערטהיידיגען פראנקרייך געגען זיינע פיינד, איז עס נאפאלעאָן באנאפארטע, האט ער געשריעבען צו זיין עלטערן ברודער מאקסימיליאן ראבעספיער.

ווען נאפּאָלעאָן איז געוואהר געווארען, אז עס איז דא א קלאגע געגען א
האט ער געבעטען זיין גענעראל ערלויבניס, ער זאל אליין פאהרען קיין פּאריז זיך
פערטהיידיגען. דער גענעראל האט איהם ניט געקענט אפזאגען אזא ביטע. נאפּאָלעאָן
איז געקומען קיין פּאריז. מען האט איהם ארעסטירט. דיא קלאגע איז געווען זעהר א
שווערע. מען האט איהם אבער באלד ארויסגעלאזען. ווען דער יונגער ראבעספּיער איז
געקומען צו איהם אין געפענגניס איהם מעלדען, אז ער איז פריי, האט ער איהם גע־
פונען זיצען איבער דער לאנדקארטע פון פראנקרייך און עסטרייך און מאכען א פּלאן,
וויא אזוי צו בעזיעגען עסטערייך, וועלכע איז דאמאלס געווען א גרויסע מאכט אין
אייראפּא.

דער יונגער ראבעספּיער און נאפּאָלעאָן זיינען יעצט געקומען פאַרן קאָנווענט.
אין אייניגע ווערטער האט נאפּאלעאן בעוויזען, אז דיא קלאגע געגען איהם איז פאלש.
דערביי האט ער פארגעשטעלט זיינע נייע פּלענער, אז אום צו בעזיעגען עסטעררייך
איז דער בעסטער וועג אנצופאלען אויף איטאליען, וועלכעס האט דאמאלס געהערט
צו עסטעררייך.

דער קאָנווענט האט אנגענומען אלעס, וואס ער האט געזאגט, האט איהם
געמאכט פאר גענעראל און האט איהם געגעבען אן ארמעע.

נאפּאָלעאָן איז דאמאָלס אלט געווען פיער און צוואנציג יאהר. זיין א גענעראל
און קאָמאַנדירען אן ארמעע צו פיער און צוואנציג יאהר, איז איינע פון דיא זעלטענ־
הייטען אין דער וועלט געשיכטע. מיר געפינען אזא ביישפּיעל נור ביי אלכסנדר מוקדן,
וועלכער האט קאָמאנדירט אן ארמעע, ווען ער איז אלט געווען נור צוואנציג יאָהר.—

18טעם קאפּיטעל.

אונרוהען אין פּאַריז.

מיר האבען זיך בעשעפטיגט מיט נאפּאָלעאָנען און מיט זיינע ערשטע זיעגע
און האבען דערווייל פערגעסען אן פּאַריז, דעם מיטעל פונקט פון דער פראנצויזישער
רעוואָלוציאָן.

מיר מוזען זיך אומקעהרען אביסעל צוריק. צום אנפאַנג פון׳ם יאהר 1793.

דאס טוידטען פון׳ם קעניג אויפ׳ן עשאפאָט האט אויפגערעגט דיא גאנצע
וועלט. ניט נור אין אויסלאנד האט מען געשריען: געוואלד! און אויפגעפאָדערט
אלעמען, מען זאל זיך רעכען אן דיא מענ׳שען, וואס האבען עס געטהאן, זאגאר אין
פראנקרייך אליין האבען פיעלע שטעדט אנגעהויבען צו שרייען, אז דיא פּאָלקס-רעגי־
ערונג איז א בלוט רעגיערונג. זאגאר אין דער פּאָלקס-פערזאמלונג האט זיך געבילדעט
א פּארטיע, וועלכע האט ארויסגעזעהן, אז מיט׳ן טוידט פון׳ם קעניג וועלען זיך ערשט
אנהויבען אונרוהען און בלוט פערגיעסונגען.

דיעזע פּארטיי האט געהייסען „דיא זשיראנדיסטען", ווייל אייניגע פון זיי זיינען
געווען פון א לאנד מיט׳ן נאמען זשיראנד. דאס זיינען געווען מענשען, וועלכע האבען
צוואר ליעב געהאט דיא פרייהייט, אבער א שטילע, רוהיגע פרייהייט, אהן בלוט פער־
גיעסען, אהן שרעקענס סצענען. דיא אנדערע פּארטיי געגען זיי זיינען געווען דיא יאַ־

יאקאָבינער מיט ראָבעספּיער אן דער שפּיצע. זיי האבען געוואלט ארויסרייסען מיט'ן ווארצעל אלעס אלטע. אין איינעם פון דיא פאריגע קאַפּיטלעך האבען מיר שוין בע־שריבען מאקסימיליאן ראָבעספּיער מיט זיינע אידעען.

צווישען דיעזעביידע פּארטייען האט זיך יעצט אנגעהויבען א שטרייט. פיעלע שטעדט אין פראנקרייך און זאגאר גאנצע פּראָווינצען האבען געהאלטען מיט דיא זשיראנדיסטען. בעזאנדערס שטארק האט זיך ארויסגעשטעלט פאר'ן קעניג און זיין פאמיליע דיא פּראָווינץ וואַנדעע. אלע איינוואוינער האבען זיך פערזאמעלט און האָבען געבילדעט אן ארמעע. זיי האבען געוואָלט געהן קיין פאריז, בעפרייען דיא קעניגליכע פאמיליע, מאכען דעם קראָנפּרינץ פאר קעניג מיט'ן נאמען לודוויג דער זיעבצעהנטער און דיא קעניגין מאריא אנטואנעטא זאל רעגירען, ביז ער וועט אלט ווערן אכצעהן יאָהר.

דיא פאָלקס רעגיערונג — דער קאָנווענט — מיט ראָבעספּיער און דאַנטאָן אן דער שפּיצע האבען ארויסגעשיקט געגען זיי אן ארמעע, וועלכער מען האט געגעבען א בעפעהל, אז זיא זאל קיינעם ניט שוינען און קיינעם ניט לאָזען לעבען.

— טוידט יעדען אריסטאָקראַטען און יעדען, ווער עס האלט פאר'ן קעניג!

יעצט ערשט האט זיך אנגעהויבען דיא שרעקענס צייט. קיינער איז ניט געווען זיכער מיט זיין לעבען. קיינער איז ניט געווען זיכער, אז מען זאל ניט קומען ביי נאכט, איהם ארויסשלעפּען פון'ם בעט און איהם פיהרען צום עשאַפאָט. ביידע פּארטייען האבען געקעמפפט איינער געגען אנדערן מיט אזא גרויזאמקייט און מיט אזא אונבארמ־הערציגקייט, אז עס האפט אן א שוידער, ווען מען לעזט דיא שרעקליכע סצענען פון יענער צייט.

דיא שטאָדט מארסעל, פון וואנען עס זיינען געקומען דיא ערשטע רעוואָלוציאָ־נערן קיין פאריז און האבען געזונגען דאס בעריהמטע ליעד, דיא מאַרסעליעזע, — דיעזעלבע שטאָדט מארסעל האט יעצט געטרעטען מיט דיא פיס דיא פאהנען פון דער רעפּובליק און אויף אלע דעכער האט געוועהט הויך אין דער לופט דיא פאהנען פון'ם קעניג.

דיא רעפּובליקאנער, אדער ריכטיגער געזאגט, דיא יאקאָבינער, האבען אבער געזיעגט. גענעראל קארטאָ האט איינגענומען מארסעל און האט ערלויבט זיינע סאָל־דאטען צו טהאן אין מארסעל, וואס זיי האבען געוואָלט. און דיא סאָלדאטען האָבען געטהאן, וואס זיי האבען געוואָלט. — זיי האבען אויפגעזעצט הונדערטער מענער, פרויען און קינדער אויף אלטע שיפען, האבען זיי ארויסגעפיהרט ווייט אין מעער און דאָרט האט מען דורכגעלעכערט דיא שיפען. דיא מאַטראָזען, וועלכע האבען געפיהרט דיא שיפען, זיינען אראָפּגעשפּרונגען אויף באַרקעס, אויף וועלכע דיא סאָלדאטען זיינען געזעסען, און האבען צוגעקוקט, וויא דיא שיפען מיט דיא מענשען געהן אונטער. ווען עס איז איינעם געלונגען ארויפצושפּרינגען פון'ם שיף און ער האט זיך געוואָלט רעטען דורך שווימען, האבען דיא סאָלדאטען אויף איהם געשאָסען. איז ער צוגעקר מען נעהנטער צו זיי, האט מען איהם געשלאָגען איבערן קאפּ מיט לאנגע דראנגעס.

מיינע לעזער זאלען ניט מיינען, אז דאס איז אויסגעטראַכט — דאס איז אלעס

וואהר. איך האב ניט בעשריעבען א צעהנטע טהייל פון דיא שוידערהאפטע סצענען, וואס זיינען פארגעקומען אין מארסעל.

אין דריי טאג איז דיא רייכע און שעהנע פארטשטאדט מארסעל געווען א הויפען שטיינער. עס איז שוין ניט געווען וועמען צו טוידטען; עס איז שוין ניט געווען, וואס צו רויבען. וואס מען האט ניט געקענט צערשטערן מיט דיא הענד, דאס האט מען צערשטערט דורך פייער. מען האט זאגאר געוואלט, אז דער נאמען מארסעל זאל פערשווינדען פון דער וועלט.

אין פאריז איז עס צוגעגאנגען ניט פיעל בעסער. דאס פאלק איז געווארען ווילד. עס האט געפאדערט: בלוט און בלוט! באלד האט מען אנגעהויבען צו פאר־דערן דעם טוידט פון דער קעניגין.

— זיא איז א פעררעטהערין! זיא איז אן עסטעררייכערין! זיא איז שולדיג אין אלע אונגליקען, וואס האט געטראפען פראנקרייך! — זיא מוז שטארבען! האט מען געשריען פון אלע זייטען.

דער קאנווענט האט געמוזט נאכגעבען. ער האט זיך דאביי געהאלטען אן דער זעלבער פאליטיק, וועלבע האט איהם געצוואונגען צו פערארורטהיילען דעם קעניג.

— זא לאנג דיא קעניגין לעבט, וועלען זיך נאך אלץ געפינען מענשען, וועלבע וועלען זיין בערייט זיא צו פערטהיידיגען. עס וועט שטענדיג זיין אונרוהען. קוים וועט זיא זיין טוידט, וועלען אלע מוזען זיך בייגען פאר דער רעפובליק.

עס האבען זיך אבער געפונען נאך אנדערע מענשען פון דיא יאקאבינער, וועל־בע זיינען געגאנגען נאך ווייטער. פאר זיי איז ניט געווען גענוג צו טוידטען דיא קעניגין אליין. מען מוז פערניכטען אלעמען, וועלבע האבען מיטלייד געהאט מיט איהר און וועלבע האבען סימפאטיזירט מיט דער קעניגליכער פאמיליע. מען מוז פערניכטען אלע זשיראנדיסטען, ווייל זיי אלע האבען מיטלייד געהאט מיטן קעניג און האבען ניט געוואלט, אז מען זאל איהם טוידטען.

דיא נאכט פון'ם 2טען יוני 1793 איז פאריז ווידער געווען אויפגערעגט, וויא אין דער נאכט פון'ם 10טען אויגוסט 1792, ווען דאס פאלק איז אנגעפאלען אויפ'ן קעניגליכען פאלאץ, דיא טוילעריעען. אלע גלאקען האבען ווידער געקלונגען. אין דיא גאסען האבען זיך פערזאמעלט מאסען מענשען בעוואפענט מיט ביקסען, שווערדען, שפיזען און מיט וואס איינער האט ניר געהאט. ראטעס סאלדאטען זיינען ארומגע־גאנגען אין דיא גאסען, זיינען אנגעפאלען אויף א הויז, וועלבעס זייער אפיציער האט זיי אנגעוויזען, האבען צובראכען דיא טהירען און האבען ארויסגעשלעפט דיא מענ־שען, אויף וועלבע זיי האבען אנגעוויזען. מען האט זיי באלד געבונדען און אוועקגע־פיהרט אין געפענגנים.

אין דיעזער שרעקענס נאכט האט זיך בעזאנדערס אויסגעצייכענט אונזער אלטער בעקאנטער, מארא. ער איז געווען א מיטגליעד פון'ם קאנווענט און האט געפאדערט, אז מען זאל פערניכטען אלעמען, וועלבע סימפאטיזירען מיט דער אלטער וועלט און מיט דיא אלטע פארמען פון דער רעגיערונג. ער האט אויפגעפאדערט, אז מען זאל טוידטען פיער און דרייסיג מיטגליעדער פון דער פאלקס־פערזאמלונג.

ווײל זײ זײנען ניט קײן געטרײע פּאַטריאָטען. ער האט אױסגעזוכט אױף זײ אנקלאגען. ער האט דאמאָלס אַרױסגעגעבען א צײטונג מיט׳ן נאמען L'Ami du peopia, דער „פּאָלקספרײנד”. אין דיעזער צײטונג האט ער זײ עפענטליך בעשולדיגט, אז זײ האבען זיך פערשװאָרען צו טױדטען אלע װאהרע פרײנד פוּ׳ם פּאָלק און װיעדער אײנזעצען אין פראנקרײך א קעניג.

ער האט אַרײנגעבראכט געגען דיא זשיראנדיסטען א קלאגע און ער איז ארום־געגאנגען מיט דיא סאָלדאטען אױסזוכען זײערע װאױנונגען און זײ ארעסטירען.

אין יענער שרעקענס נאכט האט מען ארעסטירט טױזענדער מענשען. מיט אלעמען האט מען געמאכט א קורצען פּראָצעס און מען האט זײ פעראורטהײלט צום טױדט. מיט דיא פיער און דרײסיג זשיראַנדיסטען אבער האט מען עס ניט גע־קענט מאכען אזױ לײכט. — זײ זײנען דאך דעפּוטאטען, פערטרעטער פוּ׳ם פּאָלק, מיטגליעדער פון דער פּאָלקס־רעגיערונג. צװישען זײ זײנען געװען בעריהמטע אדװאָ־קאַטען און גרױסע געלערנטע. געגען זײ האט מען געמוזט בערופען אן עפענטליכעס געריכט און פיהרען אן ארדענטליכען פּראָצעס.

דער פּראָצעס האט געדױערט זעהר לאנג. דיא זשיראנדיסטען האבען געװאוסט, װיא אזױ זיך צו פערטהײדיגען. זײ האבען געהאט פיעלע פרײנד און א גרױסע פּארטײ אין פּאָלק. װען מען האט זײ ענדליך פעראורטהײלט צום טױדט, האט אײנער פון זײ מיט׳ן נאָמען װערניאָ געזאָגט:

— בירגער און ריכטער! אונז האט מען פעראורטהײלט צום טױדט אין א צײט, װען דאס פּאָלק האט פערלאָרען דעם פערשטאנד. אײך װעט מען פעראורטהײלען צום טױדט, װען דאס פּאָלק װעט װיעדער קומען צום פערשטאנד.

דאס איז געװען אן ארט פּראָפעצײהונג — א נבואה — װעלכע איז אױך פּינקט־ליך מקוים געװאָרען. דערפון אבער װעלען מיר שפּעטער דערצעהלען. דערװײל האלטען מיר דערבײ װען מען האט זײ ארעסטירט.

דיא קעניגין מאַריא אנטואַנעטע און דיא פּרינצעסין עליזאבעטה זײנען געזעסען בײם פענכטער אין געפענגניס און האבען געהערט דעם ליארם און דיא געשרײען אין דיא גאסען. זײ האבען ערװארטעט יעדע מינוט, אז מען װעט באלד קומען, זײ פיהרען אױפ׳ן עשאפאָט. — דיעזע נאכט אבער איז פאר זײ פאראיבער רוהיג. ניט אױף זײ האט מען געציעלט אין דיעזע נאכט.

מאַראַ האט נאך פיעלע אנדערע מענשען געהײסען ארעסטירען און טױדטען. זײן נאמען איז געװאָרען דער שרעקענס נאָמען אין פראנקרײך. דעם גאנצען מאָנאט יוני האט מען נור געהערט פון ארעסטען און אָפּהאקען דיא קעפּ מיט דער גוליאָטינע. בײדע פּארטײען זײנען געװען בעשעפטיגט דערמיט אײנע דיא אנדערע צו פערניכטען.

אין יולי אבער איז פאָרגעקומען א פאל, װעלכער האט אױפגערעגט דיא יאקאָ־בינער און האט זײ אױפגערײצט צו נאך שרעקליכע מערדערײען. דיעזער פאל איז װירקליך אן זעלטענער אין דער װעלט געשיכטע.

אין א קלײן שטעדטעל ניט װײט פון מארסעל האט געלעבט אן ארימער בארא! מיט׳ן נאָמען קאָרדע. ער האט געהאט א מעדכען מיט׳ן נאָמען שארלאָטע. זיא פלעגט

לעזען צייטונגען און זעהן, וויאפיעל מענשען מארא האט געהייסען אומברענגען. דאָס האט אויף איהר אזוי געווירקט, אז זיא האט זיך ענטשלאָסען צו קומען קיין פאריז און בעפרייען דאס פראנצויזישע פאָלק פון אזא שרעקליכען און בלוטדורשטיגען מענ־שען, וויא מארא.

איינינע זאָגען, אז אויף מאראַ׳ס בעפעהל האט מען אפגעהאקט דעם קאָפּ איהר געליעבטען, אן אָפיציער אין פאריז. עס איז שווער צו זאגען בעשטימט, וואס פאר א אורזאכע עס האט זיא בעוואינגען, זיא זאָל עס טהאן. עס איז אבער זיכער, אז זיא איז אוועקגעפאהרען פון דער היים אהן וויסען פון איהרע עלטערן.

זיא איז געקומען קיין פאריז אנפאנגס יולי 1793. זיא איז באלד געגאנגען צו מאראַ׳ס קוואַרטיר און האט געבעטען, מען זאל זיא צולאזען צו איהם. זיא דארף מיט איהם עפּעס רעדען. עס איז אבער ניט געווען אזוי לייכט צו צוקומען צו מארא. עטליכע טעג נאך אנאנדער איז זיא יעדען טאג געגאנגען צו איהם און יעדען טאָג האט מען איהר געזאגט, אז ער האט קיין צייט ניט. זיא זאָל קומען מאָרגען.

שאַרלאָטע קאָרדע האט זיך ניט געלאזט אפשרעקען. זיא איז געקומען יעדען טאָג, האט געבעטען און געוויינט, ביז מארא האט איינגעווילינט, ער זאָל זיא אויפ־נעהמען. — דאס איז געווען דעם 13טען יולי.

זיא האט זיך אנגעטהאן אין א וויס זיידען קלייד, האט זיך פערפוצט און פערקעמט, וויא צו דער חופה און איז געקומען פונקט אין דער צייט, וואס ער האט געהייסען. — מארא האט אונטערדעסען פערגעסען, אז ער האט געהייסען א פרוי קומען צו איהם אין א געוויסע שטונדע און האט זיך גראדע אין יענער צייט געהייסען מאכען א וואנע. ווען מען האט איהם געמעלדעט, אז שארלאטע קארדע איז געקומען צו איהם, איז ער שוין געזעסען אין וואנע. זיין גאנצער קערפּער איז געווען אין וואסער. אויף דער וואנע איז געלעגען א ברעט, אויף וועלכע עס זיינען געווען אנגעלעגט בריעף פּאפּיערען און צייטונגען. דער ביי איז געשטאנען א טינט און פעדער. מארא האט געלעזען דיא פּאפּיערען און האט איינינע אונטערשריעבען.

— זיא מעג אריינקומען, האט ער געזאגט צום דינער, וועלכער האט איהם געמעלדעט, אז שארלאטע קארדע איז געקומען.

שארלאטע קארדע איז אריינגעקומען רוהיג און ענטשלאסען מיט א שמייכעל אויף איהר שעהנעם געזיכט.

— וואס פערלאנגסט דוא פון מיר, בירגערין קארדע? האט מארא געפרעגט.

— איך וויל דיר איבערגעבען א פערצייכניס פון מענשען, וועלכע זיינען געגען דיא רעפּובליק, האט דאס יונגע מעדכען געענטפערט און האט איהם דערלאנגט א בויגען פּאפּיער, אויף וועלכען עס זיינען געשטאנען פיעל נעמען פון מענשען, וועלכע זיינען שוין לאנג געשטארבען.

מארא האט צוגענומען דאס פּאפּיער, האט עס דורכגעלעזען און האט געזאגט:

— גוט! מארגען וועלען זייערע קעפּ פאלען אונטערן מעסער פון דער גוליאטינע.

— איך האב זיך פערגעסען אנצושרייבען נאך א פּאר, האט שארלאטע קארדע געזאגט.

— זאג מיר, בירגערין, איך וועל זיי אנשרייבען.

זיא האט איהם געזאגט אפאר נעמען. ער האט גענומען דיא פעדער און האט געוואלט אנשרייבען. זיין ברוסט האט זיך אביסעל אויפגעהייבען פון וואסער. אין דיעזער מינוט האט שארלאטע קארדעע ארויסגעכאפט א לאנגען, שארפען מעסער, וועלכען זיא האט געהאלטען אונטערן מענטעלע, און האט איהם אריינגעשטאכען אין דער ברוסט. זיא איז דער ביי געבליעבען אזוי רוהיג, אז זיא האט אויסגעדרעהט דאס מעסער אין זיין ברוסט, האט עס ארויסגענומען און האט עס א ווארף געטהאן אויף דער ערד.

— רעטעט! איז געווען דאס איינציגע ווארט, וואס מארא האט געקענט ארויסזאגען.

ער איז צוריקגעפאלען אין דער וואנע — טויט. זיין געשריי אבער האט דער־הערט אן אלטע דינערין, וועלכע איז גראדע געשטאנען ביי דער טהיר. זיא איז באלד אריינגעלאפען און האט געמאכט א גוואלד. עס זיינען זיך צונויפגעלאפען מענשען. עס איז געווארען א געשריי, א גוואלד.

— ווער האט עס געטהאן? האט מען געשריען פון אלע זייטען,

— איך האב עס געטהאן! האט שארלאטע קארדעע געענטפערט רוהיג.

מען איז אויף איהר ארויפגעפאלען און מען האט זיא געוואלט צורייסען אויף שטיקער. דאס פאלק האט געפאדערט, אז מען זאל זיא ארויסגעבען, זיי זאלען זיך מיט איהר אפרעכענען. דיא סאלדאטען האבען זיא געמוזט שיצען געגען דאס פאלק.

— נארישע, פערפיהרטע מענשען! האט זיי געזאגט שאלאטע קארדעע. — איהר ווילט מיך טויטען? איהר וואלט דאך געדארפט מיר אויפשטעלען א מאנומענט דער־פאר, וואס איך האב אייך בעפרייט פון אזא ווילדע חיה.

ווען דער קאנווענט האט דערהערט, וויא אזוי מען האט געטויטעט מארא, האבען זיך אלע דערשראקען. יעדער האט אנגעהויבען צו ציטערן פאר זיין לעבען. מען האט געמיינט, אז שארלאטע קארדעע האט ארום זיך א גאנצע באנדע מענשען, וועלכע האבען זיך פערשווארען צו טייטען אלע מיטגלידער פון'ם קאנווענט. דיא גאנצע פאלקס־רעגיערונג האט זיך באלד פערזאמעלט און מען האט געהייסען ברענ־נען שארלאטע קארדעע.

מען האט זיא באלד געבראכט. זיא איז געווען געשמידט אין קייטען פון קאפ ביז דיא פיס, אז זיא איז קוים געגאנגען. מען האט זיא אנגעהויבען צו פרעגען, פאר וואס זיא האט עס געטהאן און אויב זיא האט ניט קיינע מיטפערשווארענע. שאר־לאטע קארדעע האט געענטפערט רוהיג און געלאסען, גלייך וויא זיא וואלט געווען ביי זיך אין דער היים.

— קיינער האט מיך ניט אנגערעדט, קיינער האט עס מיר ניט געהייסען. איך האב געזעהן, וויא דיא בעסטע און עדעלסטע מענשען ווערן געטייטעט גאר אומזיסט, נור ווייל א טיראן מארא וויל אזוי, און איך האב מיך ענטשלאסען צו בעפרייען מיין אונגליקליכעס פאטערלאנד פון אזא ווילדע חיה.

דאס איז געווען איהר פערטהיידיגונג. מעהר האט זי ניט געענטפערט. מען האט

זיא פערורטהיילט צום טויט. מען וואלט זיא באלד געוועהן געטייטעט, מען האט אבער אלץ געדעבענט, אז זיא וועט נאך עפּעס אויסזאגען. מען האט פּראבירט אלע מעגליכע מיטעל זיא צו צווינגען, זיא זאל אויסזאגען, ווער עס האט זיא געשיקט און ווער איהרע קאמעראדען זיינען.— אלעס איז אבער געוועהן אומזיסט.

דעם 17טען יולי פארנאכט האט מען זיא ארויפגעפיהרט אויפען עשאפאט. זיא איז געגאנגען רוהיג, און מיט א פעסטען שריט. מיט א פעסטען רוהיגען בליק האט זיא אקוק געטהאן אויף דער מאסע מענשען ארום דעם עשאפאט. אין אפּאר מינוטען ארום איז איהר קאפּ געלעגען אין קארב מיט זעגעכץ.

דער פאל פון שארלאטע קארדעע האט געמאכט א טיפען איינדרוק אויף דיא פאלקס-רעגיערונג, בעזאנדערס אויף דיא מיטגליעדער פון'ם קאנווענט. זיי זיינען געוועהן פעסט איבערציינגט, אז שארלאטע קארדעע האט ווער געשיקט און אז עס איז געוויס דא א פערשווערונג געגען זיי. מען מוז אלזא פערניכטען אלע פערשווארענע. אזוי וויא מען קען זיי אבער ניט, מיז מען פערניכטען אלעמען, וואס האבען זיך אמאל אנגעהערט מיט דער קעניגליכען פאמיליע.

דיא ערשטע זאך, וואס דער קאנווענט האט דאן געטהאן, איז געוועהן, וואס ער האט צו גענומען ביי דער קעניגין איהר איינציגען זוהן, דעם קראנפּרינץ, און מען האט איהם איבערגענעבען צו סאנטער, דעם קאמאנדיר פון דער נאציאָנאל גווארדיע, ער זאל איהם ערציעהן. סאנטער אבער האט קיין צייט ניט געהאט זיך מיט איהם צו בעשעפטיגען און האט איהם איבערגעגעבען צו א שוסטער מיט'ן נאמען סימאָן. דיעזער שוסטער האט געהייסען דעם קראנפּרינץ טהאן אלע שווערע ארבייטען און פלעגט איהם שלאגען, ווען ער האט ניט געטהאן, וויא ער האט געוואלט.

נעגען דער קעניגין און איהר שוועגערין, עליזאבעטהע, האט מען געמאכט אנקלאגען און מען האט זיי געשטעלט פאר א קריעגס-געריכט. איינינע בעשולדיגונגען זיינען געוועהן אזוי קינדיש און אזוי לעבערליך, אז דיא קעניגין האט זאגאר ניט געוואלט ענטפערן, ווען מען האט זיא געפרעגט. פאר וואס זיא האט עס געטהאן.

מאריא אנטואנעטע האט זיך דיא גאנצע צייט פון איהר פּראצעס פערהאלטען אלס קעניגין. זיא האט געענטפערט נור אויף דיא פראגען, וועלכע זיא האט געפונען פאר פּאסענד צו ענטפערן.

מען האט זיא פערורטהיילט צום טויט. שוין דעם אנדערן טאג, דעם 16טען אקטאבער 1793, זיינען געקומען זשאנדארען זיא פיהרען אויפ'ן עשאפּאט. מען האט איהר ניט ערלויבט צו זעהן איהרע קינדער אדער איינעם פון איהר פאמיליע. זייט מען האט געטייטעט דעם קעניג, פלעגט זיא געהן אנגעטאהן אין שווארצע קליידער, קוים אבער האט מען איהר געמעלדעט, אז מען פיהרט איהר צום עשאפּאט, האט זיא זיך אנגעטאהן אין ווייסען, גלייך וויא עס וואלט געוועהן ביי איהר א פייער טאג. ווען מען האט זיא ארויסגעפיהרט אויף דער גאס, האט דאס פאלק געשריען:

— מאכט פלאץ! מען פיהרט צום עשאפאט לודוויג קאפעט'ס וויטווע!

זיא איז ארויפגעגאנגען אויפ'ן עשאפאט, איז געפאלען אויף דיא קניע און האט

געזאגט א קורצעס געבעט. דא האט זיא זיך געווענדעט צום הענקער (תליון) און האט איהם געזאגט:

— ביטע, מאכט עס שנעל!

און דער הענקער האט עס געמאכט שנעל. אין א פאר מינוטען ארום האט ער אנגענומען איהר קאפ ביי דיא האר און האט געוויזען דעם פאלק, אז ער האט געטהאן וואס מען האט איהם געהייסען.

— עס לעבע דיא רעפובליק! האט געשריען דאס פאלק.

העכער פון אלעמען האט געשריען דער בירגער דע קאשאן.

מיט'ן טויט פון דער קעניגין האט זיך דיא שרעקענעס צייט אנגעהויבען. ערשט יעצט האט מען אנגעהויבען צו פעראורטהיילע יעדען, ווער עס האט נאר א מאל גע־זאגט א גוט ווארט פארן קעניג. נאך דער קעניגין האט מען פעראורטהיילט דיא פרינצעסען עליזאבעטה, דאן דעם פרינץ פיליפ פון ארלעאנס, דעמזעלבען וועלכער האט געגעבען זיין שטימע, אז דער קעניג האט פארדינט דעם טויט. ער האט צוואר שטענדיג געשימפפט אויפ'ן קעניג מיט דער קעניגליכען פאמיליע און איז געווען א מיטגליעד פון'ם יאקאבינער קלוב. דאס אלס האט איהם אבער ניט געהאלפען. ער איז געווען א פרינץ און האט געמוזט שטארבען.

מען האט פעראורטהיילט צום טויט א בעריהמטע פרוי אין יענער צייט, מאַ־דאם ראלאן. זיא איז געווען א בעריהמטע שריפטשטעלערין און האט געשפיעלט א גרויסע ראלע אין דער פראנצייזישער רעוואלוציאן. זיא איז געווען א קלוגע און געלערנטע פרוי, וועלכע אלע האבען געשעצט און געאכטעט. דיא זשיראנדיסטען פלעגען זיך מיט איהר שטענדיג בעראטהען און פלעגען פאלגען איהר ראטה.

זיא איז געשטארבען, וויא א העלדין. עס איז ווערטה צו בעשרייבען איהר טויט אום צו ווייזען, וואס פאר א קראפט און וואס פאר מוטה א פרוי קען צייגען אין אזא שרעקליכע מינוט. מען האט ארויפגעפיהרט אויפן עשאפאט זיא מיט נאך איינעם, א מאן. אין יענער שרעקענס צייט, ווען מען פלעגט ארויפפיהרען צוויי מענשען אויפ'ן עשאפאט, פלעגט יעדער פון זיי וועלען פריהער שטארבען: ער זאל ניט זעהן, וויא דער קאפ פון זיין קאמעראד פאלט אראפ און דאס בלוט שפריצט. ווען עס פלעגט פארקומען אמאן מיט א פרוי, פלעגט דער העפליכער פראנצויז נעהמען פריהער דיא פרוי. זיא זאל ווענינגסטענס ניט זעהן דיא שרעקליכע סצענע.

ווען מען האט ארויפגעפיהרט מאדאם ראלאנד מיט איהר אונגליקס קאמעראדען, האט זיא בעמערקט, אז ער ציטערט און איז בלייך. דער הענקער האט געוואלט נעה־מען פריהער זיא צו דער גוליאטינע.

— נעהמט פריהער מיין קאמעראד, האט זיא געבעטען.

דער הענקער האט עס ניט געוואלט. עס איז געגען דיא העפליכקייט.

— קענט איהר דען אפזאגען דיא ביטע פון א פרוי פארן טויט? האט זיא איהם געפרעגט פריינדליך.

דער הענקער האט איהר געמוזט צוליעבטהאן. איהר קאמעראד, א מאן, וועל־

בער איז מיט איהר ניט געווען בעקאנט, האט איהר געדאנקט און האט מוטהיג אנידערגעלייגט דעם קאפּ אונטערן האק.

דאס בלוט פערגיעסען איז געווארען אזוי שרעקליך, אז דיא יאקאבינער אליין האבען איינגעזעהן, אז עס איז צו פיעל און האבען עס געוואלט איינהאלטען. דער בעריהמטער אדוואקאט קאמיל דעמולען, וועלכען מיר האבען געזעהן אין דיא ערסטע קאפּיטלעך, וויא ער האט אפּגעריסען דעם בלאט פון א בוים און האט איהם אנגעש־טעקט אין זיין הוט אלס צייכען פון האפנונג, דער זעלבער קאמיל דעמולען האט אנ־געהויבען צו שרייען געוואלד נעגען דיזעס שרעקליכע, אונמענשליכע מארדען און טייטען. מען האט איהם דאפאר ארעסטירט. ראבעספּיער אליין האט צוואר געהייסען איהם ארויסלאזען. ליידער, איז עס געווען אונמעגליך. דאס פאלק האט געפאדערט בלוט. דיא ריכטער האבען געוואוסט נור איין אורטהייל — דעם טויט. ער האט איהם ניט געקענט רעטען.

קאמיל דע־מולענ'ס קאפּ איז געפאלען אונטער דער גוליאטינע.

קאמיל דע־מולענ'ס פרוי איז געווען א בעריהמטע שעהנהייט. מען האט זיא גערופען דיא שעהנע לוסילע. זא לאנג עס האט געדויערט דער פּראצעס פון איהר מאן, איז זיא ארומגעלאפען צו דיא ריכטער, האט געבעטען און געוויינט, אז מען זאל איהם בעפרייען. ווען מען האט איהם פעראורטהיילט און מען האט איהם גע־טייטעט, האט זיא אנגעהויבען צו בעטען, מען זאל זיא אויך פעראורטהיילען צום טויט. קיינער אבער האט זיא ניט געוואלט פערקלאגען. קיינער האט זיא ניט געוואלט בעשולדיגען.

ווען זיא האט געזעהן, אז מען וויל זיא ניט פערקלאגען, איז זיא צוגעקומען צום עשאפאט, אויף וועלכען איהר מאן איז געשטארבען און האט זיך געשטעלט שרייען:

— עס לעבע דער קעניג!

יעצט האט מען זיא שוין ארעסטירט און אין איינינע טעג ארום איז זיא געש־טארבען אויפן זעלבען עשאפאט, וואו איהר געליעבטער מאן איז געשטארבען.

— אבער געגוג שרעקענס סצענען! וועט געווים אויסרופען דער לעזער און ער האט רעכט. עס איז שוין געגונ!

דאס פראנצויזישע פאלק איז ווירקליך שוין מיעד געווארען צו זעהן און צו הערן דיזע שוידער סצענען. דער קאנווענט אליין איז אויך שוין מיעד געוואָרען צו מארדען און צו טוידטען. ער האט שוין געמוזט אויסזוכען עפּעס אנדערש, מיט וואס צו בעווייזען, אז עס האט זיך אנגעהויבען א נייע צייט, א צייט פון פרייהייט און גלייכהייט.

ער האט זיך יעצט גענומען צו דער רעליגיאָן. ער האט געהייסען פערשליעסען אלע קירכען, אדער מאכען פון זיי קאזארמעס און טהעאטערע. אנשטאט דער קאַ־טוילישען רעליגיאָן, האט ער איינגעפיהרט א נייע רעליגיאָן — דיא רעליגיאָן פון'ם פערשטאנד. מען האט אפּגעשאפט אלע ימים טובים. מען האט געענדערט דיא נעמען פון דיא טעג און פון דיא מאנאטע. מען האט אויפגעהערט צו שרייבען 1793,

זאנדערן 1, דאס הייסט, דאס ערשטע יאהר פון דער פראנצויזישען רעפובליק. 1793 הייסט, טויזענד זיבענהונדערט דריי און נייצניג יאהר זייט יעזוס קריסטוס איז געבאָרען געוואָרען. אזוי וויא דער קאנוועגט האט ניט געוואלט וויסען פון קיין יעזוס קריסטוס און פון קיין אנדער גאט, האט ער אפגעשאפט דיעזע רעכנונג.

יעדער מאנאט האט געהאט דרייסיג טאג, צוועלף מאנאטע מאכען אויס דריי הונדערט און זעכציג טאג, אזוי וויא דאס יאהר האט דריי הונדערט פינף און זעכציג טאג, האט מען דיא איבעריגע פינף טאג געמאכט פאר ימים טובים, פאלקס פייער טעג.

דיא נעמען פון דיא מאנאטע זיינען אויך געווען זייער קלוג און וויציג. דער מאנאט אפריל האט געהייסען פלאָרעאל, ווען אלעס בליהט. דער מאנאט יאנואר האט געהייסען ניוואָז, דער שנעע מאנאט; פעברואר האט געהייסען פלו-וויאָז, דער רעגען מאנאט; מערץ — ווענטאָז, דער ווינד מאנאט.

מען האט אנגעהויבען צו מאכען פייערטאגע און געבען עפענטליכע פארשטע-לונגען פארן פאלק. מען האט געזוכט צו פערבלענדען דאס פאלק, עס איז שוין אבער געווען צו שפעט. עס זיינען נאך געווען זעהר פיעל מענשען, וועלכע זיינען געווען שטי-לערהייט געטרייע אנהענגער פון׳ם קעניג. זיי האבען געוואלט בענוצען דיעזע צייט צו מאכען א נעגען רעוואלוציאן. זיי האבען מורא געהאט, אז דאס שרעקליכע בלוט פערגיסונג זאל זיך ניט אנהויבען איבער נייס.

עס האבען זיך געבילדעט געהיימע געזעלשאפטען מיט דעם צוועק צו ארעסטי-רען ראבעספיער און אלע מיטגליעדער פון קאנוועגט. דעם 8טען אויגוסט 1793, איז דער קאנוועגט געזעסען פערזאמעלט און האט זיך בעראטהען, וואו צו נעהמען געלד פאר דער ארמעע.

ווען דיא בעראטהונג האט זיך געענדיגט, האט ראבעספיער פארגעלעגט א בעפעהל, אז מען זאל ארעסטירען א געוויסע צאהל מענשען, ווייל זיי זיינען דיא פיינד פון׳ם פאלק. ער האט ערקלערט, אז ער ווייס פון א פערשווערונג געגען דער רעגיערונג און דיעזע מענשען שטעהן אן דער שפיצע פון דער פערשווערונג. דער קאנוועגט האט אלעס איינגעוויליגט און דיא מיטגליעדער האבען אנגעהויבען זיך אונטערצושרייבען אונטערן האפט בעפעהל איינער נאכ׳ן אנדערן. ווען ראבעספיער האט גענומען דיא פעדער און האט אנגעהויבען אונטערצושרייבען זיין נאמען, האט געקנאקט א שאס — א קוגעל האט איהם געטראפען אין דער באק.

דיעזער בעפעהל געפינט זיך נאך היינט אין פאלקס מוזעאום אין פאריז. דיא נעמען פון דיא מיטגליעדער פון׳ם קאנוועגט שטעהן אלע אונטערשריעבען. אויף דעם ארט, וואו ראבעספיער האט זיך געדארפט אונטערשרייבען, איז דא א רויטער פלעק פון זיין בלוט.

דיא טהירען פון׳ם זאל האבען זיך געעפענט און א מעננע מענשען בעוואפענט מיט ביקסען און פיקעס זיינען אריין אין זאל מיט א געשריי:

— ניעדער מיט אזא רעגיערונג! איהר האט אונז געבראכט נור אונגליק! פראנקרייך איז ארומגערינגעלט פון פיינד פון אלע זייטען. אין לאנד ליידעט דאס פאלק הונגער און דיא רעגיערונג טראכט נור צו טויטען אלס מעהר מענשען.

איינער פון ראבעספיער'ס פריינד איז אריינגעלאפען אין אנאנדער צימער און האט זיך דערשאסען. ער האט געוואוסט, וואס עס הייסט אריינפאלען אין דיא הענד פון דער ווילדער מענגע. ראביעספער'ס אינגערער ברודער איז ארויסגעשפרונגען פון א פענסטער. ער איז געפאלען אויפ'ן פלאסטער און האט זיך צובראכעןביידע הענד און עטליכע ריפען. דיא אנדערע פריינד ראבעספיער'ס האט מען פער־וואונדעט. מען האט זיי אלע ארויפגעווארפען אויף איינפאכע וועגען, וויא דיא שעפ־סען, און מען האט זיי אוועקגעשלעפט אויפ'ן עשאפאט.

דערמיט האט זיך געענדיגט דיא שרעקליכע הערשאפט פון ראבעספיער.

19טעם קאפיטעל.

אונרוהען אין פראנקרייך.

מיט ראבעספיערס טויט האבען זיך דיא אונרוהען אין פראנקרייך ניט געענ־דיגט. ערשט יעצט האבען זיך אנגעהויבען נייע פערהאפטונגען און נייע בלוטיגע אור־טהיילע. מען האט אנגעהויבען צו ארעסטירען ראבעספיערס פריינד און בעקאנטע. אויך נאפאלעאן באנאפארטע האט מען דאמאלס ארעסטירט. אלע האבען געוואוסט, אז ער איז דער בעסטער פריינד פו'ם אינגערן ראבעספיער. מען האט איהם געשטעלט פאר א קריעגסגעריכט. נאפאלעאן האט זיך פערטהיידיגט, וויא א גרויסער אדוואַ־קאט. זיינע ריכטער האבען ניט געוואגט איהם צו פעראורטהיילען. זיי האבען געוואוסט, אז ער איז דאך דער פעהיגסטער גענעראל אין פראנקרייך.

מען האט איהם פריי געלאזען, מען האט אבער איהם קיין שטעלע ניט געגע־בען אין דער ארמעע. ער איז געבליעבען אין פאריז און האט געליטען הונגער און נויט. עס געפינט זיך פון איהם א בריעף פון יענער צייט, וועלכען ער האט געשריעבען צו זיין פריינד טאלמא, א בעריהמטען אקטער. אין דיעזען בריעף בעט ער, אז טאלמא זאל איהם לייען א פאר הונדערט פראנק.

ער האט צוואר זיין צייט ניט פערלארען אומזיסט. ער האט שטודירט און גע־לערנט, וויא דיא גרעסטע העלדען פון דער וועלט האבען געפיהרט קריעג, מיט א לעדיגען מאגען אבער איז ניט אזוי לייכט צו לערנען. עס איז געקומען אזוי וויים, אז נאפאלעאן איז געוועזען בערייט אוועקצופאהרען אין דער טירקיי און איינטרעטען אלס אפיציער ביים טערקישען סולטאן.

— וואס וועט איהר זאגען, האט ער א מאל געפרעגט זיינע פריינד, ווען א פראנצייזישער אפיציער זאל פלוצלונג ווערן א קעניג פון ירושלים?

ער האט שוין געפיהלט אין זיך, אז ער איז געבארען צו עטוואס גראסעס און ער מוז א מאל ווערן א הערשער פון א לאנד. וואלטען זיך דיא צייטען ניט געענדערט אין פאריז, וואלט ער געוויס געוועזען אריינגעטרעטען ערגעץ צו א פרעמדען קייסער און אייראפא וואלט יעצט געהאט אנאנדער לאנדקארטע. אין פראנקרייך זיינען אבער פארגעקומען זאכען, וועלכע האבען איהם געגעבען האפנונג, אז ער וועט דאך א מאל דערגרייכען זיין ציעל אין פראנקרייך.

דער קריעג מיט עסטערייך, פרייסען און ענגלאנד פון דרויסען און דיא אונרו־

העז און בלוט פערגיסונגען אין לאנד האבען געטראגען זייערע ביטערע פריכטע. דער האנדעל האט אויפגעהערט. דיא בויערן האבען מורא געהאט צו בעארבייטען זייערע פעלדער. זיי זיינען ניט געווען זיכער, אז מארגען זאלען ניט אנקומען סאלדאטען און זאלען ביי זיי צוגעהמען אלעס, וואס זיי האבען.—עס איז געווארען א הונגער. דיא רעגיערונג האט ניט געהאט קיין געלד צו בעצאהלען דיא סאלדאטען זייער געהאלט און איז געווען געצוואונגען ארויסצוגעבען פאפיער געלד, אסיגנאציעס, מיט א צוואנג קורס. מען מוז זיי אננעהמען. דיא קויפלייטע האבען בעסער בעהאלטען זייערע וואארע, איידער זיי צו פערקויפען פאר פאפיער געלד, וועלכעס האט גאר קיין ווערטה ניט געהאט.

עס איז געקומען אזוי ווייט, אז פאר א פונט פלייש האט מען געגעבען א פונט פאפיער געלד און דער בוטשער האט נאך ניט געוואלט נעהמען. מען האט אנגעהויבען צו עסען פערד פלייש, פלייש פון הינט, קעץ, מייז און אלעס, מיט וואס מען האט נור געקענט אנפילען דעם בויך.

דיעזער הונגער און דיא זיעגע פון דער עסטערריכישע ארמעע אין יענער צייט האבען נאפאלעאָנען געמאַכט צום קייזער פון א האלבע וועלט.

א געוויסער געשיכטע שרייבער האט געזאגט: „נאפאלעאן האט געפונען זיך וואלגערן אויף דער ערד דיא קרוין פון פראנקרייך און האט זיא אויפגעהויבען מיט דעם שפיץ פון זיין שווערט".

דער הונגער איז געווארען אזוי גרויס, אז א גרויסע מענגע הונגעריגע און אויסגעדארטע פאריזער ארבייטער זיינען אנגעפאלען אויף דעם פאלאץ, וואו דער קאנווענט—דיא פאלקסרעגיערונג—איז געווען פערזאמעלט און האבען געשריען:

— ברויט! גיט אונז ברויט!

דיא מיטגליעדער פון'ם קאנווענט האבען זיך דערשראקען. זיי האבען ניט פערגעסען, אז ראבעספיער מיט זיינע פריינד זיינען געפאלען פון אזא מענגע. זיי האבען ניט געוואוסט וואס צו טהאן און וויא אזוי איינצוהאלטען דאס פאלק.

— עס איז דא נור איין מענש, וועלכער קען אונז רעטען — דאס איז נאפאלעאן באנאפארטע! האט ענדליך אויסגערופען איינער פון דיא מיטגליעדער פון'ם קאנווענט.

מען האט באלד געשיקט רופען נאפאלעאנען און מען האט איהם צוריק אפגעגעבען אלע זיינע טיטולען, אויסערדעם האט מען איהם געמאכט פאר אבערקאמאנדירענדען איבער דיא פראנצויזישע ארמעע, וועלכע איז געשטאנען אין איטאליען.

נאפאלעאן האט ליעב געהאט צו טהאן אלעס שנעל. אין איינינע מינוטען איז זיין פלאן געווען פערטיג. פון דער נאציא: אלער גווארדיע האט ער ניט פיעל געקענט האפען, ווייל זיא אליין האט זיך פעראייניגט מיט'ן פאלק און האט געדראהעט אונטערצוצינדען פאריז און צו רויבען, וואס זיי וועלען געפינען. ער האט זיך דערמאנט אז הינטער פאריז שטעהן איינינע רעגימענטער סאלדאטען, וועלכע קאנען איהם פון טולאן. ער האט געהייסען, אז מען זאל באלד שיקען א בעפעהל צו דיעזע רעגימענטער, אז זיי זאלען באלד קומען קיין פאריז און אויספיהרען אלע בעפעהלע, וואס נאפאלעאן וועט זיי געבען.

דער נאמען נאפאלעאן האט געווירקט. קוים האבען דיא סאלדאטען דערהערט, אז נאפאלעאן איז זייער קאמאנדיר, זיינען זיי באלד געקומען קיין פאריז. נאפאלעאן האט זיך געשטעלט אן זייער שפיצע און אין איינינע מינוטען האט ער צוטריעבען דיא מאסע. איבער נאכט איז געווארען פאריז רוהיג און שטיל. ער איז א גאנצע נאכט ארומגעריטען אין שטאדט, האט געצוואונגען דיא קויפלייטע פון מעהל און ברויט, זיי זאלען עפענען זייערע מאגאזינען און זאלען געבען ברויט און מעהל יעדען. די רעגירונג וועט זיי בעצאהלען.

דעם אנדערן טאג איז פאריז געווען פרעהליך און רוהיג. מען האט פערגעסען דיא עטליכע, וועלכע זיינען נעבעטען געפאלען אין קאמפף מיט נאפאלענס סאלדאטען. — הונדערט מענשען זיינען נפאלען אין קאמפף — דאס פאלק אבער איז צופריעדען געווען, וואס אין שטאדט האט ווידער געהעררשט ארדנונג און עס איז געווען וואס צו עסען. מען האט געשריעען אין דיא גאסען, אז נאפאלעאן האט גערעטעט דאס פאטערלאנד. מען האט איהם איבערגעגעבען דיא גאנצע מאכט אין דיא הענד. מען האט איהם געבעטען, ער זאל ארגאניזירען א נייע נאציאנאל גווארדיע, ער זאל בילדען נייע ארמעען און זאל איינפיהרען אין פראנקרייך רוהע און פריעדען.

דאס פאלק איז שוין מיעד געווארען פון דער רעוואלוציאן און פון דיא שטרייטינקייטען פון דיא פארטייען. עס האט געבעטען, עס זאל זיין שוין פריעדען און רוהע. עס האט זיך באלד איבערצייגט, אז נאפאלעאן איז ווירקליך דער איינציגער מענש, וועלכער איז אום שטאנד צו רעטען פראנקרייך.

ער האט געבילדעט א נייע רעגירונג, וועלכע איז בעשטאנען פון פינף הונדערט פערטרעטער פון׳ם פאלק. פון דיעזע פינף הונדערט האט מען אויסגעקליעבען פינף דירעקטארען. דאס האט געהייסען דאס דירעקטאריום, און דער שפיצע פון׳ם דירעקטאריום זיינען געשטאנען צוויא מענער, וועלכע האבען ווירקליך בעהעררשט פראנקרייך: טאליען און באררא.

דיעזע מענער האבען געוואוסט צו שעצען נאפאלעאנ׳ס גייסט און זיינע פעהיגקייטען. זיי האבען אבער מורא געהאט פאר איהם. זיי האבען געזעהן, אז זיין איינפלוס אין פראנקרייך וואקסט פון טאג צו טאג. זיי האבען געזעהן, אז וואס ער טהוט געלינגט איהם; זיי האבען געזעהן, אז די ארמעע האט איהם ליעב ביז צום זעלבסטאויפאפפערונג און אז דיא איינוואינער פון פאריז פאהרען, ער זאל זיין בירגערמייסטער און קאמאנדיר פון דער נאציאנאל גווארדיע — און זיי האבען מורא געהאט, אז ער זאל ענדליך ניט ארויסרייסען ביי זיי דיא רעגיערונג פון דער האנד. זיי האבען דאהער בעשלאסען, זיי זאלען איהם ארויסשיקען פון פאריז. זיי האבען איהם געשיקט קיין איטאליען.

נאפאלעאן האט עס אנגענומען מיט פערגניגען. זיין לעבען איז געווען דער קריעג. ער האט געוואוסט, אז נור דורכ׳ן קריעג וועט ער דערגרייכען זיין ציעל. אין יענער צייט אבער איז פארגעקומען א פאל, וועלכער האט געהאט אן איינפלוס אויף זיין גאנצעס לעבען.

אין דער שרעקענסצייט, ווען מענשענקעפּ זיינען געווען ביליגער אלס קעפּלעך

קרויט, האט ראבעספיער געהייסען אפהאקען דעם קאפ א יונגען מאן, גראף באָהארנע. זיין יונגע פרוי, דיא גרעפין באָהארנע איז צוזאר געזעסען ארעסטירט, מען האט זיא אבער בעפרייט. זיא אליין איז געווען געבארען אויף דער אינזעל סאן דאמינגא אין אמעריקא, וועלכעס געהערט צו פראנקרייך. דארט האבען איהרע עלטערן געהאט גרויסע צוקער פלאַנטאַציאָנען. ווען מען האט געטייטעט איהר מאן אלס פעררעטהער, האט מען ביי איהר צוגענומען איהר גאנצעס פערמעגען.

איין מאל, ווען נאפאלעאן איז געזעסען אין זיין שרייב צימער און האט געשריע=בען בעפעהלע צו זיינע אונטער בעאמטע, איז אריינגעקומען א בילד שעהנעס אינגעל פון א יאהר צעהן און האט איהם געבעטען מיט טרערין אין דיא אויגען, ער זאל היי=סען, מען זאל איהם אפגעבען זיין פאטערס שווערד. נאפאלעאן האט איהם אנגע=הייבען צו פרעגען, ווער ער איז און וואס פאר א שווערד ער וויל האבען. דער אינגעל האט געענטפערט:

— איך הייס אייזשען באָהארנע. מיין פאטער איז געשטאָרבען אויפ׳ן עשאפאָט. ער האט געדיענט אין דער ארמעע פון דער רעפובליק און איז געווען א טאפפערער אפיציער. מען האט ביי אונז צוגענומען אונזער גאנצעס פערמעגען. איך דארף יעצט קיין זאך ניט, נור מיין פאטערס שווערד, וועלכער איז ביי מיר זעהר טהייער.

נאפאלעאן האט בעטראכט דאס שעהנע קינד מיט בעוואונדערונג און איז באלד אליין מיט איהם געפאהרען אין ארסענאל, וואו עס זיינען געלעגען דיא וואפען פון דיא פעראורטהיילטע. מען האט באלד אויסגעפונען דעם שווערד, וואס מען האט געזוכט. דאס קינד האט גענומען דעם שווערד, האט עס געקושט און האט געוויינט. נאפאלעאן איז געווען אזוי גערוהרט פון דיעזער קינדליכער ליעבע, אז אויף זיינע אויגען האבען זיך געוויעזען טרערין.

דעם אנדערן טאג איז געקומען יאזעפינע באָהארנע, דעם אינגעלס מוטער, דאנקען נאפאלעאנען דערפאר, וואס ער האט איהם אפגעגעבען איהר מאנס שווערד. יאזעפינע איז געווען א בעריהמטע שענהייט און איז נאך דערצו געווען זעהר קלוג און געבילדעט. זיא האט געמאכט אזא טיעפען איינדרוק אויף נאפאלעאן, אז ער האט זיך אין איהר פערליעבט און האט אנגעהויבען זיא אפט צו בעזוכען. זיא האט איהם אויך געליעבט. אין א קורצע צייט ארום האבען זיי געהייראטהעט. נאפאלעאן איז דאמאלס אלט געווען נור 26 יאהר, יאזעפינע איז אלט געווען 34 יאהר.

יאזעפינע אבער איז געווען דיא איינציגע פרוי, וועלכע האט געקענט בעהערר=שען נאפאלעאן. זיא האט איהם ווירקליך געליעבט און האט געוואוסט, וויא אזוי מיט איהם ארומצוגעהן. שפעטער, ווען זיא איז געווען קייזערין פון פראנקרייך און פון א האלבע וועלט, האט זיא זעהר פיעל בייגעטראגען דערצו, אז ער זאל ארויסגעבען גוטע און ניצליכע געזעצע. זיא האט ליעב געהאט דיא פרייהייט, אבער א שטילע, רוהיגע פרייהייט, אהן בלוט, אָהן גוליאָטינע און אָהן שרעקענס סצענען.

ליידער, איז איהר ענדע געווען זעהר טרויעריג, וויא מיר וועלען זעהן אין דיא שפעטערע קאפיטלען.

דריי טעג נאך זיין האכצייט מיט יאזעפינע באהארנע אין ער אוועקגעפאהרען צו דער ארמעע קיין איטאליען.

20טעס קאפיטעל.

נאפאלעאן אין איטאליען.

דיא לאגע פון דער פראנצויזישער ארמעע אין איטאליען, איידער נאפאלעאן איז אהינגעקומען, איז געווען א שרעקליכע. דיא סאלדאטען זיינען בוכשטעבליך גע־שטארבען פאר הונגער. עס איז דא אין א פאריזער ביבליאָטעק א בעפעהל פון יענער צייט, אין וועלכען עס שטעהט, אלס א בעלוינונג פון א גענעראל פון א דיוויזיאן דערפאר, וואס ער האט פערטריעבען דעם פיינד פון א פאזיציאן גאנצע צעהן פראנק! אזוי ארים איז געווען דיא קריעגס קאסע.

קוים איז נאפאלעאן אנגעקומען און האט דערזעהן, אין וואס פאר א נויט דיא ארמעע געפינט זיך, האט ער צונויפגערופען אלע סאלדאטען און האט זיי געהאלטען א קורצע רעדע.

— סאלדאטען! האט ער זיי געזאגט. איהר זייט נאקעט און הונגעריג. איהר פערדיענט, איהר זאלט זיין זאט און רייך. איך וועל אייך פיהרען אין א לאנד, וואו איהר וועט אלעס האבען. — איהר האט געליטען אזוי לאנג, האט נאך א ביסעל גע־דולד און איהר וועט בעלוינט ווערן פאר אייערע ליידען.

און ער האט געהאלטען ווארט. אין איטאליען איז דאמאלס געשטאנען א גרויסע עסטעררייכישע ארמעע. דער קעניג פון סארדיניען האט נאך פעראייניגט זיין ארמעע מיט דער עסטעררייכישער. נאפאלעאן האט זיי געשלאגען איינעם נאכ'ן אנדערן און אין א צייט פון א מאנאט האט ער בעזיעגטביידע ארמעען. ער האט געהאט מיט זיך נור זעכציג קאנאנען, ביים פיינד אבער האט ער צוגענומען אכציג קאנאנען און איין און צוואנציג פאהנען. צום ענדע פון'ם מאנאט האט ער ווידער צונויפגערופען זיינע סאל־דאטען און האט זיי געזאגט:

— סאלדאטען! איהר האט געוואונען שלאכטען אהן קאנאנען, איהר זייט אריבערגעגאנגען טייכען אהן בריקען, איהר האט געמאכט א לאנגע רייזע אהן שיך און אפט אהן ברויט. נור קעמפפער פיר פרייהייט און מענשענרעכט האבען געקענט אויספיהרען אזעלכע העלדענטהאטען. איך דאנק אייך פאר אייער טריע און פאר אייער אויסדויער, דאס פאטערלאנד אבער וועט אייך ערשטע דאנקען און דיא מענש־הייט וועט אייך דאנקען.

יעצט האבען שוין זיינע סאלדאטען געהאט אלעס. ער האט צוגענומען ביי דיא עסטעררייכער זייער גאנצען פראוויאנט, זייער מוניציאן (קריעגס מאטעריאל) און זייער גאנצען פאררא(ט)ה (זאפאס) פון שפייז און קליידער.

נאפאלעאנס פעלדצוג אין איטאליען איז איינער פון דיא בעריהמטעסטע אין דער געשיכטע פון קריעג און שלאכטען. ביז אויף היינטיגען טאג בעוואונדערן דיא בעסטע גענעראלען דיעזען פעלדצוג. דא האט ער ארויסגעוויעזען זיין גייסט און זיינע פעהיגקייטען. זיינע איינפעלע זיינען איבערראשענד. ער האט בעגייסטערט דיא סאל־

דאטען מיט זיינע רעד און ביישפיעל. ווען עס פלעגט ניט זיין וואס צו עסען, פלעגט ער אוועקגעבען זיין פריהשטיק און זיין מיטאג דיא סאלדאטען און אליין האט ער געהונגערט. ער פלעגט שלאפען אין א געצעלט גלייך מיט זיי און האט זיך קיין מאל ניט געהייסען מאכען א בעזונדער געצעלט. ער פלעגט געהן צו פוס גלייך מיט זיי און פלעגט זיך טהיילען מיט זיי מיט'ן לעצטען טראפען שנאפס, וואס ער האט געהאט ביי זיך אין זיין רייזע פלאש.

וויא גוט ער איז געווען געגען זיינע סאלדאטען, אזוי שטרענג איז ער געווען געגען זיי. ער האט ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז ווען זיי וועלען אנקומען אין א שטאדט, זאלען זיי ניט אנריהרען קיין זאך, וואס געהערט דיא איינוואינער. אייניגע סאלדאטען האבען זיך ניט געקענט איינהאלטען און האבען אנגעהויבען צו רויבען דיא איינוואינער. נאפאלעאן האט באלד געהייסען פויקען אלארם (טרעוואגא) דיא גאנצע ארמעע איז זיך צונויפגעקומען, ער האט ארויסגערופען דיא סאלדאטען, וועלכע האבען בערויבט דיא בירגער און זיי געשלאגען און האט געפרעגט דיא גאנצע ארמעע, וואס עס קומט זיי דערפאר.

— דער טויט! האבען אלע סאלדאטען אויסגערופען.

ער האט געהייסען שיעסען דיא רויבער.

עס איז וואהר, אז ווען ער פלעגט קומען אין א שטאדט, פלעגט ער שיקען רופען דעם בירגעמייסטער און דיא אנגעזעהנסטע בירגער און פלעגט זיי הייסען, אז זיי זאלען אנגרייטען אזוי פיעל און אזוי פיעל פראוויאנט פאר זיין ארמעע. מען האט איהם געמוזט פאלגען, ווייל ער איז געווען דער זיעגער.

נאפאלעאן איז געווען א גרויסער מענשענקענער. זיין שארפער בליק האט איהם באלד געזאגט, צו וואס א מענש איז פעהיג און וואס ער קען פון איהם ערווארטען. ער האט ליעב געהאט זיינע סאלדאטען און האט זיי כמעט אלע געקענט.

אין דער שלאכט ביי דער איטאליענישער שטאדט ד ע נ א האט ער געזעהן, וויא א גאנץ איינפאכער סאלדאט איז געלאפען פאראויס און האט געשאסען אזוי גוט, אז יעדער שאס האט געטייטעט א פיינד. נאך דעם שלאכט האט ער איהם צוגע־רופען צו זיך, האט איהם געפרעגט, וויא ער הייסט און האט איהם געמאכט פאר אבערסט (פאלקאווניק). שפעטער האט ער איהם געמאכט פאר גענעראל. דאס איז געווען דער בעריהמטער גענעראל ל א נ ן.

מען קען זיך לייכט דענקען, וואס פאר א פרייד עס איז געווען איז פאריז און אין גאנץ פראנקרייך, ווען מען האט דערהערט פון נאפאלעאנ'ס זיעגע. עס איז גע־ווארען פרעהליך אין אלע ווינקעלעך. דער האנדעל האט זיך ווידער אנגעהויבען, דיא בויערן האבען זיך ווייטער גענומען בעארבייטען זייערע פעלדער, נאפאלעאן האט צונעשיקט פון איטאליען געלד און ברויט. דאס פראנצייזישע פאפיער געלד האט ווידער בעקומען א ווערטה און דער נאמען פראנקרייכ'ס האט אנגעהויבען איינצו־פלייסען רעספעקט אלע קעניגע און קיסריים פון אייראפא.

דאס דירעקטאריום, אדער דיא נייע פאלקס רעגירונג, האט זיך צוואר אויך געפרעהט. עס האט זיי אבער צו גלייבער צייט געשטאכען, וואס נאפאלעאן ווערט

אזוי בעריהמט אויף דער וועלט. זיי האָבען אָנגעהויבען פאר איהם מורא צו האָבען. וואס וועלען זיי טהאן, ווען ער קומט קיין פראנקרייך? אלע וועלען איהם פערגעטערן און מעגליך, אז ער וועט צונעהמען ביי זיי דיא מאכט — דיא רעגיערונג.

בעזאנדערס פערדראסען האט זיי, ווען נאפאלעאן האט אפגענומען דיא הויפטשטאדט פון סארדיניען, דיא שטאדט טורין. מיט איינינע וואכען פריהער האט ער געשריעבען זיין פרוי יאזעפינע, אז ער בענקט נאך איהר און וויל זיא האבען ביי זיך. זיא איז געקומען מיט איין טאג שפעטער נאך זיין איינצוג אין טורין. דער קעניג פון סארדיניען און זיין גאנצער הויף זיינען איהר ענטגעגען געפאהרען און מען האט זיא אריינגעפיהרט אין שטאדט מיט אזא פאראד, גלייך וויא זיא וואָלט געוועזען א קייזערין. נאפאלעאן האט זיא אויפגענומען אין קעניגליכען פאלאץ פאר דער גאנצער וועלט.

דאס האט שטארק פערדראסען דיא דירעקטארען אין פאריז און זיי האבען אנגעהויבען צו טראכטען, וויא אזוי מען זאל פון איהם לויז ווערן. ער האט געבעטען, אז מען זאל איהם צושיקען פרישע סאָלדאטען. וויא ער האט איבעראל געזיעגט, זיינען דאך איבעראל געפאלען סאָלדאטען, יעדער זיעג קאסט דאך מענשענלעבען. זיי האבען איהם קיינע סאָלדאטען ניט געשיקט. זיין ארמעע איז געוואָרען קלענער פון טאג צו טאג. ווען ער האט אנגעהויבען שטארק צו פאָדערן און האט געדראהעט, אז ער וועט זיך ווענדען צום פראנצויזישען פאלק, האט מען איהם צוגעשיקט דריי טויזענד מאן אנשטאט צעהן טויזענד, וועלכע ער האט געפאָדערט.

ער איז דאהער געוועזען געצוואונגען צו שליעסען פריעדען מיט'ן קעניג פון סארדיניען. עסטעררייך אבער האט זיך ניט געוואלט אונטערגעבען און האט געשיקט אן ארמעע פון אכציג טויזענד מאן געגען נאפאָלעאָנס דרייסיג טויזענד. יעצט איז געקומען א שווערע צייט פאר נאפאָלעאָן, ער האט אבער געוואוסט, וויא אזוי זיך אויסצודרעהן פון יעדער שווערער לאגע.

זיין ארמעע איז זיך צונויפגעקומען מיט דער עסטעררייכישער אין א שטעדטעל מיט'ן נאמען ארקאָלא. נאפאָלעאָן האט צוואר געזיעגט, איין דיוויזיאָן אבער, וועלכע ער האט געשטעלט לעבען א בריק, האט ניט געקענט אויסהאלטען דעם אנשטורם פון דער עסטעררייכישער ארמעע און איז אנטלאפען. אויף דער נאכט האט ער צונויפגערופען דיא סאָלדאטען פון דיעזער דיוויזיאן און האט זיי געזאגט:

— איהר זייט היינט אנטלאפען פארן פיינד, אלזא געהערט איהר מעהר ניט צו מיין ארמעע. איהר זייט קיינע סאלדאטען מעהר. מארגען זאלט איהר זיך געהן א היים.

דיא סאָלדאטען זיינען געפאלען אויף דיא קניע און האבען איהם געבעטען, ער זאל זיי ניט אוועקטרייבען. זיי וועלען איהם ווייזען, אז זיי זיינען ווירדיג צו דיענען אונטער איהם. נאפאָלעאָן האט זיך געלאָזען איינרעדען און דיעזע דיוויזיאן איז שטענדיג געוועזען דיא בעסטע פון זיין גאנצער ארמעע. עס איז דאהער קיין וואונדער ניט, וואס נאפאָלעאָן האט איבעראל געזיעגט און האט געיאגט דיא עסטעררייכער, וויא א הערדע שעפסען.

ווען דער עסטעררייכישער קייסער האט געזעהן, אז נאפאָלעאָן זיעגט איבעראל און האט צו שלאגען זיינע פינף ארמעען, איינע נאך דער אנדערער, האט ער פראָבירט איהם אונטערקויפען. ער האט איהם געשיקט זאגען, אז ער וועט איהם געבען א פירסטענטהום אין דייטשלאנד און פופצעהן מיליאָן גולדען. נאפאָלעאָן האט געענטפערט:

— איך דאנק זעהר דעם קייסער פאר זיין גוטסקייט. ווען עס איז מיר בעשערט צו טראָגען א קרוין אויפ'ן קאפּ, וויל איך בעסער טראגען דיא קרוין פון פראנקרייך.

ערשט יעצט האט זיך עסטערריך איבערצייגט, אז עס קען געגען פראנקרייך ניט בעשטעהן און עס האט אנגעהויבען צו פערהאנדלען, אז מען זאל שליעסען פריעדען. דאס דירעקטאריום האט אויך געוואלט דעם פריעדען, ווייל דאן וועט נאפּאָלעאָן קומען א היים און מען וועט אויפהערן אזוי פיעל צו רעדען פון איהם.

אזוי וויא נאפאָלעאָן איז געווען דער זיעגער, האט ער געדארפט שטעלען דיא בעדינגונגען פון'ם פריעדען. דאס דירעקטאריום אבער האט געשיקט אין זיין לאגער דעם גענעראל קלארק, אז ער מיט נאפאָלעאָנען זאלען צוזאמען שליעסען דעם פריעדען. נאפּאָלעאָנען האט עס זעהר פערדראסען. ער האט עס אפענהערציג ארויסגעזאגט דעם גענעראל און האט איהם ערקלערט, אז אלעס, וואס ער טהוט, טהוט ער אליין און דארף קיין אנדערן ניט.

גענעראל קלארק איז געווארען איינער פון זיינע בעסטע פריינד און האט זיך אין קיין זאך ניט ארייגעמישט.

דער פריעדען אבער איז ניט אזוי גיך געשלאסען געווארען. עסטערריך האט געזוכט איהם צו פערשלעפּען און איהם אפּצולעגען. עס האט געהאפט, אז אין פראנקרייך וועט פארקומען אן ענדערונג. עס האט געדונגען פראנצויזישע צייטונגס שרייבער, זיי זאלען בעשרייבען נאפאָלעאָנען מיט שווארצע פארבען און זאלען אויפקלערן דאס פראנצויזישע פאָלק, אז אזא מענש קען מיט דער צייט ווערן געפעהרליך פאר דיא פרייהייט, וועלכע זיי האבען זיך ערווארבען מיט אזוי פיעל בלוט. דערביי האט עסטערריך נאך ווידער צוגעשיקט א גרויסע ארמעע קיין איטאליען.

נאפּאָלעאָן איז געווען פון דער נאטור אָפענהערציג און איינפאך. ער האט פיינט געהאט אינטריגען און קונסטשטיקע. ער האט געוואוסט נור איין זאך: פיהרען קריעג אדער שליעסען פריעדען, פון פּאָליטיק, דיפּלאָמאטען קונסטשטיקע, שווינדעל און בעטרוג האט ער ניט געוואלט וויסען. ווען ער האט דערזעהן, אז עסטערריך נארט איהם אפּ און וויל איהם פערפיהרען אין א בלאטע, האט עס איהם פערדראָסען און ער האט זיך ווייטער גענומען צום קריעג.

ער האט ניט געוואלט ווארטען, ביז דיא עסטערריכישע ארמעע וועט אנקומען קיין איטאליען. ער איז איהר ענטגעגען געגאנגען, אדער ריכטיגער געזאגט, ענטגעגען געלאפען. ווען ער איז אנגעקומען צו דער שטאדט מאנטוא, זיינען זיינע סאלדאטען געווען אזוי מיעד, אז זיי האבען ניט געוואלט עסען און האבען זיך באלד געלעגט שלאפען. נאפאָלעאָן האט אבער געוואוסט, אז דער פיינד בעוואכט איהם און מען מוז זיין זעהר פארזיכטיג. ער איז דאהער א גאנצע נאכט אליין ארומגעגאנגען אין

לאנגער און האט זיך צוגעהערט צו אלעמען און צוגעקוקט צו אלעמען.

אין איין ארט האט ער געפונען אז דער סאָלדאט, וועלכער איז געשטאנען אויף דער וואך, האט זיך צוגעשפארט צו א בוים און איז אנטשלאפען געווארען. זיין ביקס איז געשטאנען לעבען איהם. נאפּאָלעאָן האט גענומען דעם סאָלדאט׳ס ביקס און איז אליין ארומגעגאנגען אויף דער וואך. ווען דער סאָלדאט האט זיך אויפגעחאפּט און האט דערזעהן, ווער עס האלט פאר איהם די וואך, האט ער אנגעהויבען צו ציטערן.

— נעהם דיין ביקס צוריק און געה ווייטער אויף דער וואך, - אט איהם נאָ־פּאָלעאָן געזאגט פריינדליך. דו ביסט געכטען זעהר פיעל געגאנגען און יסט מיעד. איך ענטשולדיג דיר. אן אנדער מאל אבער זאלסט דו זיין פאָרזיכטיגער.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה איז פאָרגעקומען א שלאכט און נאפּאָלעאָן האט געזיעגט. מען האט אזוי געציטערט פאר זיין נאמען, אז זיינער אן אָפיציער מיט פינף הונדערט מאן האט געפאנגען גענומען דעם עסטערייכישען גענעראל רענע מיט זעקס טויזענד מאן. דער עסטערייכישער אבערקאָמאנדירענדער גענעראל ווארמזער האט זיך געמוזט אונטערגעבען. נאפּאָלעאָן האט אין דיעזער שלאכט גענומען געפאנגען 27 טויזענד מאן, פינף הונדערט קאנאָנען און איין און זעכציג פאהנען. די פאָהנען האט ער געשיקט קיין פאריז.

ווען גענעראל ווארמזער האט געדארפט איבערגעבען זיין שווערד צום זיעגער און אלע זיינע אָפיציערן האבען געדארפט אוועקלעגען זייערע וואפען, איז נאפּאָלעאָן געווען עטליכע מייל פון מאנטוא און אנשטאט איהם האט איינער פון זיינע גענעראלען איבערגענומען די געפאנגענע. נאפּאָלעאָן האט עס ניט געקענט זעהן, וויא דער אלטער ווארמזער, וועלכער איז דאמאלס אלט געווען עטליכע און זעכציג יאהר, זאל שטעהן אזוי ערניעדעריגט פאר א יונגען מאן פון עטליכע און צוואנציג יאהר.

דיעזען כאראקטערצוג נאפּאָלעאָנ׳ס האבען זאגאר זיינע ערגסטע פיינד בעוואונ־דערט. עס וויזט דאך אן עדעלקייט פון א מענשען, וועלכער האט געוואוסט, וויא צו שוינען דעם פיינד, וועלכען ער האט בעזיעגט.

ווען די דייטשען האבען בעזיעגט די פראנצויזען אין 1871, האט דער דייט־שער קייזער ווילהעלם I אליין צוגענומען דעם שווערד פון נאפּאָלעאָן דעם דריטען. ער האט איהם ערניעדעריגט פאר זיין גאנצען הויף און פאר אלע זיינע גענעראלען. נאָ־פּאָלעאָן דער ערשטער איז געווען עדעל און גראסמוטהיג. ער האט ניט געוואלט אנטהאן אזא שאנדע דעם אלטען גענעראל ווארמזער.

יעצט האט ער געוואלט בעשטראפען דעם פאפּסט אין רוים, דערפאר וואס דער פאפּסט האט געשאלטען די פראנצויזישע רעפּובליקאנער און האט ערקלערט, אז מען מעג זיי טוידטען, וויל זיי גלויבען ניט אין גאט. נאפּאָלעאָן האט געשיקט קיין רוים אן ארמעע פון פיער טויזענד מאן. דער פאפּסט האט געהאט אן ארמעע פון איבער צעהן טויזענד. אין פראנט פון דיעזער הייליגער ארמעע זיינען געגאנגען גייסטליכע מיט בילדער פון דער הייליגער מוטער, מאריא. די בילדער האבען געוויינט. אלע האבען געזעהן, וויא זיי פערגיעסען טרערין, דערפאר וואס די מענשען זיינען אזוי

נים פרום און גלויבען ניט אין פאפסט. פאר אזא ארמעע האט מען געהאט וואס מורא צו האבען. מיט אזעלכע פאנאטיקער איז זעהר שווער צו קעמפפען. נאפאלעאן האט געהייסען חאפען איינינע פון דיעזע היילינע בילדער און זעהן, וואס פאר א שווינדעל דארט איז.

מען האט באלד אויסגעפונען, אז הינטער דיא בילדער איז געווען א סארט זייגער מיט א שנירעל גלאז פערל, וועלכע האבען פון דערווייטען אויסגעוויזען, וויא טרערין. ווען דיא רעדלעך פון׳ם זייגער האבען זיך געדרעהט, האט זיך געצויגען דער שנירעל גלעזערנע פעריל און דאס פאלק האט געזעהען, אז גאטס מוטער וויינט.

מען האט געוויזען דעם פאלק דעם שווינדעל און אין א גאנץ קורצע צייט איז פון דער ארמעע פון׳ם פאפסט געבליעבען קוים דרייא טויזענט מאן. דער פאפסט האט זיך געמוזט אונטערגעבען און האט בעצאהלט אנדערהאלבען מיליאן פונט שטערלינג קריענס קאסטען.

ענדליך האט עסטערייך אנגעהויבען צו בעטען, אז מען זאל מיט איהר שליעסען פריעדען. דאס מאל האט זיא עס געמיינט גאנץ ערנסט. נאפאלעאן האט אנגעשריבען דיא בעדינגונגען, אויף וועלכע ער וויל שליעסען פריעדען און האט זיי איבערגעגעבען דעם עסטערייכישען גענעראל. עסטערייך אבער האט ליעב זיך צו דינגען דער עסטערייכישער גענעראל האט צו גענומען דאס פאפיער, וואס נאפאלעאן האט איהם געגעבען און האט געזאגט, אז ער וועט קומען אין דרייא טאג ארום מיט אן אנטווארט.

— איהר מעגט קומען אין א מאנאט ארום, איהר וועט אלץ קיינע בעסערע בעדינגונגען ניט האבען, האט נאפאלעאן געענטפערט.

אוןווירקליך זיינען דיא בעדינגונגען געווען פיעל לייכטער און פיעל מילדער, אלס עסטערייך האט ערווארטעט. דענאך האט זיא זיך אנגעהויבען צו דינגען מיט נאפאלעאנען און האט געוואלט ביי איהם ארויסציעהן נאך בעסערע קאנדיציאנען. עס זיינען פערגאנגען דיא דרייא טאג, עס זיינען פערגאנגען נאך עטליכע טעג אז עסטערייך האט נאך אלץ ניט געגעבען קיין בעשטימטע אנטווארט.

איין מאל איז נאפאלעאן געקומען צו גאסט צום עסטערייכישען געזאנדעטען, גענעראל קאבענצעל. מען האט גערעדט פון פערשיעדענע זאכען. גענעראל קאבענצעל אלס א קלוגער פאליטיקער האט געוואלט בענוצען דיעזע געלעגענהייט אום ארויסצוציהען ביי נאפאלעאנען בעסערע בעדינגונגען פארן פריעדען. ער האט אומיסטען אנגעהויבען צו רעדען פון׳ם פריעדען און האט געזאגט, אז עסטערייך איז נאך אלץ א גרויסע מאכט און וויל שליעסען פריעדען נור דערפאר, וואס זיא האט מיטלייד מיט איהרע אונטערטהאנען און וויל קיין בלוט ניט פערגיעסען. נאפאלעאן דארף דאהער זיין ווייכער און אננעהמען דיא בעדינגונגען, וואס עסטערייך לעגט איהם פאר.

אויפ׳ן טיש, לעבען וועלכען זיי זיינעןביידע געזעסען, איז געשטאנען א טהייערע וואזע פון עכט כינעזישען פארצעלאי און פון זעהער א טהייערע ארבייט. נאפאלעאן האט געחאפט דיא וואזע און האט איהר א שליידער געטהאן אויף דער ערד, אז זיא איז צובראכען געווארען אויף פיצלעך.

— ווען איהר וועט ניט אננעהמען מיינע בעדינגונגען, האט ער געזאגט קאלט, וועל איך צוברעכען דיא מאכט פון עסטעררייך, אזוי וויא איך האב צובראכען דיעזע וואזע.

דאס האט געווירקט. עסטעררייך האט אנגענומען אלע זיינע בעדינגונגען. אין איטאליען האט נאפאלעאן געבילדעט א נייע רעפובליק. עסטעררייך האט געמוזט אפגעבען פראנקרייך פיעלע לענדער און דערצו נאך בעצאהלען אן אונגעהייערע סומע געלד אלס קריעג קאסטען.

נאפאלעאן האט באלד געשריעבען דער פאלקס־רעגירונג, אדער דירעקטאריום, אלע בעדינגונגען, אויף וועלכע ער האט געשלאסען פריעדען מיט עסטעררייך. זיי האבען געמוזט איינווילינגען אויף אלעס, וואס ער האט געטהאן. עס זיינען נאך געבליעבען פיעלע פונקטען, איבער וועלכע מען האט געדארפט רעדען. נאפאלעאן האט געבעטען אז מען זאל שיקען אנדערע דיפלאמאטען, זיי זאלען בעשליעסען דיעזע קלייניגקייטען ער אליין האט זיך געאיילט צו קומען קיין פאריז. ער האט געהאט געגוג אורזאכען צו איילען זיך קיין פאריז.

ערשטענס, האט ער געוואוסט, אז דיא דירעקטארען בענייד'ען איהם און זוכען איהם צו ערנידעריגען. זיי האבען מורא פאר איהם. ער האט דאהער אליין געוואלט זיין אין פאריז, וואו דאס פאלק האט איהם פערגעטערט. אין פאריז וועט מען איהם גאר ניט קענען טהאן. אין פאריז קאן ער פאדערען, אז מען זאל איהם שטעלען פאר א געריכט, וואו ער וועט קענען בעווייזען, אז וואס ער האט געטהאן, איז געווען צום וואהל און בעסטען פון פראנקרייך.

צווייטענס, איז ער געוואהר געווארען, אז דאס דירעקטאריום האט ענדליך בעשלאסען צו שיקען אן ארמעע געגען ענגלאנד, וועלכעס איז שטענדיג געווען פראנקרייכ'ס פיינד. נאפאלעאן אליין האט זעהער פיינד געהאט דיא ענגלענדער. ער פלעגט זיי רופען: „דאס קרעמער פאלק."

— דאס איז א פאלק, וועלכע וויים פון קיינע מענשליכע געפיהלע. ביי איהם איז אלעס אפגעשאצט אויפ'ן פונט שטערלינג. דער מענש האט נור אזוי פיעל א ווערטה, וויא פיעל פונט שטערלינג ער האט, פלעגט ער אפט זאגען.

ווען ער וועט קומען קיין פאריז, וועט דאס דירעקטאריום מוזען איהם איבערגעבען דאס קאמאנדא איבער דער ארמעע געגען ענגלאנד, האט ער גאנץ ריכטיג גערעכענט, און דאס איז געווען שטענדיג זיין וואונש אנצולערנען דיא קרעמער פאלק.

דאס זיינען געווען די צווייא אורזאכען, וועלכע האבען איהם געצוואונגען איבערצולאזען זיין ארמעע אין איטאליען אונטער דער קאמאנדא פון זיין פריינד, גענעראל בערטהיע און אליין פאהרען קיין פאריז. פארן אוועקפאהרען האט ער צונויפגערופען זיין ארמעע און האט אבשיעד גענומען פון זיינע סאלדאטען.

— סאלדאטען! האט ער זיי געזאגט. איך האב מיין ווארט געהאלטען. איהר זייט געקומען קיין איטאליען הונגעריג און נאקעט, א באנדע בעטלער, איהר זייט יעצט דיא בעזיעגער פון דער וועלט. עס וועט שטענדיג זיין אייער שטאלץ צו זאגען: „איך בין געווען מיט'ן גענעראל באנפארטע אין איטאליען". — סאלדאטען! איהר

האט זעהר פיעל געטהאן פאר דיא פרייהייט, עס איז נאך אבער געבליעבען זעהר פיעל צו טהאן. נאך איז ניט גאנץ אייראָפּא בעפרייט, נאך זיינען דא פיעלע לענדער וואו מענשען ווערן בעהאנדעלט ערגער וויא טהיערע (ער האט געמיינט רוסלאנד מיט איהרע פּאנשטשינע) מיר מוזען טראגען דיא פאהן פון פרייהייט אין דער גאנצער וועלט.

— עס לעבע דער גענעראל באָנאָפּארטע! האט געשריען מענגע. מיט'ן גענעראל באָנאָפּארטע ווערלען מיר געהן אין פייער און אין וואסער.

פון איטאליען איז נאפּאָלעאָן געפאהרען קיין פּאריז איבער דייטשלאנד. ער האט געמוזט זיין אין דער עסטערריייכישער שטאדט ראשאט, וואו עס זיינען זיך צונויפגעקומען דיא גרעסטע מענער פון עסטערריייך און פראנקרייך אום אונטערצוטרייבען דעם פריעדען, וועלכען ער האט געשלאסען, ער איז אבער געבליעבען אין ראשאט נור דרייא טאג. ער האט ניט געקענט ליידען דעם שטאלץ און דיא צערעמאָניען פון דיא עסטערריייכישע גענעראלען און פּרינצען. ער האט געלעבט אליין זעהר איינפאך און האט געוואלט, אז אלעס זאל צוגעהן איינפאך און אן צערעמאָניען.

פון ראשאט איז ער געפאהרען קיין שטראסבורג, דיא ערשטע פראנצייזישע שטאדט לעבען דער דייטשער גרענעץ. ווען מען האט דערהערט אין שטראסבורג, אז דער גענעראל באָנאָפּארטע קומט, האט מען איהם פערבערייטעט אן עמפּפאנג מיט אזא פּאראדע, וועלכע מען האט קיין מאל פאר קיין קעניג ניט פערברייטעט.

אלע הייזער זיינען געווען בעדעקט מיט פאהנען. פארן מינסטער (דעם הויכען טורעם אין שטראסבורג) האט מען געמאכט פון זיינעט וועגען אן עהרענטהויער, בעהאנגען מיט פאהנען און פערציערט מיט בלומען. דיא איינוויינער פון דער שטאדט האבען זיך אנגעטהאן אין זייערע בעסטע קליידער און האבען זיך גערדענגט פארן טויער. יעדער האט געוואלט זעהן דעם זיעגער פון איטאליען, דעם ערשטען העלד פון פראנקרייך.

נאפּאָלעאָן איז געפאהרען אין א גאנץ איינפאכע קארעטע מיט פּאָסט פערד. ער איז געגאנגען אנגעטהאן אין אן איינפאכען גרויען מונדיר, וויא אלע פראנצייזישע אפיציערן פלעגען דאמאלס טראגען. אלעס אויף איהם איז געווען איינפאך און זאגאר ארים. דיעזען איינפאכען גרויען מונדיר האט ער שטענדיג געטראגען, זאגאר ווען ער איז שוין געווען קייזער פון א האלבע וועלט.

— עס לעבע דער גענעראל באָנאָפּארטע! האט געשריען דיא מענגע, ווען זיא האט דערזעהן זיין קארעטע.

נאפּאלעאן האט געדאנקט. ער האט זיך ניט געריכט אויף אזא עמפּפאנג. ער האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען און האט אלעמען געגריסט. פּלוצלונג האבען זיינע אויגען אנגעהויבען צו פונקלען. ער האט דערקענט אין דער מאסע מענשען א בעקאנטעס געזיכט. דאס איז געווען אדעלע דעווריע. ער האט געוואוסט, אז זיא האט אנפערוואנדטע אין סטראסבורג און איהר אלטער גראָספאטער האט זיך אין דער לעצטער צייט געפונען און מטראסבורג. ער האט זיך דערמאנט אן איהר. זיא איז דאך געווען זיין ערשטע ליעבע.

ער האט געהייסען דעם קוטשער בלייבען שטעהן און האט געשיקט זיין אדיו־טאנט זיא פרעגען, וואו זיא וואינט. אויף דער גאס אין דער גרויסער מענגע האט ער ניט געקענט מיט איהר רעדען. ער האט זיא אָבער זעהר געוואלט זעהן, מיט איהר רעדען, זיא אויספרעגען, וואס זיא מאכט און אויב איהר גראספאטער האט געפונען דיא דאָקומענטען.

עס איז בעמערקענסווערטה, וויא נאפאָלעאָן האט ניט פערגעסען, ווען איינער האט געטהאן פאר איהם עפעס און האט געוואוסט, וויא אזוי צו זיין דאנקבאר. א שוסטער, וועלכער האט איהם געמאכט שיך, ווען עס איז איהם געווען שלעכט אין פאריז און ער האט איהם ניט בעצאהלט, איז שטענדיג געבליעבען שוסטער פון זיין גאנצען הויף, ווען ער איז געווארען קייזער. א גאלד שמידט האט איהם אויסגעליעהן א פאר הונדערט פראנק, איידער ער איז אוועקגעפאהרען צו דער ארמעע אין איטא־לעאן. נאפאָלעאָן האט אן איהם ניט פערגעסען און האט איהם געמאכט פאר יובע־ליער פון זיין הויף.

עס איז דאהער קיין וואונדער ניט, וואס ער האט ניט פארגעסען אן אדעלע דעווריע. יעצט האט ער שוין געקענט טהאן עפעס פון איהרעטוועגען. קוים איז ער פארפאהרען אויף זיין קווארטיר און דיא מענגע איז זיך אביסעל צוגאנגען, איז ער געגאנגען זעהן, וואס אדעלע מאכט.

דער אלטער דעווריע איז נאך אלץ געווען אין מינסטער טורעם, וואו מיר האָ־בען איהם איבערגעלאזען, ווען דער באראן דע קאָשאָן האט ארעסטירט זשאן דעלאָן. עס איז שוין צוואר געווען רוהיג אין שטאדט אין דער רייכער באראן זיין פערוואנדע־טער האט איהם געוואלט נעמען צו זיך אהיים. דער אלטער אבער האט אויף קיין פאל ניט געוואלט אוועקגעהן פון'ם מינסטער. מען האט איהם געמוזט דארט לאזען. ער איז צוואר ניט געקומען צו זיין פולען פערשטאנד, ער פלעגט אבער שטענדיג רע־דען צו זיך אליין פון דיא דאקומענטען, אז זיי געפינען זיך אין מינסטער.

ער איז געווארען שוואכער פון טאג צו טאג. זיינע קרעפטע האבען אנגעהויבען צו שווינדען. עס איז געווען דייטליך אז ער שטארבט. אדעלע פלעגט זיצען לעבען איהם.

נאפאלעאן איז שטילערמייט ארויסגעגאנגען פון זיין קווארטיר און איז געגאנגען צום מינסטער זעהן אדעלע'ן. ווען ער איז צוגעקומען צום טורעם און האט אנגעקלאפט ביים וועכטער, האט איהם דאס פאלק דערקענט, און האט אנגעהויבען צו שרייען:

— עס לעבע באָנאַפּארטע! עס לעבע דער זיעגער פון איטאליען!

מען האט איהם באלד געעפענט דיא טהיר. דער וועכטער האט געמיינט אז ער וויל אנקוקען דעם מינסטער און האט איהם געוואלט ארויפיהרען אויף דיא טרעפ.

— איך וויל זעהן דעם אלטען דעווריע, האט נאפּאָלעאָן געענטפערט.

ער האט איהם אריינגעפיהרט אין צימער, וואו דער אלטער האט געוואונט. דער אלטער איז דאמאלס געשלאָפען און אדעלע איז געזעסען אין פארצימער.

— אדעלע! האט נאפּאָלעאן אויסגערופען, ווען ער איז אריין אין צימער.

— גענעראַל באָנאַפּאַרטע! האט אדעלע גענענטפערט רוהיג, — מיט וואס קען איך אייך דיענען?

— פאר אייך, אדעלע, בין איך נאך דער אלטער פריינד, נאפּאָלעאָן. פאר אייך בין איך ניט גענעראַל באָנאַפּאַרטע.

אדעלע האט זיך געביסען דיא ליפּען און האט ניט געענטפערט.

— איך האב געהערט, אז אייער גראָספּאטער איז קראנק, האט נאפּאָלעאָן ווייטער געזאגט, און איך בין געקומען געוואהר ווערן, וואס ער מאכט און וואס איך קען עפּעס טהאן פון אייערט וועגען. — אדעלע! ניט מיר אייער האנד. איך בין דאך אייער אלטער פריינד.

אדעלע האט איהם געגעבען איהר האנד. אויף איהרע אויגען האבען זיך געוויזען טרערען. איהר אלטע ליעבע האט זיך ערוואכט. זיא האט אבער געוואוסט, אז נאפּאלעאָן איז פערהייראטהעט און איהר ליעבע איז האפנונגס לאז.

אין דיעזע מינוט איז אריינגעקומען דער דאקטאר, וועלכער פלעגט בעהאנדלען דעם אלטען.

— האט איהר נאך א האפנונג? האט איהם נאפּאלעאָן געפרעגט.

— זא לאנג דער מענש אטהעמט, האבען מיר נאך א האפנונג, האט דער דאקטער געענטפערט, אבער אין דיעזע יאהרען און נאך צוואציג יאהר געפענגעניס אין דער באסטילע איז דיא האפנונג זעהר שוואך. — דער יונגער מענש קען שטארבען, דער אלטער מוז שטארבען.

דער דאקטאר איז אריינגעגאנגען צום קראנקען. נאפּאָלעאָן און אדעלע זיינען ווידער געבליעבען אליין.

— האט אייער גראספאטער אייך ווענינגסטענס געזאגט, וואו דיא דאקומענטען געפינען זיך.

— ניין. ער האט עטליכע מאל געזאגט, אז ער האט זיי בעהאלטען דא ערגעץ אין מינסטער. ער וויים אבער ניט, וואו ער האט זיי בעהאלטען.

— קענט איהר ניט ברענגען אנדערע בעווייזע, אז באראן דע קאשאן האט ביי אייך צוגענומען אייערע גיטער? — איך וואלט יעצט געקענט טהאן פאר אייך זעהר פיעל. דיא רעגירונג אין פאריז וועט טהאן אלעס, וואס איך וועל פון איהר בעטען.

— איך דאנק אייך, גענעראל, האט אדעלע געענטפערט. א מאל האב איך געדארפט האבען געלט און גיטער. היינט דארף איך גאר ניט.

אין דיעזע מינוט האט זיך דער דאקטאר געוויזען אויף דער טהיר און האט געמאכט א צייכען, אז אדעלע זאל אריינקומען. אדעלע איז געגאנגען צום קראנקען און האט געלאזען נאפּאלעאנען אליין.

דער אלטער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין געלעגער און האט געבעטען, מען זאל רופען דעם וועכטער. ער האט זיך אין גאנצען פערענדערט. זיין געזיכט איז געווען רוהיג און צופריעדען, זיין בליק איז געווארען קלאר און ער האט גערעדט מיט א שוואכער, אבער גאנץ ריינער שטימע.

— אך! יעצט וויים איך, וואו איך בין. איך הייב מיך אן צודערמאנען. עס איז

שוין לאנג, זעהר לאנג זייט איך בין דא געוועןָ — דא האב איך מיט'ן וועבער פון'ם טורעם אין א פינסטערע, שטירמישע נאכט, ווען מיינע פיינד האבען מיך פערפאלגט, בעהאלטען מיינע פאמיליע דאָקומענטען. מיר האבען ארויסגענומען א שטיין פון דער וואנד און האבען זיי אנידערגעלעגט הינטערן שטיין. —

ער האט געבעטען, מען זאל צורוקען זיין בעט צום פענסטער. ער האט ארויסגעקוקט אויף דער גאס, אויף דיא מענגע, וואס איז געשטאנען ארום טורעם, אויף דיא פאהנען אויף אלע הייזער און האט געפרעגט:

— וואס איז דאס? אזוי פיעל האט זיך שטראסבורג פערענדערט? — וואס שטעהן דא אזוי פיעל מענשען?

— היינט איז א גרויסער טאג, גראספאטער, האט אדעלע איהם ערקלערט. דאס פאלק פרעהעט זיך מיט דעם זיעג פון דער רעפובליק, מיט דער פרייהייט.

— פרייהייט? — רעפובליק? וואס זיינען דאס פאר ווערטער? — איך פערשטעה זיי ניט.

אדעלע האט איהם געוואלט ערקלערן, וואס עס איז פארגעקומען אין פראנקרייך אין דער לעצטער צייט. פלוצלונג האט דער אלטער דער זעהן נאפאלעאנען אין פארצימער.

— ווער איז דער? האט ער געפרעגט דערשראקען.

— דאס איז גענעראל באָנאַפּארטע, דער זיעגער פון איטאליען, האט אדעלע געענטפערט.

— וואס טוהט ער דא, ביי אונז?

— ער איז געקומען דיך בעזוכען. ער וויים, אז דוא ביסט געזעסען זעהר לאנג אין דער באסטילע.

— אזוי? — קום אהער, דוא גרויסער זיעגער?

נאפּאָלעאָן איז צוגעקומען צום בעט, אויף וועלכען דער אלטער איז געזעסען האלב אנגעלעהנט אויף דיא קישענס.

— גיב מיר דיין האנד, גענעראל, האט דער אלטער געבעטען, נאפּאָלעאָן האט איהם געגעבען זיין האנד.

— דוא האסט געקעמפפט פאר דער פרייהייט, האט דער אלטער מאן געזאגט מיט א פייערליכע שטימע. — קעמפף ווייטער — בעפריי דיא וועלט — מיט באָמבעס און מיט קאנאָנען, ווארף אין דער וועלט דיא געדאנקען פון פרייהייט און גלייכהייט. — דיא מענשען ווילען ניט פערשטעהן דיזע הויכע געדאנקען — מען מוז זיי צווינגען צום גוטען — דאס בייזע טוהען זיי אליין — דוא וועסט זיעגען — דוא וועסט טראגען א קרוין אויפ'ן קאָפּ — דוא וועסט גלענצען — דיין נאמען וועט קלינגען אין דער גאנצער וועלט — דיין ענדע וועט אבער זיין טרויעריג — איך זעה פאר דיר שווארצע שטונדען. —

אימער שוואכער איז געווארען זיין שטימע. זיינע אויגען האבען פערלארען זייער גלאנץ. ער איז צוריקגעפאלען אויף זיין געלעגער, האט זיך אויסגעשטרעקט — ער איז געווען טוים.

נאַפּאָלעאָן איז געשטאנען, וויא צונעשמידט אויף זיין ארט. דיא לעצטע ווערטער פון׳ם שטערבענדען גרייז האבען איהם גערירט.

אדעלע איז געפאלען אויף דיא קניע פארן בעט פון איהר גראספאטער און האט אנגעהויבען צו וויינען.

עס איז פערגאנגען א געראַימע צייט, איידער נאַפּאָלעאָן האט געקענט אויסרעדען א ווארט. ענדליך איז ער געקומען צו זיך און האט אנגענומען אדעלען ביי ביידע הענד.

— אדעלע, האט ער איהר געזאגט. איך מוז פאהרען. איך קען דא לאנג ניט בלייבען. זאג מיר צו, אז ווען דו וועסט דארפען א גוטען פריינד, וועסט דוא זיך ווענדען צו מיר.

אדעלע האט איהם געגעבען איהר האנד.

מיט א שטונדע שפּעטער איז נאַפּאלעאן אוועקגעפאהרען פון שטראַסבורג.

21טעם קאפּיטעל.

נאַפּאָלעאָנס צוג קיין עגיפּטען.

פון שטראסבורג ביז פאריז איז נאפּאלעאנס צוג געווען א טריאומף צוג. אין יעדער שטאדט, אין יעדעס שטעדטעל, וואס ער איז דורכגעפאהרען, איז מען איהם ענטגעגען געגאנגען און מען האט איהם עמפּפאנגען מיט פרייד.

ער האט געוואוסט, אז ווען ער וועט אנקומען קיין פאריז ביי טאג, וועט גאנץ פאריז איהם אַנטגעגען געהן און איהם שטירמיש בעגריסען, וויא מען האט איהם בעגריסט אין שטראסבורג. דאס קען פערדריעסען דיא דירעקטארען. ער האט זיי ניט געוואלט קרענקען. ער איז דאהער אריינגעפאהרען קיין פאריז שפּעט ביי נאכט און איז גלייך פערפאהרען אין אן ארים געסעל אין א פארשטאדט. וואו זיין פרוי, יאָזעפינע, האט געהאט א הויז.

דעם אנדערן טאג איז ער געגאנגען צום דירעקטאריום אפּגעבען א בעריכט פון אלעס, וואס ער האט אויפגעטהאן אין איטאליען.

אום צו פערשטעהן, וויא אזוי נאַפּאָלעאָן איז פּלוצלונג אוועקגעפאהרען קיין עגיפּטען, מוזען מיר דערצעהלען, וואס אין פאריז איז פארגעקומען דיא גאנצע צייט וואס נאפּאלאן איז געווען אין איטאליען.

דיא מיטגליעדער פון׳ם קאנווענט, וויא דאַנטאָן, ראבעספּיער, מאַראַ, קוטיאָן און אנדערע האבען געלעבט זעהר איינפאך, זאָגאר ארים. זיי האבען ניט געוואוסט און ניט געוואלט וויסען פון בעלער, טהעאטערע און אונטערהאלטונגען. זיי האבען גענומען זעהר א קליינעס געהאלט און האבען ניט בעריהרט דיא קאסע פון׳ם לאנד. ראבעספּיער פלעגט טראגען אן איינפאכען שווארצען ראָק און פלעגט לעבען, וויא דער ארימסטער ארבייטער. זייער רעגירונג איז געווען שטרענג, בלוטיג, אונבארעמהערציג, אבער עהרליך. זיי זיינען געווען שטרענג געגען זיך, וויא געגען אנדערע. זיי האבען פיינד געהאט דיא אריסטאקראטיע און אלעס, וואס האט נור געהאט אן עהנליכקייט מיט דער אריסטאקראטיע.

דאס דירעקטאָריום, אדער דיא פינף מענשען, וועלכע האבען רעגיערט פראנק־רייך אונטער דיעזען נאמען, זיינען געוועזען אן אנדער סארט מענשען. זיי האבען זיך געפיהרט גרויס, האבען געוואָינט אין א פּאלאַץ, האבען געגעבען גלענצענדע בעלער און אנדערע אונטערהאלטונגען און האבען זיך אויפגעפיהרט אזוי גרויס, אז דיא פּאריזער ארבייטער האבען אנגעהויבען צו שרייען:

— מיר האבען געטייטעט איין קעניג און האבען יעצט פינף קעניגע.

זיי האבען געזעהען, אז דאס פּאלק איז שוין מיעד צו זעהן דיא שרעקליכע סצע־נעס אויף דער גוליאָטינע און האבען אויסגעטראַכט אן אנדער מיטעל, וויא אזוי לויז צו ווערן פון זייערע פיינד. — זיי האבען זיי פערשיקט קיין קאיען, א שטאדט אין זיד אמעריקא אין לאנד גוויאַנא, וועלכעס געהערט צו פראנקרייך.

סיביר מיט זיינע שנעע פעלדער זיינען שרעקליך. זיין פערשיקט קיין סיביר איז געווים א שטרענגע שטראפע. פיעל שרעקליכער איז קאיען. דאס קלימאט איז דארט זעהר הייס. דאס גאנצע לאנד איז זומפּיג און אן אייראָפּעער קען זעלטען אויסהאל־טען דיא היץ און דיא פייכטיגקייט מעהר פון פינף יאהר. אין סיביר ארבייטען דיא ארעסטאנטען אין דיא גאלד גרובען. מען מיינט, אז קיין ערגערס קען שוין גאר ניט זיין. קאיען איז ערגער פון סיביר. אין קאיען צווינגט מען דעם ארעסטאנט, ער זאל ארבייטען אויף דיא פעלדער אין דער גרעסטער היץ, שטעהן א גאנצען טאג ביז אין גארטעל אין זומפּ און רייסען דעם שטארקען פעפּער, וועלכער איז בעקאנט אונטערן נאמען קאיענפעפּער. ער איז אזוי שטארק, אז דיא הענד פון דיא מענשען, וואס אר־בייטען ארום איהם, ווערן בעדעקט מיט וואונדען און בלאטערן — און מיט אזעלכע הענד מוז מען ארבייטען אין דער גרעסטער היץ!

דאס פראנצייזישע פּאלק איז באלד געוואָהר געווארען, וואס קאיען איז און האט עס א נאמען געגעבען „דיא טרוקענע גוליאטינע“. זיא פערגיסט קיין בלוט, זיא טויטעט אבער זיכער, אזוי וויא איהר שוועסטער דיא גוליאטינע.

דיא נייע דירעקטארען האבען געלעבט, וויא דיא קעניגע, און ווער עס האט געוואלט ארויסצוערדען א ווארט געגען זיי, דעם האט מען פּעאורטעהיילט צו דער טרוקענער גוליאטינע. בעזאנדערס גרויס און רייך האט געלעבט מאדאם טאליען, דיא פרוי פון איינעם פון דיא דירעקטארען. זיא איז געוועזען שעהן, קלוג, וויציג און געלערנט. זיא האט בעהערשט איהר מאן און אלע דירעקטארען. זיא האט זיי ער־קלערט, אז זיי זיינען דיא הערשער און דארפען לעבען, וויא הערשער. אזוי וויא נאפּאָלעאָן האט אנגעהויבען צו צושיקען פון איטאליען גאנצע וועגען מיט גאלד, זילבער און אלערליי טהייערע שטאפען, האט אזא קלוגע פרוי, וויא מאדאם טאליען, געוואוסט וואס צו טהאן מיט׳ן גאלד — זיא האט עס פערלעבט.

עס האבען זיך אבער געפונען מענשען אין פראנקרייך, וואס האבען עס ניט געקענט צו זעהן, וויא דאס דירעקטאריום פערשווענדעט דאס געלד פון׳ם לאנד. צווי־שען זיי האט זיך געפונען איינער מיט׳ן נאמען באבעף. ער איז געוועזען א שטרענגער רעפּובליקאנער און האט געפאָדערט, אז דיא וואהרע פריינד פון׳ם פאלק זאלען לע־בען אזוי איינפאך, וויא דאס פאלק. ער האט ארויסגעגעבען א צייטונג, אין וועלכער

ער איז ארויסגעטרעטען עפענטליך געגען דיא רעגירונג. ער האט געפאדערט, אז אלעס זאל צוטהיילט ווערן גלייך צווישען אלע פראנצויזען: דאס לאנד, דיא הייזער, דיא פאבריקען, דאס גאלד און זילבער, וועלכע נאפאלעאן פלעגט צושיקען,— אלעס זאל געהערן צו אלע׳מען.

— זא לאנג עס וועט ניט פערשווינדען דער אונטערשיעד פון רייך און ארים, האט באבעף געשריעבען, קענען דיא מענשען ניט גלייך זיין. — וואס האבען מיר געוואונען מיט דער רעוואלוציאן? — מיר האבען אפגעשאפט נור דיא טיטולען פון גראפען, פירסטע און קעניגע, אין דער וואהרהייט אבער האבען מיר זיי נאך יעצט. טאליען איז א קעניג, נור מען זאגט איהם ניט אייער מאיעסטעט, מען רופט איהם בירגער טאליען. — מיר האבען געפאדערט גלייכהייט און ברידערליכקייט. קען דען זיין גלייכהייט און ברידערליכקייט, ווען איינער האט אלעס און דער אנדערער גאר־נישט? — גלייכהייט הייסט, ווען אלע ארבייטען גלייך און געניסען גלייך.

ווען ער האט געזעהן, אז מיט דער פעדער אליין וועט ער גאר ניט מאכען, האט ער געגרינדעט א געהיימע געזעלשאפט מיט׳ן נאמען „בונד דער גלייכהייט“. דיעזע געזעלשאפט האט געשטרעבט איינצופיהרען דיא פרינציפען פון וואהרע גלייכהייט. דיעזע געזעלשאפט האט זיך פערשווארען אומצושטירצען דאס דירעקטאריום און צו גרינדען א רעגירונג אויף דיא פרינציפען פון גלייכהייט. זיי האבען אלעס אפגערעדט און אלעס איינגעארדעט, ווען איינער פון זייערע מיטגליעדער האט דערצעהלט דיא דירעקטארען פון דיעזע פערשווערונג.

אבענדס, ווען אלע פערשווארענע האבען זיך פערזאמעלט, איז מען אויף זיי אנגעפאלען און מען האט זיי ארעסטירט. מען האט זיי געמאכט א קורצען פראצעס. באבעף און דארטהע האט מען פעראורטהיילט צום טויט דורך דיא גוליאטינע און הונדערט אכט און דרייסיג מיטגליעדער פון׳ם „בונד דער גלייכען“ — צו פערשיקען קיין קאיען, אדער צו דער טרוקענער גוליאטינע.

ווען באבעף און דארטהע האבען דערהערט זייער טאדעס אורטהייל, האבען זיי ארויסגענומען סטילעטען און האבען זיך דערשטאכען אין געריכטס זאל פאר דיא ריכטער און פארן גאנצען פאלק.

דאס האט געמאכט א שלעכטען איינדרוק אויפ׳ן פאלק. מען האט אנגעהויבען צו שרייען אין דיא גאסען, אז דאס דירעקטאריום איז ערגער פון קאנווענט. דאס פאלק איז געווען זעהר אונצופריעדען און איז געווען בערייט צו יעדער צייט צו ענט־זעצען דיא דירעקטארע.

דאס איז געווען דיא לאגע פון פאריז, ווען נאפאלעאן איז געקומען פון איטא־ליען. דיא דירעקטארען וואלטען איהם שוין לאנג געוועזן אפגעזאגט פון זיין אמט און זיי וואלטען איהם פילייכט אויך געווען פערשיקט קיין קאיען. דאן אבער זיינען זיי ניט זיכער מיט זייער לעבען. נאפאלעאן איז דאך דער איינציגער מענש, וועלכער איז אים שטאנד צו האלטען דאס פאלק אין צוים.

נאפאלעאן איז אריינגעפאהרען קיין פאריז גאנץ שטיל ביי נאכט. מען איז אבער באלד געוואהר געווארען, אז ער איז דא אין פאריז און פון אלע זייטען האבען זיך

געדרענגט הויפענס מענשען אין דעם ארימען געסעל, וואו ער האט געוואינט מיט זיין פרוי יאזעפינע. ער האט אבער געוואלט אויסווייכען יעדע עהרענבעצייגונג. ער פלעגט געהן צו פוס, וואו ער האט געדארפט, העכסטענס פלעגט ער פאהרען אין א גאנץ איינפאכער קארעטע מיט א פאר פערד. ער איז געקומען צו פוס צו דער פערזאמלונג פון די דירעקטארען און האט אפגעגעבען דעם בעריכט.

דיא דירעקטארען האבען געוואלט פעראנשטאלטען א גרויסע פאראדע צו עהרען נאפאלעאנען. ער האט עס אבער ניט געוואלט. דיא דירעקטארען האבען זיך געשעהמט פארן פאלק. ער, דער גרויסער העלד, דער זיעגער, לעבט איינפאך, וואינט אין א גאנץ געוועהנליכעם הויז און ווייכט אויס יעדע עהרע — און זיי? זיי האבען גאר נ ט געטהאן און לעבען, וויא דיא פירסטען. זיי זיינען געגאנגען צו זיין פרוי יאזעפינע און האבען זיא געבעטען, זיא זאל איבעררעדען איהר מאן, עד זאל אנעהמען דיא עהרע, וואס מען וויל איהם ערצייגען.

יאזעפינע האט געמאכט א גרויסען איינפלוס אויף איהם. ער האט זיא וויקליך געליעבט און האט איהר געמוזט צו ליעב טהאן.

מען האט געהאט דיא גלענצענסטע פאראדע, וואס פאריז האט א מאל גע־זעהן. גאנץ פאריז איז געוועזן בעדעקט מיט פאהנען. אויף א גרויסען פלאץ האט מען אויפגעשטעלט א טריבונע, אויף וועלכע עס זיינען געזעסען דיא דירעקטארען. דאס פאלק האט זיך פערזאמעלט. דיא דירעקטארען האבען זיך געזעצט אויף זייערע פלעצער. נאפאלעאן איז אזו גיך ניט געקומען. באררא און טאליען זיינען געווארען אונרוהיג. זיי האבען מורא געהאט, אז ער וועט גאר ניט קומען.

ערשט שפעט, ווען אלע זיינען שוין געווארען אונגעדולדיג, איז נאפאלעאן אנ־געקומען. מען האט געמיינט, אז ער וועט קומען אין א רייכען מונדיר מיט גאלדענע עפאלעטען און מיט א גאלדענער שווערד, ארום איהם וועט גיין זיין שטאב, אלע אין רייכע מונדירען. — וויא ערשטוינט זיינען געווארען דיא דירעקטארען, ווען זיי האבען איהם דערזעהן: ער איז געקומען צו פוס און נור מיט צווייא פון זיינע גענעראלען. ער האט געטראגען זיין גרויען מונדיר, וועלכער איז נאך געוועזן אלט און אפגעבלאקוועט. דיא מענגע האט איהם באלד דערקענט.

— ער טראגט דעם זעלבען מונדיר, וועלכען ער האט געטראגען, ווען ער האט געזיעגט אין ארקאלא! האבען איינינע אויסגערופען.

— ער געהט אין דיעזעלבע קליידער, אין וועלכע ער איז געגאנגען ביי מאנטוא! האבען אנדערע געזאגט.

באלד זיינען אנגעקומען איינינע אלטע סאלדאטען, וועלכע האבען געטראגען אלטע, צוריסענע, צולעכערטע, צושונדענע, צופיצילטע פראנצויזישע פאהנען, פון וועל־כע עס זיינען געהאנגען פאסען און פעדים. יעצט האט זיך שוין דיא מענגע ניט גע־קענט איינהאלטען.

— עס לעבע נאפאלעאן! עס לעבע דער גענעראל באנאפארטע!

— עס לעבע דער זיעגער פון איטאליען!

האט עס גערוישט און געדאנערט פון אלע זייטען. דיא מוזיק האט אנגעהויבען

צושפּיעלען. דאס פאלק אבער האט געשריען אזוי הויך, אז די מוזיק האט געמוזט שווייגען. יעדער האט געוואלט זעהן דעם גרויסען זיעגער. יעדער האט איהם געוואלט בעגריסען, יעדער האט געוואלט אנריהרען זיין ראָק, זיין מונדיר, זיין שווערד. מען וואלט איהם געוועז צוריסען, ווען ער זאל ניט געוועז ארויפגעהן אויף דער טריבונע.

דיא דירעקטארען האבען איהם אויפגענומען זעהר פריינדליך. איינער פון זיי האט געהאלטען א לאַנגע רעדע, אין וועלכע ער האט ערקלערט, אז דער צוועק פון דער פראַנצויזישער רעוואלוציאן איז צו בעפרייען גאַנץ אייראפּא.

ביי דיא לעצטע ווערטער איז דיא מענגע געווארען שרעקליך אונרוהיג.

— נאפּאָלעאן, דער העלד, דער זיעגער, זאל רעדען! האט מען גערוישט און געשריען.

— נאפּאָלעאן האט געהאַלטען א קורצע רעדע.

— ביערגער פון פראַנקרייך! האט ער געזאגט. איהר גיט מיר צופיעל עהרע. איהר פערגעסט, אז ניט איך האב געזיעגט, זאנדערן דיא סאלדאטען, דיא ארמעע.

ער האט געוויעזען אויף דיא אפּגעריסענע סאלדאַטען, וועלכע האבען געטראגען דיא אלטע צוריסענע פאהנען.

— זיי האָבען געליטען הונגער און נויט. זיי זיינען געגאַנגען נאקעט און באָר־וועס — זיי האבען געזיעגט! זיי האבען געאפּפערט זעהר לעבען אום דאס פאטער־לאַנד צו פערטהיידיגען און אייראפּאַ צו בעפרייען. זיי קומט דיא עהרע!

דיא מענגע איז געווארען איבעראַשט. זיא איז געוואינט געוועז, אז יעדער גענעראַל, יעדער מיניסטער זאל זיך ריהמען און דא הערן זיי, וויא דער גרויסער העלד זאגט, אז ניט איהם קומט דיא עהרע. מען האט אנגעהויבען צו שרייען, אז מען זאל איהם איבערגעבען דיא גאנצע ארמעע, מען זאל איהם מאכען פאר קעניג איבער פראַנקרייך.

דיא דירעקטארען האבען אנגעהויבען מורא צו האבען פאר איהם. זיי האבען אנגעהויבען צו זוכען מיטעל, וויא אזוי פון איהם לויז צו ווערן. נאפּאָלעאָן אליין האט זיי געגעבען דיא געלעגענהייט דער צו. ער האט זיי ערקלערט, אז אזוי וויא דער ערג־סטער פיינד פון פראנקרייך איז יעצט ענגלאנד, מוז מען זעהן צו בעזיעגען ענגלאַנד. אבער אנפאלען אויף ענגלאנד איז ניט אזוי לייכט. מען מוז האבען זעהר פיעל קריעג־שיפען, וועלכע פראנקרייך האט דאמאלס ניט געהאַט. דער בעסטער וועג איז אפּצו־נעהמען עגיפּטען.

ענגלאנד איז א לאנד פון פאַבריקען. עס פאַבריצירט זעהר פיעל סחורות, וועל־כע זיא פערקויפט אין עגיפּטען און סיריען. ווען מען נעהמט אפּ דיעזע צווייא לענדער, וועט מען פערניכטען ענגלאנדס האנדעל אין יענע לענדער, דאס איז דאס ערגסטע, וואס מען קען טהאן ענגלאַנד. עס וועט דאן בעטען, אז מען זאל שליעסען פריעדען.

דיא רעגיערונג האט צוגעשטימט צו אלעס, וואס נאפּאָלעאָן האט געזאגט און געפּאַרדערט. דיא דירעקטארען זיינען געוועזן העכסט צופריעדען, וואס נאפּאָלעאן וועט ענדליך אוועקפאהרען פון פראנקרייך. מען האט באַלד צונויפגענומען שיפען, וויא

פיעל מען האט געקענט און אנפאנג מאי 1798 איז נאפאָלעאָן ארויסגעפאהרען מיט זיינע שיפען פון טולאָן.

ווען ענגלאנד איז געוואהר געווארען, אז א פראַנצויזישע ארמעע האט זיך איינגעשיפט, האט זיא אנגעהויבען צו ציטערן. זיא האט נאך צוואר ניט געוואוסט, וואוהין דיא ארמעע איז בעשטימט. זיא האט אבער פערשטאַנען, אז דאס מיינט מען איהר. זיא האט דאהער ארויסגעשיקט איהר בעסטען קריעגס העלד, אדמיראל נעלסאן מיט א בעפעהל, ער זאל אויפזוכען דיא פראַנצויזישע פלאטע און זאל זיא פערניכטען.

נעלסאן איז געוועזן אויפ'ן וואסער אזא העלד, וויא נאַפּאָלעאָן אויף דער יבשה, ער איז געוועזן דער איינציגער מענש אין יענע צייט, וועלכער האט זיך געקענט שטעלען געגען נאַפּאָלעאָן. ער איז געוועזן בלינד אויף איין אויג. אין איינע פון זיינע שלאכטען האט ער פערלארען אן אויג. ער האט אבער מיט איין אויג בעסער געזעהן, וויא אנאדערער מיט צוויא.

נעלסאן האט געזוכט נאַפּאלעאָנען מיט זיין ארמעע אויף אלע מעערן פון פראַנקרייך ביז עגיפּטען. דער צופאל אבער האט געוואלט, אז ער זאל איהם ניט טרעפען. נאַפּאָלעאָן איז אנגעקומען קיין עגיפּטען דעם ערשטען יולי און האט באלד געהייסען, אז דיא ארמעע זאל ארויס אויפ'ן לאַנד. מיט א טאג פריהער איז נעלסאן געוועזן אויף דעם זעלבען ארט מיט זיין פלאָטע. ער האט דיא פראַנצויזען ניט געטראפען און איז אוועק געפאהרען זיי זוכען ערגעץ אנדערש. — ווען נאַפּאלעאנס ארמעע איז געשטאַנען לעבען אלעקסאַנדריע אין עגיפּטען, איז נעלסאן ווידער געקומען. עס איז שוין אבער געוועזן שפּעט. אויף דער יבשה האט נעלסאן ניט געקענט בעשטעהן געגען נאַפּאָלעאָנען. ער איז געוועזן א העלד נור אויפ'ן וואסער.

עגיפּטען האט געהערט צו דער טירקיי. אין קאאירא פלעגט זיצען א טערקישער פּאשא. ער האט אבער קיין מאכט ניט געהאט. אין עגיפּטען האבען געהערשט דיא מאַמעלוקען, ווילדע אראבער. זיי זיינען געוועזן, וויא אמאל דיא פּאָמיעשציקעס (גוטסבעזיצער) אין רוסלאנד. זיי האט אלעס געהערט. דאס פאָלק, דיא בויערן, זיינען געוועזן זייערע שקלאַפען און האבען געמוזט ארבייטען אויף זיי. נאַפּאָלעאָן האט זיך ענטשלאָסען צו פערניכטען דיא העררשאַפט פון דיא מאַמעלוקען.

ער האט ארויסגעלאזען א פּראָקלאַמאציאָן אויף אראביש, טערקיש און פראַנצויזיש, אז ער איז געקומען צו בעפרייען דאס עגיפּטעשע פאלק פון שווערן יאָך פון דיא מאַמעלוקען. דאס פאלק איז באלד צו געטרעטען צו איהם.

דיא מאַמעלוקען זיינען אבער געוועזן א גרויסע מאַכט. זיי זיינען געוועזן אויסגעצייכענטע רייטער, זיינען געוועזן מוטהיג און טאפּפער. נאַפּאלעאן אליין האט שפּעטער אמאל געזאגט, אז ווען ער האט אזא קאוואלעריע וויא דיא מאַמעלוקען, וואלט ער אפּגענומען דיא גאנצע וועלט.

ווען דיא מאַמעלוקען האבען דערהערט, אז נאַפּאלעאן איז זיי געקומען צו פערניכטען, האבען זיי פערזאמעלט א גרויסע מאכט ניט ווייט פון קאירא, ניט ווייט פון דיא בעריהמטע פּיראַמידען. (הויכע פּיערעקיגע געביידען פון שטיינער, וועלכע זיינען שוין אלט איבער עטליכע טויזענד יאָהר) דארט איז עס געקומען **צו א שלאַכט.**

איידער דיא שלכט האט זיך אנגעהויבען, האט נאַפּאָלעאָן געהאַלטען א קורצע רעדע.

— סאָלדאַטען! האט ער זיי געזאגט, איהר געהט יעצט בעקעמפפען דיא מי־ראנען פון עגיפּטען. פיערצעהן הונדערט יאהר ווארטען אויף אייך דיעזע פּיראַמידען.

באלד האט זיך אנגעהויבען דיא שלאכט. דיא מאַמעלוקען האבען געקעמפפט, וויא העלדען. זיי זיינען געריטען גלייך אויף דיא פראנצייזישע קאַנאָנען און אויף דיא שפּיזען פון דיא פראנצייזישע סאָלדאַטען. מוראד ביי, דער אנפיהרער פון דיא מאמע־לוקען, האט געזוכט דעם טויט. ער איז ארומגעלאָפען אויף זיין פערד אין דיא רייהען פון דער פראנצייזישער ארמעע. — עס האט איהם אבער נאר ניט געהאָלפען. דיא פראנצויזען האבען געזיעגט. דיא מאַמעלוקען האבען געמוזט אנטלויפען. — נאַפּאָלעאָן איז איינגעטרעטען אלס זיעגער אין דער הויפּט שטאדט פון עגיפּטען, קאירא.

נאַפּאָלעאָן איז געווען ניט נור א גרויסער גענעראל, ער איז אויך געווען א גע־לערנטער. עס זיינען מיט איהם געקומען פיעלע גרויסע געלערנטע פון פראנקרייך. קוים איז ער אריינגעגאנגען קיין קאַירא, האבען דיא געלערנטע אנגעהויבען צו זוכען דיא אלטע עגיפּטישע שריפטען און מאנומענטע. פון יענער צייט אן האט זיך אנגע־הויבען דיא נייע וויסענשאפט „עגיפּטאָלאָגיע“, אדער דיא לעהרע איבער עגיפּטען, וועלכע האט אין דער לעצטער צייט געמאכט אזעלכע פארשריטע, אז מיר קענען היינט לעזען דיא אלטע אויפשריפטען, גלייך וויא זיי וואלטען געווען געשריעבען אין ענגליש.

נאַפּאָלעאָן האט אנגעהויבען איינצופיהרען אין עגיפּטען אן ארדנונג און א פרייע רעגיערונג. וואלט ער געקענט בלייבען לענגער אין עגיפּטען, וואלט ער געוויס געמאכט עגיפּטען פאר איינע פון דיא גליקליכסטע לענדער אין דער וועלט. אין איינעם פון זיינע בריעף צו זיין ברודער שרייבט ער איהם:

„עגיפּטען איז דאס רייכסטע לאנד אין דער וועלט. עס איז אבער שרעקליך פערווילדערט און אונטערדריקט. רייז, ווייץ און אלערליי תבואות זיינען דא אין מענגע. געלד אבער איז דא אין לאַנד זעהר ווייניג. עס וואלט געקענט זיין דאס גליקליכסטע לאנד אין דער וועלט, ווען עס זאָל נור האבען א גוטע רעגיערונג.“

אין דער צייט אבער וואס נאַפּאָלעאָן איז געווען אין עגיפּטען, האט ענגלאנד געזוכט צו פעראייניגען אלע הערשער פון אייראפּא געגען פראנקרייך. עסטעררייך האט ווידער ערקלערט פראנקרייך קריעג. עס האט אריינגעשיקט אן ארמעע קיין איטאליען און עס האט אפּגענומען גאנץ איטאליען. אהן נאַפּאָלעאָן האט דיא פראנ־צייזישע ארמעע ניט געקענט זיעגען.

דאס שרעקליכסטע אבער איז געשעהן אין ראשטאדט, וואו עס זיינען זיך צו־נויפגעקומען אלע דיפּלאָמאטען צו שליעסען דעם פריעדען. דיא פראנצייזישע רעגיע־רונג האט געשיקט אהין איהרע דיפּלאָמאטען. עסטעררייך האט געזוכט צו פערלענ־גערן און פערשלעפּען דיא פערהאנדלונגען מאנאטע לאנג. ענדליך, ווען מען האט שוין אלעס געארדענט און מען האט נור געדאַרפט אונטערשרייבען דעם פריעדענס קאנטראקט, האט מען אין דער פריה געפונען דיא פראנצייזישע דיפּלאָמאטען דער־הרגעט אין זייערע וואוינונגען. עסטעררייך האט געדונגען רויבער, מען זאָל זיי טויטען.

דיא נאכריכט פון דיעזען מארד האט אויפגערייהרט גאנץ פראנקרייך. עס

האבען זיך פערזאמעלט טויזענדער מענשען אין דיא גאסען און האבען געפאָדערט אז מען זאל זיך נוקם זיין פאר אזא ניעדערטרעכטיגען מאָרד. דיא פראנצייזישע רע־גיערונג האט זיך ניט געקענט קיין עצה געבען. זיא האט געשיקט ארמעען קיין איטא־ליען, דיא עסטעררייכער האבען זיי געשלאגען. א היים רופען נאפאָלעאָנען, דעם איינציגען מענשען, וועלכער איז אים שטאנד אנצולערנען עסטעררייך, האבען זיי מורא געהאט, אז דאס פאָלק זאל איהם ניט מאכען פאר א קעניג.

זיי וואלטען איהם געוויס געלאזען אין עגיפטען, וואו ער האט אפגענומען איין לאנד נאכ׳ן אנדערן. ער איז שוין געווען אין סיריען און האט געוואלט אפנעהמען פאלעסטינא. אין דיעזער צייט אבער האט ענגלאנד מיט שפאניען צונויפגענומען א גרויסע ארמעע און האבען געוואלט אנפאלען אויף פראנקרייך פון צוויי זייטען. שפא־ניען פון דער יבשה און ענגלאנד פון מעער.

— מיר מוזען צוריקרופען נאפאָלעאָנען אדער מיר זיינען פערלאָרען, האט גע־זאגט איינער פון דיא דירעקטארען מיט׳ן נאמען סיעס.

ער איז שטענדיג געווען געגען נאפאָלעאָנען. ער האט פאר איהם מעהר מורא געהאט פון אלעמען. דיא געפאהר איז אבער געווען אזוי גרויס, אז ער האט געמוזט אפען ארויסזאגען, אז נור נאפאָלעאָן קען נאך רעטען פראנקרייך.

אויסער דיא פערשיעדענע פיינדע, וועלכע האבען געדראהעט פראנקרייך פון אלע זייטען, איז יעצט צוגעקומען א נייער פיינד — רוסלאנד. עקאטערינא II איז גע־שטארבען און איהר זוהן פאוועל I איז געווארען קייסער. ער האט פיינד געהאט יעדע אידעע פון פרייהייט און פון א פרייע רעגיערונג. ער האט געציטערט, ווען ער האט דערהערט, אז פראנקרייך זיעגט. עסטעררייך און ענגלאנד האבען איהם פאָרגעלעגט, אז ער זאל זיך מיט זיי פעראייניגען און זיי זאלען צוזאמען פערניכטען יעדען שיין פון פרייהייט. פאוועל האט ארויסגעשיקט אן ארמעע פון זעכציג טויזענד מאן אונטער דער קאמאנדא פון דעם בעריהמטען גענעראל סואוואראָוו.

ווען דיא פראנצייזישע רעגיערונג איז דערפון געוואהר געווארען, האט זיא באלד געשיקט א קוריער צו נאפאָלעאָנען, ער זאל קומען אהיים, וויא צום גיכסטען. נאפאָלעאָן האט זעהר ניט געוואלט אוועקפאהרען פון עגיפטען, ער האט זעהר געוואלט אפנעה־מען פאלעסטינא. ער האט אבער איינגעזעהן דיא געפאהר, אין וועלכער פראנקרייך איז דאמאלס געווען. ער האט איבערגעלאזען אן ארמעע אין סיריען לעבען דער שטאדט אקאָ (עכו) און ער מיט א פאר פון זיינע בעסטע גענעראלען האט זיך אויפגעזעצט אויף א שיף און איז געפאָהרען א היים.

דער ענגלישער אדמיראל נעלסאן איז דערפון געוואהר געווארען און האט איהם אנגעהויבען נאכצויאגען. ער האט זעהר געוואלט נעהמען נאפאָלעאָן געפאנגען. עס וואלט איהם געוויס געלונגען, ווען עס וואָלט זיך ניט געווען אויפגעהויבען א שרעק־ליכער שטורמווינד, וועלכער האט ארויסגעווארפען דיא פראנצייזישע שיפען אויף קארסיקא, אויף דער אינזעל, וואו נאפאָלעאָן איז געבאָרען געווארען.

מען קען זיך לייכט דענקען, מיט וואס פאר א פרייד און מיט וואס א פאראד מען האט אויפגענומען נאפאָלעאָנען אין קארסיקא. ער האט אבער קיין צייט ניט

געהאט דארט צו בלייבען א לענגערע צייט. ער האט נור בעזוכט זיין מוטער און זיינע שוועסטער און איז באלד אוועקגעפאהרען קיין פראנקרייך. ער האט פאראויס געשיקט א קוריער, אז ער וועט קומען קיין פאריז אין דער פריה. אליין אבער איז ער געקומען ביי נאכט און איז שטילערהייט פערפאהרען אין זיין וואינונג.

אין דער פריה איז ער געגאנגען צו דיא דירעקטארען. דא איז ער ערשט געוואהר געווארען, וויא גרויס דיא געפאהר איז, אין וועלכע פראנקרייך געפינט זיך יעצט. גאנץ אייראפא פיהרט יעצט קריעג געגען פראנקרייך. אין איטאליען האט עסטעררייך אן ארמעע פון הונדערט און צוואנציג טויזענד מאן, אין דייטשלאנד איז געשטאנען אן ארמעע פון 70 טויזענד מאן, רוסלאנד האט ארויסגעשיקט 100 טויזענד, ענגלאנד און שפאניען זאמלען א גרויסע ארמעע.

דאס איז געווען דיא לאגע פון פראנקרייך אין אקטאבער 1799. נאפאלעאן האט מיט זיין שארפעס אויג אלעס איבערזעהן און האט באלד אויפגעשטעלט א פלאן, וויא אזוי צו רעטען פראנקרייך. ער וואלט באלד אוועקגעפאהרען צו דער ארמעע. איהם האבען אבער צוריק געהאלטען אנדערע זעהר וויכטיגע גרינדע.

אין פראנקרייך אליין זיינען אויסגעבראכען אונרוהען. דאס דירעקטאריום איז געווען זעהר א שוואכע רעגירונג. זא לאנג נאפאלעאן האט געזיעגט און האט יעדעס מאל צוגעשיקט וועגען מיט גאלד, איז נאך אלעס געגאנגען גוט. קוים אבער האט נאפאלעאן ניט געפיהרט קיין קריעג און דיא אנדערע פראנצויזישע גענעראלען האבען ניט געזיעגט, פארקעהרט, מען האט נאך זיי געשלאגען און זיי האבען נאך געפאדערט געלד, האבען זיך אנגעהויבען אונרוהען.

עס האבען זיך ווייטער געבילדעט געהיימע געזעלשאפטען און מען האט ווידער אנגעהויבען צו רעדען פון פערשווערונגען, פערהאפטונגען און דיא גוליאטינא.

נאפאלעאן האט איינגעזעהן, אז קוים פאהרט ער אוועק פון פראנקרייך אין אזא אונרוהיגע צייט, איז פראנקרייך פערלארען. ער האט דאהער בעשלאסען צו בלייבען אין פאריז, ביז עס וועט זיך איינארדענען א פעסטע רעגיערונג. אלעס וועט זיך בערוהיגען, דאן וועט ער דענקען, וויא צו בעזיעגען פראנקרייכס פיינד. ער האט דערווייל געשריעבען דיא גענעראלען, וויא אזוי צופיהרען דעם קריעג. און ווירקליך, ווער עס האט איהם געפאלגט, דער האט געזיעגט.

ער האט געשריעבען דעם גענעראל מאסענא, זיין בעסטען געהילפען, אז ער זאל ניט דערלאזען, אז דיא רוסישע ארמעע זאל זיך פעראייניגען מיט דער עסטעררייכישער. סואווראוו איז געגאנגען מיט אן ארמעע פון 60 טויזענד מאן. ער האט פאראויסגעשיקט דעם גענעראל קראסקאוו מיט 40 טויזענד מאן, ער זאל זיך פעראייניגען מיט דיא עסטעררייכער לעבען דער שטאט ציריך, אין דער שווייץ. מאסענא האט אויסגעפיהרט נאפאלעאנס פלאן פינקטליך.

ער איז ארויפגעפאלען אויף דער רוסישער ארמעע אונטער גענעראל קראסקאוו און האט זיא פערניכטעט. דיא רוסען זיינען אנטלאפען, וויא א העערדע לעמער. גענעראל קראסקאוו האט זיך אונטער געגעבען מיט 10 טויזענד מאן. זיין גאנצער בא=

נאוש און זיין מוניציאן (קריעגס מאטעריאל) האט ער געמחט איבערגעבען דיא פראנצויזען.

מאסענא האט שוין געמיינט, אז ער האט געזיעגט, און האט געהייסען זיינע סאלדאטען זיך אפרוהען, ווען סואוואראוו איז געקומען מיט זיין ארמעע. סואוואראוו איז געוועזן א טיכטיגער גענעראל, איהם איז געוועזן ניט אזוי לייכט צו בעזיעגען. פערצעהן טעג האט געדויערט דיא שלאכט. דיא פראנצויזען האבען געזיעגט. זיי האבען גענומען 20 טויזענד געפאנגענע, הונדערט קאנאנען און דעם גאנצען באגאזש פון דער רוסישער ארמעע.

וואס פאר א פרייד עס איז געווארען אין פראנקרייך, ווען מען האט געהערט פון דיעזען זיעג, קען מען זיך שוין לייכט פארשטעלען.

— קוים איז נאפאלאן געקומען, איז שוין אלעס גוט געווארען, האט דאס פאלק געשריען. — נאפאלעאן זאל זיין אונזער הערשער, אונזער אנפיהרער!

דאס אבער האט געפאדערט ניט נור דאס פאלק, אויך פיעלע גענעראלען און פיעלע מיניסטארען האבען איהם געבעטען, ער זאל ענדליך נעהמען דיא ציגעל פון דער רעגירונג אין זיינע שטארקע הענד. מען האט איהם זאגאר פארגעלעגט ער זאל ווערן קעניג.

— דיא בירנע איז נאך ניט רייף (צייטיג), האט ער געענטפערט.

פון אלע זייטען האט מען איהם געבעטען, ער זאל ווענינגסטענס טהיילנעהמען אין דער רעגיערונג. ער האט ענדליך געמוזט נאכגעבען. דיא רעגיערונג אליין האט איהם יעצט איבערגעגעבען דאס קאמאנדע איבער אלע פראנצויזישע ארמעען, איבער דיא נאציאנאל גארדע און איבער דער שטאדט פאריז. דיא דירעקטארען האבען גערעכענט, אז דערמיט וועט דאס פאלק צופריעדן זיין. נאפאלעאן וועט אוועקפאהרען צו דער ארמעע און זיי וועלען בלייבען הערשער. ער וועט זיעגען און וועט זיי צושיקען וועגען מיט גאלד, וויא ער האט עס געטהאן, ווען ער איז געוועזן אין איטאליען. דאס האט אבער יעצט נאפאלעאן ניט געוואלט. ווען ער וועט פיהרען קריעג און וועט איינשטעלען זיין לעבען פאר דאס פאטער־לאנד, האט ער ניט געוואלט זיין אבהענגיג פון אונפעהיגע מענשען, ווא באררא און טאליען. ער האט ניט געקענט פערגעסען דיא צייט, ווען ער איז געוועזן אין איטאליען, ער פלעגט פאדערן 10 טויזענד מאן און מען פלעגט איהם שיקען פינף הונדערט.

ווען דאס פאלק וויל איהם איבער געבען דיא רעגיערונג, מוז ער האבען דיא רעגיערונג אין זיינע הענד אין גאנצען.

דעם 9טען נאוועמבער 1799 האבען זיך דיא דירעקטארען פערזאמעלט אויף א בעראטהונג. ארום דעם פאלאץ, וואו זיי האבען זיך בעראטהען, האט זיך פערזאמעלט א גרויסע מענגע מענשען. ארבייטער, בירגער, סאלדאטען, אפיציערן און גענעראלען. דיא בעראטהונג איז געוועזן זעהר א וויכטיגע. ביז אהער האבען רעגיערט פינף דירעקטארען און א פערזאמלונג פון פינף הונדערט דעפוטאטען.

— דאס איז צו פיעל, האט דיא מענגע געשריען. עס איז גענוג דריי מענשען. מען דארף ניט קיין פינף.

קוים האט זיך אנגעהויבען דיא בעראטהונג, איז אויפגעשטאנען איינער פון דיא דעפוטאטען און האט ערקלערט, אז עס זיינען דא מענער, וועלכע ווילען פערניכטען דיא פרייהייט און ווערן הערשער. ער האט אנגערופען איינינע נעמען, דארונטער דעם נאמען פון לוסיאן באנאפארטע, נאפאלעאָנס ברודער ער האט געווים געוואלט זאגען נאפאלעאן באנאפארטע. ער האט אבער מורא געהאט.

באלד האבען זיך אנגערופען אנדערע דעפוטאטען. זיי זיינען שוין געגאנגען נאך ווייטער און האבען אפען ארויסגעזאגט, אז נאפאָלעאן וויל ווערן א טיראן, א דעספאָט און פערניכטען דיא פרייהייט, וועלכע זיי האבען זיך ערווארבען מיט אזוי פיעל בלוט־ עס איז געווארען א שרעקליכער ליארם. איינינע האבען געפאָרדעט, אז מען זאל נאָ־פאלעאנען פערהאפטען, אנדערע — אז מען זאל איהם איבערגעבען א קריעגס געריכט.

אין דיעזע מינוט איז נאפאלעאן אריינגעגאנגען אין זאל. עס איז באלד שטיל געווארען.

— בירגער! האט נאפאלעאן געזאגט. ערשט נעכטען האט איהר אליין מיר איבערגעגעבען דאס קאמאנדע איבער דער ארמעע און דיא שטאדט פאריז און היינט שימפפעט איהר מיך און רופט מיך טיראן און דעספאָט. — איך בין א סאלדאט, איך בין געוואינט צו טהאן אלעס פריי און אפען, איך זאג אייך, אז פראנקרייך איז אין געפאהר. איהר מוזט האבען א פעסטע האנד, וועלכע זאל שטעהן ביים רודער פון דער רעגיערונג, ווען ניט זייט איהר פערלארען.

ער האט זיך געווענדעט צו דיא אפיציערן און סאלדאטען וועלכע זיינען געשטאנען אין זאל און האט זיי געזאגט:

— אפיציערן און סאלדאטען! האב איך א מאל געבראכען מיין ווארט, ווען איך האב אייך געפיהרט פון זיעג צום זיעג? האב איך אייך א מאל געוויעזען, אז איך שטעה העבער פון אייך? האב איך א מאל געהאנדעלט געגען אייך ניט עהרליך?

— ניין! האבען אויסגעשריען דיא סאלדאטען מיט דיא אפיציערן מיט איין קול.

— דוא האסט געזיעגט, וויל דוא האסט געוואלט הערשען איבער אונז, האט זיך אפגערופען איין דעפוטאט.

עס איז ווידער געווארען א שרעקליכער ליארם, מען האט ארויסגעצויגען מעסער און סטילעטען געגען נאפאלעאנען. איינינע פון זיינע פריינד האבען איהם מיט געוואלט אוועקגעפיהרט פון דער פערזאמלונג. יעצט האט נאפאלעאן ערשט איינגעזעהן, וויא ווייט דער האס און דער נייד פון דיא פערשיעדענע פארטייען געהט.

ער איז געפאהרען א היים און האט באלד געגעבען א בעפעהל צו איינינע רעגימענטער, אז זיי זאלען ארומרינגלען דעם זאל, וואו דיא רעגיערונג האט זיך פערזאמעלט און זאלען זיי צוטרייבען מיט געוואלד.

אין זאל זיינען נאך אלע געזעסען פערזאמעלט און מען האט זיך בעראטהען, וואס מען זאל טהאן, ווען עס איז אנגעקומען אן אפיציער מיט א בלויזען שווערד אין דער האנד און האט אויסגערופען:

— אים נאמען פון גענעראל באנאפארטע ערקלער איך דיא פערזאמלונג פיר געשלאסען! יעדער גוטער בירגער זאל זיך געהן א היים. — סאלדאטען פארווערטס!

דיא דעפוטאען האבען אנגעהויבען צו פראטעסטירען. דער אפיציער האט געגעבען א צייכען, דיא פויקען האבען אנגעהויבען צו רוישען, דיא טרומויטען צו פייפען. דער זאל איז פול געווארען מיט סאלדאטען. אין איינינע מינוטען ארום איז דער זאל געווארען לעדיג.

דערמיט האט זיך געענדיגט דיא פראנצויזישע רעוואלוציאן. פון איצט אן האט אנגעהויבען צו הערשען אין פראנקרייך ארדנונג, אבער קיינע פאלקס רעגיערונג.

נאפאלעאן האט באלד ארויסגעלאזען א פראָקלאמאציאָן, אין וועלבע ער האט ערקלערט דעם פאלק, פאר וואס ער האט צוטריעבען דיא פערטרעטער פון'ם פאלק און ער האט געבעטען, אז אלע, וועלבע ווינשען רוהע און ארדנונג זאלען זיך פערזאמלען, זאלען וועהלען נייע דעפוטאטען און זאלען איינפיהרען א נייע, בע־סערע רעגיערונג.

אויף זיינע אויפפארדערונג האבען זיך אפגערופען פיעלע דעפוטאטען. מען האט זיך פערזאמעלט און מען האט בעשלאסען, אז אנשטאט פון פינף הונדערט דעפוטא־טען וועט געגעב זיין פונפציג און אנשטאט פינף דירעקטארען זאלען זיין נור דרייא מיט'ן נאמען קאָנסולען, וויא עס איז געוועזען א מאל אין רוים. דיא אנפיהרער פון'ם פאלק האבען געהייסען קאנסולען. נאפאלעאן איז געוועזען איינער פון דיא דרייא קאנסולען.

22טעס קאפיטעל.

נאפאלעאן אַלס ערשטער קאנסול.

קוים האט נאפאלען איבער גענומען דיא רעגיערונג, האט ער באלד אנגעהוי־בען צו בעגנאדיגען פיעלע פון דיא פעראורטהיילטע און פערשיקטע. ער האט געהיי־סען קומען אהיים לאפאיעט און פיעלע אנדערע וואהרע פריינד פון פרייהייט. פיעלע פון דיא אונשולדיג פערשיעקטע קיין קאיען האט ער געהייסען צוריק ברענגען.

ביז אהער איז געוועזען דער 21 יאנואר א פייערטאג, ווייל אין דעם טאג האט מען אפגעהאקט דעם קאפ פון לודוויג דעם זעבצעהנטען. נאפאלעאן האט געפונען, אז אזא יום טוב איז ווילד און אונמענשליך. זיך פרעהען וואס מען האט מענשען גע־טייטעט, פאסט ניט פאר א געבילדעט פאלק.

דעם 14טען דעצעמבער 1799 איז וואשינגטאן געשטארבען. קוים האט נאפאַ־לעאן דיעזע טרויעריגע נאבריכט דערהערט, האט ער געהייסען, אלע עפענטליכע גע־ביידען זאלען זיין בעדעקט מיט שווארץ, א צייכען פון טרויער. ער האט ארויסגעלאזען פאלגענדע פראקלאמאציאן, וועלבע איז ווערטה, אז מען זאל עס לעזען, ווייל זיא צייגט, אז נאפאלעאן האט ווירקליך ליעב געהאט דיא פרייהייט.

„וואשינגטאן איז טויט. דיעזער גרויסער מאן האט געקעמפפט געגען דיא טי־ראַניי און האט בעפרייט זיין פאטערלאנד. זיין אנדענקען דארף זיין טהייער פאר יעדען, ווער עס ליעבט נור דיא פרייהייט און דיא גלייכהייט פון אלע מענשען. איך בעפעהל דאהער, אז אלע פראנצויזישע פאהנען זאלען זיין ארומגעוויקעלט מיט שווארץ אויף צעהן טאג“.

ער האט איינגעפיהרט א גוטע ארדנונג אין דער ארמעע און אין דיא פינאַנ־סען. ער האט געזעהן, אז דער האנדעל זאל בליהען און האט געזוכט מיטעל, וויא צו בעשיצען דעם בויער. ווען אלעס איז געווען איינגעארדענט אין פראַנקרייך, האט ער זיך געווענדעט נאך אייראָפּאַ. ער האט געוואוסט, אז אלע לענדער זיינען שוין מיעד פון'ם לאנגען קריעג. אלע ווילען פריעדען. ער האט זיך בעמיהט צו שליעסען א פריעדען.

צו ערשט האט ער זיך געווענדעט קיין ענגלאנד. ער האט אנגעשריעבען א לאנגען בריעף צום ענגלישען קעניג געארג III און האט איהם געבעטען, ער זאל ענד־ליך דאך שליעסען פריעדען מיט פראנקרייך. דער שטאלצער ענגלישער קעניג אבער האט איהם זאגאר ניט געענטפערט. ער האט געהייסען זיין מיניסטער, ער זאל איהם ענטפערן, אז אויב ער וויל פריעדען, זאל ער רעדען מיט זיין געזאנדטען אין פאריז. דער מיניסטער האט איהם געענטפערט אזוי קאלט און מיט אזא הויכען טאן, אז נאפאלעאן האט זיך געפונען בעליידיגט.

ער האט פראבירט פערהאנדלען מיט עסטעררייך, אז מען זאל שליעסען פריע־דען מיט איהם. דער קייזער פון עסטעררייך האט איהם געענטפערט העפליכער, אבער פעסט און ענטשלאסען, אז מיט קעניגסמערדער קען ער נור דאן שליעסען פריעדען, ווען מען וועט איהם אפּגעבען אלע לענדער, וואס מען האט ביי איהם צוגענומען און פראנקרייך וועט ווידער ווערן א קעניגרייך, וויא עס איז אמאל געווען.

נאפאלעאן איז געווען געצוואונגען צו פיהרען קריעג.

— איהר ווילט דעם קריעג, איהר וועט איהם האבען! האט ער געזאגט צום ענגלישען און עסטערייכישען געזאנדטען.

ער האט באלד ארויסגעלאזען א פּראָקלאמאציאָן, אז ער וועט יעצט אליין קאָ־מאנדירען דיא ארמעע. ווער עס וויל זאל אריינטרעטען אין זיין ארמעע. פון אלע זייטען זיינען געלאפען יונגע לייט און עלטערע מענשען און האבען זיך געבעטען, אז מען זאל זיי אויפנעמען אין דער ארמעע. אלע האבען געוואוסט, אז אונטער נאפּאָלע־אנען ווילען זיי זיעגען. אלע האבען געוואוסט דאס גרויסע ווארט, וואס נאפּאָלעאָן האט אמאל געזאגט:

— אין דעם ראנעץ פון יעדען סאלדאט ליעגט דער טיטול פעלדמארשאל.

דאס איז געווען ריכטיג. קוים האט נאפּאלעאָן דערזעהן א פעהיגען סאלדאט, האט ער איהם באלד געמאכט פאר אפיציער, פאר גענעראל, פאר פעלדמארשאל. ער האט קיין מאל ניט געפרעגט ווער דער מענש איז, זאנדערן וואס ער איז.

עס איז געווען אנפאנגס אפּריל 1800, ווען נאפּאלעאָן האט געהייסען זיין אר־מעע מארשירען קיין איטאליען. ער האט געוואלט צוערשט בעזיעגען עסטעררייך. עס איז נאך געווען רעכט קאלט און דיא ארמעע האט געדארפט געהן איבער דיא הויכע בערג, דיא אלפען, וועלכע זיינען בעדעקט מיט שנעע. נאפּאלעאָן האט אבער קיין מאל ניט געקוקט אויף קיינע הינדערניסע. ער איז אריבערגעגאנגען דיא אלפען און איז אנגעפאלען אויף איטאליען. עס זיינען פארגעקומען קליינע שלאכטען, וועלכע האָ־בען קיין בעדייטונג ניט געהאט. נאפּאלעאן האט אנפאנגס ניט געקענט פערשטעהן,

פאַר וואס ער געפינט אין איטאַליען אזוי ווייניג עסטעררייכיש מיליטער. באלד אבער איז ער געוואהר געווארען די אורזאַכע דער פון.

ביז אהער האט עסטעררייך צוטהיילט זיין ארמעע און האט געפיהרט קריעג אין פערשיעדענע ערטער. יעצט האט עס געוואלט אפּנארען דעם ערשטען קאָנסול — נאַפּאלעאָנען. עס האט געלאזען נור קליינע אבטהיילונגען אין אייניגע פעסטונגען. נאַפּאלעאָן וועט זיי געוויס בעזיעגען, ער וועט מיינען אז ער האט שוין געזיעגט. ווען ער וועט זיין גאַנץ זיכער, וועט פּלוצלונג אויף איהם אנפאלען די גאַנצע עסטעררייכישע ארמעע פון 130 טויזענד מאַן און וועט איהם פערניכטען.

דיעזער פּלאַן איז געוויס געווען זעהר א גוטער געגען יעדען אנדערן גענעראַל, אבער ניט געגען נאַפּאלעאָן באָנאַפּאַרטא. ער האט באלד פערשטאַנען דעם פּלאַן, וואס דער עסטעררייכישער אבערקאָמאַנדירענדער האט געמאַכט און איז איהם ענטגעגען געגאַנגען.

פאָרוועררטס! אנגרייפען! איז געווען נאַפּאלעאָנס לאָזונגס ווארט. ער האט ניט געוואוסט פון ווארטען און זיך פערטהיידיגען. ער מוז אנפאלען אויף יענעם און איהם פערניכטען. ער האט אויפגעזוכט די עסטעררייכישע ארמעע און האט זיא געפונען לעבען א דאָרף מיט'ן נאָמען „מאַרענגאָ“.

דאָרט האט זיך אפּגעשפּיעלט דאס שרעקליכע פעלקער־דראַמא, וועלכע איז בעקאַנט אין דער וועלט ביז׳יכטע אונטערן נאָמען „די שלאַכט פון מאַרענגאָ“.

די שלאַכט האט זיך אנגעהויבען גאַנץ פריה דעם 14טען יוני 1800. די עסטעררייכישע ארמעע איז געווען פיעל שטאַרקער. זיא האט געשלאַגען די פראַנצויזען און האט זיי בעזיעגט. נאַפּאָלעאָן איז ביים אנפאַנג פון דער שלאַכט געווען בעשעפטיגט אין אנאַנדער אָרט. ערשט אום 3 אוהר נאָך מיטאָג איז ער געוואהר געווארען, אז מען האט זיין ארמעע געשלאַגען. ער איז געקומען צו לויפען, וויא א וואהנזיניגער און האט געפרעגט איינעם פון זיינע גענעראַלען:

— וויאַפיעל אוהר איז עס?

— עס איז שוין דריי אוהר, האט איהם דער גענעראַל געענטפערט.

— נו, דאַן האב איך נאָך צייט די שלאַכט ווידער צו געווינען, האט נאַפּאָלעאָן געזאָגט קאַלטבליטיג.

זיצענדיג אויפ'ן פערד האט ער געמאַכט אנאַנדער פּלאַן, וויא צו פיהרען די שלאַכט. ער האט יעצט אליין קאָמאַנדירט. זיין ארמעע איז אנגעפאלען אויף די עסטעררייכער מיט אזא מאַכט, אז ביז זעקס אוהר אבענדס איז די גאַנצע עסטעררייכישע ארמעע אנטלאָפען. אכט טויזענד טויטע עסטעררייכישע סאָלדאַטען האבען בעדעקט דאס שלאַכט פעלד ארום דעם קליינעם דאָרף מאַרענגאָ. פיער טויזענד האבען זיך אונטערגעגעבען. די פראַנצויזען האבען אויפגעפאַנגען דעם גאַנצען באַגאַזש פון דער עסטעררייכישער ארמעע.

די מאַכט פון עסטעררייך איז געבראָכען. ענגלאַנד קען איהר העלפען נור מיט קריעגס שיפען. דער רוסישער קייסער פּאַוועל I איז געווארען אזוי בעגייסטערט פאַר נאַפּאלעאָנען, זייט ער האט געשלאַגען זיין בעריהמטען גענעראַל סואוואָראָוו, אז ער

איז נעוואָרען זיין בעסטער פריינד. ער האט ניט געוואָלט הערן פון פיהרן קריעג געגען נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע. ער האט איהם געשעצט אזוי הויך, אז ער איז געוועזן בערייט צו שליעסען מיט איהם א בונד.

דיא פראַנצויזישע אַרמעען אין דייטשלאַנד האבען אויסגעפיהרט פּינקטליך נאַפּאָלעאָנס קריעגס פּלאַן אין האבען געשלאָגען דיא פּרייסישע און ענגלישע אַרמעע.

יעצט האט מען שוין געמוזט בעטען נאַפּאָלעאָנען, ער זאָל שליעסען מיט זיי פריעדען. יעצט איז דער שטאָלצער ענגלישער קעניג געוואָרן דער דריטער געוועזען געצוואונגען צו בעטען, אז נאַפּאָלעאָן זאָל מיט איהם שליעסען פריעדען. יעצט אבער האט נאַפּאָלעאָן געשטעלט א בעדינגונג, אויף וועלכע דער ענגלישער קעניג האט ניט געוואָלט איינגעהן. דיא ענגלישע קעניגע זייט 1714 זיינען געוועזען פון דער פאַמיליע פון דיא פירסטען פון האַנאָווער. יעדער ענגלישער קעניג איז געוועזען אין דער זעלבער צייט קעניג פון האַנאָווער. נאַפּאָלעאָן האט געוואָלט צונעהמען האַנאָווער און עס פעראייניגען מיט פראַנקרייך. דאס האט דער ענגלישער קעניג ניט געוואָלט דערלאָזען.

עס האבען זיך אנגעהויבען אונטערהאַנדלונגען צווישען דיא דיפּלאָמאַטען. נאַפּאָלעאָן איז דערווייל צוריק געקומען קיין פּאַריז. ער איז ווידער געקומען ביי נאַכט און שטילערהייט. קוים איז מען געוואָהר געוואָרען, אז ער איז אין פּאַריז, איז דיא קליינע גאַס, וואו ער האט געוואוינט אין וועלכע מען האט איהם צו עהרן א נאָמען געגעבען דיא „זיעגס שטראַסע“, זיך אנגעפילט מיט מענשען. יעדער האט געוואָלט זעהן דעם זיעגער פון מאַרענגאָ.

עס האבען זיך פערזאַמעלט אויך פיעלע פיינד נאַפּאָלעאָנ'ס. איינינע, עכטע רעפּובליקאַנער, האבען איהם געהאַסט, ווייל זיי האבען איינגעזעהן, אז פריהער אדער שפּעטער וועט ער זיך נעהמען דיא מאַכט, ער וועט ווערן הערשער אין פראַנקרייך. אַנדערע האבען איהם בענייידעט (מקנא געווען), ווידער אַנדערע, וועלכע זיינען געבליעבען טריי דער פאַמיליע פון'ם לודוויג דעם זעכצעהנטען, האבען גערעכענט, אז ווען ניט נאַפּאָלעאָן, וואָלט מען יעצט געקענט מאַכען פאַר קעניג לודוויג דעם זעכצעהנטענס ברודער.

עס האט זיך געבילדעט א פערשווערונג צו טייטען נאַפּאָלעאָנען.

איין מאָל, ווען מען האט געוואוסט, אז ער וועט פאָהרען אין טהעאַטער, האט מען געשטעלט אויפ'ן וועג, וועלכען ער האט געדאַרפט דורכפאָהרען, א פאַס מיט פּולווער. פון דער ווייטענס איז געשטאַנען איינער און האט געהאַלטען אין דער האַנד א שטריק אנגעשמירט מיט פּעך. דאס ענדע פון'ם שטריק איז געלעגען אין פאַס פּולווער. קוים וועט ער דערזעהן נאַפּאָלעאָנס פאָהרען, האט ער געדאַרפט אנצינדען דעם שטריק.

אַלעס איז געוועזען גאַנץ גוט איינגעריכטעט. צום גליק, האט זיך נאַפּאָלעאָן עפּעס פערשפּעטיגט. זיין קוטשער האט זיך געאיילט און האט שטאַרק געטריעבען דיא פערד. ווען דאס פאַס פּולווער האט זיך אנגעצונדען, איז זיין קאַרעטע שוין געוועזען וויים. עס האט איהם ניט געשאַדעט. נור א פערד פון איינעם פון זיינע בעגלייטער איז פערוואונדעט געוואָרען.

יעצט האט נאפאלעאן געהאט א געלעגענהייט צו פערניכטען יעדע שפור פון אונארדענונג און רעוואלוציאן. ער האט איינגעפיהרט א שטרענגע פאליציי אין פאריז און פלעגט אפט ארומפאהרען ביי נאכט אין דיא גאסען זעהן, אויב אלעס איז אין ארדנונג, אויב דיא פאריזער איינוואינער קענען רוהיג שלאפען.

ער איז געווען זעהר שטרענג, אבער גערעכט. קיינער האט זיך ניט געקענט בעקלאגען, אז ער האט איינעם אונרעכט געטהאן.

דיא פערהאנדלונגען פון פריעדען האבען זיך געצויגען אין דערלענג. וועו ניט ענגלאנד, וועלכעס האט געמאכט אלערליי פאלשקייטען און בעטריגערייען אפצוהאלטען דעם פריעדען, וואלטען אלע פירסטען און קעניגע פון אייראפא געווען זעהר צופריעדען צו האבען ענדליך רוהע און זיך צו ערהאלען פון א קריעג, וועלכער האט געדויערט מער אלס אכט יאהר. אלע האבען געוואלט פריעדען, אלע האבען געבענקט נאך רוהע. נור איין ענגלאנד איז געשטאנען אין וועג.

דיא פערהאנדלונגען האבען דאהער געדויערט זעהר לאנג — גאנצע צוויא יאהר. דיעזע צייט אבער האט נאפאלעאן בענוצט אום אין פראנקרייך אליין איינצופיהרען גוטע געזעצע. אין דיעזער צייט האט ער צום ערשטען מאל דערמאנט דאס אידישע פאלק. — „פרייהייט און גלייכהייט!" האבען געשריען דיא פראנצויזען אין דער צייט פון רעוואלוציאן. וועו עס איז אבער געקומען צו א אידען, האט מען געזאגט, אז א איד איז קיין מענש ניט, ער האט קיין רעכט ניט.

דיא אידען אין פראנקרייך זיינען דאמאלס געווען אזוי פערפאלגט און אזוי ניעדער געשלאגען, אז זיי האבען זאגאר מורא געהאט צו פראטעסטירען. אין דער שרעקענעס צייט פון ראבעספיער האבען זיי מורא געהאט אויפצוהייבען דעם קאפ. ערשט יעצט, וועו פראנקרייך האט זיך בערוהיגט און זיי האבען זיך איבערצייגט, אז נאפאלעאן האט ליעב ארדנונג און גערעכטיגקייט, האבען זיי עס געוואגט זיך צו ווענדען צו איהם מיט א ביטע, אז זיי זאלען אויך האבען דיא בירגער רעכטע פון אלע פראנצויזען.

נאפאלעאן האט זייער ביטע אנגענומען. וועו ער האט דערמאנט דעם נאמען איד זיינע אנדערע צוויא קאנסולען, — ער איז געווען נור דער ערשטער קאנסול. עס זיינען געווען נאך צוויא מיט איהם — האבען זיי אנגעהויבען צו שמייכלען.

— געבען א אידען מענשענרעכטע? בירגער רעכטע? דאס איז א נייעס! דערפון האט מען נאך דאמאלס אין אייראפא ניט געקענט דענקען.

נאפאלעאן האט זייער ביטע ניט אפגעזאגט. ער האט עס נור אפגעלעגט אויף אנאנדערע, בעסערע צייט. ערשט אין 1804, וועו ער איז געווען קייזער, האט ער ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז אידען האבען גלייכע רעכטע מיט אלע פראנצויזישע בירגער.

דער ווייל האט ער געהאט מיט אנדערע זאכען זיך צו בעשעפטיגען.

אין דער צייט פון דער רעוואלוציאן האט מען אין גאנצען אפגעשאפט דיא רעליגיאן. אלע קלויסטערס און קירכען האט מען געשלאסען. דיא מאנאסטירען האט מען געעפענט און מען האט געהייסען דיא מענכע און דיא נאנען, זיי זאלען הייראטען

הען און זאלען ווערן מענשען, בירנער גלייך מיט אלעמען. נאפאלעאן האט געפונען, אז פערניכטען דיא רעליגיאן מיט געוואלד איז נעגען דיא פרייהייט.

— דער דעספאטיזמוס צווינגט, יעדען, ער זאל אננעהמען דיא רעליגיאן, וועלכע ער וויל, האט ער א מאל געזאגט. איז דאס דען ניט דעספאטיזמוס, ווען איך צווינג איינעם, ער זאל זיך אפזאגען פון זיין רעליגיאן? — דיא רעליגיאן דארף זיין פריי, וויא יעדע מיינונג, פאלגליך, מעג יעדער מענש זיך האבען זיין רעליגיאן.

ער האט דאהער געהייסען עפענען אלע קירכען. יעדער, ווער עס וויל, מעג געהן בעטען גאט אויף זיין ארט. ווען דיא קירכען זיינען אפען, מוז מען האבען פריסטער, ווער עס זאל מאכען אלע צערעמאניען. נאפאלעאן האט ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז אלע פריעסטער, וועלכע זיינען אנטלאפען פון פראנקרייך, מעגען יעצט צוריק קומען.

ווען דיא גייסטליכע זיינען צוריק געקומען און האבען וויעדער אנגעהויבען צו האלטען גאטעס דיענסט, האט מען צוריק ארויסגענומען דיא אלטע צייט רעכענונג. דיא מאנאטע האבען צוריק געהייסען יאנואר, פעברואר א. ז. וו. און דאס יאהר האט שוין וויעדער געהייסען 1803.

ווען דיא הויפט קירכע פון פאריז מיטן נאמען „נאטר דאם“ האט זיך געעפענט, האט נאפאלעאן געזאגט, אז דעם אנדערן טאג זאלען מען אפהאלטען א פייערליכען גאטעס דיענסט און ער אליין וועט אויך ביוואינען דיא צערעמאניע.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה האט זיך פערזאמעלט א גרויסע מענגע מענשען ארום דער קירכע. נאפאלעאן האט זיך אנגעטהאן אין זיינע בעסטע קליידער אלס פראנצויזישער גענעראל און ערשטער קאנסול און איז געגאנגען מיט זיין גאנצען שטאב אין קירכע. לעבען איהם איז געגאנגען זיין ברודער זשאזעף און דער צווייטער קאנסול, גאמבאסער.

— מיר געהן צו דער ערשטער פארשטעלונג, האט גאמבאסער געזאגט. ווען דאס שטיק וועט ניט געפעלען, וועט מען עס אויספייפען.

— נו, דאס וועל איך שוין ניט דערלאזען, האט נאפאלעאן געענטפערט. קוקט אייך נור אום, וועט איהר זעהן, וויא מיינע גרענאדיערן שטעהן אין קירכע און ארום דער קירכע.

וואו נאפאלעאן האט זיך נור געוויעזען, האט איהם דאס פאלק בעגריסט מיט פרייד און ענטציקען. פיעלע אלטע רעוואלוציאנערן איז עס צוואר שטארק ניט געפעלען, וואס ער האט וויעדער געעפענט דיא קירכען און האט צוריקגערופען דיא גייסטליכע. ווען זיי האבען אבער געזעהן, וויא שטיל, וויא רוהיג, וויא גליקליך פראנקרייך איז יעצט, האבען זיי זיך ניט געקענט איינהאלטען און האבען אויך אויסגערופען:

— עס לעבע דער ערשטער קאנסול! עס לעבע באנאפארטע!

דעם אנדערן טאג האט דיא רעגיערונג געמוזט בעשליעסען, אז נאפאלעאן זאל זיין דער ערשטער קאנסול פון פראנקרייך אויף לעבען לאנג. דאס פאלק האט עס געפאדערט. ווען דיא רעגיערונג זאל עס געוועזן ניט נאכגעבען, וואלט איהם דאס פאלק אויסגערופען אלס קעניג פון פראנקרייך.

28טעם קאפיטעל.

נאפּאָלעאן אלס קייזער דער פראַנצאָזען.

וויא זעהר דאס פאלק האט פערגעטערט דעם ערשטען קאָנסול, וויא זיי האבען ניט געשריען און געליארעמט: עס לעבע נאפאלעאן! עס לעבע באנאַפּארטע! יעדעס מאל, ווען זיי האבען איהם דערזעהן — האבען זיך דאך נאך געפונען פיעלע אנהעננער פון דער רעוואלוציאָן, וועלכע האבען איהם געהאסט. זיי האבען גאנץ ריכ־טיג בערעכענט, אז צו ביסלעכווייס וועט ער ווערן א טיראן. פראנקרייך וועט ווידער פערליערן אלע זיינע פרייהייטען און עס וועט זיך ווידער אנהויבען דיא אלטע שקלאפעריי.

נאפאלעאן איז ניט געוועזן קיין וואשינגטאן. דער כאראקטער פון דיעזע צווייא בעריהמטעסטע מענער פון יענער צייט איז זעהר פערשיעדען. וואשינגטאן איז געוועזן איינפאך און האט פיינט געהאט יעדע עהרע בעצייגונג און יעדען צייכען פון הערר־שאפט און מאכט. ער האט ניט געוואלט הערשען. ער האט געפיהרט קריעג נור אום זיך צו פערטהיידיגען. ער האט ערקלערט קריעג, ווען עס איז געוועזן אייסערסט נאטהווענדיג. קוים האט דער קריעג אויפגעהערט, איז וואשינגטאן ווידער געוועזן אן איינפאכער בירגער, וויא יעדער אנדערער. וואשינגטאן האט שטענדיג געשטרעבט, אז דיא פעראייניגטע שטאטען זאלען לעבען רוהיג און פריעדליך. פון זיך, פון זיין פאמיליע האט ער קיין מאל ניט געטראכט. זא לאנג עס איז געוועזן נעטהיג, איז ער געוועזן פרעזידענט פון דיא פעראייניגטע שטאאטאן; ווען עס איז ניט געוועזן נעטהיג, איז ער צוריקגעפאהרען אהיים און האט געלעבט אלס פארמער.

ווען דער קריעג אין אמעריקא האט זיך געענדיגט און גענעראל לאפאיעט האט געוואלט פאהרען אהיים, קיין פראנקרייך, איז ער געפאהרען נעהמען אבשיעד פון וואשינגטאנס מוטער. ער האט זיא געטראפען אין אן איינפאכעס קלייד ארבייטען אין גאָרטען. זיא איז שוין דאמאלס געוועזן זעהר אלט, דענאך פלעגט זיא נאך אליין גראבען מעהרען אין איהר גארטען.

— איך בין געקומען אבשיעד נעהמען דער מוטער פון גרויסען העלד, פון׳ם בעפרייער פון זיין פאטערלאנד, האט דער העפליכער פראנצויז געזאגט.

— איהר רעדט פון מיין דזשארדזש, האט דיא אלטע פרוי געענטפערט און האט ווייטער געריסען דיא מעהרען. ער איז שטענדיג געוועזן א גוד באָי.

אזוי איינפאך, וויא דיא מוטער, אזוי איינפאך איז געוועזן דער זוהן. וואשינגטאן איז אונגערן געווארען פרעזידענט. ער האט שטענדיג געבענקט אהיים צו זיין מוטער און צו איהרע מעהרען.

נאפאלעאן איז געוועזן אנאנדער מענש. ער האט געוואלט הערשען. ער האט געוואלט רעגיערן. ווען מען האט איהם מיט אפאר יאהר צוריק פארגעלעגט, ער זאל ווערן קעניג פון פראנקרייך, האט ער געענטפערט:

— דיא בירנע איז נאך ניט צייטיג.

יעצט איז דיא בירנע שוין געוועזן צייטיג. יעצט איז ער שוין געוועזן קעניג פון

פראנקרייך, עס האט איהם נור געפעהלט דיא קרוין. ער האט זיא געזוכט און האט זיא געפונען.

קוים איז ער געווארען ערשטער קאנסול, האט ער באלד געזעהן צו געבען זיינע ברידער און זיינע פערוואנדטע דיא בעסטע שטעלען. זיין ברודער היעראנימוס, אן העכסט אונפעהיגער און לייכטזיניגער מענש, האט ער געמאכט פאר אדמיראל פון דער פראנצויזישע פלאטע. זיינע שוועסטער האבען געלעבט, וויא דיא פירסטינען. ער האט יעדער געשענקט א פאלאץ. זיין גאנצע פאמיליע האט ער פערזאָגט, אז זיי זאלען לעבען וויא דיא פירסטען.

דאס האט פערדראסען פיעלע ערנסטע מענשען, וואהרע אנהענגער פון דער פרייהייט פון 1804, עס האבען זיך אנגעהויבען פערשווערונגען. מען האט איינינע מאל אויף איהם געשאסען אויף דער גאס. ער האט מורא געהאט אַרויסצוגעהן אויף דער גאס אליין. ער האט געמוזט האבען ארום זיך א וואך פון זיינע גרענאדיערן.

זיינע ברידער און זיינע גוטע פריינד האבען ענדליך אריינגעבראכט אין סענאט א פארשלאג, אז מען מוז איין מאל פאר אלע מאל פערניכטען אלע שפורען פון דער רעוואלוציאן. מען מוז האבען א שטארקע רעגיערונג. דיעזע רעגיערונג דארף זיך געפינען אין דיא הענד פון איין מענשען. — נאפאלעאן מוז ווערן קייזער פון פראנקרייך.

דער סענאט האט אנגענומען דיעזען בעשלוס איינשטימיג. ווען מען האט עס געמעלדעט נאפאלעאנען, האט ער ערקלערט, אז ער וועט אננעמען דיא קייזער קריי נור דאַן, ווען דאס פאלק וועט איהם וועהלען; ווען גאנץ פראנקרייך וועט זיך ערקלערן, אז מען פערלאנגט, ער זאל ווערן קייזער.

מען האט געמאכט א וואהל. מען האט ארויסגעשיקט אין אלע שטעדט און אין אלע דערפער געדרוקטע ליסטען מיט דער פראגע: ווער עס וויל, אז נאפאלעאן זאל זיין קייזער, זאל אנשרייבען זיין נאמען און זאל דער ביי שרייבען דאסווארט: יא. יעדער אבער האט דאס רעכט צו שרייבען „ניין“.

פון אלע זייטען זיינען דיא ליסטען צוריקגעקומען מיט „יא“. עס האבען זיך געפונען איינינע נעמען, לעבען וועלכע עס איז געשטאנען דאס ווארט „ניין“. זיי זיינען אבער געווען אזוי װעניג, אז דער סענאט האט ערקלערט, נאפאלעאן איז געוועהלט אלעס קייזער פון פראנקרייך א י נ ש ט י מ י ג. דערמיט איז נאפאלעאן ערקלערט געווארען אלס קייזער פון פראנקרייך.

אין דיא פאריגע קאפיטלעך האבען מיר בעשריעבען נאפאלעאָנען אלס געניע, אלס בעריהמטען קריעגער, אלס איינעם פון דיא בעסטע גענעראלען פון זיין צייט און פון אלע צייטען. מיר האבען ניט איבערטריעבען. מיר האבען בעשריעבען זיינע גוטע זייטען, וועלכע זאגאר זיינע ערגסטע פיינד מוזען אנערקענן. — אין געגענווערטיגען קאפיטעל בעשרייבען מיר זיין כאראקטער אלס הערשער און מיר שטעלען ארויס זיינע שאטען זייטען.

קוים האט נאפאלעאן געזעהן, אז דיא בירנע איז צייטיג און ער וועט באלד ווערן קייזער, האט ער אנגעהויבען צו טראכטען, וויא אזוי לויז צו ווערן פון דער פאמיליע פון'ם פריהערן קעניג פון פראנקרייך. לודוויג דעם זעכצעהנטענס א ברודער

האט נאך געלעבט. עס האבען נאך געלעבט איינינע פרינצען פון דער קעניגליכע פא־מיליע. נאפאלעאן האט בעשלאסען צו פערניכטען דיזע פרינצען. אלע אבער זיינען געווען זעהר ווייט פון פראנקרייך. ער האט זיי אזוי לייכט ניט געקענט דערגרייכען. נור איינער פון זיי האט געוואינט נאהענט פון פראנקרייך. דאס איז געווען דער יונגער הערצאג פון ענגהיען. ער האט געוואינט אין שלאס עטענהיים אין דייטשלאנד מיט זיין געליעבטער. ער האט זיך ניט געמישט אין דער פאליטיק און האט געלעבט שטיל און רוהיג אין זיין שלאס.

מען האט דערצעהלט, אז ער האט אמאל געזאגט:

— נאפאלעאן זיענט נור דערפאר, וואס מענשענלעבען האבען ביי איהם קיין ווערטה ניט.

נאפאלעאן האט בעשלאסען צו ארעסטירען דיזען יונגען פרינץ. ער האט ארויסגעשיקט קיין עטענהיים דריי הונדערט פון זיינע גרענאדירען. זיי זיינען אנגעפא־לען ביי נאכט אויפ'ן שלאס און האבען דעם הערצאג געפאנגען און געבראכט קיין פראנקרייך. מען האט געזוכט אין שלאס, פיעללייכט וועט מען געפינען בריעף און אנדערע פאפיערן, וועלכע זאלען דיענען אלס בעווייז געגען איהם. מען האט אבער גאר ניט געפונען.

נאפאלעאנ'ס שוואגער, מורא, זיין פרוי יאזעפינע און דיא צוויי אנדערע קאנ־סולן האבען איהם געבעטען, ער זאל ארויסלאזען פריי דעם יונגען הערצאג. עס האט אבער גאר ניט געהאלפען. נאפאלעאן האט געהייסען צונויפרופען א קריעגס־געריכט, וועלכעס זאל אורטהיילען דעם הערצאג פון ענגהיען דערפאר, וואס ער זוכט צו מא־כען אונרוהען אין פראנקרייך.

דיא ריכטער האבען געוואוסט, אז נאפאלעאן האט איהם געהייסען ארעסטירען. זיי האבען געמוזט איהם פעראורטהיילען צום טוידט. אום צוועלף אוהר ביי נאכט האבען זיי איהם פעראורטהיילט און אום פיער אוהר פאר טאג האט מען דעם הערצאג דערשאסען.

ווען נאפאלעאנ'ס פרוי, דיא קייזערין יאזעפינע, איז דעם אנדערן טאג אין דער פריה געוואהר געווארען, אז מען האט דערשאסען דעם הערצאג, איז זיא אריינגעלא־פען צו איהר מאן און האט אויסגעשריען אויסער זיך:

— וואס האסט דוא געטהאן? מען האט דערשאסען דעם הערצאג פון ענגהיען!

— זיי האבען זיך איבעראיילט! האט נאפאלעאן געענטפערט.

ער האט געמיינט דיא ריכטער.

דיעזער מארד האט געהאט פאר נאפאלעאנען זעהר טרויעריגע פאלגען. אין רוסלאנד האבען איינינע גרויסע לייט, אונטער וועלכע זיינען בעקאנט דער גראף פאהלען, דער גענעראל בעניגזען און א גראף זובאוו, געטוידטעט דעם קייזער פא־וועל I און אויף זיין ארט איז געווארען קייזער אלכסנדר דער ערשטער. פאוועל איז געווארען נאפאלעאנ'ס פריינד און האט איהם פערגעטערט. אלכסנדר I האט אויך אנפאנגס זיך ניט געוואלט אריינמישען אין דער פאליטיק פון אייראפא. קוים האט ער אבער דערהערט, אויף וואס פאר אן ארט דער הערצאג פון ענגהיען איז געמאר־

דעם געוואָרען, איז ער געוואָרען נאַפּאָלעאָנ׳ס גרעסטער פיינד און האט איהם פער-פאלגט, וויא וויט ער האט געקענט.

דעם 18טען מאי 1804 האט מען נאַפּאָלעאָנען עפענטליך ערקלערט אלס קייזער פון פראנקרייך. אלע לענדער און פירסטען האבען איהם באלד אנערקענט אלס קייזער, נור אלכסנדר I האט איהם ניט געוואלט אנערקענען און האט איהם שטענדיג גערופען גענעראל באנאפארטע.

צוואר האט נאַפּאָלעאָן זיך גענעבען אלע מעגליכע מיהע צו ערקלערן, אז ער איז ניט שולדיג אין דעם הערצאגס טוידט. עס איז דאך געבליעבען א פלעק אויף זיין נאמען און אויף זיין גערעכטנים.

נאַפּאָלעאָן האט יעצט געהייסען קייזער פון פראנקרייך. ער האט געהאלטען א גרויסען און גלענצענדען האף און האט אנגעהויבען איינצופיהרען דיא אלטע מאדעס און דיא אלטע צערעמאָניען. ער האט געוואלט גלענצען אלס קייזער. ביז אהער איז אין פראנקרייך קיין טיטול ניט געווען. דיא רעוואָלוציאָן האט אפגעשאפט אלע טיטו-לען, — אלע מענשען זיינען גלייך. דעם גרעסטען, וויא דעם קלענסטען האט מען גערופען: בירגער.

נאַפּאָלעאָן איז געוואָרען קייזער. ווען מען האט גערעדט צו איהם, האט מען געמוזט זאגען: קייזערליכע מאיעסטעט! א קייזער מוז שוין האבען גראפען, באראָנען און פירסטען. זא לאנג מען האט צו איהם געזאגט: בירגער גענעראל! אדער בירגער קאנסול! האט מען ניט געדארפט געבען צו אנאנדערן א טיטול. קוים האט ער אבער געהאט א טיטול, האבען שוין אנדערע אויך געמוזט האבען טיטולען.

ער האט ווייטער איינגעפיהרט א געהיים-פאָליציי, א נייעס, פון וועלכען פראנק-רייך האט ניט געוואוסט זאגאר אין דיא שרעקליכסטע צייטען פון זיינע פריהרע שטרענגע קעניגע. דאן האט ער בעשרענקט דיא פרעססע: דיא צייטונגען האבען ניט געטארט שרייבען, וואס זיי האבען געוואָלט. ער האט איינגעפיהרט א סאָרט צענזור, וויא אין רוסלאנד. איידער מען האט געדרוקט א צייטונג, האט זיא א צענ-זאר געמוזט איבערקוקען און וואס עס איז איהם ניט געפעלען, האט ער פערשטריכען. דיא צייטונגען האבען געמוזט שרייבען נור דאס, וואס דער קייזער האט געוואָלט.

מיר האבען אויסגערעכענט אלע שלעכטע זייטען פון נאַפּאָלעאָנס רעגיערונג אלס קייזער. מען מוז אבער זיין גערעכט געגען איהם.

פראנקרייך האט אויפגעבליהט אין דער ערשטער צייט פון זיין רעגיערונג. ער האט דער ערשטער איינגעפיהרט אן אויסשטעלונג פון אלערליי פּראָדוקטען און ווער עס האט געבראכט שעהנערע און בעסערע פּראָדוקטען, דער האט בעקומען א בע-לוינונג אין געלד אדער א מעדאילע. דאס האט געבראכט דערצו, אז יעדער בויער האט זיך געגעבען דיא מיה, אז אין זיין גארטען זאלען וואקסען דיא בעסטע פריכטע, דיא בעסטע סארטען וויינטרויבען. יעדער פאבריקאנט האט זיך בעמיהט צו מאכען דיא בעסטע סחורות.

אזוי וויא פאר דעם האנדעל, אזוי האט זיך נאַפּאָלעאָן געזארגט פאר דער וויסענשאפט. ער האט פעראנשטאלטעט אן ארט אויסשטעלונג פון ביכער. ווער עס

האט אנגעשריעבען א בעסערעס בוך, דער האט בעקומען געלד אדער א מעדאילע.

פראנקרייך האט זיך אפגערוהט פון דיא טרויעריגע צייטען פון דער רעוואָלוציאָן. אלעס האט געבליהט. דיא פראנצויזישע סחורות זיינען געווארען דיא בעסטע אין דער וועלט. דיא פראנצויזישע ווייגע זיינען געוואָרען בעריהמט. פראנקרייך איז געווען גליקליך.

נאפּאָלעאָן האט געוואלט האבען רוה. ער האט געוואָלט אליין זיין גרויס און האט געוואלט מאכען פראנקרייך גרויס און שטארק. דאס האבען אבער דיא אנדערע הערשער פון אייראפּא ניט געוואלט. ענגלאנד האט איהם ניט געוואלט אנערקענען אלס קייזער. דיא טירקיי האט איהם ניט אנערקענט אלס קייזער. רוסלאנד האט איהם בעהאנדעלט אלס גענעראל באנאפּארטע און קייזער אלכסנדר I האט זאגאר ניט געענטפערט אויף א בריעף, וועלכען נאפּאָלעאָן האט איהם געשריעבען אויגעהענדיג.

ערגער פון אלעמען איז אויפגעטרעטען געגען נאפּאלעאנען דאס קליינע שוועדען. אין שוועדען האט דאמאלס רעגיערט דער קעניג גוסטאוו דער פיערטער. ער האט געהאסט יעדע רעוואלוציאן און האט ניט געוואָלט וויסען, אז עס איז דא אויף דער וועלט א נאפּאָלעאָן. ער האט איהם זאגאר ניט געוואלט געבען דעם טיטול, גענעראל און פלעגט איהם רופען: הערר באנאפּארטע.

— א טיטול גענעראל קען נור געבען א קעניג, האט גוסטאוו דער פיערטער געזאָגט. אזוי וויא נאפּאָלעאָן האט זיין טיטול גענעראל ניט פון קיין קעניג, איז ער קיין גענעראל.

צווישען שוועדען און פראנקרייך איז געקומען אזוי ווייט, אז נאפּאָלעאָן האט געהייסען ארויספאהרען דעם שוועדישען געזאנדטען און האט איהם געזאגט:

— איך שעצע און אכטע דאס שוועדישע פאלק, אבער ניט דעם „נארישען איינגעל", וועלכער רופט זיך קעניג פון שוועדען. ווען שוועדישע שיפען וועלען קומען קיין פראנקרייך, וועט מען זיי שטענדיג אויפנעהמען מיט פערגניגען. פון קיין נארישען שוועדישען קעניג אבער וויל איך ניט וויסען.

נאפּאָלעאָן האט זיך שפּעטער אפּגערעכענט מיט'ן שוועדישען קעניג. דאס שוועדישע פאָלק האט זיך אויפגעהויבען און האט איהם אראפּגעוואָרפען פון'ם טראהן און איינער פון נאפּאָלעאָנ'ס גענעראלען מיט'ן נאמען בערנאדאָט איז געוואָרען קעניג אין שוועדען. דיא פאמיליע בערנאדאָט רעגיערט נאך יעצט אין שוועדען.

דאס איז געווען דיא לאגע פון פראנקרייך אין דעם ערשטען יאהר, וואָס נאַפּאָלעאָן איז געוואָרען קייזער. אלע זיינען געווען געגען איהם און ער האט זיך געמוזט פאָרבערייטען צום קריעג. ער איז דאהער ארומגעפאָהרען אין פראנקרייך, האט זיך צוגעקוקט צו אלע פעסטונגען און צו אלע פאָרטען. דעם 15טען אויגוסט 1804 איז ער געקומען קיין בולאָן, א שטאָדט לעבען מעער. ער האט געוואָלט מושטירען דיא פראנצויזישע שיפען, וועלכע זיינען געלעגען אין פאָרט. קוים האט נאפּאָלעאָן געגעבען א בעפעהל, אז דיא פראנצויזישע שיפען זאלען אנהויבען דעם מאנעוור, האבען זיך געוויזען פיערצעהן ענגלישע שיפען, וועלכע האבען באלד אנגעהויבען צו שיעסען אויף דיא פראנצויזען.

נאפּאָלעאָן איז אין דער מינוט געראדע געשטאנען לעבען א באַטערעע אויף איינעם פון דיא גרעסטע שיפען און האט בעטראכט, וויא דיא באַטערעע איז איינגעריכטעט. עס האט געקראכט א שוס און א קוגעל איז געפאלען נור איינינע שריט פון נאפּאָלעאָנען. אן איינפאכער סאלדאט האט עס געזעהן און האט אויסגעשאָסען פון דער קאנאנע. דיא קוגעל האט געטראפען דעם ענגלישען פלאג אויף איינעם פון דיא שיפען און האט איהם אראפּגעריסען אין וואסער.

— בראַוואָ! האט אויסגערופען נאפּאָלעאָן. — וויא הייסט דוא, אלטער פריינד?

— איך הייס פּאמעראל, האט דער סאָלדאט געענטפערט.

— קענסט דוא מיך?

— יא, איך האב געקעמפּפט מיט אייך צוזאמען אין עגיפּטען.

— גיב דעם מאן הונדערט פראנק, האט נאפּאָלעאן געזאגט צו זיין אדיוטאנט.

דער סאלדאט האט דערווייל ווידער אנגעלאדען דיא קאנאנע און האט ווידער אויסגעשאסען. דיא קוגעל האט געטראפען דעם זעגעלבוים פון דעם שיף, אויף וועלכען עס האט זיך געפונען דער ענגלישער אדמיראל. א שטיק פון'ם זעגעלבוים איז אראפּגעפאלען אין מעער.

— גיב דעם מאן טויזענד פראנק! האט נאפּאלעאָן ווידער געזאגט צו זיין אדיוטאנט.

— איך האב ביי מיר קיין געלד ניט, האט דער אדיוטאנט געזאגט גאנץ שטיל און איז רויט געווארען.

— איך מוז אבער דעם מאן עפּעס געבען! האט נאפּאָלעאָן אויסגעשריען און האט אנגעהויבען צו זוכען אין זיינע קעשענעס.

ער האט אויך ביי זיך קיין געלד ניט געהאט. ענדליך האט ער געפונען ביי זיך א גאלדענע טאבאקס דאזע. ער האט עס געגעבען דעם סאלדאט. דער סאָלדאט האט עס אנפאנגס ניט געוואלט נעהמען.

— נעהם, פריינד, האט נאפּאָלעאָן געזאגט, און זעה, אז דיא ענגלענדער זאָלען זיא ביי דיר ניט אוועקנעהמען.

דאן האט ער זיך געווענדעט צו דיא איבעריגע סאלדאטען און האט זיי געזאגט:

— ווען איהר וועט אלע זיין אזוי בראַוו, וועלען מיר אין א קורצע צייט קענען טרינקען אין לאנדאן דעם בעסטען ראָם פון דיא העררן ענגלענדער.

נאפּאָלעאָן האט געוואוסט, אז ענגלאנד איז זיין ערגסטער פיינד און ער וועט באלד מוזען פיהרען א שווערן קריעג מיט ענגלאנד. ער האט זיך פארבערייטעט צום קריעג. אין דערזעלבער צייט אבער האט ער ניט פערגעסען אן זיך. ער האט געוואָלט, אז מען זאל איהם קרוינען אלס קייזער. ווער וועט איהם אבער קרוינען? דאס קען טהאן נור דער פּאפּסט. ער האָט דאך אבער ערשט ניט לאנג געפיהרט קריעג מיט'ן פּאפּסט? — מוז מען זיך מיט איהם איבערבעטען.

דעם 2טען דעצעמבער 1804 זיינען זיך ענדליך צונויפגעקומען דער קייזער נאפּאָלעאָן און דער פּאפּסט אין דער שטאדט רייִמס, וואו אלע פראנצויזישע קעניגע פלעגען ווערן געקרוינט. נאפּאָלעאָן האט געוואָלט, אז דיא צערעמאָניע און דיא פּאַ-

רעדע זאלען זיין בעריהמט אויף דער וועלט. קאנאנען האבען געדאנערט. פויקען האבען געקלאפט, מוזיק האט געשפיעלט, ווען דער פאפסט האט איהם געזאלבט אלס קייזער. דער פאפסט האט איהם געזאלבט מיט גרויס צערעמאָניע. דיא קרוין אויפ'ן קאפ האט נאפּאָלעאָן אליין אנגעטהאָן.

אין דיעזער צייט פון פרעהליכקייט און פעסט טאגע האט נאפּאָלעאָן ניט פערגעסען, אז אלע אנדערע פירסטען אין אייראפא זיינען געגען איהם. ער האט דאהער ניט גערוהט און ניט געראסט און האט זיך פארבערייטעט צו אלעמען, צום קריעג, וויא צום פריעדען. ער האט געשריעבען צו אלע העררשער פון אייראפא און האט זיי געבעטען אום פריעדען. אלע האבען איהם אבער געענטפערט קאַלט, אז יעדער וויל פריעדען, ווען פראנקרייך וועט ווערן וויעדער דאָס, וואס זיא איז א מאל געוועזן.

בעזאנדערס טהעטיג און פיינדליך געגען נאפאלעאנען האט זיך געוויעזען ענגלאנד. זיא האט געזוכט צו פעראייניגען גאנץ אייראפא געגען פראנקרייך. דעם ענגלישען מיניסטער פיט איז עס ענדליך געלונגען. אלעקסנדר I קייזער פון רוסלאנד, דער קעניג פון שוועדען, דייטשלאנד און עסטעררייך — אלע האבען זיך פעראייניגט און האבען ערקלערט קריעג נאפאלעאנען. מען האט אפגערעדט, אז מען זאל ארויסשיקען געגען איהם אן ארמעע פון א מיליאָן מענשען און ווען עס וועט נעטהיג זיין — נאך אמיליאָן אום נאפאלעאנען אראפצוווארפען פון זיין נייעם קייזער טראָהן.

אויסער מיט ביקסען און קאנאנען האט מען אנגעהויבען צו קעמפּפען געגען נאפאלעאנען מיט דער פעדער. מען האט אנגעהויבען צו בעווייזען, אז א פאלק האט קיין רעכט ניט צו פערביטען זיין קעניגליכע פאמיליע. דיא קעניגע זיינען איינגעזעצט פון גאט אליין. ער האט זיי געזאלבט, ער האט זיי געמאכט פאר העררשער און נור ער אליין מעג זיי מאכען פער אוים העררשער. דאס פאלק קען זיך אין אזא זאך ניט אריינמישען. זא לאנג גאט אליין קומט ניט אראפ פון'ם הימעל און ערקלערט ניט אז ער וויל ניט, אז דיעזע קעניגליכע פאמיליע זאל העררשען, מוז עס העררשען.

און עס האבען זיך אין יענער צייט געפונען געלערנטע מענשען, וועלכע האבען בעוויעזען, אז עס איז אזוי!

וויא ווייט דיא האס און דיא פיינדשאפט געגען נאפאלעאנען אין יענער צייט זיינען געגאנגען, בעווייזט זיינע א רעדע, וועלכע ער האט געהאלטען אין פראנצויזישען סענאט, איידער דער קריעג האט אויסגעבראכען.

— איך האב איבערגעטראגען גענוג בעליידיגונגען און בעשימפּפונגען פון אלע זייטען, האט ער געזאגט. איך האב אנגעווענדעט אלע מיטעל אום צו ערהאלטען דעם פריעדען. איך האב געשוויעגען און קיינעם ניט געענטפערט, ביז דיא עסטעררייכישע ארמעע איז אנגעפאלען אויף מיינע לענדער — לענדער וועלכע איך האב אפגענומען מיט'ן שווערד אין דער האנד. זיי ווילען דעם קריעג — זיי וועלען האבען דעם קריעג! מיר רייסט דאס הערץ, ווען איך דערמאן מיך, וויפיעל בלוט דער קריעג וועט קאסטען אייראפא. איך קען עס אבער ניט איינהאלטען. מען צווינגט מיך צום קריעג.

— עס לעבע דער קייזער נאפאלעאן! עס לעבע פראנקרייך! איז געוועזן דיא אנטווארט אויף דיעזע רעדע.

מען האט בעוויליגט, וואס ער האט פערלאנגט און דער קריעג האט זיך אנגעהויבען.

24טעס קאפיטעל.

דער זיעג ביי אויסטערליץ.

נעגען פראנקרייך האט זיך יעצט פעראייניגט גאנץ אייראפא. רוסלאנד האט געשיקט אן ארמעע פון 100 טויזענד מאן אונטער גענעראל קוטוזאוו. עסטעררייך האט ארויסגעשטעלט 185 טויזענד מאן. ענגלאנד — 30 טויזענד מאן און שוועדען האט געשיקט 20 טויזענד מאן. ביי דער עסטעררייכישער ארמעע איז געווען דער קייזער פראנץ דער צווייטער. מיט דער רוסישער ארמעע איז געקומען דער קייזער אלכסנדר I.

דאס איז געווען א נייעס. ביז אין יענער צייט פלעגען דיא קעניגע און קיסרים זעלטען אליין קומען צו דער ארמעע, זעלטען פלעגען זיי אליין זיין ביי א שלאכט. נור צו ליעב נאפאלעאנען האבען זיי עס געטהאן. זיי האבען געהערט, אז ער אליין פיהרט דעם קריעג, ער אליין ארבייט, וויא דער איינפאכסטער סאלדאט און דארום זיעגט ער. זיי האבען פראבירט איהם נאכטהאן.

אבער ניט נאפאלעאנס נעגענוואַרט אליין האט געזיעגט. — זיין פלאן און זיין טאלאנט האבען געזיעגט. ווען דער קריעג האט זיך אנגעהויבען, האט נאפאלעאן אזוי אויסגעשטעלט זיין ארמעע, אז זיינע פיינד האבען ניט געוואוסט, וואוהין ער וועט זיי פיהרען: קיין איטאליען אדער קיין דייטשלאנד. עסטעררייך האט געמוזט האלטען 100 טויזענד מאן אין איטאליען, ווייל דיא עסטעררייכישע אבערקאמאנדירענדע האבען געהאט נאכריכטען, אז נאפאלעאן געהט קיין איטאליען. אום נאך זיכערער צו זיין האט קייזער פראנץ געבעטען קייזער אלעקסאנדער, אז ער זאל אויך שיקען 40 טויזענד מאן אונטער דעם קאמאנדא פון פירסט באגראטיאן קיין איטאליען.

ווען דיא עסטעררייכישע און דיא רוסישע ארמעע זיינען שוין געווען ווייט פון איטאליען, האט נאפאלעאן געפיהרט זיין גאנצע ארמעע קיין דייטשלאנד. נאפאלעאן האט באלד איינגעזעהן דיא פעהלער פון זיינע פיינד און האט זיי בענוצט.

— וועלען זיי מיר ענטגעגען געהן, וועל איך זיי פערניכטען ביי דער דאנוי, האט ער געזאגט צו זיין פריינד, פעלדמארשאל ניי, איידער ער איז ארויסגעפאהרען פון שטראסבורג. — וועלען זיי ווארטען ביז איך וועל קומען צו זיי, וועל איך זיי דערקוועטשען צווישען דיא צוויא שטעט אויסבורג און אולם.

אזוי זיבער פאראויס זאגען, וואו ער וועט זיעגען, האט געקענט נור אזא געניע, ויא נאפאלעאן. ער האט געהאלטען ווארט. לעבען דער עסטעררייכישער שטאדט אולם האט ער בעזיעגט דיא עסטעררייכישע ארמעע אונטער דעם בעריהמטען גענעראל מאק.

מיינע לעזער וועלען אויף מיר ניט ברוגז זיין, ווען איך וועל זיי געבען איינינע ערקלערונגען איבער דער ארט, וויא מען פיהרט א קריעג אין אלגעמיינען.

יעדער אבערקאמאנדירענדער גענעראל טהיילט איין זיין ארמעע אין דריא טהיילע: דאס צענטרום, דער מיטעל פונקט, דארט געפינט זיך דיא הויפט ארמעע,

ווּעלכע בעשטעהט געוועהנליך פון סאלדאטען צופוס, אינפאנטעריע. — דער רעכטער פליגעל, אדער דער טהייל פון דער ארמעע, וועלכער שטעהט אין דער רעכטער האנד פון'ם צענטרום, בעשטעהט געוועהנליך פון ארטילעריע, קאנאנען. — דער לינקער פליגעל, אדער דער טהייל פון דער ארמעע, וועלכער שטעהט אין דער לינקער זייט פון'ם צענטרום, בעשטעהט געוועהנליך פון קאוואלעריע, סאלדאטען אויף פערד, יעדער טהייל אבער האט ביי זיך אויך קאנאנען און קאוואלעריע.

דער צוועק פון דיזער איינטהיילונג איז זעהר דייטליך. דער פיינד זוכט געוועהנליך צו בעזיגען דעם צענטרום, דיא הויפט ארמעע. דאס ערשטע טרעפט ער אויף'ן רעכטען פליגעל, וואו דיא ארטילעריע, דיא קאנאנען זוכען איהם אפצוהאלטען. ווען דער רעכטער פליגעל קען ניט אויסהאלטען, קומען ארויס דיא אינפאנטעריע פון'ם צענטרום און זוכען איהם אפצוהאלטען און צו בעזיגען. ווען ער אנטלויפט, יאָגט איהם נאך דיא קאוואלעריע, דיא סאלדאטען אויף פערד.

דיזע דרייא טהיילע פון דער ארמעע שטעהן אין פערשידענע ערטער. זיי מוזען אבער שטעהן אין אזא ארדנונג, אז ווען דער פיינד פאלט אן אויף איין טהייל, זאל דער אנדערער טהייל קענען קומען איהם צו הילף.

מיט דיזען ערקלערונג האב איך געגעבען מיינע לעזער א גאנץ שוואכן בעגריף פון דער קריעגס קונסט. זעלבסט פערשטענדליך, מאכט זיך יעדער אבערקאָמאנדירענדער אנאנדער פלאן און שטעלט אוים זיין ארמעע, וויא ער פערשטעהט אדער וויא עס פאסט איהם. אויסער דעם טהיילט איין יעדער גענעראל זיין אבטהיילונג אדער זיין קארפוס אויך אין אזעלכע דרייא טהיילע. דעם רעכטען פליגעל שטעלט ער שטענדיג אין דער זייט, פון וואנענד ער ערווארטעט דעם פיינד. צוערשט וויל ער איהם עמפפאנגען מיט קאנאנען שיסע.

דער עסטעררייכישער אבערקאָמאנדירענדער גענעראל מאק איז געשטאנען מיט זיין הויפט ארמעע, מיט זיין צענטרום אין אולם. נאפאלעאן איז ניט געגאנגען גלייך קיין אולם. ער האט ארויסגעשיקט זיינע מארשאלען קיין גינצבורג, א שטאדט אין בייערן. וואו עס איז געשטאנען דער רעכטער פליגעל פון דיא עסטעררייכער. דער פראנצויזישער פעלדמארשאל ניי האט בעלד בעזיגט דעם רעכטען פליגעל און האט איהם געצוואונגען, ער זאל זיך צוריקציהען צום צענטרום, קיין אולם. דאס־זעלבע האט ער געטהאן מיט'ן לינקען פליגעל. איידער דער עסטעררייכישער גענעראל מאק האט פערשטאנען נאפאלעאנס פלאן, האט איהם נאפאלעאן ארומגערינגעלט פון אלע זייטען.

ער האט איהם ניט געגעבען קיין הויפטשלאכט, מען זאל וויסען, ווער עס האט געזיגט. ער האט נור צונויפגעטריעבען דיא עסטעררייכישע ארמעע אין איין אָרט, האט אויפגעשטעלט באטרעען און קאנאנען אויף אלע בערג און ביי אלע בריקען און האט געהאלטען דיא עסטעררייכישע ארמעע איינגעשלאסען און ארומגענומען, וויא מיט אן אייזערנעם רינג.

נאפאלעאן האט דאן געשיקט זיינעם אן אדיוטאנט קיין אולם, ער זאל אויפפאָדערן דעם גענעראל מאק, ער זאל זיך אונטערגעבען. ער האט איהם געוויזען,

אז ער קען זיך נים רעטען, ער וועט זיך מוזען אונטערגעבען. דער שטאלצער עסטער־רייכישער גענעראל האט געענטפערט:

— מיר וועלען גיכער אויפעסען איינער דעם אנדערן, איידער מיר וועלען זיך אונטערגעבען. נאפאלעאן האט נאך נים געזיעגט. באלד וועט אנקומען גענעראל קוטוזאוו מיט דער רוסישער ארמעע און וועט אונז בעפרייען.

דעם אנדערן טאג אין דער פריה האט נאפאלעאן געהייסען שיסען פון אלע קאנאָנען אויפ'ן רינג, וואו דיא שטאדט אולם האט זיך געפונען אין דער מיט. איי־נינע גראנאטען זיינען זאגאר געפאלען אין שטאדט. גענעראל מאק האט זיך נאך אלץ נים געוואלט אונטערגעבען. נאפאלעאן האט איהם איינגעלאדען צו זיך, האט איהם געוויעזען פיעלע געפאנגענע עסטערייכישע אפיציערן און גענערעלע און האט איהם דער ביי ערקלערט, אז קוים וועט ער זיך נים אונטערגעבען אין 24 שטונדען, וועט ער מאכען גלייך מיט דער ערד דיא שטאדט אולם און אלע שטעדט ארום.

גענעראל מאק האט זיך געמוזט אונטערגעבען. דעם אנדערן טאג איז דיא גאנצע עסטערייכישע ארמעע אונטער גענעראל מאק מיט 16 אונטער גענעראלען פארביימארשירט פאר נאפאלעאנען. יעדער רעגימענט, וואס איז צוגעקומען צום אָרט, וואו ער איז געשטאנען, האט געמוזט אניעדערלעגען אויף דער ערד זיינע פאהנען און זיין געוועהר. ווען אלע האבען אווקגעלעגט זייער געוועהר, האט זיי נא־פאלעאן געהייסען זיך אויסשטעלען אין א קרייז ארום איהם. ער אליין איז אראפ פון פערד און האט צוגערופען אלע גענעראלען און אפיציערן. פון זיי האט ער געפאדערט, זיי זאלען געבען זייער עהרענווארט, אז זיי וועלען געגען איהם מעהר נים קעמפפען. דאן זיינען זיי פריי.

ווען אלע האבען געשווארען, האט נאפאלעאן געטרייסט דיא בעזיעגטע גענע־ראלען און אפיציערן און האט זיי ערקלערט, אז ער האט זעהר געוואלט פריעדען. מען האט איהם אבער געצוואונגען, ער זאל פיהרען קריעג.

אויף אזא ארט האט נאפאלעאן בעזיעגט אן ארמעע פון 100 טויזענד מאן און דער זיעג האט איהם געקאסט זעהר ביליג. עס איז ביי דיעזער שלאכט זעהר וועניג בלוט פערגאסען געווארען. 60 טויזענד מאן סאלדאטען האט נאפאלעאן גענומען גע־פאנגען און האט זיי אווקגעשיקט קיין פראנקרייך מיט 200 קאנאנען און 90 פאהנען.

מיט עסטעררייך איז ער געווארען באלד פערטיג. יעצט איז איהם געשטאנען ענטגעגען דיא רוסישע ארמעע און דיא ענגלישע און שוועדישע. אויסער דעם האט נאך עסטעררייך געהאט א שטארקע ארמעע אין איטאליען, וועלכע זיא האט געהיי־סען באלד קומען קיין עסטעררייך אין זיך פעראייניגען מיט דער רוסישער און ענג־ליש־שוועדישער ארמעע.

דאס האט נאפאלעאן אויף קיין פאל נים געוואלט דערלאזען. ער האט יעצט געמאכט א קונסט שטיק, וועלכעס האט געוויעזען, אז ער איז דער איינציגער קריעגס העלד אין דער וועלט. אנשטאט צו געהן געגען דער רוסישער ארמעע, האט ער גע־הייסען אלע זיינע גענעראלען און פעלדמארשאלען, זיי זאלען געהן קיין וויען. זיינע פיינד האבען גערעכענט, אז ער וויל אפנעהמען וויען און זיינען איהם נאכגעלאפען.

ער האט אבער געוואוסט, אז ארום דער שטאדט ברין איז דא א גוטע פאזיציאן און ער האט זיא געוואלט פערחאפען.

זיין פלאן איז פאלשטענדיג געלונגען. דעם 1 דעצעמבער 1805 האט ער אויסגעשטעלט זיין ארמעע אויף דיא בערג לעבען אויסטערליץ, א פארשטאדט פון ברין. דעם אנדערן טאג אום 4 אוהר אין דער פריה איז נאפאלעאן ארויסגעריטען אין זיין ארמעע מיט א שפעקטיוו אין דיא הענד. ער האט באלד דערזעהן, וואס פאר א פעהלער דער רוסישער גענעראל קוטוזאוו האט געמאכט. זיין צענטרום איז געשטאנען אויף א בארג. דארט וואלט ער געווען געשיצט. ביי נאכט אבער האט קוטוזאוו געהייסען זיין צענטרום אראפגעהן פון'ם בארג און זיך שטעלען נעגען נאפאלעאנס רעכטען פליגעל.

— סאלדאטען! האט ער אויסגערופען. מיר וועלען היינט ערהאלטען א זיעג, וועלכער וועט אונז אויף אייביג מאכען בעריהמט. מיר וועלען פערניכטען אונזערע פיינד!

ער האט געגעבען דעם צייכען. דיא שלאכט האט זיך אנגעהויבען. דיא פראנצויזישע ארמעע איז אנגעפאלען אויפ'ן צענטרום פון דער רוסישער ארמעע. דארט איז געווען דער גענעראל קוטוזאוו און אלעקסאנדער I. דיא רוסען האבען ניט געקענט אויסהאלטען דעם פייערינען אנגריף פון דיא פראנצויזען. זייערע באטאליאנען האבען זיך צושפרייט. זיי האבען אנגעהויבען צו אנטלויפען. קייזער אלעקסאנדער I איז געלאפען אין פייער, ער האט ניט געקוקט, וואס ארום איהם האט גערעגענט מיט קוגלען. ער האט געוואלט פעראייניגען זיין ארמעע, אויפמונטערן זיינע סאלדאטען, אז זייא זאלען זיך האלטען פעסט. — עס האט גאר ניט געהאלפען! דער רוסישער צענטרום איז געבראכען, דיא רוסען זיינען אנטלאפען. — דיא פראנצויזען האבען געזיעגט, פאלשטענדיג געזיעגט.

נור אין איין ארט אויף נאפאלעאנס לינקען פליגעל האבען דיא פראנצויזען געהאט א שווערן קאמפף. אויף איהם איז אנגעפאלען דער פירסט באגראטיאן. דיא פראנצויזען האבען איהם געשלאגען. פלוצלונג איז געקומען איהם צו הילף דער גראספירסט קאנסטאנטין מיט דער רוסישער גווארדיע. נאפאלעאן איז דערפון באלד געוואהר געווארען און האט געשיקט אהין זיינע גרענאדירען. דיא רוסען האבען געמוזט וויכען. דער רוסישער גענעראל לאנזשעראן האט זיך אונטער גענעבען מיט זיין גאנצער דיוויזיאן. דיא גענעראלען מילאראדאוויטש, דאכטוראוו און פריבישעווסקי האבען זיך קוים געראטעט מיט'ן לעבען. עס איז שוין געווען שטארק קאלט, דיא טייכען זיינען געווען פערפרארען. זיי זיינען ארויפגעגאנגען מיט זייערע שווערע באטארעען אויף א טייך. דאס אייז האט זיך איינגעבראכען און צוויי טויזענד מענשען מיט פיעלע קאנאנען זיינען אריין אין וואסער.

דיא שלאכט ביי אויסטערליץ איז בעקאנט אונטערן נאמען „דיא דרייא קייזער שלאכט“. נאפאלעאן האט ערפאכטען דעם גרעסטען זיעג, וואס קען נור זיין. ער האט פערניכטעט דיא רוסישע ארמעע. ער האט גענומען 30 טויזענד געפאנגענע,

דארונטער זיינען געווען 20 גענעראלען, ווייטער האט ער גענומען 40 פאהנען, דארונ־טער דיא פאהנען פון דער רוסישער גווארדיע, און 120 קאנאנען.

יעצט האט מען שוין געמוזט שליעסען פריעדען. קייזער פראנץ II איז אליין געקומען צו נאפאלעאנען בעטען, ער זאל מיט איהם שליעסען פריעדען. קייזער אלעקסאנדער I איז געווען צו שטאלץ אום צו בעטען זיך, אז מען זאל שליע־סען פריעדען. באלד נאך דער שלאכט איז ער מיט גענעראל קוטוזאוו אוועקגעפהרען מיט דער פאסט קיין פעטערבורג און האט געשיקט א דיפלאָמאט, ער זאל אונטער־האנדלען מיט נאפאָלעאנען וועגען פריעדען.

באלד האט נאפאלעאן געשלאסען פריעדען מיט עסטעררייך און איז צוריקגע־קומען קיין פאריז. דא האט ער ווידער אנגעהויבען צו פיהרען זיין געוועהנליכעס לעבען. ער האט זיך געזארגט, אז אין פראנקרייך זאל הערשען רוהע און פריעדען. אין יענער צייט האט ער זיך דערמאנט, אז דיא פראנצויזישע אידען האבען איהם אמאל דער־לאנגט א ביטע, ער זאל זיי געבען גלייכע בירגער רעכטע מיט אלע אנדערע פעלקער. ער האט יעצט בערופען א פערזאמלונג פון אידישע רבנים און געלערנטע און האט זיי ערקלערט, פאר וואס דיא פראנצויזען האבען זיי ביז אהער ניט געוואלט געבען דיזע רעכטע. זיי בעשעפטיגען זיך נור מיט געלד לייהען, פראָצענט נעהמען און ניט קיינע אנדערע ניצליכע בעשעפטיגונגען. ער האט געבעטען דיא פערזאמלונג וועלכע ער האט גערופען „סנהדרין", אז זיי זאלען זוכען מיטעל, וויא אזוי דיא אידען זאלען זיך צו ביסלעכוויים נעהמען צו אנדערע בעשעפטיגונגען.

ענדליך האט ער זיי געגעבען פאלשטענדיגע בירגער רעכטע.

ער האט אויך אין אנדערע בעציהונגען געטהאן זעהר פיעל פאר פראנקרייך. אין זיין געזעץ בוך, וועלכער איז בעקאנט אונטערן נאמען Code Napoleon איז יעצט אנגע־נומען איבעראל. ער האט דער ערשטער איינגעפיהרט דאס געשווארענען געריכט. ניט אומזיסט האט איינער פון זיינע גרעסטע פיינד געזאגט:

— דיעזער מאן איז געווען אים שטאנד גאנץ אייראפא גליקליך צו מאכען, ווען ער זאל נור ניט געווען זיין אזוי עהרגייציג.

ער האט אויך וועניג צייט געהאט צו בעשעפטיגען זיך מיט דער פערוואלטונג פון'ם לאנד. קוים האט ער זיך עפעס אפגערוהט פון'ם קריעג מיט עסטעררייך, רוס־לאנד, ענגלאנד און שוועדען, האט זיך שוין אנגעהויבען א נייער קריעג.

אין דעם פאריגען קריעג האט פרייסען ערקלערט, אז ער וויל זיין נייטראל. ער וויל זיך ניט מישען אין קריעג, ווען מען וועט ניט בעריהרען זיין לאנד. דאס איז אבער געווען אונמעגליך. זא וואהל נאפאלעאן, וויא אויך ענגלאנד און שוועדען הא־בען געמוזט דורכגעהן דורך פרייסען. יעצט האט פרייסען ערקלערט נאפאלעאנען קריעג. אזוי וויא פרייסען איז אבער דאמאלס געווען א קליין לאנד, וואלט ער אויף קיין פאל ניט ערקלערט קיין קריער נאפאלעאנען, ווען רוסלאנד און ענגלאנד זאלען ניט געווען אויפרייצען דעם פרייסישען קעניג דער צו.

רוסלאנד האט דאמאלס געשפיעלט א פאלשע פאליטיק. אין דער צייט וואס קייזער אלעקסאנדער I האט געשיקט זיין געזאנדטען ד'אובריל, ער זאל שליעסען

מיט נאפאלעאנען פריעדען, האט ער געשיקט אן ארמעע פרייסען, ער זאל פיהרען מיט איהם קריעג.

נאפאלעאן האט ניט געווארט, אז זיינע פיינד זאלען פעראייניגען זייערע ארמעען. ער האט שטענדיג פערהאפט דיא נעץ פאר דיא פיש. ער איז צוערשט אנגעפאלען אויפ'ן פרייסישען רעכטען פליגעל ביי דער שטאדט יענא אין זאקסען. דיא פרייסען האבען זיך ניט גערעכענט אויף קיין אנגריף. זייערע שפיאנען האבען זיי געזאגט אז די פראנצויזען זיינען נאך יאנץ ווייט. דער גענעראל האהענלאהע איז ארומגעפאהרען און האט געמוסטיערט יין ארמעע, ווען מען האט דערהערט א געשריי:

— דיא פראנצויזען קומט׳

וויא א העערדע לעמער צולויפען זיך, ווען זיי דערזעהן א וואלף, אזוי זיינען זיך צולאפען דיא פרייסישע באטאליאנען פארן אייניציגען נאמען פון דיא פראנצויזען. דיא אינפאנטעריע האט פון זיך אראפגעווארפען דיא ראנצען און דיא ביקסען. דיא ארטילעריסטען האבען איבערגעשניטען דיא ריעמענס פון דיא פערד, האבען זיך אויפגעזעצט צו צווייא — דרייא מענשען אויף א פערד און זיינען געלאפען, וואוהין זייערע אויגען האבען זיי געטראגען. דיא פראנצויזען האבען גאר ניט געהאט וואס צו טהאן, אלס צונויפנעהמען אלעס, וואס איז געלגען צו ווארפען אויף דער ערד.

דערמיט אבער איז פרייסענס מאכט ניט געווען געבראכען. דער קעניג פון פרייסען האט ב אלד פערזאמעלט זיין ארמעע און דער בעריהמטער פריישישער גענעראל בליכער, וועלכען דיא דייטשען האבען א נאמען געגעבען „גענעראל פארווערטס“, האט איבערגענומען דאס קאמאנדא. ער האט אבער אויך ניט געקענט העלפען. פון'ם 6טען ביזן 15טען אקטאבער 1806 איז דיא פרייסישע ארמעע פערניכטעט געווארען. דעם 17טען אקטאבער איז נאפאלעאן געשטאנען לעבען בערלין. זיין פעלדמארשאל דאוואו איז אנגעקומען מיט זיין קארפוס קיין לייפציג. אין לייפציג זיינען דאמאלס געווען זעהר פיעלע ענגלישע סוחרים. זיי האבען געהאט אין לייפציג פאר 60 מיליאן טהאלער ענגלישע סחורות. דער פעלדמארשאל דאוואו האט בעפאהלען, אז יעדער סאלדאט פון זיין קארפוס זאל בעקומען א נייעם אנצוג פון דיא בעסטע ענגלישע סחורה. וואס עס איז נאך געבליעבען האט ער פערקויפט דער שטאדט פאר 7 מיליאן טהאלער.

דעם 24טען אקטאבער איז נאפאלעאן אריינגעפאהרען קיין בערלין מיט גרויס פאראדע. אין טויער פון דער שטאדט איז איהם ענטגעגען געקומען דער פירסט האצפעלד מיט א דעפוטאציאן פון דיא גרעסטע מענער אין בערלין און האט איהם איבערגעגעבען דיא שליעסעל פון בערלין.

— דאס פרייסישע פאלק האט ניט געוואלט פיהרען קיין קריעג, האט פירסט האצפעלד געזאגט. דער רוסישער קייזער אלעקסאנדער האט אנגערעדט אונזער קעניג, ער זאל פיהרען דיעזען אונגליקליכען קריעג. דאס פאלק איז ניט שולדיג.

וואו איז אבער אהינגעקומען רוסלאנד מיט זיין ארמעע? וועט געווים דער לעזער פרעגען. — רוסלאנד האט דאמאלס געפיהרט קריעג מיט פערזיען און מיט דער טירקיי. וויא קייזער אלעקסאנדער האט פיינד געהאט נאפאלעאנען, וויא ער

האט ניט געקענט ליידען דיא פראנצויזען מיט זייערע פרייהייטס אידעען, האט ער דאך ניט געקענט פיהרען קיין קריעג אויף צווייא ערטער מיט אמאל, בעזאנדערס געגען אזא פיינד, וויא נאפאלעאן. איידער אלעקסאנדער I האט אויסגעריסטעט אן ארמעע וועלכע זאל זיין שטארק גענוג אום זיך צו שטעלען געגען נאפאלעאנען, איז ער שוין געוועזן אין בערלין.

קייזער אלעקסאנדער האט דאך ניט געשוויעגען. ער האט ארויסגעגעבען אן אוקאז, אז איין מענש פון פינף הונדערט זאל גענומען ווערן אין דער ארמעע. אין א קורצע צייט האט ער צונויפגענומען אן ארמעע פון הונטער טויזענד מאן אונטער גענעראל בעניגכע; און איז אריבער דיא ווייכסעל לעבען ווארשוי. נאפאלעאן האט געוואוסט, אז פאלען איז רוסלאנדס שוואכע זייטע, אז דיא פאליאקען וועלען קיין מאל ניט פערגעסען, אז זיי האבען אמאל געהאט אן אייגענעם קעניג. ער האט בענוצט דעם האס פון פאלען געגען רוסלאנד.

ווען ער איז נאך געוועזן אין בערלין איז געקומען צו איהם א דעפוטאציאן פון דיא גרעסטע מענער פון פאלען און האבען איהם דערצעהלט, וויא מען בעהאנדעלט זיי אין רוסלאנד. נאפאלעאן האט אויפגענומען דיא פאליאקען זעהר פריינדליך, האט זיי געזאגט, אז פראנקרייך האט קיין מאל ניט אנערקענט דיא צוטהיילונג פון פאלען און האט זיי געגעבען וואפען און קריעגס מאטעריאל. דיא פאליאקען האבען איהם פערשפראכען צו שיקען אן ארמעע פון פערציג טויזענד מאן און זיי האבען געהאלטען ווארט.

דעם 27 נאוועמבער איז נאפאלעאן אריינגעפאהרען קיין פאזען. דיא פאליאקען האבען איהם אויפגענומען מיט גרויס פאראד, אלס זייער ערועטער. דיא אידען פון פאזען האבען זיך אנגעטהאן וויא טערקען, זיינען איהם ענטגעגען געפאהרען מיט א ספר תורה און האבען איהם בעגריסט אלס משיח.

דעם 29טען נאוועמבער האבען נאפאלעאנס גענעראלען מורא און דאוואו אפגענומען ווארשוי. דיא שטאדט איז געוועזן פערציערט מיט פראנצויזישע און פאלנישע פאהנען. אלע איינוואינער פון דער שטאדט האבען זיך אנגעטהאן אין דיא בעסטע קליידער און זיינען ארויסגעגאנגען בעגריסען דיא פראנצויזען. עס האט זיך באלד געבילדעט אן ארמעע פרייוויליגע פון דיא ליטווישע שטעדט, וועלכע האט זיך פעראייניגט מיט דיא פראנצויזישער ארמעע. דיא פאליאקען האבען געטאנצט פאר פרייד אין דיא גאסען פון ווארשוי. ווער עס האט נור געהאט געלד, ברויט אדער וואארען, דער האט עס געטראגען צו דיא פראנצויזישע גענעראלען אלס געשענק מיט דער ביטע, אז זיי זאלען בעפרייען זייער פאטערלאנד פון׳ם רוסישען יאך.

דיא רוסישע ארמעע איז אנפאנגס געגאנגען קיין בערלין, קוים זיינען זיי אבער געוואהר געווארען, אז נאפאלעאן איז אריבער דיא רוסישע גרענעץ און האט שוין אפגענומען ווארשוי, זיינען זיי צוריקגעגאנגען. לעבען לאמזא איז עס געקומען צו א שלאכט. דיא פראנצויזען האבען געזיעגט און האבען אוועקגענומען ביי דיא רוסען צוועלף הונדערט וועגען מיט באגאזש און 80 קאנאנען.

יעצט איז נאפאלעאן אליין געקומען קיין ווארשוי. ער האט באלד געהייסען

בעפעסטיגען דיא פארשטאדט פראגא און דיא בעריהמטע פעסטונג מאָדלין. ער איז געוועזען פעסט ענטשלאססען צו מאכען פּאָלען צוריק פאר א קעניגרייך, קוים וועט ער בעזיעגען דיא רוסען און זיי אין גאנצען פערטרייבען פון פּאָלען און ליטא. יעצט איז עס געווארען אונמעגליך. עס איז געווארען ווינטער. דיא וועגען זיינען געוועזען בעדעקט מיט שנעע. אין אזא צייט איז זעהר שווער צו פיהרען קריעג.

קייזער אלעקסאנדער האט געוואלט נאכטהאן נאפּאלעאנען. אין דער צייט וואס נאפּאלעאן איז געוועזען אין ווארשוי, האט ער געשיקט זיין ארמעע קיין פּרייסען, זיא זאל זיך פעראייניגען מיט דער פּרייסישער ארמעע און ביידע ארמעען זאלען געהן קיין פראנקרייך. נאפּאלעאן איז ארויסגעפאהרען פון ווארשוי און האט נאָכגעיאגט דיא רוסישע ארמעע. לעבען דער שטאדט איילו, אין פּרייסען האבען זיך ביידע ארמעען בעגעגענט. עס איז געוועזען שטארק קאַלט. א שרעקליכער שנעע שטורעם (זאווערוכא) האט פערשאטען דיא סאלדאטען דיא אויגען, דיא ביקסען האבען ניט געקענט שיעסען, דער פּולווער איז נאס געווארען. מען האט זיך געמוזט שלאגען מיט שווערדען און מיט שטיקעס. דער שנעע שטורעם איז געוועזען אזוי שטארק, אז רוסישע סאלדאטען זיינען פערקראכען אין דער מיט פון דער פראנצויזישער ארמעע און פראנצויזישע — אין דערמיט פון דער רוסישער. מען האט זיך געשלאגען א גאנצען טאג. עס זיינען געפאלען זעהר פיעל טויטע און פערוואונדעטע פון ביידע זייטען. ענדליך איז געווארען נאכט און ביידע ארמעען האבען זיך געמוזט צוריקציהען. יעדער האט געמיינט, אז ער האט געוואונען.

דערפאר אבער האט נאפּאלעאן געוואונען א גרויסע שלאכט געגען שוועדען און דער שוועדישער קעניג גוסטאוו דער פיערטער האט געמוזט שליעסען פריעדען מיט נאפּאָלעאנען. פּרייסען און רוסלאנד האבען זיך נאָך אלץ ניט געוואלט אונטערגעבען. דער קריעג האט געדויערט זעהר לאנג. ערשט דעם 14 יוני 1807 איז עס געקומען צו אן ענטשיידענדער שלאכט צווישען דיא פּרייסישע שטעדט קעניגסבערג און פריעדלאנד. דא האט ענדליך נאפּאלעאן געבראכען דיא מאכט פון דיא רוסען. לעבען פריעדלאנד האבען 60 טויזענד מענשען זיך געשלאגען אויף אזא קליינעם אָרט, אז זיי זיינען געשטאנען געדרענגט שולטער געגען שולטער. דיא רוסען האבען פערלארען 10 טויזענד טויטע און 15 טויזענד פערוואונדעטע. דיא פראנצויזען האבען פערלארען ניט מעהר, וויא 6 טויזענד מאן טויטע און פערוואונדעטע. — דיא רוסען זיינען אנטלאפען קיין טילזיט ביים ניעמען. דיא פראנצויזען האבען זיי נאכגעיאָגט. דער פראנצויזישע פעלדמארשאל ניי האט ארומגערינגעלט אגאנצען קאָרפּוס רוסען און האט זיי געצוואונגען, זיי זאלען זיך אונטערגעבען, ווען עס איז אנגעקומען אן אדיוטאנט פון קייזער אלעקסאנדער און האט געבעטען א וואפען שטילשטאנד, אז ביז מען וועט שליעסען פריעדן, זאלען זיך דיא ארמעען ניט שלאגען.

אין דער זעלבער צייט האט פּרייסען אויך געבעטען, אז מען זאל מיט איהר אויך שליעסען פריעדען. עס איז געבליעבען, אז נאפּאלעאן, קייזער אלעקסאנדער I און פריעדריך ווילהעלם III זאלען אלע דרייא צוזאמען קומען און זאלען אליין איבעררעדען איבער דיא בעדינגונגען פון׳ם פריעדען. יעצט איז געוועזען דיא פראגע, וואו זאל

מען זיך צוזאמען קומען? נאפאלעאן האט געוואלט שליעסען דעם פריעדען מיט רוסלאנד אין רוסלאנד אליין. דאס האט ניט געפאסט דעם קייזער אלעקסאנדער.

עס איז געבליעבען, אז מען זאל זיך צוזאמען קומען אויפ'ן טייך ניעמאן לעבען טילזיט. אין מיט'ן טייך האט מען פעראנקערט א גרויסען פלאט (פלאָס) וועלכען מען האט פערציערט און פערפוצט, וויא עס פאסט פאר א זעלבע גרויסע הערשער.

דעם 25טען יוני 1807 פונקט איינס אוהר איז קייזער אלעקסאנדער ארויסגע־פאהרען פון דער רוסישער זייט און קייזער נאפאלעאן פון דער פרייסישער זייט.ביידע קיסריים זיינען צו גלייכער צייט ארויפגעגאנגען אויפ'ן פלאָט. זיי האבען זיך געגעבען דיא הענד און האבען זיך געקושט פאר א מענגע פון הונדערט טויזענד מענ־שען, וועלכע זיינען געשטאנען פון ביידע זייטען ניעמאן. דאן זיינען ביידע קיסריים אריינגעגאנגען אין געצעלט, וועלכען מען האט אויסגעבוים פאר זיי אויפ'ן פלאָט, און האבען אוועקגערעדט צוויי שטונדען נאך אנאנד.

דעם אנדערן טאג איז מען זיך ווידער צונויפגעקומען אויפ'ן פלאָט. דיעזעס מאל איז שוין דער קעניג פון פרייסען אויך געקומען. מיט איהם אבער האט נאפא־לעאן זעהר ווייניג גערעדט. ער האט איהם בעהאנדעלט, וויא א געוועהנליכען גענעראל. ערשט שפעטער, ווען דיא שעהנע און קלוגע פרייסישע קעניגין איז געקומען, האט נאפאלעאן איהם אנגעהויבען צו בעהאנדלען עפעס העפליכער.

איין מאל ווען אלע זיינען געשטאנען אין צימער און א דינער האט אריינגעב־ראכט א וואזע מיט פרישע ראזען, האט נאפאלעאן אפגעבראכען א ראזע און האט זיא דערלאנגט דיא קעניגין.

— איך נעהם דיא ראזע, אבער נור מיט מאגדעבורג צוזאמען, האט דיא קעניגין געזאגט.

מאגדענבורג איז א פעסטונג אין פרייסען, וועלכע נאפאלעאן האט מיט איינינע וואכען צוריקאפגענומען און האט דארט געהאלטען זיינע ארסענאלען.

— איהר זייט זעהר א שעהנע קעניגין, אבער מאגדעבורג איז נאך א שעהנערע פעסטונג, האט נאפאלעאן געענטפערט.

דיא אונטערהאנדלונגען איבער פריעדען האבען געדויערט איינינע וואכען. ענדליך האט מען געשלאסען דעם פריעדען אויף פאלגענדע הויפטבעדינגונגען:

ווארשוי מיט דיא פראָווינציאן ארום און פאזען זאלען בילדען א בעזונדערעס הערצאגטהום און זאלען געהערען צום קעניג פון זאקסען. דערפאר זאל רוסלאנד קריעגען ביאליסטאָק מיט'ן קרייז ארום, וועלכע האבען געהערט ביז דאמאלס צו פרייסען. (פון דאמאלס אן געהערט ביאליסטאק צו רוסלאנד) נאפאלעאנס ברודער יאזעף ווערט קעניג פון נעאפאל, זיין אנדערער ברודער לודוויג ווערט קעניג פון האָ־לאנד, זיין דריטער ברודער היעראנימוס ווערט קעניג פון איינינע לענדער אין דייטש־לאנד אונטערן נאמען קעניג פון וועסטפאהלען. — רוסלאנד זאל שליעסען פריעדען מיט דער טירקיי און זאל ארויסגעהן פון דער מאלדאוויע אין וואלאכיע.

צווישען נאפאלעאנען און קייזער אלעקסאנדער זיינען נאך געשלאסען געווארען געהיימע בעדינגונגען געגען ענגלאנד און צוואר, אז קוים וועט ענגלאנד ניט שליעסען

קיין פריעדען מיט נאפאלעאנען, זאל מען אין גאנץ אייראפא ניט אריינלאזען קיין ענגלישע שיפען און מען זאל ניט קויפען קיין ענגלישע סחורות.

דער פריעדען פון טילזיט איז געווען דער גרעסטער טריאומף און דער גרעסטער זיעג פאר נאפאלעאנען. גליקליכער פון אלעמען זיינען געווען דיא פאליאקען. זיי האבען געהאט צוריק זייער לאנד. עס האט צוואר געהייסען א הערצאגטהום און האט געהערט צו זאקסען, נאפאלעאן אבער האט געגעבען פאלען אזעלכע געזעצע, אז דיא פאליאקען האבען זיך געמענט שעצען גליקליך. ער האט אפגעשאפט דיא פאנשטשינע (לייבאייגענשאפט) און האט איינגעפיהרט אין פוילען דיא פראנצויזישע געזעצע.

דעם 29טען יולי 1807 איז נאפאלעאן צוריקגעקומען קיין פאריז. ער איז דאַמאלס געווען אויף דער העכסטער שטופע פון זיין גליק. נור איין זאך האט איהם בעטריעבט. ער האט קיין קינדער ניט געהאט. ער האט זעהר געוואלט האבען א קינד, א זוהן, א יורש, וועמען ער זאל איבערלאזען אזא גרויסעס קייזערטהום. ער האט אנגעהויבען צו טראכטען מיטעל, וויא אזוי צושיידען זיך פון זיין פרוי יאזעפינע און צו הייראטהען א פרינצעסין, דיא טאכטער פון א גרויסען קייזער.

ער האט דערצו אויך וועניג צייט געהאט. קוים האט ער זיך אביסעל אפגערוהט פון'ם קריעג מיט פרייסען און מיט רוסלאנד, איז געקומען א דעפוטאציאָן פון איטאליען און האט איהם געבעטען, ער זאל פאהרען קיין איטאליען, זעהן וויא איטאליען האט אויפגעבליהט, זייט ער האט עס בעפרייט און האט עס געגעבען נוטע געזעצע און איינריכטונגען.

ער איז געפאהרען קיין איטאליען. דער גאנצער וועג איז געווען א טריאומף צוג. פון יעדעס דערפעל, פון יעדעס שטעדטעל איז מען איהם ענטגעגען געפאהרען און מען האט איהם בעגריסט אלס רעטער און עָרלייזער. מען דארף קענען דאס איטאליען פון יענער צייט אום צו פערשטעהן, פאר וואס מען האט נאפאלעאנען בעגריסט מיט אזא פרייד.

איטאליען איז אמאל געווען איינגעטהיילט אין קליינע פירסטענהימער און קעניגרייכע. יעדער פירסט איז געווען א דעספאט אין זיין לאנד. דיא איינוואינער זיינען געווען זיינע שקלאפען. עס זיינען געווען פירסטען וועלכע האבען זיך ניט געשעהמט צו הייסען זייערע אונטערטהאנען, אז זיי זאלען ברענגען אין הויף אריין אייער און היהנער. יעדער בויער האט יעדעס יאָהר געמוזט ברענגען דעם הערשער עטליכע צעהנדליג אייער און עטליכע היהנער, געגז און אנדערע לעבעסמיטעל.

וויא גליקליך איז דאהער געווען איטאליען, ווען נאפאלעאן האט פערטריבען אלע דיעזע בלוטזויגער און האט געמאכט פון איטאליען א רעפובליק, וואו אלע מענשען זיינען געווען גלייך.

פון איטאליען איז נאפאלעאן געפאהרען מיט זיין הויף קיין פאריז איבער דייטשלאנד. אין דער שטאדט ערפורט איז איהם געקומען בעגריסען קייזער אלעקסאנדער I, דער קעניג פון זאקסען, דער קעניג פון פרייסען און אלע פירסטען און קעניגע פון דייטשלאנד. עס האבען זיך אנגעהויבען פאראדען מיט פייער טעג, וועלכע

דייטשלאנד האט נאך קיין מאל ניט געזעהן און וועט שוין קיין מאל ניט זעהן.

אזוי וויא איך שרייב נאפאלעאנס געשיכטע פאר אידען, מוז איך ערצעהלען פארוואס דיא אידען האלטען אזוי פון נאפאלעאנען און פון זיין פאמיליע. זיי האבען איהם זעהר פיעל צו פערדאנקען. אין איטאליען איז אין יענער צייט אין יעדער שטאדט געווען א גהעטא, א בעזונדערער גאס, וואו נור אידען האבען געוואינט. דיא גאס האט געהאט אייזערנע טויערן. ביי נאכט פלעגט מען זיי פערשפארען. קיין איד האט ביי נאכט ניט געטארט ארויסגעהן פון דער גהעטא. אין דייטשלאנד איז געווען דיא יודענגאסע אויך מיט אייזערנע טויערן. קוים האט זיך עפעס געמאכט אין שטאדט, איז מען באלד אנגעפאלען אויף דער גהעטא אדער אויף דער יודענגאסע און מען האט גערויבט און געמארדעט דיא אידען. — א איד האט זיך ניט געקענט בעקלאגען פאר א געריכט. ער האט געמוזט האבען קריסטען פאר עדות. אידישע עדות האט מען ניט אנגענומען.

נאפאלעאן האט אלעס פערניכטעט. וואו ער איז געקומען, האט ער אפגעשאפט דיא גהעטא'ס און דיא יודענגאסע. וואו ער האט איינגעריכטעט א רעגיערונג, האט ער ערקלערט, אז אלע מענשען זיינען גלייך, עס איז ניטא קיין אונטערשיעד פון א אידען ביז א קריסט. אלע זיינען גלייך פארן געזעץ.

עס איז דאהער קיין וואונדער, וואס אידען האבען איהם אזוי ליעב געהאט, האבען געבעטען גאט פאר איהם און האבען געמאכט יום טוב, ווען ער פלעגט קומען אין א שטאדט, וואו זיי האבען געוואינט.

אין ערפורט האבען נאפאלעאן און קייזער אלעקסאנדער I ווידערהאלט זייער בונד און האבען געשווארען איינער דעם אנדערן, זיי זאלען לעבען פריעדליך און פריינדליך.

וואס פאר א ווערטה האט אבער א שבועה ביי א קייזער? אין ערפורט האט אלעקסאנדער I געשווארען און פערזיכערט נאפאלעאנען, אז זיין פריינשאפט איז ביי איהם טהייער. אין איינינע יאהר ארום איז אלעקסאנדער געווארען זיין ערגסטער פיינד. דערווייל אבער זיינען ביידע געווען דיא בעסטע פריינד און נאפאלעאן האט גערעדט מיט איהם, אז ער זאל איינפיהרען אין רוסלאנד אנאנדערע ארדנונג און אנדערע געזעצע.

25טעם קאפיטעל.

נאפאלעאן פיהרט וויטער קריעג.

דעם 18טען אקטאבער 1807 איז נאפאלעאן ווידער געווען אין פאריז, ער האט געהאפט זיך יעצט אויסצורוהען און צו זארגען זיך פאר פראנקרייך און דיא לענדער, וועלכע ער האט בעפרייט. ענגלאנד האט עס אבער ניט דערלאזט. ענגלאנד האט ניט גערוהט. עס האט געוואלט פערניכטען דיעזען גרויסען גייסט, דיעזען מיליטערישען געניע. זיא האט געשאטען מיט געלד און האט אינטריגירט אין גאנץ אייראפא. קוים האט זיך נאפאלעאן עפעס אפגערוהט אין דער היים, האבען זיך אנגעהויבען אונרוהען אין שפאניען.

נאפאלעאן האט אהינגעשיקט זיין פעלדמארשאל זשונאָ מיט זיין קאָרפוס און אין א גאנץ קורצע צייט האט ער איינגעפיהרט רוהע אין שפאניען. ער האט אבער ניט געקענט לאזען דעם אלטען שפאנישען קעניג, וועלכער איז געוועזן א שוואכער, אונוויסענדער, ווילדער און שלעכטער מענש. עס האבען זיך אנגעהויבען אונרוהען און רעוואָלוציאָנען. ענגלאנד האט געוואלט צונעהמען שפאניען.

נאפאָלעאן האט אליין געמוזט קומען קיין שפאניען מאכען דארט אן ארדנונג. ער האט בערופען א פאלקס-פערזאמלונג און האט זיי ערקלערט, אז דיא אלטע קעניגליכע פאמיליע פון שפאניען טויג ניט צום רעגיערן. דיא פערזאמלונג האט געוועהלט אלס קעניג נאפאָלעאנס ברודער, יאָזעף, וועלכער איז דאמאלס געוועזן קעניג פון נעאפאל. אויף זיין ארט האט נאפאָלעאן איינגעזעצט אלס קעניג פון נעאפאל זיין שוואגער און פעלדמארשאל מורא.

קוים זיינען דיא גייסטליכע געוואהר געווארען, אז אין שפאניען ווערט קעניג נאפאָלעאנס א ברודער און עס ווערן איינגעפיהרט פרייע געזעצע, האבען זיי אנגעהויבען צו פרעדיגען אין אלע קירכען, אז דער הייליגער גלויבען איז אין געפאהר, אז דיא פראנצויזען זיינען אפיקורסים און אויסגעלאסען; אז זיי ווילען אונגליקליך מאכען שפאניען. זיי האבען עס אזוי וויט געבראכט, אז גאנץ שפאניען איז אויפגעשטאנען, וויא איין מאן.

נאפאָלעאן האט געהאט אין שפאניען נור 70 טויזענד מאן. געגען זיי האט זיך געבילדעט אן ארמעע פון 130 טויזענד מאן. ענגלאנד האט אויך צוגעשיקט קיין שפאניען אן ארמעע פון 20 טויזענד מאן. עס איז געקומען צו א שלאכט און דיא שפאניער האבען געזיעגט. דער בעריהמטער פראנצויזישער פעלדמארשאל זשונאָ האט זיך געמוזט אונטערגעבען. דאס איז געוועזן א נייס. ביז אהער האט זיך נאך ניט איין גענעראל נאפאָלעאָנס אונטערגעגעבען.

נאפאלעאן האט ענדליך אליין געמוזט פאהרען קיין שפאניען פיהרען דעם קריעג, וועלכער האט געדויערט אגאנצען זומער 1808. ערשט אין דעצעמבער האבען זיך אלע שפאנישע גענעראלען אונטערגעגעבען און נאפאלעאן האט ווידער איינגעזעצט זיין ברודער און האט ווידער איינגעפיהרט אן ארדענונג אין שפאניען. ער האט אָפגעשאפט דיא אינקוויזיציאָן, וועלכע האט נאָך ביז דאמאלס עקסיסטירט אין שפאניען. ער האט געהייסען שליסען צוויא דריטעל פון דיא מאָנאסטירען. גאנץ שפאניען איז אמאל געוועזן פול מיט מאָנאסטירען און עס זיינען געוועזן מעהר מענכע, וויא בירגער.

ער האט ווייטער ארויסגעגעבען א געזעץ, אז א יונגער מאן ביז 40 יאהר טאר ניט ווערן קיין מענך (מאָנאך) אהן ערלויבניס פון דער רעגיערונג. ער האט אפגעשאפט דאס געריכט פון גייסטליכע. ביז דאמאלס פלעגען אין שפאניען זיי נור גייסטליכע אלס ריכטער. נאפאלעאָן האט איינגעפיהרט אן ארענטליכעס געריכט מיט געשוואָרענע, מיט א פערטהיידיגער.

ער האט ווייטער געוואלט איינפיהרען אין שפאניען רעליגיאָן׳ס פרייהייט. דאס איז אבער געוועזן אונמעגליך. וויא שפאניען איז געוועזן בעזיעגט, וויא עס איז געלעגען

אונטער זיינע פיס, האט ער דאך געמוזט נאכגעבען, אז דער ערשטער ארטיקעל פון דער שפאנישען קאנסטוטיציאן האט געלויטעט:

„קיין אנדערע רעליגיאן אויסער דיא קאטוילישע האט אין שפאניען קיין רעכט נים אייגגעפיהרט צו ווערן".

דיעזער ארטיקעל איז געבליעבען פעסט ביז אויף היינטיגען טאג. קיין אנדערע רעליגיאן אויסער דיא קאטוילישע טאר אין שפאניען קיין גאטעס הויז נים האבען, זאגאר קאָנסולען און געזאנדטע פון פרעמדע לענדער טארען זיך קיין גאטעס הויז נים בויען. זיי מוזען האלטען זייער גאטעס דיענסט ביי זיך אין שטוב.

קוים איז געווארען אין שפאניען עטוואס רוהיגער, האט זיך פּאָרטוגאל אויפ־געהויבען. דארט איז געשטאנען א גרויסע ענגלישע ארמעע. דיא שפאנישע גייסטליכע און דיא מענכע האבען אנגערעדט פיעלע שפאניער, זיי זאלען אנטלויפען קיין פּאָר־טוגאל און זאלען אריינטרעטען אין דער ענגלישער ארמעע. עס האט זיך געבילדעט א שטארקע ארמעע פון שפאניער, פּארטוגיזען און ענגלענדער. נאפאלעאָן האט יעצט געמוזט פיהרען קריעג מיט דיעזער ארמעע.

דער קריעג איז געווען אשרעקליכער און בלוטיגער. ווען דיא פראנצויזען האבען בעלאגערט דיא פּאָרטוגיעזישע שטאָדט אָפּאָרטאָ, האבען זאָגאר פרויען און מעד־כען זיך בעוואפענט און געשאסען אויף דיא פראנצויזען. איין מעדכען איז זאָגאר בעריהמט געוואָרען, דיא שטאָדט אָפּאָרטאָ האט איהר שפּעטער בעלוינט קעניגליך און האט איהר ביים לעבען אויפגעשטעלט א מאָנומענט אין מיטען שטאדט.

זיא איז געשטאנען מיט איהר געליעבטען ביי א באטערעע. דיא פראנצויזען האבען געשאסען אויף דיעזע באטארעע און האבען גוט געטראָפען. אלע פערטהיי־דינער פון דער באטארעע זיינען געפאלען, נור דאס איינע מעדכען איז געבליעבען. זיא גאנץ אליין האט פערטהיידיגט דיא באטארעע. זיא האט אליין געלאָדען דיא קאנאָנען און אליין זיי אויסגעשאָסען. ווען דיא פראנצויזען האבען שוין איינגענומען אָפּאָרטאָ, איז זיא נאך אלץ געבליעבען אויף איהר פּלאץ. זיא האט זיך נים געוואלט אונטערגעבען. זאגאר דיא ווילדע סאלדאטען האָבען בעקומען רעספּעקט פאר אזא העלדענמוטהע פון א מעדכען. זיי האָבען זיא געלאזט מיט איהר באטארעע, ביז זיא איז אומגעפאלען פאר מיִדיגקייט און הונגער. — זיא האט אויסגעפיהרט. זיא האט איהר באטארעע נים איבערגעגעבען.

נאכ'ן קריעג האָבען דיא איינוואוינער פון אָפּאָרטאָ אויסגעגאָסען איהר בילד פון דיא קאנאָנען, וועלכע זיא האט פערטהיידיגט און האבען עס אויפגעשטעלט אין דער מיט שטאדט א מאנומענט. דיא רעגיערונג האט איהר געגעבען א פּענסיאָן פון פינף טויזענד מילרעאיס א יאָהר און א גרויסע גאלדענע מעדאליע.

דיא טאפּפערקייט פון דיא איינוואוינער פון פּאָרטוגאל האט אבער זייער ווענינ געהאָלפען. נאפּאָלעאָן האט דאך געזיעגט. ער האט געוואָלט איינזעצען אין פּארטו־גאל זיינעם א גענעראל אלס קעניג און מאכען אין פּאָרטוגאל דיעזעלבע ארדנונג, וואס אין שפּאניען, ווען עססטעררייך האט איהם וויעדער ערקלערט קריעג. ער האט

נעמוחט איבערלאָזען זיין ווערק ניט געענדיגט אין פּאָרטוגאל און געהן פיהרען קריעג מיט עסטעררייך.

25טעס קאַפּיטעל.

קריעג מיט עסטעררייך. נאַפּאלעאנס זיעג ביי וואַגראַם.

אין דער צייט, וואס נאפּאלעאן איז געווען אין שפּאַניען, האט ענגלאנד ניט גערוהט. זיא האט געליען מיליאָנען פונט שטערלינג און האט אויפגעשטעלט אן ארמעע פון 100 טויזענד מאן. דאס איז דאך אבער געווען ווענינ. זיא האט געזוכט איינצורעדען עסטעררייך, פּרייסען און רוסלאנד, אז אזוי וויא נאפּאלעאָן איז יעצט בעשעפטיגט אין שפּאַניען און פּאָרטוגאל, איז זעהר לייכט אנצופאלען אויף פראנקרייך.

קייזער אלעקסאנדער האט ניט געקענט פערגעסען, אז מען האט ביי איהם צוגענומען ווארשוי, מיט אלע גובערניעס ארום; פּרייסען האט פערלארען דיא העלפט פון זיין לאַנד. עסטעררייך האט פערלאָרען איטאַליען, בעלגיען און האלב דייטשלאנד. יעדער האט געוואלט אפּנעהמען זיינע לענדער צוריק. ענגלאנד האט געשאטען מיט געלד. עס האבען זיך וויעדער פעראייניגט אלע געגען נאפּאלעאנען.

דאס מאל איז נאפּאלעאן געווארען זעהר אונרוהיג. ער איז שוין געווען מיעד און האט זיך געוואלט אפּרוהען. ער האט געשריעבען אלעמען און געבעטען, אז מען זאל האלטען פריעדען. מען האט איהם אבער ניט געענטפערט. ער האט וויעדער געמוזט פיהרען קריעג. מען האט איהם צוואר אין דער ערשטער צייט אפּגענארט און מען האט איהם ניט געוואלט אויסזאגען, אז אלע פעראייניגען זיך געגען איהם. דער צופאל אבער האט אלעס ענטדעקט.

דעם 17טען מערץ 1809 האט דיא עסטעררייכישע רעגיערונג איבערגענומען א פראנצויזישען קוריער מיט נאפּאלעאנס דעפּעשען צו זיינע גענעראלען, דערפאר האט נאפּאלעאן באלד איבערגענומען צוויא עסטעררייכישע קוריערן מיט דעפּעשען פון עסטעררייך צום רוסישען קייזער און צום פּרייסישען קעניג. יעצט האבען שוין אלע געוואוסט, אז דער קריעג איז אונפערמיידליך.

עסטעררייך האט זעהר גוט געוואוסט, אז מיט נאפּאלעאנען טאר מען ניט שפּאַסען. עס האט דאהער צונויפגעצויגען אלע זיינע קרעפּטע. עס האט ארויסגעשטעלט אן ארמעע פון א האלבען מיליאן סאלדאטען און 800 קאנאָנען. דעם 10טען אפּריל 1809 האט זיך דער קריעג אנגעהויבען. דער עסטעררייכישער אבערקאָמאַנדירענדער גענעראל ערצהערצאג קאַרל איז אנגעפאלען מיט זיין ארמעע אויף דיא פירסטען אין דיישטלאנד, וועלכע האבען געהאלטען מיט נאפּאלעאנען. דאס מאל איז עסטעררייך געווען אזוי זיכער, אז עס וועט זיעגען, אז עס האט זאגאר ניט ערקלערט איהם קיין קריעג, זאנדערן איז גלייך געגאנגען צו דער פראנצויזישען גרענעץ.

נאפּאלעאן האט צוערשט ארויסגעשיקט זיינע פעלדמארשאלען, דאן איז ער אליין געקומען מיט'ן רעסט פון זיין ארמעע. עס זיינען פארגעקומען קליינע שלאכטען, ביי וועלכע דיא פראנצויזען האבען געזיעגט. בעריהמט זיינען נור דיא שלאכטען-ביי

דיא שטעדט עקמיהל אין רעגענסבורג. דארט האט נאפאלעאן געוויעזען, וואס עס הייסט א געניע דער קריעגס קונסט.

לעבען רעגענסבורג איז נאפאלעאן געשטאנען אויף א בערגעל מיט׳ן פעלד־מארשאל דיוראָק און האט בעאבאכטעט, וויא זיין ארמעע פיהרט אוים זיין פלאן. פלוצלונג האט ער געפיהלט, אז עפעס האט אנגעריהרט זיין פוס. ער האט זיך אנגעבויגען און האט דערזעהן, אז א קוגעל האט איהם אפגעריסען דעם אבזאץ מיט א שטיק פלייש פון׳ם פוס.

— זיי שיסען דאך גוט דיא עסטערייכישע דראגונער, האט ער געשפאסט.

מען האט איהם געבעטען, ער זאל אוועקגעהן פון דעם ארט, ווייל עס איז גע־פעהרליך דארט צושטעהן.

— וואס געהט עס מיך אן, וואס עס איז געפעהרליך, האט ער געענטפערט, פון דאנען קען מען אבער בעסער זעהן.

קוים איז מען געוואהר געווארען, אז דער קייזער נאפאלעאן איז פערוואונדעט, זיינען זיך צונויפגעלאפען 15 טויזענד מאן, מייסטענס אפיציערן און האבען געזאגט, אז זיי וועלען איהם דעקען מיט זייערע לייבער. זיי וועלען שטעהן ארום איהם, וויא א מויער און נעהמען אויף זיך דיא פיינדליכע קוגלען. נאפאלעאן איז געוועזען גערירט פון אזא ליעבע און ערגעבענהייט. ער האט זיך פערבונדען דעם פוס מיט אביסעל זאלץ־וואסער, האט זיך אויפגעזעצט אויפ׳ן פערד און איז ארומגעפאהרען זיין ארמעע.

זיין בליק האט בעגייסטערט זיינע סאלדאטען. זיי זיינען געלאפען אין פייער אריין. ווען דיא קאנאָנען האבען אויסגעבראכען אלאָך אין דעם מויער פון דער שטאדט רעגענסבורג, האבען דיא סאלדאטען נאך אלץ ניט געקענט אריינגעהן אין שטאדט, ווייל דיא עסטערייכער האבען געשאסען מיט ביקסען. דער פעלדמארשאל לאַנן האט געחאפט א לייטער פון א וואגען און האט איהם צוגעטראגען צום מויער.

— מיט מיר, מיינע בראווע סאלדאטען! האט ער אויסגערופען און איז דער ערשטער ארויף אויף דעם מויער.

נאפאלעאן האט געוואונען דיא שלאכט. דיא גאנצע עסטערייכישע ארמעע, וועלכע האט זיך געפונען לעבען רעגענסבורג, האט זיך אונטערגעגעבען. ער האט אפ־גענומען 3 טויזענט וועגען מיט באגאזש, 40 פאהנען, 100 קאנאנען און 30 טויזענד געפאנגענע.

דערמיט אבער איז נאך דיא מאכט פון עסטערייך ניט געווען געבראכען. דער ערצהערצאג קארל, דער עסטערייכישער אבערקאמאנדירענדער גענעראל, האט צונויפגעצויגען א גרויסע מאכט אין בעהמען און האט ניט געוויעזען, וואוהין ער וויל יעצט געהן. נאפאלעאן האט אויף איהם ניט געקוקט. ער איז געגאנגען קיין וויען. דיא עסטערייכער האבען זיך צוואר בעמיהט איהם אויפצוהאלטען. זיי האבען צער־שטערט אלע בריקען אויפ׳ן וועג, האבען אויפגעשטעלט פעסטע באטארעען אויף יעדער בארג און אין יעדען וואלד. דאס האט זיי אבער זעהר ווייניג געהאלפען. דעם 12טען מאי איז נאפאלעאן מיט זיין ארמעע אריין אין וויען אלס זיעגער. קייזער פראנץ מיט זיין הויף איז אנטלאפען פון זיין הויפטשטאדט.

דערמיט אבער האט זיך דער קריעג נאך ניט געענדיגט. יעצט האט עסטער־רייך פערזאמעלט אלע זיינע קרעפטע און האט געזוכט צו בעקעמפפען נאפאלעאנען, וואו עס האט נור געקענט. מען האט איהם געלאזט וויען און מען האט געזוכט אנ־דערע לענדער אפצונעהמען. דער ערצהערצאג פערדינאנד איז אנגעפאלען מיט אן ארמעע פון 50 טויזענד מאן אויף ווארשוי, וועלכע איז דאמאלס געווען א בעזונדערעס הערצאָגטהום. אין ווארשוי זיינען דאמאלס געווען נור 12 טויזענד מאן אונטער דעם קאָמאנדע פון פירסט יאָזעף פּאָניאטאָווסקי, וועלכען נאפאלעאָן האט איינגעזעצט אלס גובערנאטאָר פו ווארשוי. — וואס האבען 12 טויזענד מאן געקענט טהאן געגען 50 טויזענד?

עסטעררייך האט נאך דערביי געהאט אנאנדער ציעל. עס האט זיך געוואלט פעראיינינגען מיט דער רוסישער ארמעע. אזוי האט קייזער אלעקסאנדער צוגעזאגט. וואלט נאפאלעאן ניט געווען אין וויען אלס זיעגער, וואלט רוסלאנד געהאלטען וואָרט. אזוי אבער האט רוסלאנר מורא געהאט און האט געזוכט מיטעל, וויא אזוי זיך אויס־צודרעהן. ניט אומזיסט האט מען קיין צוטרויען צו רוסלאנד'ס פּאָליטיק. זיא איז שטענדיג פאלש.

דער פירסט פּאָניאטאָווסקי איז אָבער געווען א מאן, וועלכער האט פערשטאַ־נען די געפאהר, וועלכע דראָהעט איהם און האָט געוואוסט, וויא אזוי זיך צוהעלפען. ער האט אויפגעריהרט גאַנץ פּוילען. ער איז ארויסגעגאנגען פון ווארשוי און איז אָנגעפאלען אויף גאליציען אין עסטעררייך. דיא פּאָליאַקען זיינען געלאָפען פון אלע זייטען און זיינען אריינגעטרעטען אין דער ארמעע פון זייער פירסט. פּאָניאטאָווסקי איז אָנגעפאלען אויפ'ן ערצהערצאג פערדינאנד אין לובלין. עס איז געקומען צו א שלאכט. פּאָניאטאָווסקי האט געזיעגט און האט פערטריעבען דיא עסטעררייכער פון פּוילען.

קייזער אלעקסאנדער האט עס אלעס געזעהן. עס האט איהם זייער געקרענקט צו פערלירען פּוילען, ער האט אבער מורא געהאט צו ערקלערן נאפאלעאנען עפענט־ליך דעם קריעג. — עסטעררייך איז געבליעבען אליין. עס האט זיך אבער ניט אונ־טערגעגעבען, ווייל ענגלאנד און רוסלאנד האבען געשאַטען מיט געלד. אלע בויע׳ן פון עסטעררייך, אלע איינוואוינער, יעדער ווער עס האט נור געקענט טראגען א ביקס אין דער האנד, איז געווארען א סאלדאט. עס האט ווידער צונויפגענומען אן אונגע־הייערע ארמעע. אלע גענעראלען האבען זיך פעראייניגט. ערצהערצאג קאַרל האט גענומען דאס קאָמאנדע איבער דער גאנצער ארמעע און האט זיך פארברייטעט צו אן אלגעמיינער שלאכט. — זיעגען אדער בעזיעגט ווערן! האט ער געזאגט.

דעם 5טען יולי 1809 האט זיך אנגעהויבען דיא גרויסער שלאכט ביי וואגראם, א דארף צווישען וויען און קראקוי. דא האט נאפּאלעאָן ארויסגעוויזען זיין טאלאנט אלס קריעגס העלד. דיא עסטעררייכישע ארמעע איז געוועזן צוייא מאל אזוי גרויס, וויא דיא פראנצויזישע. איהר קאָמאנדיר, דער ערצהערצאג קארל איז געווען א פּאָר־טרעפליכער גענעראל און דאך האט נאפּאלעאן געזיעגט און האט צובראכען דיא עסטעררייכישע ארמעע, וויא מען צוברעכט א לעהמענעם טאָפּ.

צוואר האט איהם דיעזע שלאכט געקאָסט זעהר טהייער. עס איז געפאלען זיין יונענד פריינד לאַנן. אן עסטערדייכישע קאַנאָנען קוגעל האט איהם אפגעהאקטביידע פיס. ווען מען האט איהם געבראכט אויף א טראגבאהרע (נאַסילקע) האלב טויט, האט נאפאלעאן איהם ארומגענומען, האט געוויינט, וויא א קינד און האט געשריען.

— לאַנן! מיין פריינד! לעב פון פראנקרייכ'ס וועגען!

לאַנן האט געעפענט דיא אויגען, האט ארומגענומען נאפאלעאָנען מיט ביידע הענד און האט געזאגט:

— יא, פריינד איך וויל לעבען — איך מיין אבער, אז עס איז אויס מיט מיר — אין א שטונדע ארום וועל איך שוין ניט זיין —

זיין קאָפּ אנגעשפארט אויף נאפאלעאנס האלז איז ער געשטארבען. אויסער דעם איז געפאלען דער געלערנטער גענעראל לאסאל, וועלכער איז אויך געוועזן מיט נאפאלעאנען אומעדום. נאפאלעאנען האט שרעקליך געקרענקט דער טויט פון דיעזע צוויא טיכטיגע און פעהיגע מענער.

יעצט האט שוין עסטערדייך געבעטען דעם פריעדען און האט נאכגעגעבען אלעס, וואס נאפאלעאן האט פערלאנגט. דעם הערצאגטהום וואַרשוי האָט מען צו־געגעבען קראקוי און זאמאָסץ. דערפאר וואס רוסלאנד האט געשוויעגען און האט ניט געשיקט קיין ארמעע געגען נאפאלעאנען, זאל זיא בעקומען א שטיק גאליציען מיט'ן קרייז פון טארנפאל. אלע לענדער, וועלכע נאפאלעאן האט אפגענומען, געהערן צו איהם.

דיא בעדינגונגען זיינען געווים געוועזן זעהר הארט פאר עסטערדייך. וואס האט עס אבער געהאלפען? נאפאלעאן האט געזיעגט און מען האט געמוזט נאכגעבען, וואס ער האט פערלאנגט.

26טעס קאפיטעל.

נאפאלעאן הייראטהעט דיא עסטערדייכישע פרינצעסין מאַריאַ לואיזאַ.

נאפאלעאן איז צוריקגעקומען קיין פאריז דעם 25טען אָקטאבער 1809. ער איז געוועזן זעהר מיעד פון'ם קריעג און איז ביז'ן 4 נאָוועמבער געבליעבען אין זיין פאלאַץ אין פאנטענבלאָ. ער איז געוועזן רוהיג, וויל עס האט אויסגעוויעזען, אז ער וועט שוין האבען פריעדען. ער האט אנגעהויבען צו דענקען, אז ער מוז האבען א קינד, א יורש, וועמען ער זאל איבערלאזען זיין גרויסעס קייזערטהום.

דעם 15טען דעצעמבער האט ער עס געזאגט זיין פרוי יאזעפינע. זי האט אנגע־הויבען צו וויינען און איז געפאלען אין אהנמאכט. מען האט זיא אוועקגעטראגען אין איהר שלאָף־צימער. זיא האט זיך באלד געפאסט און האט ערקלערט, אזוי וויא זיא האט שוין ניט קיין האפנונג צו האבען א קינד און דאס לאנד פאָדערט, אז דער קייזער זאל האבען א יורש, טרעט איך אפּ מיינע רעכטע אלס פרוי און קייזערין.

טרויעריג און הערצרייסענד איז געוועזן דיא סצענע, ווען זיי האבען זיך צושייד־דעט. זיי האבען ביידע געוויינט. נאפאלעאן האט איהר געשענקט א גרויסען פאלאַץ

נים ווייט פוּ פּאריז, האט איהר בעשטימט א גרויסען יעהרליכען געהאלט און פלעגט אפט קומען זיא בעזוכען און זיא טרייסטען. זעלבסטפערשטענדליך, אז ער האט זיא בעהאנדעלט גלייך וויא זיא וואלט נאך געווען קייזערין פון פראנקרייך.

קוים איז מען געוואהר געווארען אין אייראָפּא, אז נאפּאלעאן האט זיך געשיידען פון זיין פרוי, האט מען אנגעהויבען פון אלע זייטען איהם פארצושלאגען פּרינצעסינען. קייזער אלעקסאנדער האט געוואלט, ער זאל הייראטהען זיינע א שוועסטער, דיא גראָספירסטען אננא פּאוולאָוונא. אנדערע קיסריים און קעניגע האבען אנגעבאָטען זייערע טעכטער. נאפּאלעאן האט זיך ענדליך ענטשלאסען צו הייראטהען אן עסטעררייכישע פּרינצעסין.

— אזוי וויא איך הייראטהע יעצט ניט אויס ליעבע, זאנדערן אויס פּאָליטיק, האט ער געזאגט, מוז איך מיך פערבינדען מיט אזא פאמיליע, וועלכע קען ברענגען נוצען פראנקרייך. עסטעררייך איז מיין נאכבאר. מיט עסטעררייך פעראייניגט, איז פראנקרייך דיא גרעסטע מאכט אין דער וועלט.

דעם 15טען פעברואר 1810 איז געשלאסען געווארען דער הייראטה׳ס קאָנטראקט צווישען פּראנקרייך און עסטעררייך, און דעם 28 מערץ איז געווען דיא האָכצייט. דיא ענגלישע אריסטאָקראטען האט עס פערדראסען, וואס אן אלטע קייזערליכע פּאמיליע, וויא דיא עסטעררייכישע, זאל זיך אזוי ערנידעריגען און אוועקגעבען א טאָכטער, א פּרינצעסין, אן ערצהערצאגין צו אזא רויבער, וויא נאפּאלעאן, וועלכער שטאמט ניט פון קיין קייזערליכע פּאמיליע.

— קייזער פראנץ האט דערמיט אנערקענט דיא רעוואלוציאן. האט זיך דער ענגלישער קעניג אויסגעדריקט.

וואס האָט אבער געקימערט נאפּאָלעאָנען, וואס מען האט גערעדט און גע־פּלוידערט אין ענגלאנד און אין פּעטערסבורג? אין א קורצע צייט ארום האט איהם זין יונגע פרוי געמעלדעט, אז זיא פיהלט זיך אלס מוטער. נאפּאָלעאָנס האפנונגען האבען זיך ערפילט. ער וועט האבען א קינד.

דעם 19טען מערץ 1811 איז איהם געבארען געווארען א זוהן. דיא קייזערין איז געגאנגען זעהר שווער צוקינד. דער דאָקטאר איז געקומען צום קייזער און האט איהם געמעלדעט, אז דיא קייזערין איז אין געפאהר און ער וויים ניט וואס צוטהאן.

— שטעלט אייך פאר, אז איהר בעהאנדעלט דיא פרוי פון אן ארימען שוסטער, האט איהם נאפּאָלעאָן געזאָגט. וואלט איהר דאמאלס יא געוואוסט וואס צו טהאן? — איהר זייט א האנדווערקער און מוזט פערשטעהן אייער זאך.

— דיא פראגע איז, וועמען זאל איך רעטען: דיא מוטער אדער דאס קינד? האט דער דאָקטאר געענטפערט.

— רעטען זיא דיא מוטער, האט נאפּאָלעאָן געזאָגט, ווען דיא מוטער איז גערעטעט, וועט זיא האבען אנאנדער קינד.

עס איז געלונגען דעם דאקטאר צו רעטען ביידע, דיא מוטער און דאס קינד.

באלד האבען 101 קאנאָנען שאָס געמעלדעט פּאריז און דיא גאנצע וועלט, אז נאפּאָלעאָן האט א זוהן, א קראָנפּרינץ. דאס פראנצויזישע פאלק, וועלכעס האט מיט

עטליכע יאָהר צוריק ניט געוואָלט וויסען פוּם דעם נאָמען קעניג און פּרינץ, האָט זיך יעצט געפּרעהט און האָט געטאַנצט אין די גאַסען, וואָס עס איז ענדליך געבאָרען געוואָרען א קראָנפּרינץ. נאַפּאָלעאָן האָט עס גוט פערשטאַנען און ער האט געזאָגט:

— דיא דעמאָקראַטיע (דאס פאָלק) קען בעגעהן דיא גרעסטע גרויזאמקייט, עס האָט אבער א גוטעס הערץ; דיא אַריסטאָקראַטיע איז העפליך און קאַלט. זיא פערציייהעט קיין מאל ניט.

דאָס איז אין קורצע ווערטער דיא געשיכטע פון 1789, פון 1811, פון 1815, פון 1830 און פון 1840. מיר וועלען נאָך צוקומען צו דיעזע געשיכטע.

דאָס יאָהר 1811 איז געווען איינס פון דיא גליקליכסטע יאָהרען נאַפּאָלעאָנס. ער איז געווען אין פראַנקרייך און האט קיין קריעג ניט געפיהרט. צוואר איז נאָך אין שפּאַניען און פּאָרטוגאל אלץ געווען אונרוהען. ענגלאַנד האָט ניט געשוויעגען און האָט געשיקט קיין שפּאַניען איין ארמעע נאָך דער אַנדערער. עס האָט איהר אבער וועניג געהאָלפען. צום ענדע פון 1811 איז דאָך גאַנץ שפּאַניען געווען אין דיא הענד פון דיא פראַנצויזען.

עס האָט זיך אויסגעוויעזען, אַז אין איירָאָפּאַ הערשט פריעדען. אַלע קעניגע און פירסטען זיינען געווען אייניג מיט נאַפּאָלעאָן, נור איין ענגלאַנד האָט זיך ניט אונטערגעגעבען; נור איין ענגלאַנד האָט געפיהרט קריעג מיט פראַנקרייך, וואו זיא האָט נור געקענט. זיא האָט זאָגאר געפיהרט קריעג מיט אַמעריקאַ דערפאַר, וואָס אַמעריקאַ האָט געהאַלטען מיט נאַפּאָלעאָנען.

27טעם קאַפּיטעל.

קריעג מיט רוסלאַנד.

קייזער אַלעקסאַנדער I האָט צוואר געשוואָרען, אַז ער וועט מיט נאַפּאָלעאָנען קיין קריעג ניט פיהרען. ער האט אבער קיין מאָל ניט געמיינט, ער זאָל האַלטען זיין וואָרט. ער האָט ניט געקענט צוזעהן גלייכגילטיג, אַז פּוילען ווערט ווידער א קעניג־רייך. יעצט ווען וואַרשוי, קראַקוי און אַלע פּראָווינציען ארום זיינען געווען אבעזונדערעם הערצאָגטהום און דער פירסט פּאָניאַטאָווסקי האָט געוויעזען, אַז ער איז א פעהיגער גענעראל, האָט מען זעהר לייכט פאַראויס געקענט זאָגען, אַז פּוילען וועט באַלד ווערן א קעניגרייך און פּאָניאַטאָווסקי וועט ווערן קעניג. דאָס האָט געקרענקט קייזער אַלעקסאַנדער און האט איהם ניט געלאָזט רוהען.

אין שוועדען איז יעצט אויך פאָרגעקומען אן ענדערונג. דאס פאָלק האט אראָפּגעוואָרפען דעם שוואַכען און אונפעהיגען גוסטאַוו דעם פיערטען פוּם טראָהן און האט געמאַכט פאַר קעניג נאַפּאָלעאָנס א גענעראל בערנאַדאַט אונטערן נאָמען קארל דער פיערצעהנטער. קוים איז בערנאַדאַט געווארען קעניג אין שוועדען, האט ער אָנגעהויבען אונטערהאַנדלען מיט רוסלאַנד, אַז זיי זאָלען זיך פעראייניגען געגען נאַפּאָלעאָנען. אַלס פראַנצויזישער גענעראל איז ער איהם געווען ערגעבען מיט לייב און זעעלע. אלס שוועדישער קעניג האט ער ניט געוואלט טראָגען נאַפּאָלעאָנס יאָך.

קייזער אַלעקסאנדער האט שטילערהייט אנגעהויבען זיך פּאַרצובּרייטען צום קריעג. ער האט געמאכט א שטאַרקען „נאַבּאָר“ (קאנסקריפּציאן), ער האט גענומען 4 מאן פון פינף הונדערט. אזא נאַבּאָר איז נאך אין רוסלאנד ניט געווען. ער האט געלאזט גיעסען קאַנאָנען אין ענגלאנד. אין אלע ארסאַנאַלען אין רוסלאנד האט מען געארבּייט ביי טאָג און ביי נאכט. מען האט געגאסען קוילען און געמאכט פּולווער.

ווען נאַפּאָלעאָנס געזאנדטער האט געפרעגט קייזער אלעקסאנדער, וויא קומט עס, וואס ער פערברייטעט זיך אזוי שטאַרק צום קריעג, ווען עס הערשט פריעדען אין גאנץ אייראָפּאַ? האט זיך קייזער אלעקסאנדער פערשטעלט, אז ער פיהלט זיך גאנץ בעליידיגט, וואס נאַפּאָלעאָן טרויט איהם ניט. נאַפּאָלעאָן האט ניט געהאט וואס צו טרויען און ווע‍מען צו טרויען. ער האט פערשטאַנען, אז רוסלאנד מאכט דיעזע פּאַרבּערייטונגען געגען איהם און האט זיך אויך אנגעהויבען פּארצובּרייטען צום קריעג. ער האט געוואוסט אז רוסלאנד איז א שרעקליכער פיינד, מיט איהם טאָר מען ניט שפּאַסען, און האט דאהער צונויפגעצויגען זיין גאנצע מאכט. ער האט דאַמאַלס געהאט אַן ארמעע פון א קאַרגען האלבּען מיליאָן.

דעם 9טען מאי 1812 איז נאַפּאָלעאָן ארויסגעפאהרען פון פּאַריז מיט דער קייזערין. דעם 16טען איז ער אנגעקומען קיין דרעזדען. דאַרט האבען זיך פערזאמעלט ארום איהם אלע קעניגע און פירסטען פון אייראָפּאַ. דאַרט האט ער צום לעצטען מאל פּראָבּירט אונטערהאנדלען מיט קייזער אלעקסאנדער וועגען פריעדען. קייזער אלעקסאנדער האט נאך אלץ געוואָלט זיך אויסדרעהען. ער האט נאך אלץ געזאָגט אז ער וויל ניט פיהרען קיין קריעג מיט נאַפּאָלעאָנען.

נאַפּאָלעאָן איז געווען צו קלוג אום זיך צו לאזען אזוי לייכט אָפּנאַרען. ער האט פּראָבּירט אנריהרען אנאנדער פּונקט. ער האט געבּעטען דעם קעניג פון זאקסען, צו וועלכען פּוילען האט דאַמאַלס געהערט, ער זאל זיך אָפּזאָגען פון'ם ווארשויער הערצאָגטהום. דער קעניג האט איהם צוליעב געטהאָן. קוים האט ער זיך אָפּגעזאָגט, האט נאַפּאָלעאָן געגעבען אווינק דיא פּאָליאַקען, זיי זאלען בערופען א פאלקס-פער-זאמלונג און זאלען זיך וועהלען א קעניג. באלד איז דער פירסט יאָזעף פּאָניאַטאָווסקי איינשטימיג ערוועהלט געוואָרען צום קעניג פון פּוילען.

דיעזע פּאָליטיק נאַפּאָלעאָנס האט געווירקט. דיא פּאָליאַקען האבען יעצט גע-האט אַן אייגענעם קעניג און האבען פערזאמעלט א גרויסע ארמעע און צוזאמען מיט דיא פראַנצויזען צו בעקעמפּפען זייער אייביגען פיינד, רוסלאנד.

אזוי וויא רוסלאנד האט נאך ניט ערקלערט עפענטליך דעם קריעג, האבען זיי געהאט צייט זיך פּארצובּערייטען און צו בעפעסטיגען אלע פעסטונגען פון פּוילען.

דעם 7טען יוני 1812 איז נאַפּאָלעאָן געקומען קיין דאנציג. קייזער אלעקסאנדער איז דאַמאַלס געווען מיט אלע זיינע גענעראַלען און מיניסטאָרען אין ווילנא. אלס אבּערקאָמאַנדירער פון דער גאַנצער רוסישער ארמעע האט ער ערנאַנט דעם גענע-ראל באַרקלאַי דע טאָללי. נאַפּאָלעאָן האט געוואוסט אלעס, וואס איז פּאָרגעקומען אין רוסישען לאַגער. דיא פּאָליאַקען אין ווילנא האבען איהם זעהר גוט געדינט אלס

שפּיאָנען. ער האט פאָרבירט נאך אמאל רעדען פון פריעדען, קייזער אלעקסאנדער האט ווידער ניט געגעבען קיין בעשטימטע אנטווארט.

דעם 22טען יוני האט זיך נאפּאלעאן געווענדעט צו זיין ארמעע.

— סאלדאטען! האט ער זיי געזאגט, רוסלאנד וויל דעם קריעג. לאמיר איהר געבען דעם קריעג. לאמיר פיהרען דעם קריעג אין רוסלאנד.

דעם דריטען טאג איז נאפּאלעאן מיט זיין ארמעע אריבער דעם ניעמאן. ער האט צושטעלט זיין ארמעע אין אזא ארדענונג, אז דער רוסישער אבערקאָמאנדירענ־דער גענעראל האט ניט געקענט וויסען, וואוהין ער וויל געהן: קיין מאָסקווא, פּעטער־בורג אדער ריגא. זיין לינקער פליגעל אונטער דעם פעלדמארשאל מאקדאָנאל האט זיך גענומען אויפן וועג קיין ריגא. דער רעכטער פליגעל אונטערן גענעראל שוואר־צענבערג האט זיך געצויגען קיין וואליניען. דאס צענטרום, וואו נאפּאלעאן אליין האט קאָמאנדירט, איז געשטאנען אויפן וועג קיין ווילנא, וואו עס איז דאמאלס געשטאנען דיא הויפּט מאכט פון דער רוסישער ארמעע, איהר צענטרום.

דער פּלאן פון׳ם רוסישען גענעראל איז געווען, זיך ניט צושטעלען געגען נא־פּאלעאָנען, אויסווייכען אגרויסע שלאכט, וואו ער וואלט ניט געקענט בעשטעהן געגען דעם גרעסטען קריעגס העלד פון דער וועלט, און פערשלעפּען איהם אין דיא ארימ־סטע און טרויעריגסטע געגענדען פון רוסלאנד. נאפּאלעאן האט קיין מאל ניט מיט־געפיהרט אגרויסען פּאָרראטה פון פּראָוויאנט. וואו ער האט געפיהרט קריעג, דארט האבען איהם דיא איינוואוינער פערזארגט מיט אלעם נעטהיגען. ער האט זיך אין רוסלאנד אויך ניט פאָרברייטעט און פערזארגט מיט פּראָוויאנט.

צוואר האט ער זעהר גוט געוואוסט דעם אונטערשיעד צווישען איטאליען, דייטשלאנד און רוסלאנד. איטאליען איז ארייך לאנד. אין דייטשלאנד האט ער גע־פיהרט קריעג אין דיא בעסטע און רייכסטע פּראָווינציען, וואו ער האט שטענדיג געקענט זעהר לייכט בעקומען אלעס, וואס זיין ארמעע האט געדארפט. רוסלאנד אבער, בעזאנדערס ליטא און סאמאגיטיען (זשאמוד) זיינען זעהר ארימע לענדער, וואו דיא איינוואוינער ליידען זעהר אפט הונגער און נויט. ער האט זיך בעוואָרענט פאר אזא פאל און האט געהייסען אָנגרייטען מאגאזינען מיט פּראָוויאנט אין דייטש־לאנד. ער האט פערגעסען אן דיא שלעכטע וועגען אין רוסלאנד, וואו מען טרעפט זאמד ביז איבער דיא רעדער אדער שרעקליכע זומפּען און בלאָטעס.

פון דאנציג קיין ווילנא האט ער קיין רוסישעס מיליטער ניט געטראָפען. וואו דיא פראנצויזען האבען זיך געוויעזען, זיינען דיא רוסען אנטלאפען. ווען נאפּאלעאן איז אנגעקומען קיין ווילנא, האט ער דארט ניט געטראפען ניט איין רוסישען סאָלדאט. דיא גאנצע רוסישע ארמעע האט זיך צוריקגעצויגען קיין דינאבורג.

נאפּאלעאן האט פערבראכט אין ווילנא גאנצע דרייא וואכען. דאָס איז מען ניט געווען געוואוינט פון נאפּאלעאָנען. ער פלעגט פיינט האבען צו פערברייגגען דיא צייט אומזיסט. ער האט אבער געמוזט בלייבען לענגער אין ווילנא אום דא, אין דער־מיט רוסלאנד פעסטצושטעלען א פּלאן פון׳ם קריעג. ווען ער איז דורכגעגאנגען מיט זיין ארמעע דאס ארימע ליטא, האט ער שוין געוועהן, וואס פאר א לאנד רוסלאנד

איז און וואס ער קען פון אזא לאנד ערוואַרטען. ער האט דאהער געגעבען א בעפעהל זיין קריעגס מיניסטער, ער זאל איהם צושיקען קיין ווילנא אָקסען, מעהל און אלע אנדערע נעטהיגע ארטיקעל.

ווען ער איז געוועזן זיכער, אז זיין קריעגס מיניסטער וועט איהם שוין פערזאָרגען מיטן נעטהיגען פּראָוויאַנט, האט ער ווייטער געהייסען זיין ארמעע מארשירען — גלייך קיין פּעטערבורג.

דיעזע דריי וואכען, וואס ער האט פערבראכט אין ווילנא, האט איהם געקאסט זעהר טהייער. קייזער אלעקסאנדער האט אין דיעזער צייט געשלאסען פריעדען מיט דער טירקיי און האט צוריקגערופען קיין רוסלאנד אן ארמעע פון 50 טויזענד מאַן, וועלכע איז געשטאַנען לעבען דער דאנוי. ענגלאנד האט געשיקט איהרע קריעגס שיפען אין באלטישען מעער און האט זיי אויסגעשטעלט אין דינאבורג, ריגא און קראָנשטאָדט. דיא שוועדישע ארמעע איז אנגעקומען און האט זיך פעראייניגט מיט דער ארמעע פון בארקלאַי דע טאָללי לעבען דינאַבורג.

אויסער דעם האט זיך דער רוסישער קייזערליכער הויף, אלע גענעראַלען און מיניסטאַרען זיך געגעבען דיא גרעסטע מיה אויפצורייצען דאס רוסישע פאלק געגען נאפּאלעאָנען. דיא גראַספירסטין אננא פּאַוולאָוונא, וועלכע נאפּאלעאָן האט ניט געוואלט הייראטהען, האט אויף איהרע אייגענע רעכנונג ארויסגעשטעלט 8 טויזענד מאַן סאָלדאַטען. דיא קופּלייטע פון מאסקווא האט ארויסגעשטעלט אן ארמעע פון 80 טויזענד מאַן.

גענעראל פּלאַטאָוו, א קאָזאקען העטמאַן, האט צוגעזאגט צו געבען זיין טאכטער פאר א ווייב און צוויא הונדערט טויזענד רובעל דעם מענשען, וועלכער וועט טויטען נאפּאָלעאָנען און וועט איהם ברענגען זיין קאָפּ. דיא רוסישע גייסטליכע האבען געפּרעדיגט אין דיא קירכען, אז דיא פראנצויזען ווילען ביי זיי צונעהמען זייער גאָט און איינפיהרען א פראנצויזישען גאָט.

דאס גאנצע לאנד האָט זיך אויפגעהויבען געגען דיא פראנצויזען. דיא בויערן האבען פערברענט זייער אייגענע שפּייכלער מיט תבואה, אום דיא פראנצויזען זאלען ניט האבען וואָס צום עסען.

נאפּאלעאָן האט אנפאנגס געוואלט געהן איבער קורלאנד קיין פּעטערבורג, ווען ער האט אבער דערהערט, אז אין קורלאנד און אין אלע פּארטען פון באלטישען מעער שטעהט א שרעקליכע מאכט פון ענגלענדער און שוועדען, האט ער געענדערט זיין פּלאַן און איז געגאַנגען קיין מאָסקווא. אויף דיעזען וועג האט ער גע־האט אן אנדערן צוועק: ער האט געוואלט אפּשניידען דעם רוסישען רעכטען פליגעל אונטער גענעראל באגראַטהיאָן פון'ם צענטרום אונטער בארקלאַי דע טאַללי, וועלכער איז נאך אלץ געשטאַנען לעבען דינאַבורג.

באַרקלאַי דע טאַללי האט איינגעזעהן דיא געפאהר, איז אוועקגעגאַנגען פון די־נאבורג און איז געגאַנגען קיין וויטעבסק, וואו גענעראל באגראַטהיאָן האט געהאט זיין הויפּטקוואַרטיר. אבער איידער בארקלאַי דע טאַללי איז אנגעקומען קיין וויטעבסק האט זיך באגראַטהיאַן צוריקגעצויגען קיין סמאָלענסק. לעבען וויטעבסק איז עס

געקומען צו א שלאכט. בארקלאי דע טאללי האט אפגעגארט נאפאלעאנען. ער האט אניעדערגעשטעלט אין וויטעבסק צווייא דיוויזיאָנען אונטער גענעראל מילאראדאָוויטש און האט זיי געהייסען ניט ריהרען זיך פון'ם ארט, ביז זיי וועלען ערהאלטען פון איהם א בעפעהל.

נאפאלעאן האט געהייסען אנפאלען אויף דיעזע צווייא דיוויזיאָנען. ער האט געמיינט, אז דאס איז דער צענטרום פון דער רוסישער ארמעע. מילאראדאָוויטש האט זיך פערטהיידיגט, וויא ווייט ער האט געקענט. דיא פראנצויזען האבען געזיעגט און האבען פערניכטעט דיא צווייא דיוויזיאנען. דערוויילע איז בארקלאי דע טאללי מיט זיין הויפט ארמעע אוועק קיין סמאָלענסק און האט זיך פעראייניגט מיט זיין רעכטען פליגעל אונטער באגראטהיאן.

נאפאלעאן האט באלד אייגגעזעהן, אז דער רוסישער אבערקאָמאנדירענדער האט איהם אפגעגארט און איז איהם נאכגעלאפען קיין סמאלענסק. ווען ער איז געקומען קיין סמאלענסק, האט זיך איהם פארגעשטעלט א שרעקליכעס בילד. דיא גאנצע שטאדט איז געווען איין פייער. דיא רוסען האבען אונטער געצונדען סמאלענסק פון אלע זייטען. ניט איין הויז איז ניט איבערגעבליעבען.

— זייט איך פיהר קריעג, האט נאפאלעאן אויסגערופען, האב איך נאך ניט געזעהן, אז מען זאל פיהרען א קריעג אזוי ווילד און אזוי בארבאריש. דיא רוסען פערברענען און פערניכטען זייערע אייגענע שטעדט און זייערע אייגענע הייזער.

ער האט ווייטער נאכגעיאָגט דיא רוסען, אבער וואו ער איז געקומען האט ער געפונען פערברענטע און פערקוילטע שטעדט. דאָראָגאבוז, וויאזמא, קראסנאָיע און פיעלע אנדערע שטעדט זיינען געווען הויפענס אַש.

זאגאר קייזער אלעקסאנדער האט אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז אזא ארט צופיהרען קריעג טויג ניט און פיהרט צו נארנישט. פערברענען זיינע אייגענע שטעדט און פערניכטען זיינע אייגענע מאגאזינען פון פראָוויאנט איז דאך ניט אזא גרויסער אויפטוה. ער האט דאהער אפגערופען דעם גענעראל בארקלאי דע טאללי און האט איבערגעגעבען דאס קאמאנדא איבער דער ארמעע דעם אלטען גענעראל קוטוזאָוו, וועלכער האט זיך שוין אמאל געשלאגען געגען נאפאלעאנען לעבען אויסטערליץ. קוטוזאָוו האט געוואלט ווייזען, אז ער האט קיין מורא ניט צושטעלען זיך געגען נא־פאלעאָנען און האט צונויפגעצויגען זיין גאנצע מאכט צווישען דעם שטעדטעל באָראָ־דינאָ און מאסקווא.

קוטוזאָוו איז געווען פארזיכטיגער פון בארקלאי דע טאללי און ערפאהרענער פון איהם. ער האט אויפגעשטעלט רעדוטען. אנגעווארפען בערגלעך מיט ערד, היג־טער וועלכע דיא סאלדאטען האבען זיך בעהאלטען. אויפן רעדוט, אדער אויף דיעזע בערגלעך האט ער אויפגעשטעלט קאנאנען.

דעם 5טען סעפטעמבער, דעם ערשטען טאג, וואס נאפאלעאנס ארמעע איז געקומען געגען דיא רוסישע, האט מארשאל ניי אפגענומען ביי דיא רוסען א רעדוט. דאס איז געווען דער אנפאנג פון דער בעריהמטער שלאכט ביי באָראָדינאָ.

דעם 6טען סעפטעמבער זיינען ביידע ארמעען געשטאנען איינע געגען דיא

אנדערע און האבען זיך פאָבערייטעט צו דער שלאכט. דעם 7טען אין דער פריה האט נאפאלעאן געהייסען זיין ארמעע אנגרייפען דיא רוסען. דער ערשטער אנגריף איז געווען א שרעקליכער. דיא רוסען זיינען אנטלאפען. קוטוזאוו, באגראטהיאָן און דער מאָסקוער מיטראָפּאָליט זיינען ארומגעלאפען און האבען צוריקגערופען זייערע סאלדאטען. עס האט זיך אנגעהויבען א שרעקליכע שלאכט, אין וועלכער עס זיינען געפאלען 40 טויזענד מענשען, רוסען און פראנצויזען. אין דיעזער שלאכט איז געפאלען דער פעהיגער רוסישער גענעראל, פירסט באגראטהיאן. ער איז געווען א געבאָרענער טשערקעס, וועלכער איז ערצויגען געוואָרען אין פעטערבורג. קייסער אלעקסאנדער האט איהם זעהר ליעב געהאט און האט געוויינט, ווען ער האט דערהערט פון זיין טויט.

דיא פראנצויזען האבען געזיעגט. בעזאנדערס אויסגעצייכענט האט זיך דער פעלדמארשאל ניי. נאפאלעאן האט איהם דערפאר געגעבען דעם טיטול: פירסט פון מאסקווא.

ביי נאכט האבען זיך דיא רוסען צוריקגעצויגען. ווען נאפאלעאן איז אויפגעשטאנען אין דער פריה און האט געוואלט ווייטער אנפאלען אויף דיא רוסען, איז דאס שלאכט=פעלד געווען לעדיג. ער האט פּרובירט נאכיאָגען דיא רוסען, זיי זיינען זיך אבער צוגאנגען אויף פערשיעדענע וועגען און ער האט ניט געקענט ארויסקריעגען, וואוהין קוטוזאָוו איז געגאנגען מיט זיין ארמעע: קיין קאלוגא אדער קיין מאסקווא.

ער האט זיך ענטשלאסען צוגעהן קיין מאסקווא. דעם 12טען סעפּטעמבער איז ער מיט זיין ארמעע אנגעקומען אויף א בערגעל פאר מאסקווא מיט'ן נאמען ספּאסקאיא גאָרא. פון דארט האט מען געקענט זעהן גאנץ מאָסקווא וויא אויף דער האנד מיט איהרע גאסען, איהרע קלויסטערס, איהרע מאָנאסטירען און איהרע פּאלאצען.

— מאָסקווא! מאָסקווא! האבען געשריען דיא פראנצויזען מיט בעוואונדערונג.

אזא שטאדט האבען זיי נאך אין זייער לעבען ניט געזעהן. עס איז זיי פארגעקומען, וויא א שטאדט פון טויזענד און איין נאכט. נאפאלעאן האט ערווארטעט, אז א דעפּוטאציאָן פון בירגער וועט איהם ענטקעגען קומען און וועט איהם ברענגען דיא שליעסעל פון מאָסקווא. אבער קיינער איז ניט געקומען: גראף ראסטאָפּטשין, דער גובערנאטאָר פון מאָסקווא איז שוין מיט א טאג פריהער אנטלאפען פון מאָסקווא. אלע רייכע קויפלייטע זיינען אנטלאפען. אין שטאדט זיינען געבליעבען נור דיא ניעדעריגסטע און דיא ארימסטע מענשען. פארן ארויספאהרען פון דער שטאדט האָט גראף ראסטאָפּטשין געהייסען ארויסלאָזען אלע ארעסטאנטען.

נאפּאָלעאָן איז ענדליך אריינגעגאנגען אין מאָסקווא און איז פערפאהרען אין ראסטאָפּטשינס פּאלאץ. ער האָט זיך געלעגט שלאפען זעהר שפּעט. קוים איז ער אנטשלאָפען געוואָרען, האָט מען איהם אויפגעוועקט מיט א געשריי: — פייער! עס ברענט!

דיא שטאדט האט געברענט פון אלע זייטען. נאפּאָלעאָן האָט געמוזט אנטלויפען ביי נאכט פון זיין קוואַרטיר אין קרעמל, דיא פעסטונג פון מאָסקווא. דער קרעמל איז געווען זיכער, ווייל ער איז אין גאנצען געבויט פון שטיינער. גראף ראס-

טאָפּטשין האָט מיט זיך מיטגענומען דיא פייערלייט פון מאָסקווא. דיא פראַנצויזען האבען פון אנפאַנגס אָנגעהויבען צו לעשען דאָס פייער, באלד אָבער האָבען זיי זיך איבערצייגט, אז מען צינדעט אונטער אומיסטען. קוים האָבען זיי אָפּגעלאָשען אין איין זייט, האָט אָנגעהויבען צוברענגען אין אנאַנדער זייט. זיי האָבען דאהער אנגעהויבען צו רויבען, וואָס זיי האָבען געקענט.

פינף טאָג נאָכאנאַנד האָט מאָסקווא געברענט. דיא גאנצע שטאָדט מיט איהרע מאגאַזינען, איהרע פּאלאצען און איהרע קירכען זיינען אָפּגעברענט געוואָרען. ענדליך איז שוין מעהר ניט געווען וואָס צוברענגען. נאפּאָלעאָן האָט געהייסען אויפשטעלען באראַקען און געצעלטען פון דיא פערקוילטע ברעטער, אום זיינע סאָלדאטען זאָלען האָבען, וואו זיך צושיצען פאר דער קעלט.

צום אונגליק, איז דער ווינטער פון 1812 געווען אַן אונגעוועהנליך קאַלטער. ענדע סעפּטעמבער איז שוין אויסגעפאלען א שנעע און עס האבען זיך אָנגעהויבען פרעסטלעך. נאפּאָלעאָן האָט איינגעזען, אז ער איז דא זעהר מיאוס אריינגעפאלען. קיין רוסישע ארמעע, מיט וועמען זיך צושלאַגען, האט ער ניט געהאט. ער איז יעצט וויט פון פראַנקרייך, אין א ווילד לאַנד אהן וועגען און אהן שטעגען. באלד וועט זיך איהם אויסלאזען פּראָוויאַנט אויך. וואָס וועט ער טהאָן? — ער האט געשיקט א רוסעשין דוואָריאַנין, יאַקאָוולעוו, וועלכען ער האָט געטראָפען אין מאָסקווא, צום קייזער אלעקסאנדער. יאקאָוולעוו איז ניט געקומען צוריק. ער האָט געשריעבען א בריעף צו קייזער אלעקסאַנדער, אז ער וויל זיך מיט איהם זעהן. קייזער אלעקסאנדער האָט ניט געענטפערט.

זיין לאַגע אין מאָסקווא איז געווען זעהר א קריטישע. געהן יעצט קיין פּעטערבורג האָט ער ניט געקענט. דיא קעלט איז געוואָרען פון טאָג צו טאָג שטארקער. אלע טייכען זיינען פערפראָרען געוואָרען און דיא ערד איז געווען בעדעקט מיט א טיעפען שנעע. צום אונגליק, איז ניט אָנגעקומען א טראַנספּאָרט פון פעלצען, וועלכע ער האט געהייסען שיקען פון דייטשלאנד. דיא פערבינדונג צווישען דייטשלאנד און נאפּאלעאנס ארמעע אין רוסלאנד איז אין גאנצען אונטערבראָכען געווארען. דיא קוריערן, וועלכע ער האט געשיקט און וועלכע מען האט צו איהם געשיקט, זיינען ניט אנגעקומען. דיא רוסען פלעגען זיי אויפחאפּען אויפ'ן וועג און פלעגען זיי נעהמען געפאנגען, אדער פלעגען זיי טייטען.

דיא פראַנצייזישע ארמעע איז געווען לייכט נעקליידעט. געהן ווייטער איבער שנעע פעלדער אין אזא שטארקע קעלט, איז געווען אונמעגליך. זיין פעלד מארשאל דיוראק האט איהם געראַטהען, ער זאל בעפעסטיגען מאסקווא און זאל דארט צוברענגען דעם ווינטער מיט זיין ארמעע. מעגליך, אז דאס איז געווען דאס איינציגע מיטעל צו רעטען נאפּאָלעאָנען. ער האט אבער דיעזען גוטען ראטה ניט אנגענומען. ער האט מורא געהאט, אז אין דער צייט, וואס ער וועט זיין איינגעשפּארט אין מאסקווא, וועט זיך אויפהייבען געגען איהם פרייסען און דיא אנדערע לענדער, וועלבע ער האט איינגענומען. מען וועט איהם דאן ארומרינגלען פון אלע זייטען און מען וועט איהם האלטען געפאַנגען, וויא א מויז אין א שטייגעל. ער האט געמוזט געהן

צוריק קיין דייטשלאנד, קיין פראנקרייך און אפּלעגען דעם קריעג אויף זומער.

דעם 12 סעפּטעמבער איז ער געקומען קיין מאסקווא און דעם 19טען אקטאָבער האט ער געגעבען א בעפעהל, אז דיא ארמעע זאל ארויסמארשירען קיין סמאָלענסק, פון דארט קיין פּוילען און צו דער פּרייסישער גרענעץ. אין מאסקווא איז געבליעבען דער גענעראל מאָרטיע אום צו דעקען דעם רוקען פון דער פראַנצייזישער ארמעע. ער האט אונטערגעלעגט א מינע אונטערן קרעמעל און האט דארט אניעדערגעלעגט 180 טויזענד פונט פּולווער. ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון מאסקווא האט ער געהייסען אונטערצינדען דעם פּולווער. דער קרעמעל איז אויפגעשפּרונגען אין דער הויך און איז צושאָסען געווארען אויף שטיקלעך.

דאס איז געווען דיא לעצטע ראכע, וואס נאַפּאָלעאָן האט גענומען פון רוסלאנד. פון איצט אן האט זיך אנגעהויבען נאַפּאָלעאָנס פּאַלען.

אכצעהן טאג האט געדויערט ביי איהם דער וועג פון מאסקווא קיין סמאָלענסק. דיא קעלט איז געווען שרעקליך, דיא פראַנצויזען זיינען געווען לייכט געקליידעט און זיינען געפאלען, וויא דיא פליגען. יעדעס מאל איז אנגעלאפען א רעגימענט קאזאקען, האבען אויסגעשאָסען און זיינען אנטלאפען אויף זייערע לייכטע פערד. דיא קאנאנען זיינען געגאנגען אויף רעדלעך און זיינען יעדעס מאל פערזונקען געווארען אין טיעפען שנעע. דיא פערד זיינען געפאלען פאר הונגער און מיעדינקייט. מען האט זיי געמוזט לאזען ליעגען מיט דיא קאנאנען.

פון אן ארמעע פון 80 טויזענד מאן, מיט וועלכע נאפּאלעאן איז ארויסגעקומען פון מאסקווא, זיינען קוים 45 טויזענד אנגעקומען קיין סמאָלענסק. דער גאנצער וועג איז געווען פערזעעט מיט טויטע מענשען און מיט טויטע פערד.

אין סמאלענסק האט נאַפּאָלעאָן ערהאלטען דיא טרויעריגע נאכריכט, אז זיין רעכטער פליגעל און זיין לינקער פליגעל האבען געהאט שווער צו קעמפּפען מיט דיא רוסישע גענעראלען וויטגענשטיין און טשיטשאגאף.

דעם 14טען נאוועמבער איז נאַפּאָלעאָן ארויסגעפאהרען מיט זיין ארמעע פון סמאלענסק. זייער לאגע איז יעצט געווען א שרעקליכע. עס האט זיך אויסגעלאזען דאס פּראָוויאנט און דיא הונגעריגע סאלדאטען האבען אויפגעגעסען דיא לעצטע פערד פון דער ארטילעריע. דיא קעלט איז געווען שרעקליך. דיא פרעסט האבען גענאקט. דיא לייכט געקליידעטע פראנצויזען האבען זיך אנגעטהאן, אין וואס זיי האבען געקענט. מען האט געקענט זעהן א גענעראל אנגעטהאן אין א קאלדרע, אן אפיציער אנגעטהאן אין א סערמיאגא פון א רוסישען בויער.

איז מען געקומען אין א דארף, האט מען באלד צולעגט פייערן. דיא פערפרארענע סאלדאטען זיינען געקראכען אין פייער זיך אנווארעמען, האבען זיך פערקיהלט און זיינען פערפרארען געווארען נאך אין דערזעלבער נאכט. נאפּאלעאן האט יעצט איינגעזעהן, אז נור א שנעלער מארש קיין פּרייסען קען איהם נאך רעטען. דאס האבען אבער דיא רוסישע גענעראלען ניט דערלאזען. זיי האבען איהם אויפגעהאלטען אויף יעדען שריט, האבען אויסגעמיעדען א הויפּטשלאכט און האבען איהם נור ציפּגעהאלטען.

דאס גרעסטע אונגליק פאר נאפאָלעאנען איז געשעהן לעבען באריסאָוו, ניט ווייט פון מינסק. דער רוסישער גענעראל טשיטשאגאָוו איז געשטאנען מיט זיין ארמעע פון 30 טויזענד מאן אין מינסק. ער האט געהייסען אפרייסען דעם בריק איבער דעם טייך בערעזינא אין באריסאָוו. נאפאלעאן האט ניט געקענט אריבער געהן דיא בערעזינא אין באריסאָוו און אריינפאלען דעם פיינד אין דיא הענד. ער האט איהם געוואלט אָפנארען. איינינע רעגימענטער זיינען געגאנגען לעבען דער בערעזינא ארויף וואסער און אנדערע אראָפּוואסער. דיא רוסען זאלען ניט וויסען, וואוהין אייגענטליך נאפאלעאן וויל געהן.

אין דער נאכט פון׳ם 25 אויפן 26טען נאָוועמבער האט נאפאלעאן געהייסען אויפשלאָגען צוויא הילצערנע בריקען לעבען דעם דאָרף סטודיאנקא. צום אונגליק איז געווארען ווארעמער און מען האט ניט געקענט אריבערגעהן אויפ׳ן אייז. מען האט געמוזט מאכען בריקען. נאפאלעאן האט גערעכענט, אז עס וועט איהם געראטהען אריבערצוגעהן דיא בערעזינא און וועט געהן זיין וועג קיין פרייסען. דיא רוסען אבער האבען איהם גוט בעוואכט. זיי האבען אריבערגעלאזען דיא ערשטע קאָלאָנען. קוים איז דער הויפט ארמעע געקומען אין דערמיט פון דיא בריקען, האבען דיא רוסישע קאנאנען אנגעהויבען צו שיסען פוןביידע זייטען טייך.

אויף ביידע בריקען איז געווארען אשרעקליכעס געדרענגניס. עס האט זיך געבילדעט אשרעקליכער קנויל פון טויזענדער מענשען. דיא בריקען האבען זיך איינגעבראָכען. אלע, וואס זיינען געוועזן אויף דיא בריקען זיינען אריינגעפאלען אין וואסער, טויזענדער אנדערע זיינען אנגעקומען און זיינען נאכגעשפרונגען נאך זיי. דער גאנצער טייך איז פול געוועזן מיט מענשען: טויטע, פערוואונדעטע און שטערבענדע! 36 טויזענד מענשען זיינען דערטרונקען געווארען אין דער בערעזינא.

קיין פעדער איז ניט אימשטאנד צו בעשרייבען דיא שרעקליכע סצענען, וואס זיינען פארגעקומען ביי דער בערעזינא. וואלט עס געוועזן אנאנדער גענעראל, ניט נאפאלעאָן, וואלט פון זיין גאנצער ארמעע ניט איין מאן ניט געבליעבען. נאפאָלעאָן אבער האט זאגאר אין אזא שרעקליכעס אונגליק דעם קאָפּ ניט פערלארען. ער האט אויפגעהאלטען זיינע מיעדע, קראנקע און הונגעריגע סאלדאטען און האט זיך געשטעלט שלאגען מיט דיא רוסען.

פעלדמארשאל ניי, וועלכער איז דער ערשטער אריבערגענאנגען דיא בריקען מיט 9 טויזענד מאן האט געשלאגען און פעריאָגט דעם רוסישען גענעראל טשיטשאגאוו מיט 30 טויזענד מאן. דער פראנצויזישער גענעראל וויקטאָר מיט 6 טויזענד מאן האט צוריקגעשטויסען און פעריאגט דעם רוסישען גענעראל וויטגענשטיין מיט 20 טויזענד מאן.

ווען מען בעדענקט, וויא שוואך, וויא מיער, וויא הונגעריג און וויא קראנק דיא פראנצויזישע סאלדאטען זיינען געוועזן און וויא פריש, געזונד און אפגערוהט דיא רוסישע סאלדאטען זיינען געוועזן, מוז מען בעוואונדערן דעם מוטה און דיא פעהיגקייט פון דיא פראנצויזישע סאלדאטען און זאגען דיא ווערטער פון דעם גרויסען דייטשען דיכטער, היינריך היינע:

„נור גאָט, דער פראָסט און דיא קאָזאקען האבען בעזיעגט נאפּאָלעאָנען אין רוסלאנד".

ערשט דעם 3טען דעצעמבער איז ער ענדליך אנגעקומען קיין ווילנא. דארט האט ער געפונען דעם פראָוויאנט און דיא ווארעמע קליידער, וועלכע זיין קריעגס מיניסטער האט איהם צוגעשיקט פון דייטשלאנד. דער טראנספּאָרט מיט פּראָוויאנט האט ווייטער ניט געקענט געהן. מען האט געמוזט האבען א גאנץ גרויסע ארמעע, מען זאל איהם בעשיצען.

נאפּאלעאן איז אין ווילנא געוואהר געווארען, אז מען איז זעהר אונרוהיג אין אייראפּא און ער איז ניט זיכער אין פראנקרייך. ער האט בעשלאסען צו פאהרען באלד קיין פאריז. ער האט איבערגעלאזען זיין גאנצע ארמעע אונטער דאס קאמאנדא פון זיין שוואָגער מורא, דעם קעניג פון נעאפּאל און ער אליין איז געפאהרען מיט זיין שטאב קיין סמאָרגאָן. דארט האט ער שטילערהייט געדונגען א שליטען מיט אגוטע פּאָר פערד און איז ארויסגעפאהרען מיט זיין גענעראל קאלענקור. זיי זיינען געוועזען אנגעטהאן אין איינפאכע קליידער פון רוסישע קויפּלייטע. זיי האבען מורא געהאט, מען זאל זיי ניט דערקענען אויפ'ן וועג און מען זאל זיי ניט נעהמען געפאנגען.

דעם 5טען דעצעמבער איז ער ארויסגעפאהרען פון סמאָרגאָן און דעם 10טען דעצעמבער ביי נאכט איז ער אנגעקומען קיין ווארשוי. ער האט ניט געוואלט פאר־פאהרען צום קעניג פון פּוילען און איז פארפאהרען אין א האָטעל.

ער איז אין ווארשוי געבליעבען נור איין נאכט און איז געפאהרען ווייטער איבער דאנציג און דרעזדען קיין פאריז. דעם 18טען אקטאָבער איז ער ענדליך געקו־מען אהיים. ער איז אריינגעפאהרען קיין פאריז שטיל, אָהן פאראד און אָהן ליארם און איז גלייך פערפאָהרען אין זיין פּאלאַץ דיא טוילעריעען.

זיין ארמעע איז לאנגזאם איהם נאכגעגאנגען פון ווילנא. אויפ'ן גאנצען וועג האט זיא געהאט צו קעמפּפען מיט דיא רוסען און מיט דער שרעקליכער קעלט. דער ווינטער פון 1812—1813 איז געוועזען איינער פון דיא שרעקליכסטע, וואס דיא וועלט געדענקט. עס זיינען זעהר פיעלע רוסען אויך פערפראָרען געוואָרען. דיא רוסישע גענעראלען: פּלאטאָוו, מילאָראדאָוויטש און וויטגענשטיין האבען ניט געשוינט זייערע סאָלדאטען. זיי פלעגען זיי שטענדיג ארומשיקען נאָכיאָגען דיא פראנצויזען און עס איז זעהר אפט פארגעקומען, אז מען פלעגט ארויסשיקען א באטאליאָן סאָלדאטען ערגעץ אויף א פּאזיציאָן, זיי זאָלען נאָכשפּירען דיא פראנצויזען, — און ניט איינער איז צוריקגעקומען. אין עטליכע טאָג ארום האט מען זיי געפונען אלע פערפראָרען ערגעץ אויף א פעלד אָדער אין א וואלד.

ענדליך, נאָך לאנגע ליידען איז עס געלונגען נאפּאָלעאָנס שוואָגער, דעם קעניג פון נעאפּאָל, צו ברענגען דעם רעסט פון דער גרויסער ארמעע קיין דייטשלאנד. פון 550 טויזענד מאן, מיט וועלכע נאפּאָלעאָן איז אריבערגעגאנגען דעם ניעמאן, זיינען נור 90 טויזענד צוריקגעקומען. איבער 100 טויזענד מאן האָבען דיא רוסען געפאנגען גענומען. 50 טויזענד זיינען געפאלען אין דיא שלאכטען און 300 טויזענד מאן זיינען אומגעקומען פון קעלט, הונגער, נויט און אין דיא וואסערין פון דער בערעזינא.

דיא רוסען זיינען אויך ניט געווען פיעל גליקליכער. זיי האָבען אויך פערלאָרען ביז 400 טויזענד מאַן. זיי זיינען אויך שוין געווען אזוי מיעד און אזוי שוואך, אז זיי האָבען מעהר ניט געקענט נאָכיאָגען נאַפּאָלעאָנס ארמעע.

אזוי האָט זיך געענדיגט נאַפּאָלעאָנס קריעגסצוג קיין רוסלאנד אין 1812. דיא גרעסטע הערשער פון דער וועלט האָבען געקעמפפט איינער געגען דעם אנדערן. דיא קעלט האָט ביידען בעזיעגט. איינער אָבער איז געבליעבען ביי זיך אין דער היים און האָט שטאָלצירט, אז ער האָט געזיעגט. דער אנדערער האָט געמוזט אנטלויפען.

28טעם קאַפּיטעל.

נאַפּאָלעאָנס קריעג אין 1813.

אין דיא שרעקליך קאַלטע מאָנאַטען יאַנואַר, פעברואַר און מערץ 1813 האָט זיך גאַנץ אייראָפּאַ פאַרבערייטעט צו א נייען קריעג. קייזער אַלעקסאַנדער האָט ניט גערוהט. ער האָט אויפגעהעצט פּרייסען, עסטעררייך און אנדערע קעניגע און פירסטען, זיי זאָלען זיך מיט איהם פעראייניגען און בעקעמפפען דעם רויבער און מערדער נאַפּאָלעאָן באָנאַפּארטע.

פּרייסען און עסטעררייך האָבען זיך שטילערהייט אנגעהויבען פּארצובערייטען צום קריעג. ענגלאַנד, דער ערגסטער פיינד נאַפּאָלעאָנס, האָט יעצט געהאַט אן אַרמעע פון 300 טויזענד מאַן, וועלכע זיא האָט צו יעדער צייט געהאַלטען בערייט אַנצופאַלען אויף פראַנקרייך.

נאַפּאָלעאָן האָט עס אלעס געוואוסט. ער האָט אויך ניט געשוויעגען. דעם 10 יאַנואַר האָט ער געפאָדערט פון׳ם סענאַט 300 טויזענד סאָלדאַטען. דער סענאַט האָט איהם בעוויליגט דרייא הונדערט פופציג טויזענד, 50 טויזענד מעהר, וויאפּיעל ער האָט פערלאַנגט.

ענדע מערץ האָט נאַפּאָלעאָן ווידער געהאַט אן אַרמעע פון 800 טויזענד מאַן. אנפאַנגס אפּריל האָבען איהם שוין אלע: רוסלאַנד, עסטעררייך, ענגלאַנד, שוועדען און פּרייסען, ערקלערט דעם קריעג. דיא רוסישע אַרמעע האָט זיך באלד פעראייניגט מיט דער פּרייסישער און איז געגאַנגען צו דער פראַנצויזישער גרענעץ.

דעם גאַנצען מאָנאַט אפּריל זיינען פאָרגעקומען קליינע שלאַכטען, וועלכע האָבען געקאָסט פיעל בלוט און האָבען קיין ווערטה ניט געהאַט. יעדער האָט געמיינט, אז ער האָט געזיעגט, אין דער וואַרהייט אָבער האָט מען זיך נור געשלאָגען.

ווען דער פראַנצויזישער פעלדמאַרשאַל דאַוואָו איז געוואָהר געוואָרען, אז דיא רוסישע און דיא פּרייסישע אַרמעע געהען קיין דרעזדען, וואו ער איז דאַמאָלס געשטאַנען, האָט ער אונטערגעלעגט א מינע אונטער דער גרויסער און שעהנער בריק איבער דער טייך עלבע און האָט צערשטערט דיא בריק, אז דער פיינד זאָל ניט קענען אריבערגעהן.

ערשט דעם 24טען אפּריל איז עס געקומען צו א גרויסער שלאַכט לעבען ליצען, ניט וויט פון לייפּציג. דיא פראַנצויזען האָבען געזיעגט, דער פיינד אָבער, רוסען און פּרייסען, איז רוהיג אוועקגעגאַנגען קיין דרעזדען.

עס איז ווידער פארגעקומען א בעריהמטע שלאכט ביי ליוצען, וואו דיא פראנצויזען האבען ווידער געזיעגט. רוסלאנד, פרייסען און עסטערדייך האבען יעצט בעשלאסען אפצונארען נאפאלעאנען. זיי האבען ערקלערט, אז זיי ווילען אונטערהאנדלען וועגען פריעדען.

מען האט בערופען א קאנגרעס קיין פראג און מען האט אונטערהאנדעלט וועגען פריעדען, דערווייל האט מען שטילערהייט זיך פארבערייטעט צום קריעג. נאפאלעאן האט זיי אנפאנגס געגלויבט. ער האט זעהר געוואלט שליעסען פריעדען און איז געווען בערייט נאכצוגעבען פיעלע זאכען. אבער וואס מעהר ער האט נאכגעגעבען, אלץ מעהר האט מען פון איהם געפארדערט. ענדליך האט נאפאלעאן איינגעזעהן, אז מען נארט איהם נור אפ. ער האט באלד געהייסען זיינע דיפלאמאטען ארויספאהרען פון פראג און דער קריעג האט זיך ווידער אנגעהויבען.

דעם 27טען אוגוסט האט שטאטגעפונען א גרויסע שלאכט לעבען דרעזדען, אין וועלכער עס זיינען געפאלען 6 רוסישע און עסטערייכישע און דרייא פראנצויזישע גענעראלען. צווישען דיא געפאלענע רוסישע גענעראלען איז געווען דער פראנצויז מאָראָ. ער איז שטענדיג געווען נאפאלעאנס פיינד און קוים האט רוסלאנד ערקלערט נאפאלעאנען קריעג, איז ער איינגעטרעטען אין דער רוסישער ארמעע אלס גענעראל. קייזער אלעקסאנדער האט איהם זעהר ליעב געהאט און האט איהם שטענדיג געהאלטען לעבען זיך.

דעם 27טען אוגוסט, ווען נאפאלעאן איז ארומגעפאהרען זיין ארמעע, האט ער דערזעהן פון דערווייטען א גרופע מענשען שטעהן אויף א בערגעל. ער האט צוגערופען אן אפיציער פון א באטארעע און האט איהם געהייסען שיעסען אויף דער גרופע. דארט איז געשטאנען קייזער אלעקסאנדער מיט זיין שטאב. מאָראָ האט איהם ערקלערט וויא צופיהרען דיעזע שלאכט, ווען א קאנאנע קוגעל האט איהם געטראפען און האט איהם אראפגענומעןביידע פיס.

דאס איז געווען נאפאלעאנס לעצטער זיעג. פון נון אן האט ער יעדע שלאכט פערלארען. דאס גליק האט זיך אוועקגעקעהרט פון איהם. אין סעפטעמבער האט זיין פעלדמארשאל פערלארען א גרויסע שלאכט לעבען דעם טייך קאצבאך. דארט האט דער פרייסישער גענעראל בליכער געשלאגען דעם פעלד מארשאל מאקדאנאל און האט זיין גאנצען קארפוס פערניכטעט.

שרעקליכער פון אלעמען איז געווען דיא שלאכט ביי לייפציג דעם 16טען אָקטאָבער 1813. מען רופט דיעזע שלאכט „דיא פעלקערשלאכט“, וויל אין דיעזער שלאכט האבען אנטהייל גענומען זעהר פיעל פעלקער: דייטשען, אונגארען, פוילען, רוסען, באשקירען, קאלמיקען, שוועדען, איטאליענער און פראנצויזען.

דיעזע שלאכט איז געווען אן ענטשיידענע. נאפאלעאן האט עס זעהר גוט געוואוסט און האט אנגעשטרענגט אלע זיינע קרעפטע. יעדעס דארף, יעדען בערגעל האט ער פערטהיידיגט ביז צום לעצטען. עס זיינען געווען בערגלעך, וועלכע דיא רוסען האבען צו פינף מאל אפגענומען און פינף מאל האבען זיי דיא פראנצויזען ווידער פערטריעבען. דאס שטעדטעל לינדענוי לעבען לייפציג איז צעהן מאל אריבערגעגאנגען פון

דיא פראנצויזען צו דיא עסטעררייכער און פון דיא עסטעררייכער צו דיא פראנצויזען. מען האט זיך געשלאגען פאר יעדעס הויז. דיא שלאכט האט געדויערט א גאנצען טאג, פוןביידע זייטען זיינען געפאלען זעהר פיעל טויטע און פערוואונדעטע און נור דיא נאכט האט געמאכט אן ענדע צו דעם שרעקליכען בלוט פערגיעסען.

דעם 17טען אָקטאָבער האבען זיך ביידע ארמעען געמוזט אפּרוהען. ביידע זיינען געוועזען אזוי מיעד און האבען געמוזט בעגראבען זייערע טויטע און צונויפנעהמען זייערע פערוואונדעטע, אז מען האט זיך ניט געשלאגען, גלייך וויא מען וואלט זיך פריהער אפּגערעדט, אז מען זאל זיך אפּרוהען.

דער 18טער אָקטאָבער איז געוועזען דער גרויסער טאג. דיא שלאכט האט זיך אנגעהויבען גאנץ פריה. נאפּאלעאן האט אויסגעשטעלט זיין ארמעע אין א האלב קרייז ארום לייפּציג. ער האט געוואוסט, אז דיא פיינדליכע ארמעע איז פיעל גרעסער — צוויא מאל אזוי גרויס, וויא זיינע, און האט געזוכט זיך צודעקען מיט דער שטאדט לייפּציג און מיט׳ן טייך פלייסע.

אין יענער שלאכט האט זיך אויסגעצייכענט דער נייער פּאלנישער קעניג׳ יאָזעף פּאָניאטאָווסקי. ער האט פערטהיידיגט לייפּציג, וויא ווייט ער האט געקענט. ווען ער האט געזעהן, אז ער קען זיך מעהר ניט האלטען האט ער אונטערגעלעגט א מינע אונטער דער בריק איבער דער פלייסע און האט זיא געהייסען אונטערצינדען, ווען דאס גאנצע פּאלנישע און פראנצויזישע מיליטער וועט זיין פון יענער זייט.

דאס מיליטער האט אנגעהויבען אריבערצוגעהן דיא בריק. פּאָניאטאָווסקי האט געוואלט זיין דער לעצטער. ער איז געפאהרען אויף זיין פערד לעבען גענעראל דעמיסיע. פּלוצלונג האט מען דערהערט א געשריי:

— דיא קאָזאַקען!

דער סאָלדאַט, וועלכער האט געדארפט אונטערצינדען דיא מינע, האט זיך דערשראָקען און האט זיא אונטערגעצונדען פאר דער צייט. עס האט געגעבען א שרעקליכען טראַך, דיא בריק איז אויפגעשפּרונגען אין דער הויך און פּאָניאטאָווסקי, דעמיסיע און טויזענד סאָלדאַטען זיינען אריינגעפאלען אין וואסער.

נאפּאלעאן איז דאמאלס געוועזען אין אנאנדער ארט. ווען ער האט דערהערט דיא טרויעריגע נאַכריכט פון פּאניאַטאָווסקיס טויט, האט ער אנגעהויבען צו וויינען. פּאָניאַטאָווסקי איז געוועזען איינער פון זיינע בעסטע גענעראלען. ניט נור דיא פּאלנישע סאלדאטען, זאגאר דיא דייטשע און דיא פראנצויזישע האבען איהם ליעב געהאט. ער האט קאָמאַנדירט זיין לינקען פליעגעל און האט זיך אויסגעצייכענט אין פיעלע שלאַכטען.

פּאָניאַטאָווסקי׳ס לייכע האט מען געפונען ערשט עטליכע טעג נאך דער שלאכט. דאס געזיכט איז געוועזען אזוי פערענדערט, אז מען האט איהם ניט געקענט דערקענען. מען האט איהם דערקענט נור אן זיינע קליידער און אן א מעדאליע אויף זיין ברוסט. אנפאנגס האט מען איהם בעערדיגט לעבען לייפּציג און מען האט געשטעלט אויף זיין גראָב אן איינפאכען שטיין מיט דער אויפשריפט. „יאָזעף פּאניאַטאָווסקי״. דיא רוסען און דיא פּרייסען האבען איהם ניט געוואלט אנערקענען אלס קעניג

פון פוילען. זיי האבען ביי איהם צוגענומען זאָגאר דעם טיטול גענעראל. ערשט שפּעטער האבען דיא פּאָליאַקען אויסגעגראבען זיינע ביינער און האבען זיי אוועקגעפיהרט קיין פוילען און אויף דעם אָרט, וואו זיין גראב איז געווען, האבען זיי אויפגעשטעלט א מאנומענט פון מאַרמאָר.

טרויעריג, זעהר טרויעריג פאר דיא פראנצויזען האט זיך געענדיגט דיא פעלקער־שלאַכט לעבען לייפּציג. נאפּאלעאָן איז געווען בעזיעגט, מיט איהם איז בעזיעגט געווארען דיא פראנצויזישע רעוואלוציאן און יעדע אידעע פון פרייהייט און גלייכהייט. קוים זיינען דיא רוסען, פּרייסען און עסטעררייכער אריין אין לייפּציג, האט מען באלד אויפגעשטעלט אן אַלטאַר אין דער מיט שטאדט און קייזער אלעקסאנדער, קעניג פריעדריך ווילהעלם III פון פּרייסען און דער קייזער פון עסטערריך האבען אפּגעהאלטען א גאטעס דיענסט. אַלע דרייא זיינען געשטאנען מיט בלויזע קעפּ, האבען געדאנקט גאט פאר זייער זיעג און האָבען געשוואָרען, אז זיי וועלען אונטערדריקען מיט פייער און מיטן שווערד יעדען געדאנקען פון פרייהייט. גאט האט זיי געמאכט פאר הערשער און זיי מוזען הערשען.

דיא דייטשען האבען צוואַר געשריעען: „הורראַה!" „האָך!" פאר דיא הערשער. זיי האבען עס אָבער באלד ביטטער בערייעט. זיי האבען באלד ארויסגעזעהן אז זיי האבען געשריעען הורראה פאר קנעכטשאפט און דעספּאָטיזמוס. שפּעט, זעהר שפּעט האבען זיך דיא פעלקער ארומגעזעהן, אז נאפּאָלעאָן האט דאך ארומגעטראגען אין דער וועלט דיא אידעען פון מענשליכקייט און א גערעכטע־רעגיערונג.

אין דער פעלקער־שלאכט לעבען לייפּציג זיינען אומגעקומען 110 טויזענד מענשען. דיא פראנצויזען האבען פערלארען 60 טויזענד מאן טויטע און פערוואונדעטע. דיא בעסטע פראנצויזישע גענעראלען זיינען געווען פערוואונדעט. דיא רוסען האבען אויך געליטען זעהר שטאַרק. 10 גענעראלען זיינען געפאלען אויפ'ן שלאכט־פעלד און פיעלע זיינען פערוואונדעט געווארען.

יעצט האט נאפּאלעאָן זיך געמוזט צוריקציעהן. זיינע פיינד האבען איהם נאָכגעיאָגט און האָבען איהם געוואָלט אפּשניידען דעם וועג פון פראנקרייך. דעם 31טען אָקטאָבער האט זיך איהם געשטעלט א גרויסע ארמעע אויפ'ן וועג און האט איהם ניט געוואלט אריבערלאזען דעם טייך רהיין. וויא א פערוואונדעטער לייב האט זיך נאפּאלעאן ארויפגעווארפען אויף זיינע פיינד, האט זיי צוטריעבען און איז אריבער דעם רהיין, דיא גרענעץ צווישען פראנקרייך און דייטשלאנד.

נאך דער פעלקער־שלאכט ביי לייפּציג האבען אנגעהויבען אפּצופאלען פון נאפּאלעאנען דיא פעלקער און לענדער, וועלכע ער האט בעזיעגט. אין האָללאַנד האבען דיא יענגלענדער אגיטירט, אז מען זאל פערטרייבען דעם קעניג לודוויג, נאפּאָלעאנס ברודער, און מען זאל צוריק איינזעצען זייער אלטען קעניג פון דער פאַמיליע אָראַניען, פערוואַנדטע פון דער ענגלישער קעניגליכער פאַמיליע. דער אנדערער ברודער נאפּאלעאנס, היעראָנימוס, קעניג פון וועסטפאַלען, האט געמוזט אנטלויפען קיין פּאַריז. דיא רוסען און דיא פּרייסען האבען איהם פערטריעבען.

רוסלאנד האט באלד אפּגענומען פּוילען צוריק און אין ווארשוי האט ווידער

קאָמאנדירט א רוסישער גענעראל. צוואר האט זיך נאך געשטעלט א פּאָלנישער גענעראל האלקע אין זאמאסץ און האט פּראָבירט קעמפּפען געגען דיא רוסען. ער האט זיך אבער ענדליך געמוזט אונטערגעבען. אין דער פּאָלנישער פעסטונג מאָדלין האט נאך געקעמפפט איינינע צייט אנאנדער פּאָליאַק, דענדעלס. ער האט זיך אויך ניט געקענט לאנג האלטען. דיא רוסען האבען איהם געפאנגען גענומען מיט 5 טויזענד מאן. דיא סאָלדאטען האט מען געשיקט אין דער ארמעע. מען האט זיי פערטהיילט אין רעגימענטער. דעם קאָמענדאנט דענדעלס האט מען פערשיקט קיין סיביר.

קוים איז מען געוואהר געווארען אין שפּאניען, אז נאַפּאָלעאָן איז בעזיעגט געווארען ביי לייפּציג, האט זיך ווידער אויפגעהויבען דאס גאנצע פאלק. ענגלאנד האט אהין געשיקט אַן ארמעע אונטער דער קאָמאנדע פון'ם הערצאָג וועלינגטאָן און קעניג יאָזעף, אנאנדער ברודער נאַפּאָלעאָנס, האט געמוזט אנטלויפען פון שפּאניען.

דאס יאָהר 1813 האט זיך געענדיגט פאר נאַפּאָלעאָנען זעהר טרויעריג. ער האט יעצט געבעטען אום פריעדען, מען האט איהם צוגעזאגט, אז מען וועט שליעסען מיט איהם פריעדען, אבער מען האט איהם ווידער אָפּגענארט.

דעם 1טען דעצעמבער האבען דיא פעראייניגטע פירסטען פון אייראָפּא ארויס= געלאזען א מאניפעסט, אז זיי פיהרען קריעג ניט געגען פראנקרייך, זאנדערן געגען נאַפּאָלעאָנען אליין. זיי ווילען, אז פראנקרייך זאל זיין גרויס, שטארק און מעכטיג; זיי קענען אבער ניט צוזעהן גלייכגילטיג, אז אויפ'ן פראנצויזישען טראָהן זאל זיצען א מענש, וועלכער דיינקט נור פון קריעג און שטערט דעם פריעדען פון גאנץ אייראָפּא.

דיזער שלאג האט געטראָפען, וואוהין מען האט געציעלט. דיא פראנצויזען האבען אנגעהויבען צו דענקען, אז נאַפּאָלעאָן איז דיא אורזאכע פון'ם קריעג. ווען ניט נאַפּאָלעאָן, וואלטען זיי געקענט לעבען רוהיג. קורץ, מען האט געוואלט, אז פראנקרייך אליין זאל זיך אויפהויבען געגען נאַפּאָלעאָנען.

נאַפּאָלעאָן האט איינגעזעהן דיא געפאהר. ער פלעגט טעגליך אליין קומען אין סענאט און האלטען רעדען, אין וועלכע ער פלעגט ערקלערן זיינע אידעען און זיינע פּלענער. עס איז שוין אבער געוועזן שפּעט. זיינע אייגענע גוטע פריינד, זיינע מיניס= טארען, פושע און טאַליעראַן, האבען איהם פערראטהען. זיי האבען שטילערהייט גע= שיקט דיפּלאָמאטען צו קייזער אלעקסאנדער און האבען מיט איהם אונטערהאנדעלט וועגען פריעדען, זעלבסטפערשטענדליך, אז מען זאל נאַפּאָלעאָנען אראפּווארפען פון טראָהן.

נאַפּאָלעאָן האט דערפון ניט געוואוסט. ער האט געזעהן, אז זיינע פיינדע ווילען ניט וויסען פון פריעדען מיט איהם און האט זיך ווידער פּאַרברייטעט צום קריעג.

אנפאנגס 1814 זיינען דיא פעראייניגטע הערשער פון אייראָפּא אריבערגע- גאנגען דיא פראנצויזישע גרענעץ און האבען אנגעהויבען דעם קריעג אין פראנקרייך.

דעם 23טען יאנואר האט נאַפּאָלעאָן איבערגעגעבען דיא רעגיערונג דער קיי- זערין מאַריא לואיזא, האט פון איהר און פון זיין זוהן אבשיעד גענומען און איז ארויס=

געפאהרען צו דער ארמעע. דאס איז געווען דאס לעצטע מאל, וואס ער האט געזעהן זיין פרוי מיט זיין קינד.

אין דיעזען לעצטען קריעג האט נאפאלעאן געוויעזען דער וועלט, אז ער איז דאך דער איינציגער קריעגס העלד אין דער וועלט. ער האט געהאט אן ארמעע פון 300 טויזענד מאן און האט זיך פערטהיידיגט געגען אן ארמעע פון א מיליאָן מענשען. מיט אזא קלייגע ארמעע האט ער זיך געקענט נור פערטהיידיגען.— און ער האט זיך פערטהיידיגט, וויא א לייב, וועלכען מען יאָגט פון אלע זייטען. וואוהין ער האט זיך אליין געקעהרט האט ער געזיעגט. ער איז אבער געווען נור איין מענש און דיא פיינד האבען איהם ארומגערינגעלט פון אלע זייטען.

זיינע פיינד האבען אלע מאל בעקומען נייע קרעפטע. פון רוסלאנד, פרייסען, דייטשלאנד און עסטערריך זיינען אלע מאל צוגעקומען פרישע קארפוסען. פראנקרייך אבער איז געווען ערשעפפט. זיא האט שוין מעהר ניט געקענט שיקען קיין ארמעען. דער קריעג קאסט טהייער. אויף דעם ארט פון יעדען סאלדאט, וועלכער פאלט אויפ'ן שלאכט פעלד, מוז מען שטעלען אנאנדערן. נאפאלעאן האט עס יעצט ניט געקענט.

ער האט צוואר געבילדעט מיט זיין ארמעע א קייט ארום פאריז און האט זיא אזוי אויסגעשטעלט, אז וואו עס האט זיך אנגעהויבען א שלאכט, האט ער געקענט צונויפציעהן זיין גאנצע ארמעע. דיעזען קלוגען פלאן האבען זיינע פיינד באלד פערשטאנען און האבען איהם בענוצט איהם צו בעזיעגען. זיי האבען באלד ארויסגעשטעלט איינינע קארפוס אין איין ארט און האבען אנגעהויבען א שלאכט. נאפאלעאן האט אהין צונויפגעצויגען זיין ארמעע. אין דיעזער צייט אבער האבען זיי דורכגעבראכען דיא קייט און האבען איהם ארומגערינגעלט פון אלע זייטען.

צו זיינע פיינד אויפ'ן שלאכט-פעלד האבען זיך יעצט נאך פעראייניגט זיינע פיינד אין לאנד. פיעלע אנהענגער פון קעניג לודוויג דעם זעכצעהנטען האבען אנגעהויבען צו פאדערן אין דערהויך, אז מען זאל צוריקרופען אלס קעניג אין פראנקרייך זיין ברודער, לודוויג דעם אכצעהנטען. נאפאלעאן האט פערזאמעלט זיינע לעצטע קרעפטע, איז אנגעפאלען אויף זיינע פיינד לעבען דער שטאדט בריען און וויעדער ערפאכטען איינעם פון זיינע גלענצענדע זיעגע פון אמאל. זיינע פיינד האבען וויעדער אנגעווענדעט דאס אלטע קונסטשטיק. מען האט וויעדער אנגעהויבען צו רעדען פון פריעדען. מען האט בערופען א קאנגרעס אין דער שטאדט שאלאָן. אין דער צייט, וואס דער קאנגרעס האט אונטערהאנדעלט איבער דיא בעדינגונגען פון פריעדען, האבען רוסלאנד, ענגלאנד, פרייסען, עסטערריך און שוועדען צונויפגעצויגען זייער גאנצע מאכט אין פראנקרייך.

דערמיט זיינען זיי נאך ניט געווען צופריעדען. זיי האבען געזוכט אויפצורייצען דאס פראנצויזישע פאלק. אין דער הויפט קווארטיר פון קייזער אלעקסאנדער האבען זיך געפונען אלע פערוואנדטע פון קעניג לודוויג דעם זעכצעהנטען.

נאפאלעאן איז באלד געוואהר געווארען, וויא ניעדערטרעכטיג מען נארט איהם אָפּ. ער האט באלד צונויפגערופען זיינע גענעראלען און פעלדמארשאלען און

האט זיי ערקלערט, אז זיי מוזען יעצט קעמפפען אויף טויט און לעבען. זיי האבען ווירקליך געקעמפפט, וויא לייבען. זייער העלדענמוטה איז אונבעשרייבליך.

דאס אונגליק אבער האט יעצט פערפאלגט נאפאלעאנען. ענגלאנד האט גע־שאטען מיט געלד און האט צוגעזאגט גאָלדענע בערג יעדען, ווער עס וועט זיך אפזאגען פון נאפאלעאנען.

זיא האט עס געבראכט אזוי וויט, אז זאגאר נאפאלעאנס שוואָגער, מורא, דער קעניג פון נעאפאל, האט געשלאָסען א בונד מיט רוסלאנד און ענגלאנד. מען האט איהם צוגעזאָגט, אז ער וועט בלייבען קעניג אין נעאפאל. זעלבסטפערשטענד־ליך, אז מען האט ניט געדענקט צו האלטען ווארט.

צוזאגען איז זעהר לייכט, נאך לייכטער איז אָפצונארען א געניע, א טאלאנט. עס איז געלונגען אָפצונארען נאפאלעאנען און איהם צו פערזיכערן, אז מען בערופט א קאָנגרעס אום צו שליעסען פריעדען. דערווייל האט מען פערשטערקט דיא ארמעען געגען איהם. עס איז געלונגען אפצונארען דעם העלדענמוטהיגען, טאלאנטפאלען מורא; עס איז געלונגען אפצונאערען פיעלע פון נאפאלעאנס מארשאלען און זיי זאגען, אז מען וויל נור צווינגען נאפאלעאנען, ער זאל שליעסען פריעדען. עס איז זאגאר געלונגען אפצונארען דעם עסטעררייכישען קייזער, וועלכער האט געדארפט האלטען מיט נאפאלעאנען צוליעב זיין טאכטער, דיא קייזערין מאריא לואיזא.

דעם 30טען מערץ 1814 זיינען דיא רוסישע, פּרייסישע, עסטעררייכישע און ענגלישע ארמעען, 200 טויזענד מאן שטארק, געשטאנען לעבען פּאריז. נאפאלעאן איז געשטאנען לעבען דער שטאדט פאנטעבלאָ. ער האט געהאט נור פופציג טוי־זענד מאן.

קייזער אלעקסאנדער האט ארויסגעגעבען א פּראָקלאמאציאָן, אז ער וויל אריינגעהן קיין פּאריז ניט אלס זיעגער, זאנדערן אלס רעטער. ער וויל רעטען פראנק־רייך. ער וויל בעפרייען אייראפּא פון א מענשען, וועלכער וויל אפּנעהמען דיא וועלט. ער וויל צוריק איינפיהרען דיא אלטע ארדענונג און דיא פריהעריגע פראנצויזישע קעניגע.

פּאריז האט געעפענט איהרע טויערן. דיא פיינדליכע ארמעען מיט קייזער אלעקסאנדער I, קעניג פריעדריך ווילהעלם, הערצאג וועלינגטאן פון ענגלאנד און פירסט שווארצענבערג פון עסטעררייך זיינען אריין אין פּאריז.

דיא קייזערין מאריא לואיזא און איהר קינד, דער קעניג פון רוים, האבען געמוזט אנטלויפען. קייזער אלעקסאנדער האט געשיקט זאגען נאפאלעאנען, אז ער זאל זיך אפּזאָגען פון'ם טראהן. נאפאלעאן האט געענטפערט, ער וויל זיך אפזאגען, ווען אויף זיין ארט וועט מען ערנענען אלס קייזער זיין זוהן, דעם קעניג פון רוים, אונטערן נאמען נאפאלעאן דער צווייטער. מען האט עס איהם ניט געוואלט נאכגעבען. מען האט פון איהם געפאדערט, ער זאל זיך אין גאנצען אפּזאָגען פון פראנקרייך.

נאפאלעאן וואלט עס אויף קיין פאל ניט געטהאן, ווען ער זאל ניט געווען פּלוצלונג געוואהר ווערן, אז מארמאָן, זיין פעלדמארשאל, זיין יוגענד פריינד, זיין

טרייער און געשווארענער ברודער, וועלכער פלעגט שלאָפען מיט איהם אין איין געצעלט אין אלע קריעגען, האט איהם פערראטהען און איז איבערגעגאַנגען מיט זיין קאָרפּוס צו זיינע פיינד.

— מען האט מיך ניט בעזיעגט, מען האט מיך פערראטהען! האט נאפּאלעאן אויסגערופען און האט אונטערגעשריעבען דעם דאָקומענט, אז ער ענטזאגט זיך.

דאס איז געווען דעם 14טען אַפּריל 1814. אין דעמזעלבען טאג האט מען ערקלערט אלס קעניג פון פראנקרייך לודוויג דעם זעכצעהנטענס ברודער אונטערן נאמען לודוויג דער אכצעהנטער. מען האט זיך באלד פערזאמעלט אין שלאס טיולעריען און מען האט געשלאסען א טראקטאט מיט פאלגענדע בעדינגונגען.

1) קייזער נאפּאָלעאָן און זיינע קינדער און יורשים ענטזאגען זיך אויף אייביג פון׳ם פראנצויזישען טראהן. 2) איהם און דיא פאמיליע בלייבען דיא טיטול פון קייזער, קייזערין, פּרינצען און פּרינצעסינען. 3) מען גיט איהם דיא אינזעל עלבא אין מיטעללענדישען מעער אלס פירסטענטהום אויף אייביג. פראנקרייך זאל איהם געבען א יעהרליכען געהאלט פון צוויא מיליאָן פראנק. 4) דיא קייזערין, מאריא לואיזא בעקומט דיא פירסטענטהימער פּארמא, פּיאטשענצא און גואסטאלא אויף אייביג. 5) דעם קייזער נאפּאלעאנס מוטער, זיינע ברידער און זיינע שוועסטער האט מען יעדען בעשטימט א געהאלט פון איינינע הונדערט טויזענד פראנקס א יאָהר. זאגאר נאפּאלעאנס ערשטע פרוי, דיא קייזערין יאָזעפינא האט מען בעשטימט א געהאלט פון אמיליאָן א יאהר. 6) ביז צום פראנצויזישען פּאָרט, פון וואנענד ער וועט זיך זעצען אויף איין ענגלישע שיף, זאלען איהם בעגלייטען פופצעהנהונדערט מאָן פון זיינע לייב גווארדיע. 7) דער קייזער מעג זיך מיטנהמען פיער הונדערט סאלדאטען אלס לייב וואך.

דער פערטראַג האָט נאך ענטהאלטען אנדערע פּונקטען, וועלכע מיר געפינען ניט פאר נעטהיג איבערצוגעבען. ער איז געווען אונטערשריעבען פון׳ם סענאט פון פראנקרייך און פון זיינע אייגענע מיניסטארען.

איך קען מיך ניט אונטערנעהמען צו בעשרייבען, וואס נאפּאלעאן האָט געפיהלט, ווען מען האט איהם געוויזען דיעזען פערטראג. מען קען זיך נור פארשטעלען, מען קען עס אבער ניט שילדערן מיט ווערטער.

זיין געשיעדענע פרוי, דיא קייזערין יאָזעפינע, האט עס ניט געקענט איבערטראָגען. זיא איז קראנק געוואָרען און אין עטליכע טעג ארום איז זיא געשטארבען.

ביז צום 20טען אפּריל איז נאפּאָלעאָן געבליעבען אין זיין שלאָס אין פאָנטעבלאָ, וואו עס האבען נאָך קווארטירט זיינע אלטע, געטרייע סאָלדאטען פון דער לייב גווארדיע. דעם 20טען איז אנגעקומען א בעפעהל, ער זאל ארויספאהרען אויף זיין אינזעל, עלבא. ער האט פערזאמעלט זיינע טרייע קריעגער אין הויף פון׳ם שלאָס, האט זיך געשטעלט אויף דיא טרעפּ און האט געזאָגט:

— לעבט וואהל, מיינע טרייע פריינד און קריעגער! צוואַנציג יאָהר נאכאנאנד זיינען מיר געווען צוזאמען. איך האב אייך געפיהרט פון זיעג צו זיעג. יעצט זיינען אלע אויפגעשטאנען נעגען מיר. מיינע טרייעסטע פריינד האבען מיך פערלאזען און פער-

ראטהען. איך וואָלט נאָך געקענט מיט אייך אַליין מיך האַלטען אין פראַנקרייך. איך וואָלט נאָך געקענט ווייזען דער וועלט, אז נאַפּאלעאָנען בעזיעגט מען ניט אזוי גיך. פראַנקרייך אבער וועט ליידען. איך אָפּפער מיך אויף פון פראַנקרייכ'ס וועגען.

איך וואלט אייך ארומגענומען יעדען בעזונדער און וואלט פון אייך אבשיעד גענומען, וויא אלטע טרייע פריינד דאַרפען אָבשיעד נעהמען איינער פון'ם אנדערן, עס איז אבער אונמעגליך. איך קען ניט געבען דיא האנד אכט טויזענד מענשען. איך וועל אבשיעד נעהמען פון אייער גענעראל. — ברענגט מיר מיין אדלער, איך וויל פון איהם אויך אבשיעד נעהמען.

דער גענעראל פון דער גוואַרדיע איז צוגעקומען צו איהם. ער האָט ארומגענומען דעם גענעראל און האט א קוש געטהאָן דעם אָדלער.

-- זייט געזונד, מיינע קינדער! האט ער יעצט געזאגט צו זיינע סאָלדאטען. איך ווינש אייך אַלעס גוטע! געדענקט א מאל אן מיר!

דיא אלטע סאָלדאטען האָבען ארויסגעלאָזען א געוויין, אז עס האט געריסען דאס הערץ. נאַפּאלעאָן אליין האט אויך געוויינט. זאָגאר דער ענגלישער דיפּלאָמאַט, וועלכער האט בייגעוואוינט דיעזע סצענע, האט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האט אנגעהויבען צו וויינען.

נאַפּאלעאָן האט זיך אריינגעזעצט אין זיין קאַרעטע און איז געפאהרען אויף זיין אינזעל. אין וואס פאר א שטאדט ער איז געקומען, זיינען דיא איינוואוינער איהם ענטגעגען געקומען און האבען איהם בעגריסט. דיא ענגלענדער און דיא פּרייסען האבען געמיינט, אז מען וועט בעגעגענען נאַפּאלעאָנען מיט זידלערייען און שימפּערייען, וויא מען האט בעגענט דעם קעניג לודוויג דעם זעכצעהנטען. זיי האבען זיך אבער באלד איבערציינגט, אז קיין קייזער אויף דער וועלט האט דאס פאלק אזוי ניט ליעב געהאט, וויא דעם קייזער נאַפּאלעאָן באָנאַפּארטע.

ווען נאַפּאלעאָן איז געקומען אין דער שטאדט ליאָן. איז צוגעקומען צו זיין קאַרעטע אן אלטע פרוי געקליידעט אין טרויער און האט איהם געזאגט:

— קייזערליכע מאַיעסטעט! אונזערע פיינדע רייסען אייך אוועק פון אונז. גאט וועט אייך ניט פערלאזען. איך ווינש אייך, איהר זאלט גליקליך זיין, אויב עס איז נור מעגליך פאר אזא העלד גליקליך צו זיין ווייט פון זיין פאטערלאנד. וואו אבער איהר וועט זיין, וועלען אונזערע הערצער זיין מיט אייך!

ווען ער איז געקומען קיין פרעזשאו, וואו עס האט אויף איהם געווארט אן ענגלישע שיף, זיא זאל איהם פיהרען קיין עלבא, האט איהם דאס פאלק מיט געוואַלט געוואָלט צוריקהאַלטען. וואס מען זאל זאגען געגען איהם, און וואס מען זאל איהם בעשולדיגען, מען מוז צוגעבען, אז דאס פאלק האט איהם געליעבט. ער איז געווען א פאלקס קייזער.—